STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09541

LIKHT UN SHOTNS

Morris Freed

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה פריד

*

ליכט און שאָטנס

משה פֿריד

ליכט און שאָטנס

דערציילונגען

פאַרלאַג „מאסף ישראל" תל־אביב
1967

LICHT UN SCHUTNS

LIGHT AND SHADOWS

SHORT STORIES

by

MORRIS FREED

Copyright 1967, by
Morris Freed
PATERSON, N. J.
U. S. A.

Published by
Maasef Israel
P.O.Box 824, TEL-AVIV

דפוס „אורלי״, תל־אביב, טל. 32062
Printed in Israel

משה פריץ

מיין ליבער פרוי

מ י נ י

דער מיטשפּאַנערין אין מיין וועג

צו ליטעראַרישע דערגרייכונגען

אינהאַלט

אויף אַמעריקאַנער ערד

זייט

1. אַ יידיש שטעטל אין אַמעריקע 9
2. באַנקראָט 56
3. איבער אַ וואָרט 64
4. ר׳ אַנשל און דזשאָו 115
5. אַ ייד אַ שיכּור 123
6. ווער האָט געוווּנען? 137
7. תּחית המתים 146

אין ראָד פון מזל

8. רחמנות און ליבע 155
9. אַ טאַטע 187
10. ער וויל זיך נישט אונטערגעבן 192
11. צווישן טאַטע־מאַמע 198
12. ער פאַרפאָלגט זי נאָך אַלץ 203
13. ס׳איז קאַלט 208

פון נעגער־לעבן

14. קאָנקורענטן 213
15. גלות־קינדער 242
16. אַ שוואַרצע מאַמע אין אַ נעגערישן געסל . 254

אַ יידיש שטעטל אין אַמעריקע

יאָר 1905

פון פרימאָרגן אָן האָט די זון געגליט מיט אַ ברענענדיקער היץ. ס׳איז געווען אַ חמימה נישט אויסצוהאַלטן. דער הימל אָן אַ וואָלקנדל. אומבאַוועגלעכע זענען די ביימער געשטאַנען אָן אַ ריר פון אַ בלעטל. נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען. די גאַסן זענען געווען כמעט ליידיקע. אויף מעין סטריט, די הויפּט־גאַס איז אָפּגעליידיקט געווען. אויף די ראָג־גאַסן האָבן אַלע ווילע זיך אָפּגעשטעלט טראַמווייען, אַראָפּגעלאָזט און אויפגענומען פּאַסאַזשירן. ס׳האָבן זיך געהערט רייד:

— שוין לאַנג ווי ס׳איז אַזאַ וואַרעמער זומער נישט געווען.

אין די וועבעריי־שעפּער, וואָס אין דעם הינטערשטאָטישן געגנט איז די אַרבעט אָנגעגאַנגען ווי יעדן טאָג. יאָ וואַרעם, אָדער נישט וואַרעם, האָט זיך תמיד דורך די פענצטער געהערט דאָס מאָנאָטאָניקע קלאַפּעריי פון די וועב־מאַשינען און זייער אָפּקלאַנג האָט געברומט אין די ליידיקע געסלעך:

— ה־אָ! ה־אָ! ה־אָ!

דאָ און דאָרט האָט אין אַ פענצטער פון אַ וועבעריי זיך געזען אַ געשטאַלט פון אַ פרויען־אַרבעטערין, ווישנדיק זיך מיט אַ טיכל ס׳פאַרשוויצטע פּנים און אַרויפקוקנדיק צום הימל, ווי בעטנדיק אויף רעגן.

און הויך דאָרטן אויף די הינטערשטאָטישע בערג האָט שוין געשטאַנט מיט נאַכט. דער מערבדיקער האָריזאָנט איז אָבער נאָך געווען העל באַלויכטן מיטן רויטן פלאַם פון דער פאַרגייענדיקער זון. דער בלענדיקער פלאַם האָט געלויכטן אויף די פאַבריק־מויערן, אויף די שויבן־פענצטער, אויף די הויכע שטאָטישע בנינים, אויפן שפּיציקן קופּאָל פון געריכטס־הויז און אויפן גרויסן שטאָטישן זייגער, וואָס האָט ביים רויט־פלאַמיקן אָפּשיין אויפן הימל אויסגעקלינגען די אָוונט־שעה.

— זעקס — האָבן די קלאַנגען זיך צעטראָגן אין דעם אַרום פון די וועבערייען־געסלעך.

און מיטן לעצטן קלאַנג האָט צו דער רגע זיך דערהערט אַ הילכיק פאַבריקן־פייפעריי, באַגלייט מיט וואָלקנס רויך פון די הויכע וועבעריי־קוימענס.

די געסלעך זענען גיך פול געוואָרן מיט אַן אַרבעטס־עולם אויפן וועג אַהיים, נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג.

ס'איז געווען אַן עולם אַרבעטס־מענטשן, יונגערע און עלטערע מענער, יונגע און עלטערע פרויען. יונגע בחורים און מיידלעך פון פאַרשידענע פעלקער און ראַסן. צווישן זיי האָבן זיך געזען מאַסן יידישע פּנימער; אַזעלכע וואָס שוין לאַנג אין לאַנד, און נישט לאַנג געקומענע וועבער בעלי מלאכות פון דער אַלטער היים, וואָס זענען אַוועק פון די היימישע וועב־שטילן און צו וועב־שטילן צוריקגעקומען, נאָר אין אַן אַנדער לאַנד, אין אַ שטעטל אין ניו דזשוירזי, צו וועבן זייד און אָנצוהייבן אַ ניי לעבן. אַהיימיאָגנדיק זיך פון דער אַרבעט האָבן זיי נאָך באַוויזן צו זעען זיך לעשן דעם רויטן פלאַם אויפן הימל. די וועבעריי־געסלעך האָבן גענומען צוריק ליידיק און שטיל ווערן. צום סוף האָבן זיך געזען אַרויסקומען פון אַ וועבע־ריי־מויער נאָך צוויי מענטשן, בעלי בתים פון צוויי קליינע וועבער־שעפּער, וואָס זענען ערשט נישט לאַנג אַריין אין די ביזנעס.

איינער — סאַול הערץ, אַ מיטלוווּקסיקער, דיקלעכער מאַן מיט אַ שוואַרץ וואָנצעלע און געדיכטער טשופּרינע, אין די דרייסיקער יאָרן.

דער צווייטער — הערי סוברין, אַ הויכער, אַ מאָגערער מיט אַ בלייכן מידן אויסזען, קענטיק פון צופיל פּראַצעווען אינעם אייגענעם שאָפּ — איז געווען כמעט אינעם זעלבן עלטער וואָס סאַול הערץ.ביידע זענען געגאַנגען ריידנדיק הויך צווישן זיך.

— די באַנק איז שולדיק — האָט הערץ גערעדט מיט פאַרדראָס. די באַנק האָט געהייסן באַרגן, אָנגענומען דעם וועקסל פון דער פירמע, און איצט — אָנגעזאָגט!

— וויפל אַ שטייגער קומט אייך? — איז סוברין געווען נייגעריק צו וויסן.

— געענוג, מיך צו רואינירן.

— ווער נאָך איז אַריינגעפאַלן ? — האָט סוברין ווידער אַ פרעג געטאָן.

— נאָך אַ סך, און אַלע אַזעלכע קליינע בעלי הבתים ווי מיר.

— ווער זאָל זיך ריכטן אַז אַזאַ ראַיעלע פירמע ווי „אַלטמאַן בראָדערס" וועט אַנזעצן.

ביידע זענען דערווייל אַרויס פונעם וועבעריי־געסל, זיך צעשיידט, געזעגנט :

— גוד ביי, אַ גוטן טאָג !

וואָס אַ מאָל איז געוואָרן טונקעלער. הערץ האָט גענומען שפּאַנען מיט גיכערע טריט. ער האָט געוווסט, אַז אין הויז וואַרט אויף אים זיין פרוי טאָבע אַן אומגעדולדיקע מיטן אָוונטדיקן מאָלצייט. זי האָט קיין מאָל נישט קיין צייט, די פרוי זיינע, און ער ווייסט די סיבה. ס'איז איר קהל'ען זיך אין די אָוונטן מיט די אָרעמע וועבער־אַרבעטער, וואָס נייטיקן זיך תמיד מ'זאָל זיי העלפן. און אַך, ווי דאָס איז אים דערווידער ! ער קאָן אָבער נישט אויספירן זי זאָל דאָס אויפגעבן. ס'איז אים נישט גוט. ער איז אַריינגעפאַלן מיטן שידוך. שוין יאָרן איז אַמעריקע און זי פירט דאָ איר לעבן ווי אין דער אַלטער היים. ווי אַמעריקאַניזירט ער איז, אַזוי „גרין" איז זי געבליבן. ווי זי וואָלט ערשט אַראָפּ פון דער שיף. זי איז אַזאַ פרוי וואָס ס'איז שווער צו ענדערן. ניין, ער האָט נישט, און קיין מאָל נישט געהאַט מזל אין לעבן. אין אַלץ גייט אים קאַפּויער. וואָס נאָר ער אונטערנעמט, לאָזט זיך אויס שלעכט. אַזוי פון קינדהייט אָן. אַזוי די חתונה מיט טאָבען, און אַזוי מיט די ביזנעס. זיך דערשלאָגן צו אַ שטיקל פאַבריקל פון זיידנס, צו אַ ביסל געלט — זעצט מען אים אָן. פּאַרדראָס, ערגערנישן, און טראַכ־טנדיק דערפון איז אים ווידער געקומען אויפן געדאַנק דער נעכטן און דער היינט. זיין גאַנצער לעבנס־וועג ביזן היינטיקן טאָג.

דער נעכטן — די אַלטע היים אין לאָדזש. די אָרעמע עלטערן. דער פאָטער אַ וועבער ; אַ הויכער, אַ מאָגערער מיט פלאַכע באַקן ווי גריבער, איז דעם גאַנצן טאָג געזעסן הינטער אַ וועב־שטול, אַרבעטנדיק מיט די הענט און מיט די פיס ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין. די מאַמע האָט שוין אין די יינגערע יאָרן אויסגעזען ווי אַ זקנה. די קינדער האָט מען אין סאַמע פריסטן עלטער אויסגעלערנט דעם טאַטנס מלאכה. אויך אים, הערצן

האָט מען אַרויסגענומען פון חדר און אַוועקגעזעצט הינטער אַ וועב־שטול. און טראָץ דעם איז אין שטוב תמיד געווען אַ גרויסע נויט.

ווי לאַנג הערץ איז געווען יונג האָט ער זיך נישט געקאָנט העלפן. ער האָט געליטן און געשוויגן, אָבער ווי נאָר ער איז געוואָרן אַ דערוואַקסע־נער בחור, האָט ער פאַרלאָזט די אַלטע היים, טאַטע מאַמע און מיט נאָך אַזעלכע ווי ער גענומען וואַנדערן איבער דער וועלט, פון איין לאַנד אין אַנדערן.

שוין עטלעכע יאָר ווי ער געפינט זיך אינעם נייעם לאַנד — אַמעריקע. ער איז אָנגעקומען מיטן גרויסן אימיגראַציע־שטראָם און זיך באַזעצט אין אַ שטעטל פון וועבעריי־פאַבריקן. אָנשטאָט לאָדזש איז היינט פּעטערסאָן. פון וועב־שטילן אַוועק און צו וועב־שטילן צוריקגעקומען.

די ערשטע יאָרן האָט ער דאָ נאָך אַלץ געלעבט ווי מיטן נעכטן. דאָ ווי דאָרט, די זעלבע אָרעמקייט. דאָ ווי דאָרטן — געהונגערט. דאָ ווי דאָרט — נישט געהאַט אויף דאָס נייטיקסטע. דאָ ווי דאָרט — נישט געהאַט מיט וואָס אַ דאָקטאָר, מיט וואָס דירה־געלט, צו צאָלן. דאָ ווי דאָרט — דאָס זעלבע שווערע לעבן.

און ווי אין דער אַלטער היים האָט ער אויך דאָ שווער געקעמפט פאַר אַ בעסער לעבן פאַרן אַרבעטס־מענטש. באַלד ווי ער איז אַהערגע־קומען האָט ער זיך אין אַ פּרייהייטס־פּאַרטיי אָנגעשלאָסן, אין דער יוניאָן פון וועבער־אַרבעטער. מיט דער צייט אַ יוניאָן־פירער געוואָרן. מיט שטרייקן אָנגעפירט. מער מענטשלעכע באַדינגונגען אין די וועבערייען געפאָדערט.

דאָס לעבן איז אָבער וואָס אַ מאָל שווערער געוואָרן; שטרייקן, קריי־זיסן און חובות איבערן קאָפּ. דאָס אָפטע שלעפּן זיך אין די פּרימאָרגנס איבער די וועבעריי־שעפּער זוכנדיק אַרבעט, האָט אים דענערווירט און פאַרמיאוסט דאָס לעבן. מער ווי אַ פּאָר חדשים האָט ער אויף איין פּלאַץ נישט געאַרבעט. דערנאָך איז ער ווידער איבער די וועבער־שעפּער געלאָפן, אין די טירן געקלאַפּט, געזוכט אַרבעט, און נישט געפינען.

— נישט היינט, נישט היינט! — פלעגט זיין דער ענטפער.

און ווי אַ צולאָג צו די קריזיסן, צו די לאַנגדויערנדיקע סלעק־צייטן, זענען די יידישע בעלי־מלאכות אויך אויסגעשטעלט געווען צו ליידן פון

דעם אַנטיסעמיטישן גיפּט מצד די דייטשע אַרבעטס־געבער, וועלכע זענען געווען די אייגנטימער פון די מייסטע וועבערייען. ביים דערזען דאָס פּנים פון אַ יידישן וועבער האָבן זיי שוין געהאַט גרייט אַ תּירוץ:

— שלים, שלים, שלעכטע צייטן!

אַזוי האָט ער זיך אַרומגעדרייט פּוסט־און־פּאַסט גאַנצע טעג אין די גאַסן. אַזוי ער, און אַזוי אַנדערע. דער דלות איז גרויס. די חובות וואַקסן. מען באָרגט מער נישט. מיט וואָס צו צאָלן דירה־געלט איז נישטאָ. די צו־קונפט — אַ פינצטערע, און לעבן וויל מען.

אין דער שטאָט האָט מען אַלץ אָפטער געהערט נייעסן וועגן איינעם אַ וועבער, וועגן אַ צווייטן און אַ דריטן, וואָס האָבן יעדער מיט אַ ביסל געבאָרגט געלט געקויפט אַ פּאָר וועב־שטילן, פּאַר זיך און פּאַר דער ווייב צו וועבן זייד־געוואַנד. נעכטן האָט דאָס געטאָן דער, מאָרגן אַן אַנדערער, נאָך און נאָך, און צו זיי איז מיט דער צייט אויך צוגעשטאַנען ער, הערץ. ס׳איז געווען דער אָנהייב פון אַ נייער צייט אין זיין לעבן.

און אָט אַזוי גיך, ווי ס׳האָט דער „פּעלץ" אויף אים זיך איבערגע־קערט — פון אַן אַרבעטער אויף אַן אַרבעט־געבער, אַזוי האָט דאָס גאַנצע לעבן זיינס אַ גאַנץ אַנדערע ריכטונג אָנגענומען. איבער נאַכט ווי ער האָט פאַרגעסן אינעם טרויעריקן נעכטן זיינעם. פאַרלאָזט די פּאַרטיי, די יוניאָן. מער זיך נישט געוויזן אינעם אַרבעטער־קלוב. אויסגעמיטן נעכטיקע חברים, הכלל ס׳איז געוואָרן אויס מיט דעם אַלעם, וואָס נעכטן איז עס געווען דער תּוך פון זיין לעבן.

מיט דעם האָט אויך דאָס אויסזען זיינס זיך געביטן. ער איז געוואָרן פולער, האָט צוגענומען וואָג. דער גאַנג שווערער, די בליקן כמורנע, די טשופּרינע איז שוין לייטיש פאַרקעמט געווען. ער איז שווער געוואָרן אויף דער צונג, געקאַרגט אַ וואָרט, און אַז ער רעדט יאָ, פאַרענדיקט ער נישט וואָס ער מיינט צו זאָגן. די סוחרים וואָס האָבן מיט אים עסקים ווייסן נישט ווי זיי האַלטן מיט אים, און פרעגן איבער:

— איז ביי וואָזשע בלייבט עס, מר. הערץ?

ביי דער שוועל פון יאָר 1905 פאַרמאָגט שוין הערץ אַ וועבעריי־פאַב־ריקל, וואָס פאַרגרעסערט זיך מיט יעדן יאָר. דער נאָמען זיינער איז באַ־

קאַנט אין דער ביזנעס־וועלט. אַ בוכפירערין חשבונט אַ גאַנצן טאָג אין די ביכער, און וואָלט עס געגאַנגען ווי עס גייט, וואָלט פון דעם פאַבריקל געוואָרן אַ גרויסע וועבעריי. נו, גייט עס דאָך אָבער נישט ווי מ׳וויל, האָט גראָד אין זיין סאַמע שטייגן אויף דעם לייטער פון דערפאָלג, ווען ער האָט זיך שוין געפילט אַ זיכערער מיטן היינט און מיט אַ ליכטיקן מאָרגן, זיך דערטראָגן די נייעס פון ניו־יאָרק וועגן דער „אַלטמאַן בראָדערס"־זיידן־פירמע, וואָס האָט אָנגעזעצט אַ צענדליק קליינע בעלי־בתים אין פעטער־סאָן, צווישן זיי אויך אים מיט אַ סומע געלט גענוג אויף צו רואינירן אים, און וואָס קאָן אים צוריקברענגען צו דער שטופע, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען די ערשטע יאָרן אין אַמעריקע.

מעין סטריט איז מיט יעדער מינוט געוואָרן פולער מיט מענטשן, אַהיימיאָגנדיק זיך פון וועבעריי־שעפער, פון אָפיסעס, פון קראָמען און געשעפטן. איבערן וועג האָבן כסדר זיך געגליטשט מיט אַ קלינגעריי אין טראַמוויי נאָכן אַנדערן. דער געדראַנג איז געוואָרן גרעסער. אַ מונדירטער פאָליציסט האָט געקערעוועט דעם פאַרקער. ס׳איז געוואָרן טונקעלער. אויף די גאַסן האָבן אויפגעבליצט די נאַכט־לאָמפּן. גרופּקעס מענטשן האָבן געוואַרט ביי די טראַמוויי־אָפּשטעלן. ביי איינעם אַזאַ אָפּשטעל האָט אויך געוואַרט סאָול הערץ.

דער הימל איז פאַרצויגן געוואָרן מיט וואָלקנס. אַ קיל ווינטל האָט געפרישט פון דער מידקייט. אויף די הינטערשטאָטישע בערגיקע געגנטן האָט שוין געפינצטערט מיט נאַכט, מיט שלאָף, וואָס ווייזט זיך פריער ווי אין דער שטאָט. ס׳איז אָנגעפאָרן אַ טראַמוויי. די וואַרטנדיקע מיט הערצן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר און מיט אַ האַלבער שעה שפּע־טער האָט הערץ זיך געפונען אין זיין היים, וווּ ס׳האָט זיך אויף אים קוים דערוואַרט זיין פרוי טאָבע.

טאָבע

דער אָונט־מאָלצייט איז געווען אַ פאַרשטערטער. הערץ האָט מער געריעדט ווי געגעסן. יעדער ביסן איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז.

— זיי האָבן מיך געקוילעט אָן אַ מעסער, די „אַלטמאַן בראָדערס" —

האָט ער מיט אַ ביטערער קול געזאָגט צו דער פרוי. — ווער ווייסט צי כ׳וועל פון זיי עפּעס צוריק אַרויסקריגן? ס׳איז אַן אָפּענער שווינדל. אַ רויבעריי!

ער האָט דער פרוי אויך דערציילט, אַז אַלס רעזולטאַט פון אַנזעצן אים, ברענט איצט די הויט אויף די, צו וועלכע ער קומט געלט. וואָרעם וואָס איינער קאָן טאָן, קאָן אויך אַן אַנדערער באַווייזן. היינט האָט מען דאָס געטאָן צו אים, מאָרגן קאָן ער דאָס טאָן צו אַנדערע. די אַנדערע ווידער צו ווייטערע. איינער שלעפּט מיט דעם אַנדערן. ס׳איז אַ רינג אין אַ קייט.

— איר זענט אַריינגעפאַלן מיט אַ סך געלט, מר. הערץ? און וואָס זענען די אויסזיכטן כאָטש עפּעס צוריקצוקריגן?

— כ׳ווייס נאָך גאָר נישט! — ענטפערט ער זיי — כ׳ווייס נאָר, אַז כ׳בין אַריינגעפאַלן.

אין ערשטן מאָמענט האָט טאָבע שטאַרק מיטגעפילט איר מאַן, דאָך האָט זי זיך שטאַרק צום האַרצן נישט גענומען. זי הערט זיך וועגן דעם געבוג אָן. ס׳איז אַ מעשה בכל יום. דערצו ווייסט זי וועט סאָול מיט זיין געלט נישט דעקן דעם שאָדן, און זי האָט דאָס געזאָגט, טרייסטנדיק אים.

— ערגער זיך נישט, סאָול, אין ביזנעס מאַכט מען געלט. מען פאַר־לירט און מען מאַכט צוריק.

און ווייסנדיק ווי שווער ס׳איז צו באַרואיקן דעם מאַן, מחמת ווי נאָר עפּעס, ווערט ער אויס מענטש. ווי נאָר עפּעס שטעלט זיך אים פאַר די אויגן דער נעכטן, ווען ער איז געווען אַן אָרעמער אַרבעטער, ס׳דערמאָנען זיך אים די ליידנס־צייטן פונעם אַמאָליקן לעבן, מיט די שטרייקן, מיט די שלעכטע צייטן. דאָס קלאַפּן אין די טירן פון די וועבער־שעפּער, זוכנדיק אַרבעט, און באַמערקנדיק ווי דאָס עסן באַקומט אים נישט, ווי ער צווינגט זיך עפּעס מועם צו זיין, האָט זי ווידער צו אים אַ זאָג געטאָן:

— ווי שלעכט ס׳איז אונדז, איז אונדז נאָך אַלץ בעסער ווי אַ סך אַנ־דערע מענטשן.

טאָבע האָט געוווּסט, אַז טרייסטן סאָולן מיט בלויז ווערטער קאָן מען נישט. האָט זי געברענגט פאַר אַ ביישפּיל אַ באַקאַנטן זייערן, אַ לאַנדס־מאַן — בען, מיט וועמען הערץ האָט אין די גרינע יאָרן געפּראַצעוועט אין אַ וועבעריי, און ווער ס׳איז די טעג ערנסט קראַנק געוואָרן אויף די לונגען. ערשט היינט אין דער פרי האָט מען אָנגעקלינגען טאָבען, זי זאָל העלפן

שאַפן פאַר אים אַ ביסל געלט צו קאָנען אים שיקן אין אַן אַנשטאַלט פאַר אַזעלכע קראַנקע. זי האָט צוגעזאָגט צו טאָן, וואָס נאָר זי וועט קאָנען. זי טוט דאָס פאַר יעדן איינעם אין אַ נויט. וועט זי זיך באַמיען אויך אים אַרויסצוהעלפן. אמת, דער קאָפּ איז איר היינט פאַרדרייט מיטן שאָדן וואָס דער מאַן האָט געליטן אין די ביזנעס זיינע. ווי שלעכט דאָס איז, איז זיי אָבער אַלץ בעסער ווי דעם קראַנקן בענען, דעם לאַנדסמאַן זייערן. וואָרעם אים, הערצן, שטייט אָן צו פאַרלירן געלט, אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר, אָבער יענעם — דאָס לעבן.

און אָט גלייך ווי מ'האָט דאָס ביי איר געבעטן, האָט זי עס דער־ציילט דעם מאַן. ס'האָט איר אָנגענומען אַזאַ רחמנות אויף דעם קראַנקן בען, אַז זי האָט אויפן אָרט אַ קלינג געטאָן צו דער פרוי פון ר' ברוכן, דעם שמש פון דעם „אהבת יוסף"־שולעכל, לאהקען, וואָס טויג זיך אויס ביים אַרויסלאָזן זיך איבער באַקאַנטע הייזער נאָך נדבהלעך. זי טויג זיך צו דעם גוט אויס!

— אָבער, טאָבע, — האָט הערץ, וואָס איז קעגן דער פרויס עוסקן זיך מיט דער שמשטע, פאַר וועמען דאָס זאָל נישט זיין, אויסגערעדט דער פרוי — טאָבע, פאַר וואָס מוזסטו שטענדיק זיין די, דאָס צו טאָן? ווייניק האָבן מיר אונדזערע אייגענע דאגות?

— ס'איז אַ מוז־זאַך, ס'איז אַ מצווה! וואָרעם אויב מען וועט אים נישט העלפן, איז ער אַ פאַרלוירענער!

— מיט אַלץ קומט מען צו דיר — האָט הערץ, וואָס וויל, אַז זי זאָל דאָס אויפגעבן, און וואָס וואָלט וועלן מיט איר בעסער זיך אויספּיינען אין דער געזעלשאַפט פון די רייכע ביזנעס־לייט זיינע, ווייטער זיך געהאַלטן ביי זיינס. — יאָ, מיט אַלץ קומט מען צו דיר. היינט טוסטו דאָס פאַר בענען, מאָרגן פאַר גדליהן. טאָבע, ס'פּאַסט נישט פאַר דיר!

— אָבער הערץ — וואָס פאַר אַ זינד באַגיי איך מיט אַרויסהעלפן עמעצן אין אַ נויט?

— פאַראַן אַ שטאָט מיט מענטשן. פאַראַן אַזוי פיל סאָסייעטיס, לאָדזשן, לאַנדסמאַנשאַפטן, און מיט אַלץ קומט מען נאָר צו דיר!

— ווייל מ'ווייסט, אַז איך קאָן העלפן, און כ'העלף. כ'האָב אַ האַרץ!

— פאַר וואָס ווילסטו נישט פאַרשטיין, — האָט הערץ אַ געערגערטער,

אַלץ מער מיט דער פרוי געטענהט — אַז אין אַמעריקע באַדאַרף מען נישט האָבן קיין גבאיטעס. ביסט שוין אַזוי לאַנג אין לאַנד, און ס׳איז פונקט ווי דו וואָלסט ערשט נעכטן פון דער שיף אַראָפּ. איך, אַ ביזנעסמאַן מיט אַ נאָמען, און דו פירסט זיך נאָך אַלץ ווי אַ היימישע יידענע. גיב עס אויף, טאָבע! לאָז אָפּ די שמשטע דיינע און...

צוערשט האָט טאָבע רואיק און געדולדיק אויסגעהערט דעם מאַן, נישט נעמענדיק זיך צו שטאַרק צום האַרצן זיינע שאַרף־שטעכיקע ריידעלעך. זי וואָלט אים אַזוי געלאָזט ריידן און ריידן ביז צום מיד ווערן. ס׳איז אָבער געווען איין וואָרט מיט וועלכן ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס — „גבאיטע״! און נאָך דערצו אַרויסגערעדט מיט אַ מין אָפּלאַכעריש שמייכעלע אויפן פנים. דאָס איז געווען מער ווי זי האָט געקענט פאַרנעמען. ס׳האָט איר געטראָפן אין סאַמע האַרצן און ביים דערהערן עס, איז זי אויפגעשפרונגען ווי אַן אָפּגעבריטע, און מיט אַ טראַציק קול צו אים אַ זאָג געטאָן:

— און אַז אַ גבאיטע, איז וואָס? דו שעמסט זיך דערמיט? שעם זיך! איך נישט.

אייגנטלעך האָט טאָבע דאָס נישט באַדאַרפט זאָגן דעם מאַן. ער האָט גוט געקענט אירע עלטערן, פון דעם שטעטל פינטשעוו, אין דער אַלטער היים, פון וואַנען ביידע, ער און טאָבע, שטאַמען אָפּ, און וואָס ס׳איז אויך געווען זייער חתונה־שטעטל. שוין דעמאָלט איז גרינג געווען צו דערקענען אויף טאָבען אַז זי איז געראָטן אין ביידע פון די עלטערן. מיט איר דינעם וווקס און תמיד שמייכלענדיקן אויגן — אין דעם פאָטער, דעם מלמד צו וועמען מען פלעגט ברענגען לערנען ווי נאָר אַ קינד מיט אַ שלעכט קעפּל. און אין דער מוטער, די קליינטשיקע חנהקע, וואָס איז מיטן דינעם קעפּל און מיט דער נישט דערוואַקסנקייט געווען ווי אַ פּיצעלע פון אַ פרוי, אָבער מיט אַן איידעלע נאַטור פון אָפּגעבן זיך מיט אַרויסהעלפן שטעטלדיקע אביונים. מיט שאַפן געלט פאַר קראַנקע, פאַר אָרעמע כלה־מיידלעך. פאַר וועמען ס׳האָט געפעלט אויף שבת. פאַר דעם בית־הכנסת, פאַר דער מקוה, דאגהדיק תמיד מער פאַר אַנדערע ווי פאַר זיך. אין די גרעסטע ווינטער־דיקע קעלטן, אין שנייען און זאַווערוכעס, און אין די חמימהדיקסטע טעג, ווען ס׳איז נישט געווען אויסצוהאַלטן פון דער היץ, פלעגט מען זי זען זיך שלעפן איבער די הייזער. און אַזוי ביז די סאַמע לעצטע טעג פון איר לעבן.

און דאָס וואָס טאָבעס מוטער איז געווען אין דעם שטעטל פינטשעוו, אין דער אַלטער היים, דאָס איז אויך טאָבע געווען אינעם נייעם לאַנד, אין דעם שטעטל פעטערסאָן. פונקט ווי די מוטער, אַזוי האָט אויך טאָבע מער געדאגהט פאַר אַנדערע, ווי פאַר זיך. נישט נאָר היינט, נאָר אויך דעמאָלט ווען ס'האָט איר אַליין אויסגעפעלט דער דאָלאַר פאַר אירע אויסקומענישן. היינט איז זי דערין נאָך מער אַריינגעטאָן ווי דעמאָלט. וואָרעם היינט גייט גאָט צו דאַנקן נישט שלעכט. צי די ביזנעס זענען גוט, אָדער שלעכט, דער דאָלאַר פעלט נישט אויס. ס'איז דעריבער גענוג זי זאָל זיך דערוויסן וועגן עמעצן אַז ער איז אין אַ נויט, און זי איז שוין ביי יענעם אין הויז, און צו מאָרגנס זעט מען זי שוין מיט דער שמשטע לאהקען זיך שלעפן איבער די הייזער נאָך נדבהלעך פאַר דעם נויטבאַדערפטיקן.

אָבער פונקט אַזוי ווי דאָס איז צום האַרצן טאָבען, אַזוי שטאַרק ערגערט זיך דערפון הערץ.

— איך פאַרשטיי נישט מיט וואָס דאָס איז אַזאַ קרומע זאַך, אַז איך זאָל זיך דערמיט באַדאַרפן שעמען — זאָגט טאָבע געלאַסן.

הערץ טוט אַ קלאַפּ אין טיש.

— גענוג שוין, גענוג, טאָבע! האַלט זיך דערמיט!

לאהקע די שמשטע איז געקומען צו דער מינוט אָן אויסגעפוצטע, אין אַ לאַנג קלייד מיט אַ שנור קאָרעלן אויפן האַלדז, אַ הוט איבערן קאָפּ און אַ פרום פנים ווי ביי אַ רביצין. מער ווי אירע רייד, איז לאהקעס פרומע פנים דער כוח מיט וועלכן זי באַווירקט מענטשן צו געבן פאַר אַ נויטבאַדערפטיקן צוועק. בטבע אַ באַרעדעוודיקע, איז זי אַריינגעקומען אין הויז מיט אַ פולן מויל רייד, אָבער באַמערקנדיק הערצן זיצן ביים טיש מיט אַזאַ מין פאַרכמאַרעטן אויסזען, גלייך די וועלט וואָלט אים אונטערגעגאַנגען — האָט זי פאַרלוירן דאָס לשון. זי ווייסט שוין פון לאַנג וואָס ס'איז געשען, און אויך זי איז אין דעם פאַרמישט. לאהקע איז אָבער גיך געקומען צו זיך און נישט מאַכנדיק זיך וויסן פון זיין שטימונג, האָט זי אים וואָרעם באַגריסט.

— העלאָ, מר. הערץ, אַ גוטן אָוונט אייך!

און הגם הערץ האָט אפילו אויף איר אַ בליק נישט געטאָן, האָט דאָס איר נישט אָפּגעהאַלטן פון ווייטערריידן צו אים:

— געהערט, מר. הערץ, פון אייער שאָדן — האָט זי אויף אים גע־

קוקט מיט מיטגעפיל. טאַקע נישט גוט! ווײ, ווײ, אַזױ פיל געלט אָנגעװוירן... אָבער דאגהט נישט, מר. הערץ — האָט זי אַלץ גערעדט מיט אַ טאָן, גלייך דער רבונו של עולם וואָלט געהייסן אים דאָס זאָגן — דאגהט נישט, גאָט וועט אייך העלפֿן אָפּצומאַכן דעם שאָדן.

הערץ האָט זיך געמאַכט נישט הערן דער שמשטעס רייד. ער האָט זיך אַ הייב געטאָן פֿון טיש און נישט אַ בליק טוענדיק, נישט אויף דער פרוי און נישט אויף דער שמשטע, איז ער אָן אַ וואָרט צו זאָגן אַריין אינעם פראָנט־צימער פֿון הויז.

טאָבען האָט וואָס אָן אמת ווי געטאָן דעם מאַנס נישט אידעלע האַנדלונג, אָבער נישט די שמשטע. לאהקע די שמשטע האָט זיך מיט דאָס מינדסטע נישט געפֿילט געטראָפֿן. שוין יאָרן ווי זי גיט זיך אָפּ מיט דעם, איז זי שוין צוגעוווינט פֿון באַצאָלט צו ווערן מיט חרפות און בושות פֿאַר דאָס גוטע וואָס זי טוט. מ׳זאָגט איר געַנוג אַריין בעת זי קומט צו עמעצן עפּעס בעטן; ווער עס זאָגט איר — „דאַכט זיך ערשט געווען, און שוין ווידער דאָ?!". ווער עס באַליידיקט זי — „דרייט מיר נישט קיין מוח!". אָדער, „לאָזט מיך צו רו!". און אַ מאָל טרעפֿט נאָך ערגערס — ביים זען זי קומען, פאַרהאַקט מען די טיר. נייך, לאהקע נעמט זיך דאָס נישט צום האַרצן. זי פֿאַרשטייט, אַז די וועלט באַשטייט נישט בלויז פֿון גוטע מענטשן. אויך נישט פֿון בלויז שלעכטע. האָט זי נישט מזל ביי איינעם, פּראָבירט זי ביי אַ צווייטן. נישט אַלע גיבן, אָבער אויך נישט אַלע זאָגן אָפּ. זי איז צוגעוווינט נישט אָנטוישט צו ווערן. נישט צו פֿאַרלירן דעם מוט. זי טראָגט נישט אויף קיינעם קיין בייז האַרץ. דערפֿאַר אויך איצט, ביים פֿאַרלאָזן מיט טאָבען דאָס הויז, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו הערצן אין צימער אַריין.

— אַ גוטע נאַכט, מר. הערץ, אַ געזונטע נאַכט אייך!

און ווי נאָר די צוויי פרויען זענען אַרויס, איז הערץ צוריק אַריין אין עס־צימער. אין הויז איז אַזױ שטיל און אומעטיק געוואָרן. דער זייגער האָט געוויזן אויף אַכט. אין דרויסן האָט די נאַכט פֿון די בערגיקע הויכקייט זיך אַראָפּגעלאָזט און מיט אַ לאַנגן פֿינצטערן שלייער די גאַסן און געסלעך איינגעהילט. דאָ און דאָרט האָט דאָס ליכט פֿון אַ גאַסן־לאָמפּ דעם חושך פֿאַריאָגט. טונקל־גראָע וואָלקנס האָבן דעם הימל פֿאַרצויגן. אָט האָט זיך די לבנה געזען און אָט איז זי פֿאַרשוווּנדן. די שטילקייט האָט זיך געלייגט

אויף הערצס געמיט. ס׳איז תמיד אַזוי — איז זי אין הויז, איז נאָר מען צעוועוטלט זיך מיט קריוודעס פון איינעם קעגן אַנדערן. איז זי נישטאָ — איז אומעטיק. איז אים שווער זיך אַן אָרט צו געפינען. ער האָט געשפּאַנט פון איין צימער אַרויס און אַן אַנדערן אַריין, און שפּאַנענדיק איז אים ווידער אַ מאָל געקומען אויף די געדאַנקען ס׳לעבן זיינס. דער נעכטן, דער טרויע־ריקער, איז שוין הינטער אים. נישט בעסער איז דער היינט. ערגערנישן, דאגות. אָט מאַכט ער געלט, און אָט פאַרלירט ער עס. די פרוי — קראַנק און אַזוי געבליבן צוריקגעשטאַנען. איר וועלט איז נישט זיין וועלט. און זיין וועלט איז נישט איר וועלט. צוויי פרעמדע מענטשן אונטער איין דאַך. און דער מאָרגן? ווער ווייסט צי דער מאָרגן וועט נישט זיין נאָך ערגער ווי ס׳איז געווען דער נעכטן, און ווי ס׳איז דער היינט אין דעם רע־מזל פון זיין לעבן.

פאַר דעם מאָרגן

אין דעם אַרבעטער־קלוב איז אַ געקאָך, נישט אַריבערצוטראָגן. ס׳איז אַ זונטיקדיקער פרימאָרגן, אַן אָפּרו־טאָג, די וועבערייען זענען פאַרמאַכט. דער עולם איז פריי פון דער אַרבעט. מ׳כאַפּט אָפּ דעם אָטעם פון דער שווע־רער וואָך האַרעוואַניע. דורך די פענצטער דרינגט אַריין די זון. אַלץ דאָ — דער פאַרזאַמלונגס־זאַל, די צימערן, די מענטשן, די שמועסן, זעט אויס ענלעך אויף אַן אַרבעטער־קלוב אין דער אַלטער היים: מ׳דעבאַטירט, מ׳היצט זיך און ס׳גייען אָן אַמפּערייען. די צימערן זענען געפּאַקט מיט מענטשן. אין יעדן צימער איז אַ מיטינג, אין יעדן צימער ווערט עפּעס געפּלאַנעוועט. אין איין צימער — מיטן גרינדן אַ נייע פרייהייטלעכע פּאַר־טיי, אין אַ צווייטן, אין אַ דריטן, אין אַ פערטן — מיטן אָרגאַניזירן אַ יוניאָן־לאָקאַל פון וועבער־אַרבעטער, מיט גרינדן פלייש־ און בעקעריי־קאָאָפּעראַטיוון, מיטן גרינדן נייע אָרדען־רינגען, צווייגן, לאַנדסמאַנשאַפטן, פאַראיינען און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס. דאָס אַלץ איז דורכגעדרינגען מיט אַ פלאַם־פייערדיקן גלויבן און מיט אַן אַנטשלאָסנקייט צו קעמפן פאַר אַ מער מענטשלעך לעבן און פאַר דער פאַרברידערונג פון די פעלקער אויף דער וועלט.

ליכט און שאָטנס

ביים אַריינגאַנג אינעם פּאָדער־צימער, ביי אַ לאַנגן טיש מיט צייטונגען און ביכער, זיצט אַן עולם, ווער לייענענדיק, און ווער פּאַרטיפט אין אַ שמועס מיט אַ באַקאַנטן. ס׳איז איינער מיט דעם אַנדערן באַקאַנט נאָך פון דער אַלטער היים. ווער ס׳איז געקומען פריער, ווער שפּעטער. ווער ס׳איז שוין דאָ אַ יאָר, צוויי, דריי, און ווער ס׳איז געקומען מיט אַ טאָג־צוויי צוריק. און געקומען מיט איין און דעם זעלבן ציל — מיט אַ ציל זיך צו דערשלאָגן צו אַ בעסער לעבן, צו אַ ליכטיקערן מאָרגן אין דעם גאָלדענעם, פרייהייטלעכן לאַנד, אַמעריקע.

אָט עפנט זיך די טיר און ס׳באַווייזט זיך ווידער אַן ערשט־אַריבערגע־קומענער. ס׳דויערט נישט לאַנג און דער עולם דערקענט אים. ס׳ציען זיך צו אים הענט מיט וואַרעמע באַגריסונגען און איבעראַשנדיקע אויסרופן:

— אָ, שלום!

— יאָ, דאָס בין איך! — לאָזט זיך דער ניי־געקומענער דערקענען מיט אַ באַדייטנדיק שמייכעלע אויפן נאָך כמעט ייִנגלישן פּנים.

— ווי לאַנג שוין אין לאַנד?

— אַ פּאָר טעג.

— אַרבעטסט שוין? — פרעגן אים עטלעכע מיט אַ מאָל.

— יאָ.

— ביי וועמען?

— ביי הערצן.

— ביי הערצן? — פרעגט מען אים איבער. — אָ, ווען הערץ זאָל וויסן וועמען ער האָט אַריינגעקראָגן!...

— ס׳איז בעסער, אַז ער ווייסט עס נישט...

— ער וועט אָבער אויסגעפינען.

— זאָל ער.

— ביסט נאָך אַ גרינער, און דו רעדסט שוין — — —

— שוין זיך אויסגעגרינט.

— נו, יאָ, ביי אַזאַ איינעם ווי דו דויערט עס נישט לאַנג.

— נו, אויב אַזוי, וואָס הערט זיך עפּעס ביי אים אין שאַפּ?

— ס׳האַלט נאָענט פון אַ שטרייק.

— וואָס עפּעס פלוצעם?

— הערץ וויל שניידן די שכירות פון די געזעלן. ס'איז אַ קריזיס, זאָגט ער, שלעכטע צייטן. ער פאַרלירט געלט. דערצו האָט מען אים אָנגעזעצט אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר, וויל ער זיך ראַטעווען מיט שניידן די פאַרדינסטן פון זיינע אַרבעטער.

— ווי לאַנג איז עס, ווי ער האָט אַליין ביי אַנדערע אָרגאַניזירט שטרייקן? — דערציילט מען שלומ'ן, פרעגנדיק:

— און וואָס זאָגן זיינע אַרבעטער?

— זיי האַלטן מיט מיר. ניין, כ'וועל נישט דערלאָזן נאָך נידעריקער אַראָפּצודריקן דעם הונגער־לוין! ווי איך בין געווען אין דער היים, אַזוי וועל איך זיין דאָ.

— דאָס וועט מען זען — האָט עמעצער זיך אָפּגערופן — דערווייל ביסטו ערשט עטלעכע טעג אין לאַנד...

דער שמועס וואָלט זיך נאָך געצויגן ווער ווייסט ווי לאַנג. פון די אַנדערע צימערן האָט זיך אָבער אַרויסגעהערט דער געקאָך פון די טומלדיקע דעבאַטן. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און אויך שלום מיט אַ סך אַנדערע זענען אַריין. באַלד האָט זיך שלומס קול דערהערט אינעם גרויסן כאָר פון די פלאַם־פייערדיקע רעדעס — צום קעמפן ביזן סוף פאַר אַ מער מענטשלעכן לעבן, פאַר אַ ליכטיקערן מאָרגן פאַר די ברייטע מאַסן אַרבעטס־מענטשן.

און דורך די פענצטער האָט אַלץ אַריינגעשטראַלט די ליכטיקע זון, און דאָס — מיט דער זעלבער וואַרעמקייט ווי אין דער אַלטער היים.

*

אין דער זעלבער צייט איז סאַול הערץ געזעסן ביים זונטיקדיקן פרישטיק, אין זיין רייך הויז.

טאָבע עסט רואיק. הערץ שטיקט זיך אָבער מיט יעדן ביסן. דאָס עסן באַקומט אים נישט. ער איז ווידער צעטראָגן, צע'כעס'ט, און לאָזט אויס דאָס בייזע האָרץ צו דער פרוי.

— ביי דיר בין איך קיין מאָל נישט גערעכט — פאַרדריסט אים, וואָס זי איז שטענדיק קעגן אים אין אַלץ, וואָס ער טוט.

ס'איז געווען נאָך דעם ווי ער האָט נאָר וואָס געהאַט דערציילט דער

פרוי וועגן דעם פּלאַן מיט וועלכן ער טראָגט זיך אַרום — אַז צוליבן קריזיס, וואָס איז אַנטשטאַנען פון געלט־שאָדן זיינעם, וועט ער שנײַדן די שכירות פון די בעלי־מלאכות זיינע.

— אָבער, הערץ, ווי קאָנסטו דאָס טאָן? — איז זי גלייך געווען קעגן דעם.

— פאַר וואָס נישט? — האָט הערץ פּרובירט צו נעמען עפּעס אין מויל אַריין.

— דו קענסט דאָך דאָס משטיינס געזאָגטע לעבן פון דיינע אַרבעטער, און דו ווילסט די לאַגע זייערע נאָך פאַרערגערן?

— כ׳קאָן קיינעם נישט פאַרזאָרגן — האָט ער ריידנדיק ווידער צור־געטראָגן אַ ביסן צום מויל און עס איבערגעלאָזט — איך בין בילכער!

— דו האָסט נאָר ד י ך אין זינען — האָט טאָבע איבערגעחזרט דאָס, וואָס זי זאָגט אים שטענדיק ביים צעווערטלען זיך מיט אים.

— האָ? — איז הערץ אַריין אין אמתדיקן גרימצאָרן און דאָס מאָל שוין אָפּגעשטופּט פון זיך דאָס עסן.

— דו ביסט אין בייזנעס — האָט די פרוי פּרובירט אים געבן צו פאַר־שטיין — דיר קאָן היינט זיין שלעכט, מאָרגן צוריק גוט.

— ניין! איך וועל זיך נישט צוהערן צו דיינע רייד — האָט הערץ זיך אויפגערעגט, פילנדיק, ווי דער אַפּעטיט צום עסן איז אים אין גאַנצן פאַרגאַנגען.

בעת מעשה איז אים געקומען אויפן געדאַנק צו מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן דער פרוי און דער שיינער בוכפירערין זיינער, שוירלי. זי, טאָבע, איז אויך אין אַמעריקע געבליבן דאָס, וואָס זי איז געווען אין דער אַלטער היים — אַ פּשוטע פרוי מיט היימישע מאַניערן און באַנעמונגען צו מענטשן. מיט דעם מינדעסטן זיך נישט אויסגעגרינט, און ער שעמט זיך פּשוט מיט איר זיך צו באַווייזן אין דער געזעלשאַפט פון די רייכע געשעפטס־מענטשן. און אָך, ווי אַנדערש ס׳איז די אַמעריקאַנער־געבוירענע שוירלי, די בוכפי־רערין זיינע. זי פאַרשטייט דאָס לעבן, און איז אַזוי קלוג אין די באַנעמונגען מיט מענטשן, תמיד מיטן „פּליז״. מיט יעדן וואָרט ציט זי צו זיך. אָן אַ „פּליז״ רעדט זי נישט צו אים.

„פּליז, מר. הערץ, פּליז״ — — —

טאַבע האָט אָבער ווייטער גערעדט און אים איבערגעריסן די פאַר־טראַכטקייט וועגן דער בוכפירערין —

— וואָס וועלן מענטשן וועגן דעם זאָגן? ווי לאַנג איז עס, ווי דו האָסט אַליין געפירט שטרייקן?

— דאָס געהערט צו דעם נעכטן.

— האָסטו גאָר נישט קיין אָפּשיי פאַר דעם נעכטן?

— דאָס וואָס איז אַוועק, איז אַוועק!

— אויב אַזוי וועט נישט העלפן ס׳ריידן צו דיר.

— נישט דער נעכטן גייט מיך אָן. וועגן וואָס איך טראַכט טאַקע, איז דער מאָרגן — האָט הערץ מיט אַ טאָן ווי ס׳איז אים שוין איבערדריסיק געוואָרן דער פּרויס טענות, געזאָגט. ער האָט זיך אַ פעסטן הייב געטאָן פונעם טיש, און אַן אויפגערעגטער גענומען אַרומשפּאַנען איבערן צימער. — פאַר אַ ליכטיקערן מאָרגן, פאַרשטייסט? טאַקע פאַר אַ ליכטיקערן מאָרגן!

טאַבע האָט דעם מאַן נישט געענטפערט. מיט אַ שווער זיפצנדיק האַרץ האָט זי גענומען אַראָפּרוימען פונעם טיש די מאכלים פון דער נישט־געגעסענער מאָלצייט.

ווייט איז נאָך צו דעם מאָרגן

צו מאָרגנס האָט די אַרבעט אין סאָול הערצס וועב־פאַבריקל זיך אָנגעהויבן ווי יעדן טאָג.

די וועב־מאַשינען זענען געווען אין פולן גאַנג. יעדער איינער — ביי זיין אַרבעט. דאָס ליכט פון די עלעקטרישע לעמפּלעך האָט אינעם טונקעלן שאַפּ געבלענדט איבער די קעפּ פון די באַלמעלאָכעס. דורך די קליינע פענצטערלעך האָט אַריינגעשיינט די זון, וועקנדיק אין יעדן אַ בענקשאַפט צו דעם ליכטיקן דרויסן. די לופט האָט אָפּגעהילכט מיטן מאָנאָטאָנעם געקלאַפּערײ פון די וועב־מאַשינען. די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען מיטן זעלבן גאַנג און גאָר נישט אַנדערש ווי מיט אַ טאָג, ווי מיט צוויי טעג און ווי מיט וואָכן פריער.

סאָול הערץ איז אָבער געווען אַ געניטער באַלעבאָס, און אין דער לופט געקאָנט דערפילן פאַרבאָרגענע טועכצן אין שאַפּ. און מיט אָט־אָ דעם חוש

האָט ער איצט דערפילט, אַז עפּעס טוט זיך היינט צווישן זיינע אַרבעטער. וואָס? — דאָס איז אים געווען שווער צו דערגיין. וואָרעם, ס'האָט איצט איינער מיט דעם אַנדערן אַ וואָרט נישט אויסגערעדט, שאַ, שטיל. הערץ האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז ס'איז אַ שטילקייט פאַר אַ שטורעם. די געשפּאַנטקייט האָט זיך געפילט אין דער לופט, און ס'איז אים נישט שווער געווען אויך צו באַמערקן דאָס צערודערטע אומגיין פון די אַרבעטער ביי די מאַשינען, און ווי זייערע אויגן זענען געווען געווענדעט צו דעם הויכן, שלאַנקן, שלומען. אָבער וואָס דאָס אַלץ האָט באַטייט, איז הערצן ערשט שפּעטער קלאָר געוואָרן.

דאָס איז געווען בעת ער איז דערנאָך געזעסן אינעם אָפיס אין אַ שמועס מיט דער בוכפירערין, באַראַטנדיק זיך מיט איר וועגן געשעפטלעכע אָנגעלעגנהייטן, וועגן סוחרים, חובות, געלט, און זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו זיינע רייד, עצהדיק אים וואָס יאָ און וואָס נישט צו טאָן.

— ביסט אַ קלוג מיידל, שוירלי, און אַזאַ פּראַקטישע — האָט הערץ ריידנדיק געקוקט אויף דער בוכפירערין מיט אַ גליענדיקן בליק, פון וואָס ס'איז איר קלאָר געוואָרן דעם באַלעבאָס מיינונג וועגן איר.

— אָ, פּליז, מר. הערץ, זאָגט דאָס נישט! אָ, פּליז, — האָט זי מיט אַ שעלמיש שמייכעלע אים געדאַנקט פאַר דעם קאָמפּלימענט.

— פאַר וואָס נישט? ס'איז דאָך דער אמת — האָט הערץ פאַרגעזעצט דעם שמועס און אין געדאַנק פאַרגלייכט זיין פרוי מיט דער בוכפירערין. יענע — אַזאַ צוריקגעשטאַנענע, אַזאַ אַלטמאָדישע געבליבן, און די — אַזאַ פאַרגעשריטענע, אַ היינטוועלטיקע. אַ פאַרגעניגן מיט איר צו ריידן...

— גליקלעך וועט זיין דער מאַן, וואָס וועט דיך באַזיצן.

— אָ, מר. הערץ, פּליז, פּליז, ביטע, זאָגט עס נישט — האָט שוירלי, אַ הויכע, אַ דינינקע, לאַכנדיק, דעם באַלעבאָס געענטפערט. — איר זעט ז'אָך ווי מען יאָגט זיך נאָך מיר...

— גלייב מיר, שוירלי, אַז איך ווייס וואָס כ'רייד...

— מעגלעך. גוט וואָס איר דענקט אַזוי!

— דו קומסט מיר מער ווי איין מאָל אויפן געדאַנק.

צופרידן פון דער פאַרערונג האָט שוירלי ווידער אַ שמייכל געטאָן

צום באַלעבאָס. דאָס האָט הערצן אַזוי ווייט דערמוטיקט, אַז ער האָט ריזי־קירט איר צו זאָגן

— אָ, ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, שוירלי, צו האָבן אַזאַ איינע, ווי דו, פֿאַר אַ פֿרוי.

אָבער אין סאַמע מיטן שמועס, האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין דער טיר, און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן די הויכע און דינע געשטאַלט פֿון איינעם פֿון די אַרבעטער — שלום.

הערץ האָט אים דורכגעדרונגען מיט אַ פֿרעגנדיקן בליק:

— איר באַדאַרפֿט עפּעס, זאָגט?

— ניין, מר. הערץ, — האָט שלום מיט אַ רואיקן טאָן געענטפֿערט ס׳איז נישט וועגן מיר. כ׳בין געקומען צוליב עפּעס אַנדערש.

— אַ שטייגער, וואָס?

— דאָס האָבן די אַרבעטער מיך דערוויילט צו לאָזן אייך וויסן...

— אַ שטייגער, וואָס?

— אַז אויב איר וועט שניידן די שכירות, ווי איר ווילט טאָן, וועלן זיי אָפּשטעלן די אַרבעט.

— זיי וועלן דערקלערן אַ שטרייק, האַ? — האָט הערץ, אַ בייזער, זיך אַ הייב געטאָן פֿונעם אָרט — און דו ביסט דאָס דער, וואָס רעדט פֿאַר זיי?

— וואָס איז דער אונטערשייד, ווער עס זאָגט דאָס אייך? אויב נישט איך, וואָלט געווען אַן אַנדערער.

— פֿאַר וואָס פֿאַרשטייט איר נישט, אַז איך טו דאָס נישט פֿאַר נחת, אַז ס׳איז מיר אויך נישט ליב.

— דאָס ענדערט אָבער נישט די לאַגע.

— וואָס קאָן איך טאָן? — האָט הערץ געבעטן שלומען, ער זאָל דאָס זאָגן די אַרבעטער — ס׳איז אַ קריזיס. די צייט איז שלעכט. די קאָנקורענץ איז גרויס, ס׳זיידנס רירט זיך נישט פֿון אָרט נישטאָ, קיין קונים און ווער ט׳קויפֿט יאָ, פֿאַרלאַנג בחצי חינם, און דערצו נאָך אַזאַ געלט־שאָדן געהאַט.

— דאָס זענען אייערע דאגות, מר. הערץ, מיט אונדז אַרבעטער האָט עס נישט צו טאָן.

— מיט וועמען דען האָט דאָס צו טאָן?

— מיט איך !...

— מיט מיר ? — איז שוין הערצן געווען שווער זיך צו באַהערשן פונעם כעס'ן זיך — איך ברענג די שלעכטע צייט, די קאָנקורענץ ? דאָס האָב איך מיר אָנגעזעצט ?

— הייסט עס, מר. הערץ, אַז מיר באַדאַרפן גאָר איך מיטפילן ?

— נו, — האָט הערץ, דערפילנדיק שלומס ציניִשן טאָן, אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש :

— יאָ שטרייק, נישט שטרייק, ס'איז מיר אַלץ איינס !

שוירלי, וואָס איז געזעסן אַריבערגעבויגן איבער די חשבונות־ביכער, האָט מיט אַ מאָל אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ און אַ בליק געטאָן אויף שלומען. ס'איז איר געפעלן געוואָרן זיין ליבלעך־שיינער אויסזען, און זי האָט באַוואונדערט זיין מוט ; נאָך גריך, נישט לאַנג אין לאַנד ; אָרעם, אַוודאי נישט קיין סענט ביי דער נשמה — און שוין אַ שטרייק־פירער...

שלום האָט דערפילט איר בליק. ער וואָלט איר גערן געענטפערט, אָבער ער איז דאָ אַהערגעקומען וועגן עפּעס אַנדערש. זיין ציל איז צו באַקומען פון באַלעבאָס אַ קלאָרן ענטפער.

— כ'בין געצווונגען, כ'קאָן אַנדערש נישט ! — האָט הערץ געזאָגט אַנטשלאָסן.

נאָך די דאָזיקע רייד איז שלום מיט שטאָלצע טריט אַרויס פונעם אָפיס. הערץ האָט אים נאָכגעקוקט מיט אַ בייזלעכן בליק. ס'איז געווען ווי ער וואָלט זאָגן : „ס'איז זיין אַרבעט. ס'וועט אים נישט אָפּגיין גלאַטיק"... דאַקעגן שוירלין האָט אימפּאָנירט שלומס מוטיקע רייד ביים ריידן מיטן באַלעבאָס, און זי האָט אים נאָכגעקוקט ביז וואַנען ער איז צוריק אַריין אינעם שאָפּ. דערנאָך האָט נישט גענומען לאַנג און אייך וועב־שטול נאָך דעם אַנדערן האָבן זיך גענומען אָפּשטעלן. אין שאָפּ איז וואָס אַ מאָל געוואָרן שטילער און שטילער. באַלד דערנאָך האָט זיך ברייט צעעפנט די טיר און ס'האָבן איינציקווייז זיך אַרויסגעשלייכט די שטרייקנדיקע אַרבעטער, אַזוי גוט מענער ווי פרויען. זיי זענען אַראָפּ אין גאַס, אויפן וועג צו אַ פּאַרזאַמלונגס־פּלאַץ.

ווען דער שאָפּ איז ליידיק געוואָרן איז הערץ געבליבן זיצן אין אַן איבערגעשראָקענער שטימונג. צו די אַלע צרות, אַ נייע צרה — אַ שטרייק.

און וואָס ווייטער? וואָס ער טוט, טויג נישט. ער שטייגט און פאַלט. אָט איז ער אין דער הייך און באַלד צוריק — אונטן. אָ, ווער קאָן וויסן וואָס ס׳וועט נאָך מיט אים פּאַרקומען? איין זאַך האָט ער אָבער יאָ געוווּסט, אַז ער איז נאָך ווייט פון דעם צו וואָס ער שטרעבט, און אַז ווייט, ווייט איז נאָך דער וועג צו אַ ליכטיקן מאָרגן.

פון שלעכט צו ערגער

ס׳איז געווען שפּעט אין אָוונט ווען הערץ איז אַרויסגעשטיגן פונעם אויטאָבוס און געגומען שפּאַנען צו דער וווינונג. אין הויז האָט אויף אים געוואַרט אַ נישט־פריילעכע איבעראַשונג.

אין פלוג האָט אַלץ אין די צימערן אויסגעזען צו זיין ווי אַלע מאָל, אָוונט־צייט: די זעלבע ציכטיקייט, די זעלבע געמיטלעכע שטילקייט. אין עס־צימער איז געווען גרייט דאָס אָוונטיקע מאָלצייט. דער טיש איז געווען סערווירט. אַלץ איז הערצן געשטאַנען פאַר די אויגן. אַלץ, אַחוץ טאָבע, די פרוי זיינע.

— טאָבע! — האָט ער מיט אַן אומרואיק קול אַ רוף געטאָן.

טאָבעס שוואַכער ענטפער האָט זיך געהערט פון אַ בעט אינעם שלאָף־צימער. ס׳איז געווען אַ וואָרט, אַ זיפץ:

— אוי, ס—אָו—ל!

— טאָבע! האָט הערץ, ווי נישט דערקענענדיק דער פרויס קול, ווידער אַ רוף געטאָן.

ס׳האָט זיך ווידער דערהערט דאָס איינציקע וואָרט און דער זעלבער זיפץ:

— אוי, ס—אָו—ל!

הערץ איז אַריין אין שלאָפצימער און זי געטראָפן ליגן אין בעט מיט האַלב־אָפענע אויגן און איבערגעדעקט מיט אַ קאָלדרע ביז איבערן קאָפּ.

— טאָבע — האָט ער קוקנדיק אויף איר מיט איבערגעשראָקענע אויגן געפרעגט — וואָס האָט פּאַסירט?

טאָבע האָט מיט אַ האַנט געוויזן אויפן האַרץ:

— אוי, ווי, ש־מ־ע־ר־צ־ן, אָ, אָ!

הערץ איז אַלץ מער צעטראָגענער געוואָרן:

— זאָל איך רופן דעם דאָקטאָר?

טאָבע האָט נישט געענטפערט, נישט „יאָ", און נישט „ניין".

— טאָבע, ס'איז דאָס זעלבע, וואָס דו האָסט שוין איין מאָל דורכגע־מאַכט?

און נישט באַקומענדיק קיין ענטפער, ווידער אַ פרעג געטאָן:

— דאָס זעלבע?

הערץ האָט שוין פאַרשטאַנען דאָס אומגליק — ווידער דאָס האַרץ. ער איז צו צום טעלעפאָן, גערופן דעם דאָקטאָר, און אים געבעטן צו קומען וואָס גיכער.

באַלד איז ער ווידער צו צו דער קראַנקער. זי איז אַלץ געלעגן אין אַן אומבאַוועגלעכער פּאָזע, זיך נישט אַ ריר געטאָן, אויך נישט אַ בליק געטאָן אויף דעם מאַן. הערץ האָט איצט באַנומען, אַז די פרוי זיינע איז ערנסט קראַנק. זי באַדאַרף האָבן רחמים, און געציילט די מינוטן שוין צו זען דעם דאָקטאָר אין הויז. אין צווישן האָט ער זיך באַמיט זי צו באַרואיקן. ס'איז אים פאָרגעקומען גלייך זי קומט אָפּ פאַר עמעצנס זינד, גלייך עמעצער איז שולדיק אין אירעליידן. נישט וויסנדיק וועמען אין דעם צו באַשול־דיקן, איז אים געקומען אויפן געדאַנק, אפשר גאָר ער אַליין?... אַ ציטער איז אים אַדורך איבערן לייב און אראָפּלאָזנדיק שווער דעם קאָפּ, האָט ער באַדויערט די ערגערנישן וואָס זי האָט אַלע יאָרן צוליב אים געהאָט.

— זיי רואיק, טאָבע, — האָט ער טרייסטנדיק צו איר גערעדט — שרעק דיך נישט, וועסט צוריק געזונט ווערן. כ'וועל אַלץ אָוועקגעבן, ביזן לעצטן סענט זיך לאָזן קאָסטן, דו זאָלסט צוריק געזונט ווערן.

ער האָט עס איר געזאָגט מיט אַזוי פיל האַרץ און געפיל, ווי קיין מאָל פריער. וואָרעם, קוקנדיק איצט אויף דער צעבראָכענער פרוי אינעם קראַנקן־בעט, האָט ער אין געדאַנק זי אויך געזען אַזאַ יונגע, אַזאַ בליענ־דיקע, ווי זי איז געווען מיידלווייז בעתן חתונה האָבן מיט אים, און ווי איר מוטער האָט צו אים אין חופה־טאָג, מיט אויגן פול מיט טרערן גע־רעדט:

— סאָול טייערער, מיר גיבן דיר אַ טייער קינד, אַ שיינע און אַ בליענדיקע טאָכטער. זיי צו איר גוט! פון היינט אָן ביסטו איר טאַטע, איר

מאַמע, איר מאַן. דערמאָנענדיק זיך אין דעם, האָט הערץ ווידער אַ מאָל אַ זאָג געטאָן צו דער קראַנקער:

— כ׳בעט דיך, טאַבע, זיי רואיק. אַלץ וואָס איך פאַרמאָג וועל איך זיך לאָזן קאָסטן, דיך געזונט צו מאַכן.

באַלד איז געקומען דער דאָקטאָר. הערץ איז אים אַנטקעגן געגאַנגען און צוגעפירט צו דער פרויס בעט:

— נאָר־וואָס אַהיימגעקומען און זי געטראָפן ליגן אָט־אַזוי אין בעט.

ס׳איז געווען דער פאַמיליע־דאָקטאָר. טאַבעס קראַנקייט האָט ער געקענט פון פריערדיקן מאָל, מיט אַ יאָר צוריק. נאָכן אונטערזוכן די קראַנקע, האָט ער מיט אַן ערנסט קול געזאָגט צו הערצן:

— ס׳איז ערנסטער ווי מיט אַ יאָר צוריק. מ׳טאָר נישט וואַרטן. כ׳וועל אָרויסרופן די „גיכע הילף״ און באַשטעלן אַ בעט אין שפּיטאָל.

ס׳האָט נישט גענומען לאַנג און טאַבע איז געלעגן אין שפּיטאָל. בײַם בעט איז געשטאַנען דער דאָקטאָר און אַ קראַנקן־שוועסטער. צווישן זיי איז אויך געשטאַנען אַ צעטראָגענער, מיט אַ בלייכן אויסזען, הערץ. ער האָט זיך דערמאָנט אין דער מוטערס רייד אינעם חופּה־טאָג און מיט אַ טיף־רירנדיק קול ווידער געזאָגט:

— טאַבע, טייערע, פאַרליר זיך נישט! מ׳וועט טאָן אַלץ. אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג, וועל איך זיך לאָזן קאָסטן דיך געזונט צו מאַכן.

און וואָס ווייטער?

עס האַלט שמאָל מיט הערצס וועב־פאַבריקל, און נישט בעסער איז די לאַגע פון דער קראַנקער פרוי. פון טאָג צו טאָג ווערט איר ערגער.

דער שטרייק רואינירט אים. שוין דריי וואָכן ווי די מאַשינען באַוועגן זיך נישט. שוין דריי וואָכן ווי עס דרייט זיך נישט אַ ראָד, און די חובות מערן זיך.ס׳איז ערגער מיטן שטרייק, ווי אָן אים. וואָרעם פריער, ווי לאַנג דאָס רעדל האָט זיך געדרייט האָט ער געגאָסן „קאַלטס אויף וואַרעמס״, געליען ביי איינעם און באַצאָלט אַן אַנדערן. זענען וועקסלען פעליק געוואָרן, — האָט ער אויסגעשטעלט נייע. איצטער העלפן נישט די חכמות.

הערץ האָט ענדלעך איינגעזען, אַז אויב ער וועט בלייבן איינגעשפּאַרט,

וועט נישט נעמען לאַנג און ער וועט אָנווערן דאָס פֿאַבריקל מיטן ביסל פֿאַרמעגן, וואָס ער פֿאַרמאָגט נאָך, און שרעקנדיק זיך, אַז ס׳זאָל חלילה דערצו נישט קומען, האָט ער פֿאַרבויגן דעם כבוד און געלאָזט רופֿן צו זיך די ראשי־המדברים פֿון די באַלמעלאָכעס, און נאָך לאַנגע פֿאַרהאַנדלונגען געקומען מיט זיי צו אַן אויסגלייך. די רעדער אין שאַפּ דרייען זיך ווידער און די וועב־מאַשינען וועבן גאַנצע בערג מיט וייד־סחורות.

— וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? זיי האָבן דאָך מיך אָנגעכאַפּט ביים האַלדז — האָט ער אויף צו מאָרגנס זיך אויסגערעדט ס׳האַרץ פֿאַר דער בוכפּירערין:

— שוירלי, דו ווייסט דאָך מיין לאַגע...

— איר האָט גוט געטאָן, מר. הערץ, בעסער אַזוי! — האָט שוירלי קוקנדיק אויפֿן באַלעבאָס מיטן שטענדיקן שמייכעלע, אים צוגעטראָגן נאָך אַ קאָמפּלימענט.

— מיט וואָס בעסער? — איז הערץ נייגעריק געווען.

— ווייל ס׳וואָלט געווען אַ סך ערגער! — האָט די בוכפּירערין אַ ווונק געטאָן צום באַלעבאָס, ער זאָל זיך אָנשטויסן וואָס זי מיינט.

— כ׳ווייס עס.

— דערפֿאַר איז בעסער אַזוי.

— דו טיילסט שטענדיק מיין מיינונג אין אַלץ וואָס איך טו, שוירלי, איך שאַץ עס אָפּ!

הערץ איז אַ ווײַלע געבליבן זיצן אַ פֿאַרטראַכטער און דערנאָך ווידער אַ זאָג געטאָן:

— דו ביסט אַזוי אַנדערש ווי די פֿרוי מיינע, שוירלי.

— מיט וואָס? — האָט זי מיט אַ נייגעריקן בליק געקוקט אויפֿן באַלעבאָס.

— אין אַלץ, אין יעדער הינזיכט.

— עס קאָן דאָך נישט זיין אין אַלץ, מר. הערץ...

— כ׳ווייס וואָס איך רייד, שוירלי...

— אָבער מיר איז דאָס שווער צו פֿאַרשטיין, מר. הערץ!

— איך מיט מיין פֿרוי זענען צוויי וועלטן. איר וועלט איז נישט מיין וועלט, און מיין וועלט איז נישט איר וועלט — אָט אַזוי איז עס, שוירלי.

— אויב אַזוי? איז דאָס צו באַדויערן, מר. הערץ.

הערץ האָט אַ ווײַלע געשוויגן. ער האָט זיך געישובֿט איר עפּעס צו זאָגן וואָס ס׳ליגט אים אויף דער צונג, און צום סוף, אויף איין מאָל אַרויס־געשלײַדערט די ווערטער:

— כ׳מוז דיר זאָגן, שוירלי, אַז דו ביסט אַ וווּנדערלעך, קלוג און פּראַקטיש מיידל.

שוירליס פּנים האָט זיך פאַרויטלט, אָבער הערץ האָט נישט אָפּגעלאָזט.

— און גליקלעך וועט זײַן דער מאַן, וואָס וועט דיך האָבן פאַר אַ פרוי.

— אָ, זאָגט דאָס נישט, מר. הערץ.

מיט אַ מאָל האָט זיך הערץ אַ דערמאָן געטאָן אין אַ פײַנלעכער זאַך. ס׳איז געווען די צײַט צו באַזוכן דער פרוי אין שפּיטאָל. ער האָט איבערגעריסן דעם שמועס, זיך אַ הייב געטאָן פון „דעסק" און געזאָגט דער בוכפירערין, אַז ער וועט זײַן צוריק אין אַ שעה, צוויי. ער איז גיך אַרויס פון אָפיס און אַוועק צו דער קראַנקער פרוי אין שפּיטאָל.

*

צוויי מאָל אין טאָג באַזוכט הערץ דער פרוי אינעם שפּיטאָל. שוין דרײַ וואָכן ווי ער טוט דאָס. דרײַ לאַנגע וואָכן, און יעדער באַזוך קאָסט אים אַ שטיק געזונט. ער קאַרגט נישט קיין געלט, ברענגט די גרעסטע דאָקטוירים, און ס׳איז ווײַט פון צו זײַן גוט. אויב איין טאָג איז בעסער, איז אויפן אַנדערן טאָג ערגער. הלוואי ס׳זאָל זײַן גוט. דערווײַל אָבער לעבט ער איבער אומרואיקע טעג, ריכטנדיק זיך אויף דאָס ערגסטע. און די וואָס קענען אים, איז שווער צו פאַרשטיין זײַן צערודערט געמיט. אויף אַן אַנדערן וואָלט מען זיך נישט געחידושט, אָבער אויף הערצן — יאָ. ער, הערץ, וואָס איז דער פרוי דערגאַנגען די יאָרן, אויף איר אויסגערעדט וואָס מען וויל נאָר; זי איז ניט זײַן גלײַכן; איז אַלטמאָדיש; גייט נישט מיט דער צײַט, ווײַזט איר איצט אַרויס אַ סך גוטסקייט, וואַרפט מיט געלט אין אַלע זײַטן, און שטייט אָפּ שעהן־לאַנג בײַ איר בעט.

ווי אַ מענטש קאָן זיך דאָס ענדערן. פריער איז ער צו איר גאָר נישט געווען אַזאַ מלאך. פאַר אַ סך איז דאָס געווען אומפאַרשטענדלעך. איבער נאַכט ווערט מען נישט אַזאַ צדיק — ס׳איז עפּעס נישט גלאַט.

שווער געווען צו פאַרשטיין הערצס איצטיקע געפילן צו דער פרוי,

און דאָס מוסר־נפש זיין, זי צו דערהאַלטן ביים לעבן. בלויז ער, הערץ, האָט געוווּסט דעם סוד, וואָס ס'איז גורם דערצו: ס'איז אים אָבער געווען פיינלעך, שווער, מיט עמעצן וועגן דעם צו ריידן. ער האָט פאַר קיינעם נישט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט וואָס ער לעבט איבער, ווען ער שטייט ביי טאָבעס קראַנקן־בעט, און וואָס פאַר אַ סקרוך עס גייט אים אַדורך איבערן לייב, ביים דערמאָנען זיך אין די אַמאָליקע רייד פון טאָבעס מוטער, גלייך זי וואָלט פאָרויסגעזען, אַז דאָס לעבן פון איר טאָכטער איז אָפּהענגיק פון אים... דאָס ליגט אים אויפן געמיט און צעטראָגט אים. ער האָט נישט קיין רואיקע מינוט דורכן טאָג.

און וואָס מער עס ווערט איר ערגער, אַלץ מער דערמאָנט זיך אים דאָס. געגוג דער קראַנקערס אַ קרעכץ, אַ זיפץ, און דער מוטערס רייד רופן זיך אָפּ, אַמערגסטן איז געווען דער היינטיקער באַזוך ביי איר. ביים דערוויסן זיך ווי שמאָל עס האַלט מיט דער קראַנקער פרוי, האָבן די אַמאָליקע רייד פון טאָבעס מוטער: „סאָול טייערער, מיר גיבן דיר...", אַזוי שטאַרק געהאַמערט אין זיין קאָפּ, אַז ער האָט אַזש אַ מוראדיקן ציטער געטאָן, ווי פון אַ שולד־געפיל וואָס ס'איז נעבעך געוואָרן פון דער פרוי, און ווען ער איז שפּעטער אַריין אין שאָפּ, איז אים שווער געווען צו דערקענען, אַזוי צערודערט איז ער געווען.

— מר. הערץ, וואָס האָט פּאַסירט? — איז שוירלי געווען דערשטוינט פון זיין אויסזען.

— די ווייב... — האָט הערץ מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און מיט אַ שטימע פון צער געזאָגט, — די ווייב...

— די ווייב? — האָט שוירלי איבערגעפרעגט.

— יאָ, די פרוי, ס'איז נישט גוט, שוירלי, ווער ווייסט... — און ער האָט מיט צערודערטע טריט גענומען שפּאַנען איבערן אָפיס־צימער.

ווי פאַר אַ סך אַנדערע, איז אויך פאַר שוירלין, מיט וועמען הערץ פלעגט אַזוי פיל ריידן וועגן זיין אומצופרידענעם לעבן מיט דער פרוי, געווען אומבאַגרייפלעך זיינע איצטיקע רחמנות־געפילן צו איר, און ווי ער עקט זיך ממש, זאָרגנדיק זיך אַזוי שטאַרק פאַר איר געזונט.

— פאַרלירט זיך נישט, מר. הערץ, שטאַרקט זיך!

— ביסט גערעכט, שוירלי, אָבער...

— אָבער וואָס? האָט שוירלי איבערגעפרעגט.

אָבער וואָס שוירלי איז געווען להוט צו וויסן — וועגן דעם איז הערצן שווער געווען צו ריידן. זיין מויל האָט זיך נישט געעפנט צו זאָגן אַ וואָרט. ער האָט לאַנג געשוויגן. מיט אַ מאָל האָט ער איבערגעריסן דאָס שטילשווייגן און פאַר שוירלין גענומען אויסלאָדענען זיין ביטער געמיט:

— ס׳איז נישט גוט, שוירלי, ס׳איז מיר מיט גאָר נישט גוט! פון קינדהייט אָן אַזוי. כ׳בין אַ מענטש אָן מזל. טרויעריק געווען דער נעכטן, טרויעריק איז דער היינט, איצט די פרוי. און וואָס ווייטער?

די וואַנט

דעם גאַנצן לאַנגן טאָג איז אין הערצס וועבעריי נישט געווען צו הערן עפּעס אַנדערש ווי דאָס ריטמישע באַוועגן זיך פון די וועב־שטילן. דעם גאַנצן טאָג איז אָנגעגאַנגען די אַרבעט פון וועבן. זייד און ווידער זייד

אַזוי איז געווען טאָג־איין, טאָג־אויס דאָס לעבן אינעם שאָפּ, ביז, דאָ נישט לאַנג צוריק, ווען ס׳האָט פּלוצים, ווי פון אַ ווינקל, אַ שיין געטאָן פאַר אַלעמענס אויגן עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט נישט צו טאָן, נישט מיט שאָפּ, נישט מיט אַרבעט און נישט מיט זייד. ס׳האָט אויפגעשיינט אַ ליבע צווישן צוויי יונגע מענטשן אין שאָפּ, — צווישן שלומען און דער יונגער שוירלי. ביז איצט איז עס געווען אַ סוד און ס׳האָט קיינער קיין אַנונג נישט געהאַט ווי אַזוי ס׳איז געקומען צו דער באַקאַנטשאַפט.

אָנגעהויבן האָט עס זיך אין יענעם טאָג, ווען שלום איז אַריינגעגאַנגען צו הערצן אין אָפיס אָנזאָגן דעם שטרייק. זינט דעמאָלט האָבן זיי גענומען פילן אַ וואַרעמקייט איינער צום אַנדערן. די ערשטע צייט האָט דער פונק געגליט אונטערן שלייער פון אַ טיפן סוד. שפּעטער איז אָבער געווען צו באַמערקן — אין די בליקן און די שמייכלען, נישט מער ווי דאָס. ס׳איז אָבער געווען גענוג צו פאַרשטיין וואָס דאָס מיינט, און אַלע אינעם שאָפּ האָבן באַצייטנס גענומען קוקן אויפן פּאָרל ווי אויף חתן־כלה, נישט וויסנ־דיק, אַז אָט דער ליבע־פונק איז פאַרלויפיק נישט מער ווי ווינט אין דער לופט.

וואָרעם אַזוי לאַנג ווי דאָס ליבן זיך פון די צוויי איז געלעגן אינעם צויבער־וויגעלע פון זיסע חלומות, מיט בחורשע און מיידלשע אַנטציקונגען, מיט גוטע ריידעלעך און זאָרגלאָזע געלעכטערלעך, איז דאָס אַלץ באַהויכט געוועזן מיטן צויבערלעכן שיין פון אַ ליכטיקן מאָרגן. אַזוי האָט דאָס אָנגע־האַלטן אַ צייט־לאַנג, ביז, ביז וואַנען ס'האָט זיך אַ שטעל געטאָן די וואַנט פון תכלית, און שוירלי, דערשרעקנדיק זיך, האָט אַ שפרונג געטאָן אויף צוריק, דערזעענדיק דאָס, וואָס ליבע מאַכט בלינד צו זען.

זי האָט דערזען די דיקע מויער וואָס צעשיידט זיי. ער — נישט לאַנג אין לאַנד, אָרעם, דער מאָרגן, אַ נישט זיכערער, איז פאַרקאָכט אין באַווע־גונגען, אין פירן שטרייקן, אין פאַרטייען און קאַמפן פאַר אַ שיינער וועלט, פאַר אַ וועלט אַ פרייע. אַזאַ איז ער געוועזן אין דער אַלטער היים, און אַזוי אין אַמעריקע, אויף אַ האָר זיך נישט געענדערט. זי — געבוירן אין היגן לאַנד, דאָס ערשטע קינד ביי אַריבערגעקומענע עלטערן. דערצויגן געוואָרן אין אַן אָרעם הויז ביי אַ פרומען טאַטן. דער אָרעמער פאָטער אַרבעט שווער ביי וועב־שטילן אין אַ וועבעריי, און תמיד פעלט אויס אויף דירה־געלט, אויף קליידונג, אויך אויף שפייז. זיי האָבן נישט מיט וואָס צו באַצאָלן אַ דאָקטאָר. ס'איז אַ לעבן פון נויט און דחקות, וואָס איז איר ביז גאָר דערווידער. באַגערט זי דעריבער אַ שידוך מיט פראַקטישע אויסרעכע־נונגען. אַ שידוך, וואָס זאָל דערפירן צו אַן אַנדער שטייגער לעבן, ווי עס איז דעם פאָטערס. דאָס אָבער צו וואָס זי שטרעבט, האָט זיך ביז היינט נישט געמאַכט. זי האָט קיין מזל נישט, שוירלי, צו רייכע יונגעלייט. די וואָס ווילן זי, איז איינער אָרעמער פון אַנדערן, און שלום איז דער אָרעמ־סטער. ביים טרעפן זיך איצט אין די אָוונטן, דערמאָנט זי דאָס אים. ער ענטפערט אָבער מיט אַ קורצן זאָג:

— אָרעמקייט? מיך שרעקט דאָס נישט.

— מיך, יאָ!

זי וואָלט וועלן ער זאָל זיך ענדערן, זיך צופאַסן צום היגן לעבן, ווערן פראַקטישער. לעצטנס איז צו איר דערגאַנגען וועגן אַ סך טוערס אין דעם אַרבעטער־קלוב, וואָס זענען געוואָרן באַלעבאַטים פון וועבערייען, און זי וואָלט וועלן ער זאָל דאָס אויך טאָן.

— אויב אַזעלכע טוערס ווי הערש, לייב, מנחם און פיל אַנדערע ווערן זעלבשטענדיק, איז פאַר וואָס אויך נישט דו?

— כ׳בין נישט ווי זיי — איז שלום געוואָרן אויסער זיך — אַזאַ ווי איך בלייבט שטענדיק דער זעלבער.

— ס׳מיינט דעריבער — איז זי אים נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער — זיך פאַראורטיילן אויף אייביק צו אַן „אַך און וויי לעבן״, ווי דאָס איז ביי מיינע עלטערן. אויף דעם בין איך נישט גרייט.

שלום האָט גלייך נישט געענטפערט. שוירלי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער איז אויסן מיטן שווייגן און זי האָט ממשיך געווען:

— פאַרשטייסט דאָך, שלום, אַז חתונה־האָבן איז נישט קיין קינדער־שפּיל. דאָס האַרץ שרעקט מיך צו גיין אויף אַ גליטשיקן וועג פון בלויז אידעאַליזם...

— כ׳פאַרשטיי צו וואָס דו שטרעבסט, שוירלי, און ס׳איז גוט, וואָס דו זאָגסט עס מיר — האָט שלום פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף זיך מיט איר אויף תמיד געזעגענען. ווארעם, וואָס אַנדערש בלייבט אים צו טאָן? דער אַנהייב איז געווען הערלעך, שיין. ער — יונג, זי — יונג, צינדן זיך גרינג הערצער, און מען זעט זיך אינעם ליכטיקן שיין פון ליבע, פלאַטערנדיק אין אַ נישט־ווירקלעכע וועלט. אין אַ וועלט פון פאַנטאַסטישן כישוף, ווו ס׳איז גרינג צו דערגרייכן יעדן פאַרלאַנג און ווונטש. האָט זיך אים דאָך אויסגעוויזן, אַז שוירלי וועט טיילן זיין גאַנג אין לעבן. איצט איז זי, פונקט ווי ער, אויסגעטשוכעט פונעם ליבעס־טשאַד און ביידע שטייען זיי ביים האַרטן טויער פונעם ווירקלעכן לעבן. זי פאַרלאַנגט איצט פון אים צו ברענגען אַ קרבן. יאָרן־לאַנג, פון די סאַמע יינגלשע יאָרן, געליטן און געקעמפט. און דאָ פאַרמעסט ער זיך מיט נאָך מער כוח אַריינצוּוואַרפן זיך אין די קאַמפן פאַר די אונטערדריקטע, פאַר רעכט און יושר, פאַר אַ וועלט אַ שיינע, פאַר אַ וועלט אַ פרייע, טאַ ווי קאָן ער דאָס אַלץ וואַרפן אויפן מזבח פון דער הייראַט, און זיך אונטערגעבן צו דעם וואָס איז קעגן תוך פון זיין לעבן? ניין, ס׳איז איבער זיינע כוחות דאָס צו טאָן! און אויב ברענגען אַ קרבן, זאָל דער קרבן זיין די הייראַט זיינע.

ער האָט עס אָבער שוירלין נישט געזאָגט. און ס׳איז נישט געווען נייטיק דאָס צו זאָגן. דאָס האָבן זיי געפילט אין די קאַלטע האַנט־דרוקן

ביים געזעגענען זיך.ביידע האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז זיי צעשיידן זיך אויף אייביק.

— אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוטע נאַכט!

נאָכן אָפּפירן שוירלין צו דעם הויז פון אירע עלטערן, איז שלום אַוועק אין דער שפּעטער נאַכט־שעה צו אַ מיטינג אינעם אַרבעטער־קלוב.

פֿאַר אַ וועלט אַ שיינע, פֿאַר אַ וועלט אַ פֿרייע

נאָכן טראַגישן פונאַנדערגייען זיך מיט שוירלין, איז פֿאַר שלומען געווען פיינלעך דער גאַנג צום אַרבעטער־קלוב. וואָרעם זייענדיק אין די יאָרן בעת מען זעט אַלץ מיטן שיין פון חלום און טרוים, האָט ער דער יונגער שוירלין מיט די תמיד־שמייכלענדיקע אויגן, געזען מיטמאַרשירן אין זיינע הייליקע קאַמפן פֿאַר אַ שענערער וועלט. דער שפּרונג אירער אויף צוריק, האָט אים אָבער געעפנט די אויגן צו זען דעם טעות און צו פֿאַרשטיין, אַז זי איז נישט גרייט צו לייגן דעם קאָפּ אויף די האַרטע קישנס פון אַן אָרעם לעבן.

ס׳איז געווען אַ פיינלעכע איבערלעבעניש, וואָס לאָזט זיך אַזוי שנעל נישט פֿאַרגעסן, און ער האָט עס נישט געקאָנט פֿאַרגעסן. יאָ, ס׳טוט וויי. צום גליק איז אים אָבער געקומען אויף די געדאַנקען דער מיטינג אין אַרבעטער־קלוב. און אַז היינט וועט דאָרטן זיין וואָס צו הערן. דער מיטינג איז גערופן געוואָרן וועגן רוסלאַנד וואָס איז פֿאַרכאַפּט פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. דאָס רוסישע פֿאָלק האָט ענדלעך זיך דערוואָרט און איז אַרויס אין אַ הייליקן קאַמף קעגן די צאַרישע הערשער. עס ליכטיקט דער טאָג פון באַפרייאונג. אַזוי פיל יאָרן געוואָרט אויף דעם, און ס׳איז געקומען! זיין גאַנץ וועזן איז אַדורכגענומען געוואָרן מיט פריידן פון דער היסטאָרישער געשעעניש. אַ דערמוטיקטער האָט ער פֿאַרשנעלערט די טריט צום אַרבעטער־קלוב.

דער וועג אַהין האָט געפירט דורך אַ געגנט פון גאַסן און געסלעך מיט אָרעמע היימען. שפּאַנענדיק געזען ווי עס רוען זיך אין זיי איצט אויס די מידע ביינער פון די וועבערס, נאָך אַ לאַנגן אַרבעטס־טאָג אין די שעפּער. זיי

רועז, אָבער נישט ער. ער ווייסט נישט פון קיין רו. בייטאָג אין שאָפּ, אין אָוונט — מיטינגען. שוין יאָרן ווי ער טוט דאָס. אַזוי פון ייִנגלווייז אָן. איז פאַר וואָס טוט ער דאָס? פאַר וואָס ברויזט אַזוי אין אים דער גייסט? אפשר וואָלט ער פיל גליקלעכער געווען צו זיין ווי אַנדערע? אפשר איז זי גע־רעכט, שוירלי? איר חלום איז דער היינט, נישט דער מאָרגן. דער איצט, נישט די צוקונפט. אַזוי טראַכטנדיק, האָט ער זיך דערוויִיל געיאָגט וואָס גיכער אָנצוקומען צו דעם מיטינג...

ס׳איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט, סוף ווינטער, נאָך די קעלטן און שנייען. אין דער לופט האָט זיך שוין געפילט דער פרילינג. עס איז געוואָרן אַלץ טונקעלער. ס׳האָבן זיך געצונדן די גאַסן־לאָמפּן. די הייזער אין די געסלעך האָבן אויסגעזען איינגעבויגענע, ווי מענטשן אויף דער עלטער. די וועבעריי־שעפּער האָבן געפּוסטעוועט מיט אַ שווייגנדיקער מורא. איבערן הימל האָבן זיך געצויגן טשערעדעס בייכיקע וואָלקנס. פון מאָל צו מאָל האָט פון הינטער אַ וואָלקן זיך געוויזן ס׳בלייכע פּנים פון דער לבנה, און באַלד צוריק פאַרשוווּנדן הינטער דער פּעל פון אַן אַנדערן וואָלקן. פון ערגעץ האָט זיך געהערט אַ וויינענדיק קולעכל פון אַ קינד, אַן עופהלע, אויסגעמישט מיט אַ זינגענדיק מוטערלעכער שטימע, וואָס פאַרוויגט צום שלאָף. ס׳האָט נישט גענומען לאַנג און שלום איז אַרויף צו די ברייט־צעעפנטע אַריינגאַנג־טירן פונעם אַרבעטער־קלוב.

אַריינקומענדיק אין פאַרזאַמלונג־זאַל האָט שלום געטראָפן אַ גרעסערן עולם, ווי תמיד. נישט געווען קיין איבעריק אָרט צום זיצן. ס׳איז געווען אַ שטויסעניש, אַ געדרענג. אַ סך זענען געבליבן אין דרויסן, נישט קאָ־נענדיק אַריינקומען. ער האָט קוים באַוויזן זיך דורכצושפּאַרן אַ וועג צו דער רעדנער־טריבונע. ס׳איז געווען אַן אַרבעטער־עולם פון די וועבער־שעפּער, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אָרעמקייט און נויט, אין שטעט און שטעטלעך אין דער אַלטער היים און דאָרטן די ערשטע רעוואָלוציאָנערע דערציִאונג געקראָגן, די ערשטע שטרייקן דורכגעמאַכט, קעגן דער צאַרי־שער רעגירונג געקעמפט, אין תפיסות געזעסן, אין סיבירישע וויסטענישן פאַרשיקט געוואָרן, און האָבן דאָ ווייטער געשפּינען דעם רויטן פאָדעם אין די קאַמפן פאַר אַ בעסער לעבן. פאַר אַ וועלט אַ שיינע, פאַר אַ וועלט אַ פרייע.

אין דער ערשטער רייע אויף דער בינע זענען געזעסן די גוט־באַ־קאַנטע פּאַראַיינס־טוער אין שטאַט. יעדער פון זיי מיט אַ רעקאָרד פון גרויסע אויפטוען פאַר די ברייטע אַרבעטער־מאַסן. ס׳האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די געשטאַלטן פון די לאַנגיאָריקע טוערס: פון הויכן בערישן, פון לייבקען, הערשן, ברוכן, ביז צו דעם בלייכן גדליהן און שלומען. צווישן זיי האָט זיך געזען דער ספּעציעל־געקומענער פּאַרטיי־רעדנער פון ניו־יאָרק, דער חבר ליפּע.

דער זאַל איז געווען העל באַלויכטן. די שטימונג — אַ פייערלעכע און אַ נייגעריק־געשפּאַנטע, צו הערן דאָס געגאַרטע — אָט דאָס, פאַר וועלכן די מייסטע דאָ אין זאַל האָבן אָפּגעגעבן יאָרן פון זייער לעבן, אין די קאַמפן פאַר אַ באַפרייט רוסלאַנד.

געעפנט די פאַרזאַמלונג האָט דער פאָרזיצער פון דער שטאָט־פּאַרטיי, חבר שלום. מיט פלאַמיקע ווערטער האָט ער דערקלערט די באַדייטונג פון דער אויסגעבראָכענער רעוואָלוציע, פאַרן רוסישן פאָלק און פאַר אונדז יידן. נאָך אים האָט באַקומען אַ וואָרט דער פּאַרטיי־רעדנער פון ניו־יאָרק, חבר ליפּע. פון דער מינוט אָן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו ריידן, איז גע־וואָרן שטיל אין זאַל, גלייך ס׳וואָלטן זיך ביי אַלעמען אָפּגעשטעלט די אָטעמס. קיינער האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן. ווי צוגעשמידט איז דער עולם געזעסן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן צו דער רעדנער־טריבונע.

דער חבר ליפּע האָט פאַרשטאַנען וואָס עס טוט זיך איצט אין די הערצער פון דעם פאַרזאַמלטן עולם. די לעכצעניש פון די מענטשן צו הערן דאָס צויבערנדיקע וואָרט פון באַפרייאונג. איז דאָך אַזוי פיל בלוט פאַרגאָסן געוואָרן אויפן מזבח פון דער רוסישער רעוואָלוציע. דער חבר ליפּע האָט אָנגעהויבן ריידן מיט אַ קול, וואָס מען האָט קוים געהערט, אָבער מיט יעדער מינוט האָט זיך זיין שטימע געשטאַרקט און מעכטיקער זיך צעטראָגן איבער די קעפּ פון די פאַרזאַמלטע. זיין אויפברויז האָט מיטגעריסן די ווענט און דעם עולם אין זאַל. דער חבר ליפּע, פון הויכן וווּקס, איז אין ריידן אויסגעוואַקסן אַלץ העכער און העכער, און מיט די פייערדיקע אויגן געשפּיזט צום שונא אין ווייטן רוסלאַנד. ס׳האָט אויס־געזען ער רעדט נישט, נאָר דונערט אויס יעדעס וואָרט, און אַלע ווי איינער

האָבן מיטגעשטורעמט מיט זיין פייערלעכן רוף צו העלפן דעם רוסישן פאָלק אין הייליקן קאַמף פאַר אַ באַפרייט רוסלאַנד.

— „פאַר אַ רוסלאַנד, — האָט ער געדונערט, — וואָס וועט זיין אַ ביישפּיל פאַר דער וועלט! וואָס וועט אָפּשאַפן הונגער, נויט אוןליידן. וועט אָפּשאַפן מלחמות, בלוט־פאַרגיסונגען, שיסערייען, תליות. הייליק וועט זיין דאָס מענטשלעכע לעבן! מיט גלייכע רעכט פאַר אַלע, זיך אויסצולעבן ווי פרייע מענטשן אין אַ פריי לאַנד".

און נאָך מער האָט דער חבר ליפע געטראָפן אין די הערצער פון די פאַרזאַמלטע יידישע אַרבעטס־מענטשן, מיט דער פייערלעכער פאַרזיכע־רונג, אַז אין דער באַפרייאונג פון רוסלאַנד ליגט אויך די באַפרייאונג פון יידישן פאָלק זיך אויסצולעבן ווי אַ פאָלק צווישן פעלקער, מיט זיין שפּראַך און קולטור, מיט די זעלבע רעכט ווי יעדעס אַנדערע פאָלק אויף דער וועלט — — —

איינע פון די לעצטע

מיטן שפּראָץ אויף טאָג האָט שלום זיך געוועקט פונעם שלאָף. ער איז געוווען מיד, נאָך רעכט זיך נישט אויסגעשלאָפן, נו, איז וואָס? ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל, שוין צוגעוווינט אַהיימצוקומען שפּעט ביינאַכט פון פאַרזאַמלונגען, ס'איז אַ טייל פון זיין לעבן און מער ווי אַלע מאָל, האָט דער נעכטיקער מיטינג אים דערהויבן צו דער העכסטער שטופע פון באַגייסטערונג. ער האָט נישט געקוקט אויפן זייגער צי ס'איז פרי, שפּעט, וואָס מאָרגן איז אַן אַרבעטס־טאָג, וואָס אין האַרצן נאָגט אַ ווייטיק... דער עולם, די פייערלעכע רעדעס, האָבן געמאַכט פאַרגעסן אין אַלץ, אין אים באַלעבט מיט פרישן מוט און גלויבן. עס ליכטיקט מיט האָפענונגען — האָט ער געטראַכט, און דערמאָנענדיק זיך, אַז דערווייל שטייט אים פאַר היינט אַ שווערער טאָג אַרבעט אין הערצס וועב־שאַפּקע — האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

הערצס באַלמעלאָכעס שטייען שוין ביי די וועב־שטילן, פרויען — ביי זייערע מאַשינען. ס'פעלט קיינער נישט אויס. דער לעצטער איז געקומען שלום. ווען מען זעט נאָך נישט, איז הערצן, דעם באַלעבאָס. ביז דאָ

נישט לאַנג פֿלעגט ער קומען דער ערשטער, אָבער צוליב זיין קראַנקער פֿרוי, וואָס ס׳האַלט מיט איר שמאָל, קומט ער מיט שעהן שפּעטער, אָפּט — אין גאַנצן נישט. שוירלי פֿאַרנעמט דאַן זיין אָרט ביים אָנפֿירן מיטן שאָפּ. ענדלעך האָט דער זייגער געוויזן אויף דער פֿינקטלעכער מינוט צו לאָזן אין גאַנג די מאַשינען.

און אָט, ווי נאָר ס׳האָט זיך דערהערט דער שאָפּ־טומל, האָט זיך פּונעם אָפּיס באַוויזן די יונגע בוכפירערין, שוירלי, וואָס איז איצט, אין הערצס אָפּוועזנהייט, געווען די כמו־באַלעבאַסטע פֿון שאָפּ, מיט פֿאַראָרדענונגען וואָס אַלץ צו טאָן. מ׳האָט זי געזען ריידנדיק וועגן כלערליי שאָפּ־זאַכן מיט אַ וועבער, מיט אַ וועבערין, מיט אַנדערע אָנגעשטעלטע. אַזוי שפּאַנענדיק פֿון איינעם צום אַנדערן, האָט זי זיך מיט אַ מאָל, פֿון ווייטנס, באַגעגנט מיט שלומס בליק, פֿון וואָס זי האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן. אויך שלום האָט איר בליק נישט אויסגעהאַלטן. ביידע זענען אָבער גיך געקומען צו זיך און נאָך אַ ווײַלע, מיט מער פֿריידיקע אויגן געקוקט איינער אויפֿן אַנדערן. ס׳איז געווען ווי זיי וואָלטן זיך געזאָגט: ער — אויב ס׳איז נישט ווי מען וויל, איז בעסער איצט, איידער שפּעטער. זי — שווער צו באַשליסן. מען וועט זען וואָס ס׳וועט זיין ווייטער. דערווייל האָט זיך פּלוצים צע־קלונגען דער טעלעפֿאָן אינעם אָפּיס. שוירלי, איז אַריין ענטפֿערן אויפֿן רוף. דאָס מאָל איז אָבער שוירלי גיך צוריקגעקומען אַ בלייכע, אַ טויט־איבערגעשראָקענע און באַפֿוילן אָפּצושטעלן די אַרבעט.

די אַרבעטער, נישט ריכטנדיק זיך אויף דעם, האָבן מיט פֿאַרגאַפֿטע בליקן געקוקט אויף שוירלין, זי זאָל זיי זאָגן די סיבה פֿון אָפּשטעלן די אַרבעט. שוירליס אויגן זענען פֿול געוואָרן מיט טרערן.

— הערצס פֿרוי, טאַבע, איז געשטאָרבן!

ביים דערהערן די טרויעריקע נייעס, האָבן אַלע אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. הגם יעדער האָט געוווּסט ווי שמאָל עס האַלט מיט איר, און אַז מען קען דערוואַרטן דאָס ערגסטע, האָט אָבער די נייעס יעדן געטראָפֿן ווי מיט אַ זעץ איבערן קאָפּ. און נישט אומזיסט. ס׳איז נישט געווען איינער, וועמען ס׳זאָל נישט זיין באַקאַנט דער פֿאַרשטאָרבענערס גוטסקייט, די מעשים טובים אירע, דאָס אַרויסהעלפֿן דעם אָדער יענעם אין אַ צייט פֿון נויט. דאָס איז געווען — האָט מען געוווּסט — דער תוך, דער זין, פֿון איר

לעבן. מאַנכע האָבן אויך גוט געקענט טאָבעס מוטער, פון דער אַלטער היים, פון פינטשעוו, אין וועמען טאָבע איז, מיט איר שטענדיקער גרייטקייט אַרויסצוהעלפן נויטבאַדערפטיקע אין אַן עת־צרה, געווען געראָטן.

ס'האָט לאַנג נישט גענומען און די וועב־מאַשינען האָבן זיך אָפּגע־שטעטל. ס'איז אַנטשטאַנען אַ בית־עולמדיקע שטילקייט, ווי אַלץ און אַלע וואָלטן געטרויערט אויף דעם פאַרשניטענעם לעבן פון אַ פרוי, אַ צדקנית. דער עולם האָט גענומען פאַרלאָזן דעם שאָפּ, באַשטימענדיק צו קומען איינער ווי אַלע, צו דער לוויה. אַרויסגייענדיק האָבן מאַנכע געהאָט פאַר־וויינטע אויגן. עמעצער האָט אַ זאָג געטאָן:

— אַ טייערע נשמה געווען, די טאָבע, אַ צדקנית! זי וועט אויספעלן.

*

מיט אַ טאָג שפּעטער, אין אַ נאָכמיטאָג־שעה, איז פאָרגעקומען טאָבעס לוויה.

לאַנג פאַר דער באַשטימטער צייט האָט זיך שוין געקליבן אַן עולם אַרום דעם לוויה־טשאַפּעל. באַלד איז דער לוויה־זאַל איבערגעפּאַקט געוואָרן מיט מענטשן און מער נאָך זענען געבליבן אין דרויסן, נישט קאָנענדיק זיך אַריינשפּאַרן. ווי נאָר אַ קרוב, ווי נאָר עמעצער פון הערצס וועב־שאָפּ, אַלע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע און אַ געוויסע צאָל הערצס פריינד פון דער ביזנעס־וועלט — זענען געקומען איר אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד.

פון די ערשטע איז געקומען לאָהקע די שמשטע. זי איז געזעסן, נישט אויפהערנדיק אַ מינוט צו וויינען, און ס'האָט נישט געהאָלפן דעם מאַן, ר' ברוכן, דעם שמש, צו באַרואיקן זי. פון די ערשטע איז אויך געווען צו זען שוירלין מיט די עלטערן. אויך שלום, און די אַלע פרויען און מענער אין די וועברישע געגנטן, וועמען די פאַרשטאָרבענע איז געווען באַקאַנט מיט איר גוט האַרץ, מיט העלפן אָרעמע וועבערס.

איינער פון הערצס פריינט, אַ ייד אַ גביר, האָט מיט שטוינונג גערעדט:

— דאַכט זיך, אַזאַ פּשוטע פרוי געווען, די טאָבע, און ס'איז אַזאַ טרויער, אַזאַ געוויין ביי איר לוויה. ס'זענען דאָך געקומען די בכבודיקסטע יידן פון דער שטאָט און אַזוי פיל שבחים מיט וועלכע מען לויבט דער פאַרשטאָרבע־נער, האָט מען נישט געהערט.

ליכט און שאָטנס

מער פון אַלע האָט געחורבנט לאהקע די שמשטע:

— אוי, ווי זי וועט מיר אויספעלן!

אין דער צעבראָכנקייט האָט הערץ נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך מיט אים. ס׳האָט אים וויער געהאַלטן ביי אַן אָרעם, פירנדיק צו אַ קאַר. בעת מעשה האָט ער געפילט, ווי עס נעמט אים ווידער באַמבלען אין מוח די רייד פון טאָבעס מוטער, אינעם חתונה־טאָג מיט טאָבען:

— הערץ טייערער, מיר גיבן דיר... דו ביסט איצט...

הינטער אים האָט אַ פרוי געזיפצט:

— אַך, אַך, טאָבע, וויי, וויי!...

באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ

הערצס געוויסן איז רייך. ער האָט געהאַלטן וואָרט און געלאָזט זיך קאָסטן ביזן לעצטן דאָלאַר זי געזונט צו מאַכן. נישט נאָר ס׳איז אַוועק זיין געלט, נאָר אויך דאָס אַנגעליענע ביי משפּחה. די קראַנקייט האָט אים אויסגעליידיקט. וואָס ער קען יאָ נאָך אָנרופן זיינס, איז דאָס שטיקל פּאַב־ריקל. ער איז אויך מער נישט זיכער, צי ער וועט בלייבן ביי דעם.

בעת דער קאָפּ זיינער איז געווען פאַרדרייט מיט דער פרויס קראַנקייט, איז צוגעקומען נאָך אַ צרה — אַ קריזיס אין דעם זיידן־פאַך, און אַזאַ לאַנג־דויערנדיקער, אַז ער וואָלט באַדאַרפט צו האָבן קורחס אוצרות אויסצו־האַלטן די שלעכטע צייט. טאָ פון וואַנען זאָל ער איצט נעמען פריש געלט? און אָן דעם איז ער אַ פאַרלוירענער. הלוואַי ס׳זאָל זיך אויסלאָזן גוט, ס׳זאָל חלילה אים נישט דערפירן צו אַ באַנקראָט. און ווער ווייסט צו וואָ־סערע נאָך צרות...

הערץ, וואָס האָט, זינט ער איז אין די ביזנעס, שוין נישט איין קריזיס דורכגעמאַכט, זוכט צו דערגיין דעם סוד פון דעם איצטיקן; צי ס׳איז צוליב אַזאַ אָדער עפּעס אַן אַנדער סיבה, וואָס איז גורם צו דער בהלה.

דערווייל איז ביטער, וואָס ערגער קאָן גאָר נישט זיין. אפילו בחצי חינם איז אוממעגלעך צו פאַרקויפן אַ ביסל זיידנצייג. נישטאָ קיין קונה אויף אַ רפואה, דער לאַגער מיט סחורה ברעכט זיך אַזש, די וועב־מאַשינען וועבן נאָך. אַנשטאָט אַ פולע וואָך, אַרבעט דער שאָפּ בלויז עטלעכע שעה אַ טאָג, און

דאָס איז שוין אויך צו־פיל. צו לייען האָט ער שוין נישט ווו. ער איז אַזוי אויך געגוג פאַרמשכונט. דער חלף ליגט אים אויפן האַלדז, און ער איז שוין מיד פון אַריינקלערן וואָס צו טאָן.

שוירלין ווייטיקט דאָס האַרץ ביים אַ בליק טאָן אויפן באַלעבאָס. זינט זי אַרבעט מיט אים געדענקט זי נישט, זי זאָל אים האָבן ווען געזען אַזאַ צערודערטן ווי היינט. דער שאַפּ ווערגט אים, ער איז נערוועז און לאָזט צו זיך נישט ריידן. אָט האָט איינער פון די באַלמעלאָכעס אויף עפּעס זיך באַקלאָגט, איז ער אויף יענעם אָנגעפאַלן מיט אַ מבול־רייד, וואָס זענען אים נאָר געקומען אין מויל אַריין:

— וואָס דרייט איר אַ מוח, כ׳וויל גאָר נישט הערן, אַ וואָרט נישט! נעמט אייך דעם שאַפּ, אויב איר ווילט... שוירלי איז די איינציקע צו וועמען ער רעדט נאָך אויס אַ רואיק וואָרט. וואָס שייך אַנדערע איז בעסער, אַז מען רעדט איצט מיט אים וואָס ווייניקער...

ס׳איז ביטער. האַרץ וויל אָבער דאָך נישט פאַרלירן דעם שאַפּ, און ווידער פילן דעם טעם פון באַדאַרפן אַרבעטן ביי יענעם. אָ, ווי ער קאָן נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן די טרויעריקע צייט אין די גרינע יאָרן. די האָרע־וואַניע מיטן אָפּגעציילטן דאָלאַר, און מיטן צרהדיקן, געמאַטערטן לעבן, וואָס ליגט אים נאָך אין די ביינער ביזן היינטיקן טאָג. אָ, ווי ער וואָלט נישט וועלן צוריקקומען צו דעם! טוט ער, וואָס ער קאָן נאָר, צו ראַטע־ווען דעם שאַפּ. וואָרעם, כל־זמן ס׳פאַבריקל איז נאָך דאָ, איז נאָך פאַראַן אַ האָפענונג. לויפט ער אַרום טאָג־איין טאָג־אויס אין בענק, וויל לייען וויפל מ׳וועט נאָר געבן, און קומט צוריק אין אָפיס מיט ליידיקע הענט. ער דערציילט שוירלין:

— מען זאָגט אָפּ. אַפילו אַ קורץ־טערמיניק הלוואהלע זאָגט מען אָפּ. כ׳וועל פון זינען אַראָפּ, וואָס טוט מען?

ס׳האָט געפעלט אַ האָר ס׳זאָל ווערן אויס מיט הערצס שאַפּ. און דאָס פאַבריקל וואָלט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די בעלי־חובות זיינע. האָט אָבער אויף דער וועלט עפּעס אומדערוואַרטס פּאַסירט, אַזעלכעס, וואָס דער קליגסטער מענטש האָט עס נישט פאָרויסגעזען. געשען איז אָט וואָס: אין אַ לאַנד אויף יענער זייט ים האָט זיך דערהערט אַ רעוואָלווער־שאָס,

און דער שאָס האָט אָנגעצונדן די וועלט מיט מלחמה־פלאַמען. און דאָ אַהער, אין היגן לאַנד, איז אָנגעפאָרן ווי אויף אַ גאָלדענער קאַרעטע, אַ גרויסער פּראָספּעריטי וואָס איז אויך דערגאַנגען צו די וועבעריי־שעפּער.

הערץ איז ווי פון אַ קבר אַרויס. ס'האָט נישט גענומען לאַנג און ער איז שוין געשטאַנען צוריק אויף די פיס. וואָרעם, פּונקט ווי ס'איז פריער מיט יעדן טאָג געוואָרן ערגער, איז איצט מיט יעדן טאָג געוואָרן בעסער. די פּרייזן אויף זיידנצייג זענען געשטיגן אָן אויפהער און די ריזיקע לאַגערן מיט סחורות זענען צעגאַנגען ווי אייז אין אַ זומער־טאָג. די שעפּער אַרבעטן אַ גאַנצן מעת־לעת און קאָנען נישט אָניאָגן די באַשטעלונגען. וויפל מען וועבט, איז אַלץ צו ווייניק. ס'איז אַלץ געוואָרן מיט גאָלד צו גלייך. הערץ קאָן זיך קיין עצה נישט געבן. דער שאָפּ איז געוואָרן צו קליין, און ער האַלט אים אין איין פאַרגרעסערן מיט נאָך הונדערט, מיט צוויי הונ־דערט, מיט פינף הונדערט וועב־שטילן. און ס'איז אַלץ נישט גענוג. ס'זעט אויס, ווי דאָס מזל זיינס וואָלט איצט מיט אַ פולער האַנט אים באַלוינט פאַר דעם טרויעריקן נעכטן, און אָנגעגרייט אים אַ ליכטיקערן מאָרגן.

*

אויפן אָרט פון שוירלין אַרבעט איצט אין אָפּיס אַ נייע בוכפירערין. און נישט איינע, נאָר עטלעכע. זי, שוירלי, איז איצט הערצס פרוי. די באַלעבאָסטע פון אַ רייך הויז, אין אַ געגנט, וואָס איז באַוווינט פון די פאַרמעגלעכסטע מענטשן פון שטאָט.

אַ יאָר נאָך טאַבעס טויט איז געווען די חתונה. ס'איז געקומען גרינג צו דעם שידוך. ס'איז געווען ווי אַ באַשערטע זאַך. באַשערט געווען הערצס פרוי זאָל קראַנק ווערן, זאָל שטאַרבן. באַשערט געווען, וואָס שוירליס ראָ־מאַנסירן מיט די, וואָס האָבן זי געוואָלט, האָט צו גאָרנישט דערפירט. ס'אויסגיין מיט שלומען האָט אויך צו גאָר נישט דערפירט. דערצו איז ער אַן אַנטוישטער מיט אַלץ און אַלעמען אין היגן לאַנד. אַוועק צו דער רעוואָלוציע אין וויטן רוסלאַנד, און זי זעט אים נישט מער. אויך באַשערט געווען, וואָס צוליבן צופאַל מיט דער פרויס קראַנקייט, האָט הערץ זי באַ־שטימט צו זיין ווי אַ כמו־באַלעבאָסטע איבערן שאָפּ, און זי האָט געפילט, אַז מיט דער צייט קען קומען דערצו, זי זאָל אויך ווערן צו אַלץ אַ שותּפטע, אויב זי וועט עס נאָר וועלן...

דעריבער איז הערצן נישט אָנגעקומען צו־שווער צו געווינען איר האַרץ. ס׳איז געווען ווי זי וואָלט געוואַרט ער זאָל זי נעמען, און נאָכן פאַרזוכן דעם טעם פון „גוד־טאַימס״, דעם טעם באַהאַנגען צו ווערן מיט דימענטן, קרעלן, שנורן פערל, דעם טעם צו טראָגן די טייערסטע קליידער, און פאַרשאַפן וואָס ס׳האַרץ ווינטשט נאָר — מיט דעם האָט הערץ זי געפאַנגען.

איצט איז שוין אַ יאָר נאָך דער חתונה. איז זי גליקלעך? דאַכט זיך, שוין צייט זי זאָל דאָס וויסן.

זי קען זאָגן יאָ, און ניין.

יאָ, מחמת, פאַר וואָס דען נישט? ס׳רייכקייט איז איבערן קאָפּ, וווינט אין אַ הויז — אַ פּאַלאַץ, מיט די טייערסטע מעבל און אַנטיק־זאַכן אין יעדן צימער, אין יעדן ווינקל. מיט טעפּיכער און בלומען און מיט זעלטענע בלומען־פּלאַנצן, ווי אין אַ כישוף־גאָרטן. מיט הענג־ און אַבאַזשור־לאָמפּן פון טייערסטן גלאָזוואַרג. געלט מיינט גאָר נישט און זי, שוירלי, וואַרפט זיך מיט דעם, גלייך ס׳וואָלט געווען זאַמד. קויפט אָן זאַכן, קליידונג, צי זי באַדאַרף עס יאָ, צי נישט. ס׳איז ווי זי וואָלט נקמה גענומען אין די יאָרן פון איר אָרעמען לעבן, ווען זי האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין איבעריקן דאָלאַר זיך צו קויפן אַ לייטיש קלייד. און נישט נאָר קאַרגט זי זיך נישט, נאָר טיילט זיך אויך מיט די אָרעמע עלטערן, און ווו נאָר מיט אַן אָרעמען קרוב, צי מיט הערצס, אָדער אָן זיין וויסן. גיט זי יעדן מיט אַ פולער האַנט.

— כ׳האָב גענוג — בעט זי זיך מען זאָל דאָס ביי איר נעמען — פּאַ, מאַ, איר באַדאַרפט עס, כ׳ווייס, נעמט, כ׳האָב גענוג!

ניין, קען זי זאָגן, מחמת, טראָץ דעם רייכן לעבן מיט אַלע גוטע זאַכן, מיטן גאַנצן ווילטאָג און מיטן הויז אַ פּאַלאַץ — פעלט עפּעס. ס׳פעלט כ׳זאָל זי ציען צו הערצן ווי ס׳האָט זי געצויגן צו שלומען. שלום, דאַכט זיך איר איצט, איז געווען מער ווי דאָס, וואָס הערץ גיט. זי האָט דאָס אָבער פריער אַזוי גוט נישט פאַרשטאַנען, ווי זי פאַרשטייט דאָס היינט, און מיט יעדן טאָג אַלץ מער און מער...

איז, בעת הערץ שטעלט מיט זיך פאַר אַ פאַרקערפּערונג פון אַן אַ שיעור חסרונות, מיט די זיטן און מאַניערן זיינע, מיטן אופן ווי ער עסט,

שלאָפט, מיט דער עלטער, וואָס ער האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן, אויס־זעענדיק באַלד ווי ער וואָלט געווען איר פֿאָטער, ווי אויך מיטן ריידן ס'היגע לשון מיט נאָך אַלץ אַ היימישן אַקצענט, נישט אויסריידנדיק נאָך אַלץ ריכטיק אַן ענגליש וואָרט, גלייך ער וואָלט ערשט אין לאַנד געקומען. זי זאָגט אים כמעט די זעלבע רייד מיט וועלכע ער פלעגט ריידן צו טאָבען. ס'טויכט אויף דאָס שיינע, יוגנטלעכע געשטאַלט פון שלומען מיט די פֿאַר־חלומטע אויגן און טרוימערישע רייד וועגן... וועגן... און אין האַרצן נעמען ציען די אַדערן פון בענקשאַפט און לעכצענישן צו אים.

נאָר שוירלי זאָגט גאָר נישט. ס'מויל עפנט זיך נישט צו זאָגן אַ וואָרט. ער טוט וואָס ער קען, זי גליקלעך צו מאַכן, און זי איז נישט גליקלעך. ווען ער פרעגט עפּעס, ציט זי מיט די פּלייצעס, און ער ווייסט נישט וואָס דאָס מיינט. ס'פּנים איז תמיד אָנגעצויגן מיט גרימאַסן פון פאַרדרוסן און ביטערנישן. אויף וואָס פאַרדריסט איר? ער קען נישט זאָגן, אַז זי איז צו אים אַ שלעכטע פרוי. ער זעט אָבער ווי יעדעס מאָל ביים נאָכגעבן אַ פאַר־לאַנג זיינעם, שטעלן זיך איר טרערן אין די אויגן. זי טרייבט אים נישט פון זיך, נאָר וויינט, און הערץ האַלט אין איין בעטן זי זאָל זאָגן וואָס איר איז:

— באַהאַלטסט עפּעס פון מיר, שוירלי? זאָג, וואָס איז דיר? נישט געזונט? אָדער אפשר... אפשר...

ווי די וואַנט שטומט, אַזוי שטומט שוירלי

*

נאָך אַ פּאָר יאָר ברענען, האָבן די פלאַמען פון דער וועלט־מלחמה זיך געלאָשן. פאַרשטומט זענען געוואָרן די שיסערייען, ס'פּראַלן פון האַרמאַטן, ס'דונערן פון עראָפּלאַנען. אויף די שלאַכט־פעלדער איז טויט־שטיל. דער טשאַד פון פייער און רויך הייבט זיך צו די וואָלקנס . די אומגעקומענע נעמט צו די ערד, די אַרמייען ציען זיך אַהיים, מ'טאַנצט אין די גאַסן, ווער עס פרייט זיך, ווער עס וויינט. ס'איז ווידער שלום אויף דער וועלט און פרידן אויף דער ערד.

מיטן סוף פון קריג איז נאָך עפּעס געקומען צו אַן ענדע — די גרויסע פּראָספּעריטי. לויטן שכל, האָט נאָך אין די זיידן־וועבערייען באַדאַרפט

אָנהאַלטן די פּראָספּעריטי אַ לענגערע צייט, מחמת די וועלט איז חרוב און נאַקעט, און נייטיקט זיך נישט ווייניקער אויך אין באַקליידונגס־זאַכן. אַ פאַקט, עס איז טאַקע נאָך אַלץ גוט. די שעפער אַרבעטן מיט דער זעלבער טעמפּאָ. די פּרייזן אויפן זיידנצייג זענען נאָך געגנוג הויך און ס׳איז גרינג עס צו פאַרקויפן. נישטאָ קיין סיבה זיך צו באַקלאָגן.

הערץ בויט פאַר זיך אַ ניי הויז אין דער שענסטער געגנט פון שטאָט, וואָס וועט זיין עפּעס אַזעלכעס און אַזעלכעס, און נישט בלויז דאָס. דער קאָפּ וואָס אַרבעט אויף נאָך אַ סך זאַכן און פּלענער, וואָס ער האָפט מיט דעם צוצוטרעפן צום האַרץ פון דער פרוי, און אַרויסהייבן זי פון דער שווערער שטימונג. אין געלט איז קיין מניעה נישט, ער פאַרמאָגט געגנוג צו קענען זיך עס פאַרגינען.

איז ער, הערץ, יעדן פרימאָרגן אויפגעשטאַנען מיט אַ נייעם פּלאַן צו טאָן דאָס און דאָס, וואָס נאָר געלט קען קויפן, און נישט באַמערקט ווי אין איינעם אַ טאָג האָט מיט אַ מאָל דער הימל אַ טונקל געטאָן, און עס האָבן גענומען בלאָזן קאַלטע ווינטן אין דער לופט פון די זיידן־שעפער, און ווען ער האָט עס דערזען, האָט ער זיך שוין געפינען אין די לאַפּעס פון אַ נייעם קריזיס און דאָס מאָל אַזאַ שרעקלעכער, גלייך אַ מחבל וואָלט זיך אַראָפּגע־לאָזט איבער דער שטאָט און איבערגעקערט אַלץ קאַפּויער.

ס׳איז אַנטשטאַנען אַזאַ מוראדיקע דעפּרעסיע, וואָס האָט אָפּגעווישט די גרעסטע פאַרמעגנס און פאַראָרעמט די גרעסטע באַלעבאַטים. פון די קלענערע איז אָפּגערעדט; זיי זענען געווען די ערשטע אויפן פייער. נישט בעסער האָט אָפּגעשניטן הערץ, אויך ער האָט זיך געפינען ווי אַריינגעכאַפּט אין אַ פּאַסטקע. דאָס פאַלן פון די פּרייזן האָט געמאַכט כמעט אַלץ ווערט־לאָז, באַזונדערס, ס׳זיידנצייג און די וועב־מאַשינען אין די שעפער אַזוי, אַז וואָס ער האָט פאַרמאָגט, איז מער נישט געווען זיינס, ער איז אויף דעם שולדיק געווען מער, ווי ס׳האָט געהאַט אַ ווערט. ער האָט אָבער אַלץ געקעמפט זיך צו האַלטן אויף די פיס מיט דער האָפענונג, אפשר... אפשר וועט ווידער, ווי דאָס האָט שוין געטראָפן פריער, די צייט זיך בעסערן, און ער וועט זיך ראַטעווען פון דער פּאַסטקע. האָט ער דעריבער געהאַלטן אין איין צוטראָגן נישט נאָר זיינס, נאָר אויך אויף וואָס ער האָט געקענט קריגן געבאָרגט אַ דאָלאַר: ס׳צירונג, זיינס, דער פרויס, ס׳איז אָבער

אַלץ געפֿאַלן ווי אין אַ לעבערדיקן זאַק, און צום סוף געבליבן מיט אַ נישט פֿאַרענדיקט הויז און מיט אַ שלאָס אויף זיין שאָפּ.

דער שאָפּ איז מער נישט זיינער, און ער ווייסט, הערץ, אַז ס׳איז נאָך מיט דעם נישט געענדיקט. די צרות הייבן זיך ערשט אָן... די שטימונג ביי אים איז אַזאַ דערשלאָגענע, ווי צו נעמען זיך דאָס לעבן, און ער גייט גאַנצע טעג אַרום מיט אַ בייז האַרץ אויפֿן מזל זיינעם. אַט ערשט געווען אין דער הייך, און ווידער אונטן. ס׳גאַנצע לעבן זיינס איז אַזאַ: אַט אונטן, אַט אין דער הייך און אַט ווידער אונטן.

נישט די וועלט, נישט יענע וועלט

אין יענע טעג האָט הערץ איבערגעלעבט די שווערסטע צייט פֿון זיין לעבן. ער איז אַרויס פֿון קריזיס מיט אַ בלויז העמד אויפֿן לייב. ס׳פֿאַרמעגן איז פֿון לאַנג שוין אַוועק מיטן ווינט; אויפֿן שאָפּ הענגט אַ שלאָס. ס׳הויז איז מער נישט זיינס, גאָר נישט איז היינט זיינס. אַלץ אָפּגעגעבן, געבליבן אַ ריינער אָרעמאַן מיט ערגערנישן פֿון אַלע זייטן, מיט זאָרגן, וואָס שפּאַרן דעם מוח. און הגם ער האָט פֿאַרמאָגט מער נישט ווי דעם דלות, ציט מען ביי אים אַרויס די נשמה מיט די געריכט־פֿאַרהערן צו ענטפֿערן אויף דער באַנקראָט־אָנקלאַגע, דאַכט זיך גענוג צרות פֿאַר איין מענטשן. אָבער כדי דער בעכער זאָל זיין פֿול, האָלט אויך די פּרוי ביים פֿאַרלאָזן אים. וואָלט ער געהאַט מוט, וואָלט ער מער אויף דער וועלט נישט געווען.

ער איז יעדן טאָג אין געריכט. יעדן טאָג שטעלט מען אים די זעלבע פֿראַגן. יעדן טאָג פֿאָרשט מען פֿון דאָס ניי, צי ער פֿאַרמאָגט נאָך עפּעס, און ווען זיי קאָנען, וואָלטן זיי אים אויך דאָס העמד פֿון לייב אַראָפּגענומען. טאָ ווי לאַנג וועט ער דאָס קאָנען אויסהאַלטן?

פֿון די געריכט־פֿאַרהערן קומט הערץ אַהיים מיט נאָגענישן זיך צו צעוויינען. ס׳ציט אים צו דערציילן פֿאַר עמעצן וואָס ער מאַכט אַדורך ביי די אויספֿאָרשונגען. האָט ער אָבער נישט פֿאַר וועמען צו ריידן. שווירלי האָלט פֿאַרמאַכט די אויערן. איז אים די וועלט ענג, אַ שטייגער, ווי דאָס מזל טוט אים נאָר צו להכעיס, טאָ וואָס וועט העלפֿן ס׳ערגערן און ס׳גריזשען זיך? זאָל עס גיין ווי עס גייט. ס׳איז ווי ער וואָלט זיך געזאָגט: ס׳גייט

נישט גוט ? — וועמען אַרט עס ? בין איך אַן אביון ! די פרוי האַלט מיך ביים פּאַרלאָזן ? — זאָל זי. כ׳וועל נישט וויינען, אויב אפילו די וועלט זאָל אונטערגיין.

אין די פרימאָרגנס ווערט הערצן אַ ביסל גרינג אויף דער נשמה. מיטן שפּראָץ אויף טאָג וועקט ער זיך פון שלאָף, שפּאַנט אַריין אין פראָנט־צימער פון דער וווינונג, נעמט אַרויס פון דער ספרים־שאַפקע אַ ספר. שוין לאַנגע יאָרן ווי ער האָט קיין ספר אין האַנט נישט געהאַלטן. דער יצר־הרע צו רייכטום, די יאָרן פון וווילטאָג, די פּראָספּעריטי, דאָס לעבן פול מיט כל־טוב, האָבן פאַרנומען דאָס אָרט פון די ספרים. איצט ציט אים ווידער צו די הייליקע בלעטער, און ער נעמט לערנען ווי אין די בחורישע יאָרן, פאַרן פאַרלאָזן די אַלטע היים. מיט אַ פרומען זינגענדיקן ניגון, הויך אויפן קול. פלוצים ציטערט ער אויף ביים דערבליקן אַ פּאָר שורות אין אַ גמרא, ווי מיט זיי וואָלט מען געמיינט אים צו טרעפן :

— א־ד־ם ד־ו־א־ג ע־ל א־ב־ד־ן...

אין הויז איז פרימאָרגנדיק שטיל. דורך די פענצטער דרינגט אַריין אַ בלענדיקע שיין פון דער זון. ס׳איז נאָענט צו די ימים־נוראים. באַלד, באַלד, און עס וועלן זיך שטעלן די הייליקע, פאַרכטיקע טעג פון חשבון־הנפש...

הערץ רייסט איבער דאָס לערנען, און ווי נאָר ער טוט עס, אַזוי לעשט זיך דער ליכטיקער שיין פון ספר, און ס׳האַרץ נעמט ווידער ווערן טרויע־ריק געשטימט, און דער טרויער ווערט נאָגנדיקער ביי אַ בליק טאָן אין דרויסן. ס׳איז האַרבסט, קאַלט. בלעטער פאַלן פון דיביימער, ערשט געבליט, שוין אָפּגעבליט. טונקעלער ווערן די טעג, און דער ווינט שרעקט מיטן אָניאָגן ווינטערדיקע טעג.

יאָ, ער איז אויפן וועג, דער ווינטערדיקער גאַסט, און הערצן ווערט באַצייטנס קאַלט.

ער וויל זיך צוריק פאַרטיפן אין די הייליקע ספרים און קאָן נישט. די הפסקה איז נישט געווען צום גוטן, האָט אָפּגענומען דעם חשק. ס׳איז שווער שוין צו באַוועגן די אויגן. ער איז מיד. דער מוח איז צערייצט, און צווינגט צו טראַכטן פון וואָס ער וויל נישט. מיט יעדן מיש פון אַ בלאַט, מישן זיך אויך די געדאַנקען, און אַלץ מיט די זעלבע פראַגן און מיט די

זעלבע ענטפערס: די פרוי פאַרלאָזט אים? — נו, זאָל זי! מ׳חוקרט אים נאָך אַלץ — זאָל מען! ער האָט דאָך אַלץ אָפּגעגעבן, טאָ וואָס וויל מען פון אים? וואָס ווייטער. מען באַדאַרף דאָך עסן! צו וואָס ציט אים איצט? — לגמרי צו גאָר נישט! וואָס ער וואָלט יאָ זיך געוווּנטשן איז — צו אַנט־לויפן פון דער שטאָט, פון אַלץ און אַלעמען, און זיך באַזעצן ערגעץ אין אַ ווילדעניש, וווּ ס׳זאָל נישט זיין, און צווישן ווער ווייסט וואָסערע מענטשן, און דאָרטן פאַרענדיקן די פּאָר יאָר פון זיין לעבן.

*

דער געדאַנק צו פאַרלאָזן די שטאָט, איז הערצן אַריין אין קאָפּ. נישט האָבנדיק מער הינטער זיך קיין אָנשפּאַר־פּונקט: נישט דעם אידעאַליסטישן באָדן, וואָס אין די „גרינע״ יאָרן פון אַ קעמפער פאַר די אַרבעטער אין די שעפּער, אַן אויסגעשפּיגענער אויך פונעם מויל פון דער רייכער וועלט, האָט ער געשוועבט ווי אין אַן עולם־התוהו און ס׳האָט אים געצויגן זיך צו טראָגן מיטן ווינט ווו ס׳זאָל נישט זיין, און דאָרטן ענדיקן רואיק זיין לעבן.

אין איינעם אַ טאָג האָט ער פאַרלאָזט די שטאָט. ס׳איז געווען נאָך דעם ווי די פרוי איז פון אים אַוועק. שוירלי האָט עס געטאָן אויף אַ ווירדיקן אופן, אָן טענות. נאָכן געזעגענען זיך מיט די פּאָר פריינד און קרובים, האָט ער זיך אַריבערגעקליבן אין אַ ווייטער הינטערשטאָטישער געגנט, אין אַ פּוסטקייט צווישן מענטשן, וואָס נישט ער קאָן זיי, און נישט זיי — אים.

און ציען ציט ער חיונה פון אַ ביר־שענקל, וואָס ער האָט איבערגע־נומען פון אַן אַלטן גוי פאַר ווייניק געלט און אויף אויסצוצאָלן. אין פלוג איז ער מער ווי צופרידן מיטן נייעם לעבנסשטייגער. אַראָפּ אַן עול פון קאָפּ! ער וועט זיך דאָ אויסגלייכן דיביינער. מוחל די גליקן! ער וויל שלאָפן מיט אַ רואיקן קאָפּ!

די געגנט זעט אויס ווי געוווּנטשן פאַר הערצן. ס׳איז אַ העק פול מיט פעלדער, וועלדער, באַמיסטיקט מיט בערג ברוכוואַרג, מיט חורבות פון האַלב־איינגעפאַלענע מויערן. אין הינטערגרונט ציט זיך אַ בית־עלמין מיט קברים און שטיק־ווייסע מצבות. פון צווישן די וואַלדיקעביימער הייבט זיך אַרויס אַ הייזקע, נאָך איינס און נאָך איינס. אין איין הייזל אַזאַ ווינט

הערץ, אין שכנות מיט דער איינזאַמער שטילקייט, וואָס אויפֿן בית־עלמין־פֿעלד.

ביים וועג פֿונעם הויפּט־שאָסיי איז פֿאַראַן אַ ביזנעס־געסל מיט אַ פּאָר קליינע קראָמען, צווישן וועלכע עס קוקט אַרויס דאָס שטאַרק באַלויכטענע רויטע ביר־שענקל מיט הערצס נאָמען. ביי טאָג איז דאָרטן אַ שטענדיקער אויטאָמאָביל־פּאַרקער, און דער רעשט פֿון די הילכיק־סקריפּענדיקע מאַשינען צעטראָגט זיך, אָפּהילכענדיק מיט טויט־געפּאַר צווישן די וואָס קרייצן דעם וועג אין דעם וויסטן העק.

און אַלץ וואָס עס געפֿינט זיך דאָ, איז בלויז אַ מינוט־גאַנג פֿון און צום בית־עלמין...

די פּרנסה איז נישט קיין שלעכטע. פֿאַראַן גענוג טרינקערס. הערץ קומט מיט אַלע גוט אויס, האָט זיך מיט זיי איינגעלעבט און טרינקט אָפֿט מיט מיט זיי, כדי צו פֿאַרגעסן זיך. אין פֿרימאָרגן איז הערץ אויפֿן וועג צו דער ביר־שענק. דער בית־עלמין איז הינטער אים. ס׳טויטן־פֿעלד איז באַדעקט מיט הויפֿנס בלעטער, וואָס פֿאַלן פֿון די ביימער. אַ ווינט רייסט די בלעטער. די ביימער ציטערן. דאַכט זיך די קברים רירן זיך. ס׳וויינט ווער. ווער? דער ווינט צעזאָגט דעם סוד. אַ גוט אויער קאָן עפּעס הערן.

דאָס ביר־שענקל איז אָפֿן. דער אָנגעשטעלטער, דזשאַני, העלפֿט הערצן אַרויס. ער עפֿנט און פֿאַרמאַכט. איצט שטייט ער הינטערן בופֿעט מיט פֿאַרקאַטשעטע אַרבל, באַדינענדיק צוויי טרינקערס, איינער איז אַ פּוילישער גוי, יאַנעק, דער צווייטער — אַ האַלב־בלינדער אײַרישער זקן, פּעטריק, ביים דערזען הערצן, דעם באַלעבאָס, באַגריסן אים ביידע מיט גלעזער בראָנפֿן ביי די מײַלער.

הערץ ענטפֿערט אויף דער באַגריסונג, דערלאַנגט יעדן די האַנט.

— וואָס מאַכט דער באַלעבאָס? — פֿרעגט יאַנעק מיט אַ וואָרט אויף זיין פּויליש לשון, מיט אַ פּאָר יידישע ווערטער, וואָס ער געדענקט פֿון יידן אין דער אַלטער היים, און מיט אַ צוויי־דריי ווערטער אויף ענגליש.

אויך דער האַלב־בלינדער אײַרישער זקן, פּעטריק, בעט הערצן מיט אים צו טרינקען:

— דרינק באָס, טו מאַראו מעי בי טו לעיט — טרינק, באָס, מאָרגן וועט זיין צו שפּעט...

דער פּוילישער גוי, יאַנעק, הייסט דערלאַנגען נאָך אַ פּאָר גלעזלעך מיט גוטן בראָנפן פאַר אַלע אין דער שענק.

— פּי, טרינק, — בעט ער הערצן — ס'איז דיין וואָדקע...

הערץ ווייסט, אַז סיי דער פּוילישער גוי, און סיי דער האַלב־בלינדער אירישער זקן טרינקען צוליב די צרות זייערע. יאַנעק — ער איז אויף דער עלטער געבליבן אַליין. די פרוי איז שוין לאַנג טויט. די פרוי איז אים געווען אומגעטריי, אים פאַראַטן מיט אַן אַנדערן, און ער איז איר דאָס נישט מוחל ביזן היינטיקן טאָג. די קינדער, צווי זין, באַזוכן זעלטן דעם אַלטן טאַטן. שעמען זיך מיט אים, וואָס איז געבליבן אַ גרינער און טרינקט.

— ניע דאָבזשע, נישט גוט — ווײנט ער, גיסנדיק אַריין אין זיך איין גלעזל נאָכן אַנדערן פון דעם שאַרפסטן בראָנפן־געטראַנק.

און דער האַלב־בלינדער אירישער זקן, פּעטריק — ער ווייסט, אַז די טעג זיינע זענען געציילטע, איז מער קראַנק, ווי געזונט, די אויגן זעען שלעכט, דערהערט נישט און קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס. ס'קאָן טרעפן היינט־מאָרגן. וויל ער, ווי לאַנג ס'איז נאָך דאָ אַ טאָג, וואָס מער אין זיך אַריינגיסן, טענהדיק:

— „הו נאוס?" טו מאָראו מעי בי טו לעיט, — ווער ווייסט? מאָרגן קאָן זיין צו שפּעט.

ביים ריידן קומט הערצן אויפן געדאַנק זיין לעבן — אַ טויזנט מאָל ערגער לעבן — און דאָך ציט נישט ס'מויל זיינס צום ביטערן טראָפּן. ער פּרובירט — ס'גייט אָבער נישט. דאָס אַריינטראַכטן אין זיך, טויג אָבער אויך נישט, ס'רויבט דעם שלאָף, אָ, ווי גליקלעך וואָלט ער געווען, ווען דער מוח וואָלט פאַרשטאָפּט געוואָרן, ס'זאָל אַ הערעלע פון אַ געדאַנק זיך דאָרטן נישט געפינען...

ס'האָט געהאַט אויסגעזען ווי הערץ וועט דאָ אין דעם העק זיין אַן אייביק־גליקלעכער מענטש. דער קריזיס האָט אים אַזוי צעממיתט, אַז ער איז קוים אַרויס מיטן לעבן. ס'האָט נישט געפעלט קיין סך ער זאָל זיך עפּעס אָפּטאָן. ס'באַזעצן זיך דאָ, האָט אים געראַטעוועט. ס'איז אַ רפואה פאַרן טרויעריקן געמיט. די בעסטע מעדיצין. דאָ האָט ער דעם אָטעם אָפּגעכאַפּט און געקומען צו זיך. די מענטשן זענען גוטע, פריינטלעכע. דאָס

לעבן דאָ פליסט ווי אַ שטיל וואַסערל, דער טייסטער איז פול, ער איז זאַט און קאָן האָבן וואָס ער פאַרלאַנגט. ער באַדאַרף נאָר וועלן.

אָבער הערצס גליק האָט אויך אין דעם העק לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. אַ יאָר. נאָך דעם האָט ער מיט אַ מאָל געוואָרפן אַן אומחן אויף זיין לעבן אין דער ווילדער געגנט. ס׳איז דאָ אויך נישט גוט. ביטער אויף אַן אַנדערן אופן. די שענק איז דערעסן געוואָרן, די טומלדיקע רייד פון די טריב־קערס, ס׳טויטן־פעלד, יעדן טאָג אַ לוויה, דער שוואַרצער וואָגן פאָרויס, קאַרס, מלווים. ס׳וויינט ווער, אַ תפילה, אַן אָפן קבר. ווער ווייסט ווער מען האָט דאָ אַהערגעבראַכט... ער איז מיד, פויל, אָפּגעלאָזן, שלאָפט ווידער שלעכט, און ס׳ציט אים אויך פון דאַנען צו אַנטלויפן. ס׳ציט ווידער מיטן ווינט זיך צו טראָגן ערגעץ אין אַן אַנדער אָרט און צו עפּעס אַנדערש פון דעם וואָס ער האָט דאָ אין דעם העק. אָבער ווו, ווו אַהין?

*

נאָכן פאַרלאָזן דעם מאַן איז שוירלי אַוועק צו די עלטערן. שוין אַ יאָר זינט זי האָט עס געטאָן, און געטאָן האָט זי עס אָן טענות צו אים. ביידע האָבן זיך געפונען אין דער זעלבער לאַגע; ער האָט פאַרלוירן, זי האָט פאַרלוירן. ס׳איז ביידנס שולד פאַר לאָזן זיך פאַרפירן אין אַ נעץ פון האָפענונגען און חלומות. נישט ס׳איז זיין, און נישט ס׳איז איר שולד אין נישט קאָנען דערגרייכן צום שפּיץ פון גליק. און דאָס ביסעלע האָט זיך אויך לאַנג נישט געהאַלטן. ס׳איז דער שיקזאַל זייערער, וואָס האָט דער־פירט צום טרויעריקן סוף. זי האָט אים געוווּנטשן גליק און געזונט. ער איר — דאָס זעלבע, און מיט דעם איז מען זיך צעגאַנגען.

— זי, — מיט אַ בוזעם פול מיט ליידן, עלטער אין שכל, אין דערפאַ־ר׳הנגען, — צו די עלטערן אירע. ער, — אַ צעהרגעטער, א צעביסענער פון קריזיס, אויף אַ וועג, וואָס האָט געפירט צו אַ העק אין אַ הינטערשטאָטי־שער געגנט, צו אַ פּרנסה, אַ ביר־שענקל, געקויפט מיט אַ ביסל געבאָרגט געלט, און איז דאָרטן שוין געבליבן שטעקן.

אויפן וועג אַהיים, האָט שוירלי ווי זיך איינגעחזרט די רייד מיט וועלכע זיך צו האַלטן מוטיק, שטאַרק, נישט אַרויסגעבן וואָס ס׳טוט זיך אין האַרצן און נישט דערלאָזן די עלטערן צו באַדויערן דעם מזל אירן. ס׳וועט

זיך גלייך זי קערט זיך אום פון אַ רייזע, און וואָס זי האָט אויפן וועג פון דער נסיעה אַלץ איבערגעלעבט, פון אָנהייב ביזן סוף.

דאָס ראָמאַנסירן אין דער מיידלשער צייט; אַזוי פיל „באָיעס" אין וועג געטראָפן, גרינע און אָרעמע. ס'ציט צו בעסערס. ס'טרעפן זיך שפּעטער מיט שלומען, דערנאָך מיט הערצן. שלום פּליט אין דער וועלט פון רעוואָ־לוציעס. ער באָט אָן אַ יענער וועלט, הערץ — די וועלט. הערץ איז פאַר־מעגלעך. די אויגן ציען צו דעם וואָס זי זעט. הערץ געווינט איר האַרץ.

די חתונה. לעבט אין אַ גן־עדן פון ווילטאָג. די היים — אַ פּאַלאַץ. טעפּיכער הינטער די פיס. שוועבט אין כל־טוב. טיילט זיך מיט אַנדערע, מיט די עלטערן, מיט אָרעמע, מיט קרובים. זשאַלעוועט נישט, בעט צו נעמען. „נעמט, נעמט! כ'האָב גענוג, איבער גענוג!". הערץ ווערט מיט יעדן טאָג רייכער און רייכער. אַלץ פאַר איר, ס'לעבן ליגט הינטער אירע פיס.

פּלוצים! — די שיף קראַכט! אַ קריזיס. דער קריזיס ממיתט. דערלאַנגט איבער די הענט. דער גן־עדן נעמט זינקען. הערץ פאַלט, פאַלט פון דער הייך. צוריק אונטן.

— נעכטן אַ גביר, היינט אַן אביון. ער גיט אַלץ אָפּ...

גאָר נישט איז מער זיינס. צרות מער ווי האָר אויפן קאָפּ. אַ צואָגאָב, משפּטים, געריכט־פּראָצעסן, אַדוואָקאַטן. ס'איז ביטער. אַנשטאָט אַ גן־עדן, אַ גהינום! נמאס איז אים דאָס לעבן. צו מאַכן מיט זיך אַ סוף, קלעקט נישט דער מוט זיינער.

עסן באַדאַרף מען. איז ער דערגאַנגען צו אַ פּרנסה, אַ ביר־שענק. געקויפט עס אין אַ העק, הינטער דער שטאָט. דאָרטן וווינט ער. דאָרטן לעבט ער מיטטרינקענדיק מיט די מענטשן דאָרטן.

ס'איז דער סוף פון דער רייזע. און וואָס איז מכוח מיר? מיט מיר, וואָס האָב איך אויפן וועג פון דער נסיעה פאַרלוירן? אי די וועלט און אי יענע וועלט!

אויף דעם וויינט דאָס האַרץ. און הערט נישט אויף צו וויינען און צו וויינען.

באַנקראָט

אין דעם וואַרט־צימער פון דער „אירי" באַן־סטאַנ־ציע, אין פעטערסאַן, האָבן אין אָוונט עטלעכע מענטשן געוואַרט אויף אַ צוג קיין ניו־יאָרק. אייניקע פון די פּאַסאַזשירן זענען געזעסן מיט איינגעגראָ־בענע אויגן אין צייטונגען, און אַנדערע, זענען געשטאַנען אין דרויסן, קוקנדיק אין דער ריכטונג פון וואַנען דער צוג באַדאַרף אָנקומען. צווישן דעם וואַרטנדיקן עולם האָט זיך אויך געפונען לייב גוטער, דער נאָר וואָס אויפגעקומענער באַלעבאָס פון אַ קליין וועב־פאַבריקל.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ זשומענדיקער אָפּהילך. דער שווער־רעדערדיקער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך אָנגעטראָגן מיט אַ מוראדיקער שנעל־קייט, סאָפּענדיק מיט סאַזשעדיקע וואָלקנס רויך, זיך אָפּגעשטעלט. און ווי נאָר די לעצטע פּאַסאַזשירן זענען אַריין אין די וואַגאָנעס, זיך ווידער גענו־מען יאָגן איבערן לאַנג־רעלסיקן וועג, קיין ניו־יאָרק.

לייב גוטער איז דער לעצטער אַריינגעשטיגן אינעם צוג, אָפּגעזוכט זיך אַ ליידיקן פּלאַץ און פאַרנדיק איז ער מיט יעדער מינוט געוואָרן אומ־רואיקער: ער האָט זיך געריסן וואָס גיכער צו זיין אין ניו־יאָרק, אין פּלעט־בוש, ביי דעם באַנקראָטירטן זיידן־סוחר האַרטמאַנען אין הויז, און אין דער איילעניש, וואָס גיכער אָנצוקומען, איז אים פאַרגעקומען ווי דער צוג פאָרט נישט גענוג שנעל, און אין געדאַנק אים אונטערגעיאָגט צו פאָרן וואָס שנעלער...

— ווי שפּעט קען איצט זיין? — האָט ער אַ ווײַלע אַ בליק טוענדיק צום דרויסן זיך געפרעגט, און לויט דער טונקלקייט, דערקענט די שפּעט־קייט פון דער שעה.

— אַט באַלד, נאָך אַ האַלבע שעה, און ער וועט דאָרט זיין, איז ער רואיקער געוואָרן, און דערביי איבערגעטראַכט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, אין די געדאַנקען, אַלץ וועגן וואָס ער וועט מיט יענעם רײדן און אים זאָגן.

פאָרנדיק האָט ער זיך ווידער דערמאָנט אַז דעם פרימאָרגן מיט עטלעכע

טעג צוריק, ווען דער טעלעפאָן אין זיין אָפיס האָט פּלוצים אַ קלונג געטאָן און מען האָט אים איבערגעגעבן וועגן דעם באַנקראָט פון דער האַרטמאַן־פירמע. נישט ריכטנדיק זיך אויף דעם איז ער די ערשטע פּאָר מינוט שטיין געבליבן אַ פאַרציטערטער מיט אַן אָפּגענומענעם לשון. וואָרעם צווישן די, וועמען די האַרטמאַן־פירמע האָט אָנגעזעצט, געפינט זיך אויף דעם צעטל אויך ער, גוטער, מיט אַ באַדייטנדיקער סומע געלט.

— עס קאָן נישט זיין — האָט ער, קומענדיק צו זיך פון דער איבער־ראַשונג, נאָך אַלץ נישט געוואָלט גלייבן אין דעם, וואָס מען האָט אים דער־ציילט — ס'טייטש, אַזאַ ראַיעלע פירמע... פלעגט צאָלן פּינקטלעך...

גוטער איז נאָך געווען אַ קליינער באַלעבאָס, איז נאָך רעכט נישט געשטאַנען אויף די אייגענע פיס. ערשט אָנגעהויבן די ביזנעס. דאָס פאַב־ריקל האָט געזאָלט זיין די בריק צו אַ רייכערן און בעסערן לעבן. ער האָט אין דעם געשעפטעלע אַריינגעלייגט זיינע אויסגעהאָרעוועטע פּאָר דאָלאַר, אַ סך אָנגעליענע געלטער, און אַפילו דאָס געוויסן זיינס מיט די נישט כשרע מעשים צוליבן וועלן רייך ווערן. אין דער אמתן זענען די גלוסטענישן זיינע נאָך געלט, נישט אַ זאַך פון היינט, נאָר ציט זיך נאָך פון די יינגלשע יאָרן אָן. פון זינט ער געדענקט זיך, אַ בעל חטא געווען. אַ קינד פון אָרעמקייט און נויט, האָט ער אין יענע יאָרן, נישט קענענדיק ביישטיין דעם נסיון, אונטערגעזינדיקט און אָפּגעטאָן אַלערליי עבירות צוליב אַ קלענערער אָדער גרעסערער מטבע. נאָך ערגער געווען, ווען ער איז אונטערגעוואַקסן. ס'האָבן נישט געהאָלפן דעם טאַטנס פּעטש. זיך נישט געענדערט אויך אָנקומענדיק אינעם נייעם לאַנד, אַמעריקע. די ערשטע פּאָר יאָר — יאָ אַקטיוו געווען אין דער וועבער־יוניאָן, אין אַ פרייהייטלעכע פּאַרטיי, אָבער נישט לאַנג. באַלד האָט ער אַלץ אויפגעגעבן כדי מיט אַ „ריינערנעם" געוויסן נאָכגעבן די זינדיקע גלוסטענישן צו געלט. זינט ער איז געוואָרן אַ באַלעבאָס פון אַ וועב־פאַבריקל, אַ געשעפטס־מאַן, איז דער באַרג פון זינד נאָך גרעסער געוואָרן. אַזוי זינדיקט ער פון די קינדערשע יאָרן ביז דעם היינטיקן טאָג צוליב געלט, צוליבן וועלן רייך ווערן, און עס וואָלט שוין טאַקע געהאַלטן נאָענט דערפון, ווען נישט...

דער באַנקראָט, איז ער זיכער, וועט אים רואינירן. ער איז נאָך צו־שוואַך צו קאָנען אויסהאַלטן אַזאַ גרויסן געלט־שאָדן, ס'איז אים טרויעריק

געוואָרן אויפן האַרצן. וואָרעם ווי איבער נאַכט איז צעפאַלן געוואָרן די בריק צו אַ רייכערן לעבן, אַנשטאָט דעם — אים אַראָפּגעשליידערט אין אַן אָפּ־גרונט פון פאַרצווייפלונג און חורבן. די צרות האָבן זיך שוין אָנגעהויבן. די ביזנעסלייט, וועלכע ער קומט געלט, זענען אומרואיק. פונקט אַזוי ווי ער ציטערט פאַר די פאַר טויזנט דאָלאַר, וואָס עס קומט אים פון דער האַרטמאַן־פירמע, אַזוי שרעקן זיי זיך פאַר זייער געלט ביי אים, גוטערן. און ווי נאָר ס׳איז צו זיי דערגאַנגען די נייעס וועגן האַרטמאַנס באַנקראָט, און אַז ער געפינט זיך אויך צווישן די, וואָס די פירמע האָט אָנגעזעצט, אַזוי זענען זיי גלייך געקומען צו אים אין אָפיס און געוואָלט דערגיין:

— טאָקע אמת — האָט איינער פון זיי געוואָלט וויסן, ריידנדיק מכלו־מרשט אין אַ טאָן פון מיטלייד און באַדויערונג, באַדויערנדיק אין דער אמתן זיך אַליין — טאָקע אמת, וואָס מען דערציילט, אַז די האַרטמאַן־פירמע האָט באַנקראָטירט?

— און אייך קומט ביי זיי אַ סך געלט? וויפל אַ שטייגער קומט אייך? — האָט אַ צווייטער געוואָלט וויסן.

— און וואָס זענען די אויסזיכטן אייערע עס צוריקצוקריגן? — האָט אַ דריטער געפרעגט.

גוטער אָנשטרענגענדיק זיך נישט אַרויסצווייזן די נערוועזע צעררו־דערונג, האָט זיי באַרואיקט, פאַרזיכערנדיק:

— מ׳וועט זיך אויסגלייכן... מען וועט ווייטער טאָן ביזנעס...

נאָך די, זענען געקומען אַנדערע. מען קומט און מען רופט אָפּ. גוטערן איז מיט יעדן טאָג קלאָרער געוואָרן, אַז עס שטייט אים פאַר אַדורכצומאַכן אַ ים מיט צרות, אַ פּלאָנטער פון געריכט־פּראָצעסן, קעגן יענעם און קעגן זיך, אַדוואָקאַטן, לאַדענישן. ער וועט שלעפּן דעם רייכן האַרטמאַן אין געריכט, און אַנדערע וועלן אים שלעפּן... דאָס האָט גוטערן קיין רואיקע מינוט נישט געגעבן, און ער האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן דורך וואָס פאַר אַן אופן צוריק אַרויסצוקריגן פון יענעמס האַנט די פאַר טויזנט דאָלאַר זיינע.

די אַנדערע באַלעבאַטים, וועמען די האַרטמאַן־פירמע איז שולדיק געלט — האָבן קעגן אים פאַרפירט געריכט־פּראָצעסן. גוטער גלייבט אָבער

נישט אין דעם. ער איז זיכער, אַז די געריכט־אָנקלאַגעס און לאָדעניש־ וועלן צו גאָרנישט פירן. וואָס זיי וועלן אַרויסקריגן, וועט קוים סטאַיען פאַר אַדוואָקאַטן און געריכטס־אויסגאַבן. זיי אַליין וועט דערפון ווייניק־ וואָס בלייבן. האָט ער זיך דעריבער, נאָך לאַנגע און לאַנגע טראַכטעניש, דערטראַכט צו אַן אַנדערן געדאַנק:

ער, גוטער, וועט זיין קלוגער פאַר זיי. אַנשטאָט אָנשטעלן אַדוואָקאַטן און פאַרפירן געריכטס־פּראָצעסן קעגן דער פירמע, וועט ער בעסער אַליין פּערזענלעך צופאָרן צו דעם רייכן האַרטמאַנען אין הויז אַריין און מיט אים ריידן ווי אַ מענטש צו אַ מענטש. ער וועט פאַר אים אויפעפענען דאָס האַרץ זיינס, די נשמה, און אים וועגן אַלץ דערציילן. ער וועט אים דערקלערן, אַז די פאַר טויזנט דאָלאַר זיינע, איז ממש בלוטיק געלט, האָט אויף דעם יאָרנלאַנג געאַרבעט. ס'איז כמעט אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט, און וואָס פאַר אַ בעל־חוב ער איז צו אַנדערע. און אויך וועגן דעם באַרג זינד אויפן געוויסן זיינעם, ער וועט אים דערציילן, ווי ער זינדיקט שוין צוליב געלט פון די יינגלשע יאָרן ביזן היינטיקן טאָג. ער וועט אַפּעלירן צו יענעמס געפילן פאַר יושר און רחמנות, און ער איז זיכער, אַז דער רייכער האַרט־ מאַן וועט גערירט ווערן פון די רייד זיינע, און אויס מיטלייד וועט ער זען עפּעס צו טאָן, כדי ער זאָל צוריק אַרויסקריגן זיין געלט. מיט אָט־די געדאַנקען איז ער איצט געפאָרן צו יענעם אין הויז אַריין, דערמאָנענדיק זיך אַלע ווילע וועגן וואָס ער דאַרף ריידן מיט האַרטמאַנען.

דער צוג איז אַלץ געלאָפן מיט אַ מוראדיקער שנעלקייט, צעשניידנדיק דעם וועג אויף צוויי העלפטן. ס'האָט זיך געהערט דער אָפּהילך פונעם שווערן רעדער־גערויש, דאָס ליאַרעמדיקע פייפערייַ פונעם לאָקאָמאָטיוו. דער הימל איז באַדעקט געוואָרן מיט כמאַרעס רויך. די באַן איז געלאָפן פאַראויס, דער לאַנגער שטח מיט דער וואַלדיקער געגנט אויף צוריק. די באַרגיקע געגנט האָט זיך שוין קוים געזען פון אונטער דער נאַכטיקער פינצטערניש. אַרויסקוקנדיק האָט גוטער דערזען באַקאַנטע פּלעצער; יעדע פאַר מינוט — אַן אַנדער אָרט, אַן אַנדערע באַן־סטאַנציע. מיט אַ מאָל האָט דער צוג גענומען פאַרלאַנגזאַמערן דאָס פאָרן, פאַמעלעך זיך אַריינגעשלענגלט אינעם ניו־יאָרקער וואָקזאַל און שטיין געבליבן. גוטער איז אַרויסגעשטיגן דער ערשטער, איז איילנדיק אַראָפּ אין אַ דערבייאיקער סאָבוויי־סטאַנציע און

גענומען אַ צוג קיין פּלעטבוטש און מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער געשפּאַנט אין אַ שטיל רעזידענץ־געסל צווישן שיינע איינשטאָקיקע הייזקעלעך.

ווען גוטער איז דאָרטן אָנגעקומען איז שוין אין דער רייכער געגנט געווען גוט טונקל. דורך די פענצטער פון די רייכע וווינונגען האָט אַרויס־געלויכטן דאָס בלענדיקע ליכט פון די אַבאַזשור־לאָמפּן און באַלויכטן די געדיכט־פאַרצווייגטעביימער, דאָס דינע געשניטענע גראָז וואָס האָט געאָטעמט מיט דער קילקייט פון אַ הייסן סוף־זומערדיקן טאָג. שטילע רו האָט דאָ לייב גוטער דערפילט, וואָס דערמאָנט אָן אַ לעבן פון גליק און צופרידנקייט, מיט מאַדאַמען און דינסטן, מיט זאָרגלאָזע קינדערשע גע־לעכטערס, און ווי אין די אָוונטן קומען דאָ אַהיימצופאָרן די רייכע געשעפטס־לייט אין גרויסע קאָסטבאַרע אויטאָמאָבילן, וואָס שטייען איצט אין פראָנט פון די שיינע הייזקעס. און אָט, אין איינעם פון די רייכע הייזקעס וווינט דאָס דער מלאך־המוות זיינער, האָט גוטער טראַכטנדיק מיט אַ שווער געמיט, צוגעשפּאַנט צו האַרטמאַנס רייכער וווינונג און אַ קלינג געטאָן אין דער פראָנט־טיר.

אינעם פּאָדערהויז האָט זיך באַלד באַוויזן אַ שוואַרץ דינסטמיידל. זי איז שטיין געבליבן אין דער האַלב־געעפנטער טיר און געפרעגט:

— צו וועמען באַדאַרפט איר?

— מיסטער האַרטמאַן.

דאָס דינסטמיידל האָט גוטערן אַריינגעפירט אין אַ גרויסן אויפנעם־צימער, אים אָנגעוויזן אַ שטול און איז אַוועק מעלדן דעם נאָמען זיינעם צום באַלעבאָס.

די עטלעכע מינוט, וואָס גוטער האָט געוואַרט, האָבן זיך גע־צויגן ווי אַן אייביקייט. די אומרואיקייט האָט אים נישט געלאָזט איינזיצן און ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל אויפגעשטעלט און זיך צוריק געזעצט. ענדלעך האָבן זיך דערהערט טריט און דאָס גיין פון אַ מענטשן. ס'איז געווען ד ע ר, אויף וועמען גוטער האָט געוואַרט און אין וועמענס הענט ער געפינט זיך איצט — דער רייכער האַרטמאַן.

גוטער האָט דער ערשטער אים באַגריסט מיט אַ פריינטלעכן „האַלאָ".

דער רייכער האַרטמאַן האָט געענטפערט מיט אַ קאַלטן, קוים־באַמערקבאַרן, קאָפּ־שאָקל, און איינגעלאַדן גוטערן אינעם קאַבינעט־צימער זיינעם, אים

אָנגעוויזן אויף אַ שטול ביי אַ שרייבטיש, איבערפרעגנדיק דעם נאָמען זיינעם, גלייך ער קען אים נישט.

— גוטער? פון פעטערסאָן? — האָט ער פרעגנדיק זיך געחידושט.

— יאָ.

ס׳איז געווען דאָס ערשטע מאָל, זינט די צוויי ביזנעסלייט האָבן זיך געטראָפן פּערזענלעך. ווי עס איז דער פאַל מיט אַ סך געשעפטס־לייט, האָט דער רייכער האַרטמאַן געפירט די ביזנעס זיינע מיט דער הילף פון פאַרמיטלערס: דורך „בראָקערס", דורכן טעלעפאָן, באַנק־וועקסלען, און טרעפנדיק זיך איצט, האָבן זיי זיך גוט איינגעקוקט איינער אין דעם אַנדערן. גוטער האָט געזען פאַר זיך אַ ברייטפּלייציקן שווערן מענטש מיט אַ רונדיקן, דיקלעכן האַלדז איבער דער וואַג. דער רייכער האַרטמאַן האָט, פאַרקערט, געזען זיצן נעבן זיך אַ מאָגערן, אויסגעאַרבעטן מאַן פון בינדע־ריקן וווּקס, אויף וועמען ס׳איז אויך קענטיק געווען די נייגונג צו אַ מער דיקלעכן גוף, נאָר ס׳איז נאָך דערצו נישט געקומען.

— אָ, יאָ, כ׳דערמאָן זיך, געהערט אייער נאָמען — האָט דער רייכער האַרטמאַן זיך ווידער אָפּגערופן און אַ פרעג געטאָן: — וואָס קאָן איך פאַר אייך טאָן?

גוטערן איז שווער געווען אַרויסצוברענגען אַ וואָרט וועגן דעם צוליב וואָס ער איז געקומען. ער איז געזעסן אין אַ געדריקטער שטימונג און זיך געפּייניקט פונעם געדאַנק, וואָס ער האָט די פאַר טויזנט דאָלאַר זיינע אָנגע־טרויט אַ מענטשן, וועמען ער קען רעכט נישט... זיך דערמאָנט, אַז ווען אַ קרוב זיינער איז אַנומלטן געקומען צו אים לייען אַ פּאָר דאָלאַר, האָט ער אים אָפּגעזאָגט, און אַ ווילד־פרעמדן מענטשן האָט ער אָנפאַרטרויט כמעט אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט, און זיך דאָס נישט געקאָנט מוחל זיין.

— זאָגט, וואָס קען איך פאַר אייך טאָן? איז דער רייכער האַרטמאַן געוואָרן אַלץ מער אומגעדולדיקער, אויפשטעלנדיק זיך אַוועקצוגיין.

— אַנטשולדיקט, — האָט גוטער גענומען שטאַמלען מיט אַן אומזיכע־רער שטימע, — ס׳האַנדלט זיך וועגן... איר ווייסט דאָך...

און מיט אַ שטילן, בעטנדיקן טאָן אַרויסצורופן ביי יענעם וואָס מער מיטלייד, אים אַלץ דערציילט וועגן זיך, אַז ער איז אַ קליינער ביזנעסמאַן, ערשט אָנגעהויבן. דאָס פאַבריקל נאָך נישט אויסגעצאָלט. אויף די פאַר

טויזנט דאָלאַר געאַרבעט שווער און ביטער. חובות איבערן קאָפּ. דאָס געוויסן, אַ באַרג מיט זינד. אַזש פון די יינגלשע יאָרן אָן ביזן היינטיקן טאָג.

אויב דעם רייכן האַרטמאַנען איז אין פלוג נישט קלאָר געווען דער צוועק פון גוטערס באַזוך, האָט ער דאָס איצט שוין צו גוט פאַרשטאַנען און נישט טראַכטנדיק לאַנג, געענטפערט:

— כ׳פאַרשטיי, מר. גוטער. איר זענט איינער פון די קרעדיטאָרן. נישט נייטיק געווען דאָס קומען צו מיר. אַלע באַנקראָט־אַנגעלעגנהייטן געפינען זיך אין די הענט פון די אַדוואָקאַטן, אין געריכט. זעט זיך מיט די אַדוואָקאַטן, — האָט ער צום סוף געגעבן גוטערן אַן עצה...

— דאָס ווייס איך — האָט גוטער רעדנדיק מיט אַ ציטערדיקער שטימע געפילט ווי ער ווערט דורכגעדרונגען מיט אַ מאָדנער שנאה קוקנדיק אויף יענעמס דיקלעכן גוף מיט דעם שווערן, רונדיקן האַלדז איבער דער וואָג, און פון האַס ביילן זיך ביי אים די פויסטן. ער האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן, נישט אַרויסגעוויזן די אויפרעגונג און מיט אַ געמאַכטער רואיקייט ווידער אַפּעלירט צו יענעמס געוויסן פאַר רחמנות און יושר, זאָגנדיק:

— נישט די אַדוואָקאַטן קאָנען מיך ראַטעווען, נאָר איר, מר. האַרטמאַן. ס׳ווענדט זיך אַלץ אין אייך.

אַ ווײַלע האָט זיך גוטערן אויסגעוויזן, אַז דער רייכער האַרטמאַן איז באַווירקט געוואָרן פון די רייד זיינע, אָבער נישט מער ווי אַ ווײַלע, הערנדיק ווי יענער גיט אים אַלץ איין און די זעלבע עצה:

— זעט זיך מיט די אַדוואָקאַטן. איך האָב מיט דעם מער נישט צו טאָן.

און זאָגנדיק דאָס, האָט ער זיך אַ שטעל אויף געטאָן מיט אַזאַ איילעניש, גלייך ער איז שוין אַזוי אויך געזעסן צו־לאַנג און זיך גענומען אַרויסרוקן פונעם צימער. דערזעענדיק דאָס, האָט גוטער אים פּרובירט פאַרהאַלטן, נאָך אַלץ געוואָלט ריידן, יענער האָט זיך אָבער נישט געלאָזט פאַרהאַלטן, און געעפנט די טיר אויף אַרויסצוגיין. און גוטערן איז קלאָר געוואָרן, אַז ער איז אַ פאַרלוירענער. אומזיסט זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ, אומזיסט זיך דערנידעריקט. נאָך אַ מאָמענט און ער וועט שוין נישט האָבן אפילו צו וועמען צו ריידן. און פון פאַרצווייפלונג, נישט האָבנדיק שוין וואָס צו פאַרלירן, געפילט אָפּצוטאָן אים דאָס ערגסטע. נישט קלאָר געווען וואָס.

באַמערקנדיק אָבער ווידער אַ מאָל יענעמס דיקלעכן גוף מיטן שווערן רונדיקן האַלדז־געבוי, האָט ער דערפילט אין זיך אַ נאָך גרעסערע שנאה און ביטערן האַס צו יענעם, און נישט וויסנדיק, אַז ער טוט דאָס, געביילט די הענט אין צוויי דיקע פויסטן, זיי אַ הייב געטאָן אין דער הייך און אַראָפּגעלאָזט אויף יענעמס קאָפּ, אין די אויגן, מיט אַזאַ ווילדן זעץ, אַז דער שווער־וווקסיקער הארטמאַן, האָט זיך אַזש אַ הייב געטאָן אין דער לופטן, אַ רגע געבליבן הענגען, און דערנאָך זיך צוריק אַ שטעל געטאָן אויף די פיס.

אינעם צימער איז געוואָרן אַ טומל. ס׳האָבן זיך געהערט קלעפּ, ווילדע אויסגעשרייען, אַ ראַנגלעניש פון צוויי מענטשן, איינקנוילנדיק זיך איינער אין דעם אַנדערנס קערפּער, נישט קאָנענדיק זיך אָפּרייסן מער איינער פונעם אַנדערן, צוזאַמען געפאַלן און צוזאַמען זיך צוריק אויפגעשטעלט. מיט אַ מאָל, האָט זיך דערהערט אַזאַ זעץ, אַז אַלץ אין דעם צימער האָט אַזש אַ ציטער געטאָן. אויף די געשרייען זענען זיך צונויפגעלאָפן די שטוב־מענטשן, די פאַמיליע, באַלד דערנאָך עטלעכע פּאָליציי־לייט, און — — —

צו מאָרגנס אין דער פרי, אַז לייב גוטער איז נאָכן אָפּזיצן אַ נאַכט אין אַ ניו־יאָרקער „דזשייל" אַרויס ביז צו אַ משפּט, האָט ער געפילט, אַז ער איז מער נישט דער מענטש, וואָס געווען. ער איז אין דער איינער נאַכט עלטער געוואָרן אויף יאָרן.

— ווײ, ווײ, צו וואָס ער איז דערגאַנגען, האָט ער באַקלאָגנדיק זיך, זיך דערמאָנט, אַז ווי פאַרקאָכט ער איז ביז היינט געווען אין דעם הור־האַ־געיעג נאָך געלט, רייכקייט, און וואָסערע עבירות ער האָט ביז היינט אַלץ נישט אָפּגעטאָן, זינדיקנדיק אַזש פון די ייִנגלשע יאָרן ביזן היינטיקן טאָג. האָט ער פון דעסטוועגן נאָך קיין מאָל אין זיין לעבן אויף אַ מענטשן נישט געהויבן אַ האַנט. ס׳איז געווען דאָס ערשטע מאָל, אַז ער האָט עמעצן גע־שלאָגן. ער האָט זיך דאָס נישט געקענט מוחל זיין. ס׳איז אָבער שוין געווען אַן אָפּגעטוענע זאַך. ער האָט חרטה געהאַט און זיך געוואָלט צעוויינען אויף דעם וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. געשעמט זיך צו קוקן עמעצן אין פּנים, און מער נאָך אויף זיך אַליין. ס׳איז אויסגעקומען, אַז נישט דער רייכער האַרט־מאַן האָט באַנקראָטירט, נאָר ער, גוטער, אַז נישט נאָר ער האָט פאַרלוירן דאָס געלט זיינס, נאָר עפּעס, וואָס איז טייערער פון געלט — ער האָט פאַרלוירן דאָס פיינטעלע מענטש, וואָס איז נאָך אין אים געווען.

איבער אַ וואָרט

שנאה

אינעם שפּעטן פרימאָרגן, ווען ישראל פּויזנער, דער אַרויפגעאַרבעטער, רייכער זיידן־סוחר, אַ בלייכער לונגען־אָנגעגריי־פּענער מענטש, וואָס טאָר נישט פאַרלירן קיין וואָג, איז נאָך אין טיפן שלאָף געלעגן, האָט ער פלוצים דערהערט ווי אונטן פירט זיך אַ מחלוקה צווישן צוויי פרויען און אַ מאַן. לויט די קולות האָט ער דערקענט, אַז דאָס קריגט זיך ברכה לאה, די ווייב זיינע מיט איר שוועסטער און דעם שוואָגער, דעם למדן און גרויסן אביון.

— און דירה־געלט צאָלסטו? — האָט ישראל פּויזנער געהערט ווי די ווייב טענהט זיך אויס מיט איר אָרעמער שוועסטער און מיט יענערס מאַן, דאָס מאָגערע מענטשל מיטן קורצן בערדל.

ישראל פּויזנער האָט אָבער קוים געקאָנט האַלטן אָפן די אויגן. ער איז נאָך געווען מיד, נישט אויסגעשלאָפן, און שטאַרק צערודערט פון דעם שפּעט ביינאַכטיקן קאָרטן־פאַרוויילונג מיט דער גרופּע רייכע פריינד, און ס'האָט זיך אים נאָך גערן געוואָלט ליגן אין בעט און דרימלען. די פרימאָרגנדיקע זון, אַן אָנהייב זומערדיקע, איז אָבער שוין געשטאַנען אין די פענצטער, אַ וואָרעמע, אַ צעשטראַלטע, און די ליכטיקע בלענדעניש האָט אים געברענט אין די אויגן, נישט דערלאָזט ער זאָל צוריק אַנטשלאָפן ווערן, און פון אונטערשטן עטאַזש האָט זיך אַלץ געהערט דאָס צעווערטלען זיך פון דער ווייב מיט איר אָרעמער משפּחה:

— שוין פיר חדשים דירה־געלט קומט אונדז! — האָט ישראל פּויזנער געהערט ווי ס'ווייב טענהט צו יענע לייט.

אַצינד, ווען ער איז אַרויס פון בעט האָט ער שוין קלאָר געהערט, אַז די קריגערײַ איז אַן אמתדיקע, מיט האַס און פאַרביטערטקייט. פון גרויס צופרידנקייט האָט זיך אויף זיין נערוועז בלייך פּנים באַוויזן אַ גליקלעכער שמייכל. ס׳איז געווען אַ מחלוקה, אין וועלכער ישראל פויזנער האָט געהאַט אַ גרויס חלק... שוין יאָרן ווי ער פלאַנצט איין אין זיין ווייבס האַרץ אַ שנאה, בייזקייט אויף איר משפחה, מיט וועלכער ער שעמט זיך שטאַרק; און שוין יאָרן ווי ער וואַרט אויף דעם גליקלעכן טאָג, אַז זי זאָל זיך מיט זיי צעקריגן, ווי ער, ישראל פויזנער, האָט דאָס פון לאַנג שוין געטאָן. און די צייט איז געקומען. צו דער שנאה, וואָס ער טראָגט אין האַרצן אויף דער ווייבס אָרעמער משפּחה, איז ענדלעך צוגעשטאַנען אויך די ווייב און איצט, ווען אָט די שנאה צו יענע לייט שוין זיין אַ פולשטענדיקע, אַ גאַנצע. איצט, אַז ער האָט שוין די ווייב אויף זיין זייט, ווען ער שוין זען, אַז אָט די משפּחה זאָל זיך אין גאַנצן אַרויסקלייבן פון זיין הויז. ער וועט פאַר זיי טאָן אַלץ אין דער וועלט, וואָס עס וועט נאָר זיין אַ מעגלעכקייט, וועט ער פאַר זיי טאָן, אויב זיי וועלן נאָר זיין וואָס ווייטער פון אים, אין זיין הויז נישט וווינען. איצטער, אַ דאַנק די מחלוקה, איז ישראל פויזנער זיכער געווען, אַז ברכה לאה, די ווייב, וועט זיך מער נישט איינשפּאַרן, אַז איר אָרעמע שוועסטער זאָל דווקא וווינען ביי אים אין הויז; און ער, דער רייכער ישראל פויזנער, באַדאַרף זיך יעדעס מאָל פאַרשעמען, ווען די רייכע פריינד קליבן זיך צונויף ביי אים אין הויז און זען אונטן, פאַרן הויז, שטיין דאָס מאַגערע מענטשל, דעם שוואָגער, דעם למדן, מיטן קורצן בערדל און פרעגן דעמאָלט ביי אים:

— און דער ייד איז אייער שוואָגער?

האָט זיך דעריבער דעם היינטיקן פרימאָרגן ישראל פויזנער מיט אַ באַזונדערער הנאה איינגעהערט צו אָט דער מחלוקה צווישן דער ווייב און איר משפּחה. ערשטנס, איז דאָס צעוועדטלען זיך שוין געגאַנגען פון זיך אַליין... ער, ישראל פויזנער, האָט נאָר באַדאַרפט דערפירן צו דעם אָנהייב און דאָס איבעריקע איז שוין ממילא געקומען... איז שוין געווען אומ־פאַרמיידלעך... עס איז דעריבער געווען אַ גרויסער נצחון פאַר אים צו קאָנען האָבן געפועלט ביי זיין ווייב, אַז זי זאָל זיך צעקריגן מיט איר איינ־ציקער שוועסטער, וואָס זי האָט דאָ אין לאַנד; און אַ באַזונדערער נצחון

איז פּאַר אים אָט די מחלוקה — דעם היינטיקן פּרימאָרגן, נאָך דעם ווי אָט דאָס מענטשל, דער שוואָגער, דער למדן, האָט אים, ישׂראל פּויזנערן, ערשט נעכטן אַזוי שטאַרק באַליידיקט און וויי געטאָן.

אָט די נעכטיקע באַליידיקונג האָט געבראַכט צו דער איצטיקער מחלוקה צווישן זיין ווייב און איר שוועסטער און דערפירט די שנאה צו דער גרעסטער מאָס פאַרביטערונג. ישׂראל פּויזנער, פאַר וועמען אַזאַ גרויסע צאָל מענטשן אין שטאָט, אין דער ביזנעס־וועלט, האָט גרויס דרך־אֶרץ, גיבן אים אָפּ כבוד — האָט נישט געקאָנט פאַרשווייגן אַזאַ מין שווערע באַליידיקונג, אַזאַ חוצפּה פון אָט דעם אָרעמען שוואָגער, וואָס ווייזט אים, דעם רייכן פּויזנערן, קיין מאָל נישט אַרויס קיין באַזונדערן דרך־ארץ פאַר זיין גרויס עשירות. ביידע צעווערטלען זיך דעריבער זייער אָפט און איינער וויל דעם צווייטן וואָס מער וויי טאָן. און אָט, פון דעם דאָזיקן צע־ווערטלען זיך, איז דאָס טאַקע אַרויסגעקומען דעם שוואָגערס שווערע באַליי־דיקונג קעגן אים.

— טאַקע אמת, עקיבא, — האָט נעכטן ישׂראל פּויזנער אויף אַן אָפּ־לאַכערישן אופן אַ פרעג געטאָן דעם אָרעמען שוואָגער, — אַז איר זענט ווידער געבליבן אָן אַ דזשאָב?

און דערנאָך צו יענעם אַ זאָג געטאָן, אַז די רייד זאָלן אים נאָך אַ גרעסערן שטאָך טאָן:

— און איר קענט נאָך אַלץ נישט געווּנג גוט די וועבער־מלאכה?

ר׳ עקיבא, דער אָרעמער שוואָגער, דער למדן, האָט גלייך דערפילט די שטעכווערטער, די שנאה פון דעם רייכן שוואָגער, וועלכער שעמט זיך מיט אים און מיט וועמען ער, ר׳ עקיבא, שעמט זיך. ביידע שוואָגערס האָבן זיך דעמאָלט געקוקט אין די אויגן אַרייַן מיט די געפילן פון האַס, וואָס איינער האָט צו דעם אַנדערן. ביי ביידן אין די הערצער האָט דאַן געברענט אַ פייער פון כעס און שנאה און דאָס דאָזיקע פייער האָט ביידן געמאַכט דערפילן, וואָס איינער טראַכט וועגן דעם צווייטן: וואָס דער רייכער ישׂראל פּויזנער טראַכט פון ר׳ עקיבאן, דעם אָרעמען למדן... און וואָס ר׳ עקיבא דער למדן טראַכט וועגן דעם רייכן ישׂראל פּויזנער...

ישׂראל פּויזנער האָט אָפּנים דער ערשטער דערפילט דעם שוואָגערס

פּיינטשאַפט, און ער האָט דעריבער מיט גרויס שנאה און מעשה־בעל־הבית גענומען אָפּן ריידן צום שוואָגער:

— און ווי לאַנג רעכנט ער דאָס, עקיבא, נישט צו צאָלן אים קיין דירה־געלט?

און נאָך עפּעס וואָלט ער געוואָלט וויסן, ישראל פּויזנער:

— איז דען דאָס הויז זיינס עפּעס אַן אַנשטאַלט פאַר אָרעמע מענטשן?

די דאָזיקע רייד פון ישראל פּויזנערן האָבן ענדלעך געטראָפן אין ציל... דערהערט רייד וועגן דירה־געלט, איז ר׳ עקיבאס פּנים פּינצטער געוואָרן, און ער האָט צוערשט נישט געוווסט וואָס דעם רייכן שוואָגער צו ענט־פערן. ער איז שטיין געבליבן אָן לשון, געפּינטלט מיט די שוואַכע אויגן און דאָס גאַנצע פּנים זיינס איז רויט געוואָרן פאַר בושה. יעדעס וואָרט פון דעם רייכן שוואָגער האָט אים געשטאָכן אין לייב, ווי געטאָן, האָט אָנגע־צונדן אַ פייער אין האַרצן, כעס, ביטערניש, און ער האָט פאַר גרויס צע־טומלעניש נישט געוווסט אויף וואָס פאַר אַן אופן יענעם אָפּצוענטפערן פאַר די שטעכיקע לצנותדיקע רייד, וואָס טרעפן אין סאַמע האַרצן אַריין. ווען ער האָט אָבער דערזען, ווי דער שוואָגער, נאָכן דערלאַנגען אים, גייט זיך אַוועק מיט זיין געווייגלעכן, גבירישן גאַנג, האָט ר׳ עקיבא מער נישט געקאָנט אין זיך איינהאַלטן די שנאהדיקע געפילן, דעם גרויסן כעס צום שוואָגער און ער האָט מיט אַ ביטער האַרץ יענעם נאָכגעשריגן אין וועג אַריין:

— גראָבער יונג וואָס איר זענט!

אַז ישראל פּויזנער האָט דערהערט דעם שוואָגערס רייד, די באַליידי־קונג, האָט פאַר גרויס איבעראַשונג אַלץ אין אים גענומען ציטערן, זיך וואַרפן, און ס׳גאַנצע לייב איז אים אַזש פייכט געוואָרן פון אַ הייסן פיבער. דאָס פּנים איז אים רויט געוואָרן פאַר בושה און ער האָט פאַרביסן די ליפּן פון יענעמס חוצפּה. ער האָט דאַן פון גרויס צערודערונג נישט געזען אַזש די גאַס, די מענטשן, ווו ער געפינט זיך און נישט געוווסט וואָס מיט אים טוט זיך. ער האָט זיך מיט אַ מאָל פאַרשעמט פאַר זיך אַליין און פאַרלוירן די גבירישע ווירדע מיט וועלכער ער איז געגאַנגען צו דער זיידן־בירזשע, וואָס אַרום דער גרויסער האַנדלס־באַנק, צו טאָן דאָרטן זיינע טעגלעכע געשעפטן. אין יענעם מאָמענט האָט אים אויסגעוויזן, אַז ס׳האָט אים ווער

אַ קלאַפּ געטאָן איבערן קאָפּ און ער קאָן מער צו זיך נישט קומען. די באַ־לײדיקונג פון דעם שוואָגער, דעם למדן, האָט אים אַזוי דערשלאָגן, דער־לאַנגט אין האַרצן אַרײַן, אַז ער האָט פאַר בושה זיך געשעמט עמעצן צו קוקן אין די אויגן אַרײַן, מיט עמעצן זיך צו טרעפן בײַ דער האַנדלס־באַנק. ער איז אַלץ טיפער אַרײַן אין אַ שטימונג פון געפאַלנקייט און די בושה האָט אים געברענט דאָס פּנים, געפלאַמט אין די אויגן און מיט אַ מאָל האָט ער אין גאַנצן פאַרלוירן דעם חשק צו זײַן היינט אויף דער זײַדן־בירזשע, זיך צו ווײַזן דאָרטן צווישן מענטשן, גלײַך ווי דעם שוואָגערס באַליידיקונג האָט זיך צעטראָגן אין אַלעמענס אויערן:

— גראָבער יונג, וואָס איר זענט!

און אַז ישראל פּויזנער איז דערנאָך אָנגעקומען אין דער האַנדלס־גאַס אויף דער זײַדן־בירזשע, האָט ער ווי ווײַט מעגלעך אויסגעמיטן זיך צו טרעפן מיט די באַקאַנטע סוחרים און זיך נישט געוואָלט אפילו באַגעגענען מיט די סאַמע נאָענטסטע ביזנעס־לײַט, מיט וועלכע ער האָט זייער נייטיק זיך באַדאַרפט אַדורכריידן. ער האָט צו גאָר נישט געהאַט קיין חשק, קיין געדולד. און באַזונדערס האָט ישראל פּויזנער, אין דעם דאָזיקן טאָג, זיך געשעמט צו באַגעגענען מיט מיסטער שפּאַנען, אַ ייד, וואָס עוסקט זיך תמיד צווישן רײַכע מענטשן מכוח פילאַנטראָפּישע ענינים. און ווען מר. שפּאַן האָט גענומען צום אים ריידן וועגן דעם היינטיקן געלט־קאַמפּיין לטובת דעם יידישן צענטער, האָט זיך ישראל פּויזנער בײַ אים גענומען בעטן:

— נישט איצט, אַן אַנדערש מאָל!

מיסטער שפּאַן, וועמען ס'איז באַקאַנט ישראל פּויזנערס שוואַכקייט זיך אויסצוצייכענען אויף דעם פילאַנטראָפּישן געביט, און ער איז דעריבער דער פּרעזידענט פון דעם שטאָטישן מושב זקנים, פון דעם בית יתומים־אַנשטאַלט און דירעקטאָר פון דעם יידישן שפּיטאָל — מיסטער שפּאַן האָט איצט נישט געקאָנט פאַרשטיין די סיבה פון דעם רײַכן פּויזנערס צערו־דערטע שטימונג, זײַן פינצטערן אויסזען און די אַראָפּגעלאָזענע אויגן, וואָס ער שעמט זיך אויף עמעצן צו קוקן... מיסטער שפּאַן איז דעריבער געווען אין גרויס פאַרלעגנהייט. דאָך האָט ער צו פּויזנערן אַ זאָג געטאָן:

— נישט איצט, מיסטער פּויזנער? נו, זאָל זײַן אַן אַנדערש מאָל.

און ביים צעשיידן זיך געמאַכט דעם רייכן פויזנער אַ קאָמפּלימענט:
— מיט אייער באַשטייערונג, מיסטער פויזנער, איז מען דאָך סיי ווי זיכער! האַ?

פויזנערן איז דערנאָך אין גאַנצן נמאס געוואָרן די זיידן־בירזשע, דאָס באַגעגענען זיך מיט אַלערליי מענטשן. וואָרעם וואָס ער האָט געוואָלט טאָן, איז אים אַלץ געשטאַנען אין וועג דעם שוואָגערס באַליידיקונג, וואָס ער האָט מער נישט געקאָנט פאַרגעסן. ער האָט זיך אַלע ווײַלע פון דאָס ניי דערמאָנט אין דעם, ווי ער וואָלט אָט די רייד אַלע מאָל געהערט פון דאָס ניי... זיי האָבן זיך אים עפּעס מאָדנע געפלאָנטערט אין מוח און בשום אופן נישט געוואָלט אַרויס פון זכרון. און די בושה האָט זיך אַלץ צעוואַקסן, מיט יעדער מינוט מער ווי געטאָן. ס׳איז געווען דער שווערסטער קלאַפּ פאַר אים די לעצטע צייט. קיין שום געלט־פאַרלוסט אָדער אַן אַנדער אומ־גליק, וואָלט אים קיין מאָל נישט געקאָנט אַזוי דערשלאָגן, דערנידעריקן, ווי אָט די באַליידיקונג, פון וועלכער ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ מין אַפּאַ־טישער, גלייכגילטיקער שטימונג, פון וואָס ער האָט זיך מער נישט געקאָנט באַפרייען. האָט זיך דעריבער ישראל פויזנער דעם טאָג גיך אָפּגעפּאַר־טיקט מיט זיינע ביזנעס, און ער איז אין אַ שווערער שטימונג צוריק אַהיים־געקומען אינעם רייכן הויז אַרייך.

דערזעענדיק אים אַהיימקומען אין סאַמע מיטן פון אַ ביזנעס־טאָג, האָט זיך ברכה־לאה, זיין ווייב, שטאַרק דערשראָקן. ס׳טרעפט, אַז איר מאַן קומט אַהיים אין מיטן בעסטן געשעפטס־טאָג, ווען ער ווערט קראַנק און נעמט הוסטן מיט זיין יסורימדיק הוסטעלע, וואָס פאַרקירצט אים די יאָרן. ברכה־לאה האָט דעריבער געמיינט, אַז אויך היינט האָט ער צרות פון די אָנגע־גריפענע לונגען, און מיט גרויס שרעק האָט זי אים אַ פרעג געטאָן:
— ישראל, דער הוסט?...

פויזנער האָט צוערשט נישט געענטפערט דער ווייב, ווי תמיד, ווען ער איז אין אַ בייזער שטימונג. ער איז דאַן אין דער קרענקלעכער צערודע־רונג אַריין אינעם גרויסן אויפנאַם־צימער מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און אַלץ נישט געקוקט אויף זיין ווייב. ענדלעך האָט זי פון אים אַרויס־געקריגן, וואָס מיט אים האָט היינט פּאַסירט. און גערעדט האָט ער מיט גרויס ביטערניש און שנאה בשעת ער האָט איר דערציילט ווי אַזוי אָט

דער שוואָגער, דער למדן, האָט אים באַליידיקט. ער איז געבליבן זיצן אין אַ געדריקטער שטימונג. פון גרויס פאַרדראָס און האַרצווייטיק האָט ער דעם אָוונט כמעט גאָר נישט טועם געווען פון דעם מאַלצייט.

און ברכה לאה, ישראל פּויזנערס ווייב, האָט זיך שטאַרק געשעמט פון דעם וואָס דער מאַן האָט איר דערציילט, און זי האָט אין האַרצן אים אויך געגעבן רעכט. זי אַליין איז אויך אין כעס געוואָרן אויף איר שוואָגער, און זי האָט איצט באמת מיטגעפילט דעם באַליידיקטן מאַן. זי האָט איצט געפילט, אַז נישט נאָר איז דאָס אַ באַליידיקונג פאַר אים, דעם מאַן אירן, נאָר אויך פאַר איר גופא. נאָך אַלעמען איז דאָך ישראל פּויזנער איר מאַן, מיט וועמען זי האָט שוין אָפּגעלעבט גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר; און זיין ווייטיק, זיין בושה, איז דעריבער אויך איר ווייטיק און איר בושה. און חוץ דעם איז ישראל פּויזנער איצט אויסגעוואַקסן פאַר איר אין דעם ליכט פון אַ מאַן אַ פּרנסה־געבער, ביי וועמען עס פעלט איר פון גאָר נישט אויס. האָט זי דאָך ביי אים אַ רואיק לעבן, אַ שיינע היים, אַ פיינע באַלעבאַטישקייט. אָבער וואָס האָט זי, איר שוועסטער, ביי דעם מאַן דעם למדן? וואָס אַזעל־כעס טוט ער אויף מיט זיין למדנות? און ווער אין דער שטאָט ווייסט פון אים בכלל? — חוץ אפשר די פאַר עלטערע יידן פון זיין שולעכל. דערפאַר אָבער, אַז מען טוט נאָר אַ זאָג: „מר. פּויזנער!"...

וואָס לענגער ברכה לאה האָט געטראַכט וועגן דעם, אַלץ שטאַרקער איז אין איר געוואַקסן דער כעס אויף איר שוועסטער און דעם שוואָגער, דעם למדן. דאָס מאָל איז זי גרייט געווען נישט צו פאַרשווייגן די באַליי־דיקונג קעגן איר מאַן. נישט אַלע מאָל, אַז זי האָלט מיט איר מאַן, אַז זי גיט אים גערעכט קעגן איר משפחה, וואָס ער האָט פיינט. אָבער דאָס מאָל, האָט זי געפילט, איז ער יאָ גערעכט. וועט זי דעריבער זייער חוצפה נישט פאַרשווייגן. זאָלן זיי וויסן, די שוועסטער און בפרט ער, דער שוואָגער, אַז אַ ייד, וואָס איז אַ קנאַפּער בעל־מלאכה, וואָס איז שוין היפּשע יאָרן אין לאַנד און זיין ווייב האָט ביי אים קוים אָפּצועסן און קיין דירה־געלט איז נישטאָ צו צאָלן, אַז אַזאַ ייד באַדאַרף נישט האָבן אַזוי פיל חוצפה קעגן רייכע מענטשן, פעאיקערע פון אים.

ישראל האָט אָפּנים דערפילט דעם ווייבס שטימונג, אירע געדאַנקען, און פאַרשטאַנען, אַז זי איז ענדלעך אויף זיין זייט. האָט ער דעריבער יענעם

אָונט אויסגענוצט די גוטע געלעגנהייט און אַלץ מער גיפט אַריינגעגאָסן אין דער שנאה צו איר משפחה, ביז וואַנען ער האָט ענדלעך דערגרייכט זיין ציל: אַז זי זאָל פיינט באַקומען איר אָרעמע משפחה. איצטער האָט ער דאָס דערגרייכט, אַז נישט נאָר שעמט זי זיך מיט זיי, נאָר זי רעדט אויף זיי אויס אַל דאָס בייזס, ווי דאָס איז אַלע מאָל דער פאַל, ווען מען נעמט פיינט האָבן מענטשן... און דעם היינטיקן פרימאָרגן, אַז ישראל פויזנער איז נאָך געלעגן אין בעט האַלב־פאַרשלאָפן און מיד פון דער נעכ־טיקער קאָרטן־פאַרווילונג מיט זיינע רייכע פריינד, און ער האָט זיך איינ־געהערט ווי זיין ווייב קריגט זיך מיט איר שוועסטער און מיט אים, דעם שוואָגער, דעם למדן, ווי זי רעכנט זיך אָפּ מיט זיי פאַר דער נעכטיקער באַליידיקונג קעגן אים, איז ער זיכער געוואָרן, אַז נאָך אַזאַ קריגעריי און שנאה וועט צווישן זיי, דער ווייב מיט דער אָרעמער שוועסטער, קיין מאָל שוין נישט זיין קיין שלום. ער האָט זיך דעריבער איצט איינגעהערט אין דער קריגעריי מיט אַ באַזונדערער פרייד.

— פיר חדשים, זעקס חדשים, — פאַר וואָס וואַרפט איר אונדז נישט אַרויס פון דער דירה, פיינע לייט וואָס איר זענט?! — האָט ישראל פויז־נער געהערט ווי דער שוואָגער, דער למדן, ענטפערט צוריק אָפּ ברכה לאהן, ישראל פויזנערס ווייב.

די קולות אונטן זענען געוואָרן אַלץ העכער. דאָס צעווערטלען זיך האָט אַלץ מער אָנגענומען אַ שנאהדיקן טאָן, און ישראל פויזנער האָט איצט געפילט, אַז ער וועט דעם היינטיקן פרימאָרגן מער נישט קאָנען אַנטשלאָפן ווערן. דערצו איז די וואַרעמע זון, אַן אָנהייב־זומערדיקע, אַ בלענדיקע אין די פענצטער געשטאַנען און זיך דורכגעריסן דורך די אַראָפּגעלאָזענע פאַרהאַנגען אים אין די אויגן אַריין. און אַז די קריגעריי אונטן איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן, איז ער ענדלעך אַרויס פון בעט.

אין שלאָפצימער, אין הויז, איז געווען שטיל און רואיק, ווי יעדן פרימאָרגן. די רייכע באַלעבאַטישקייט איז געווען פיין צוגערוימט, אין גרויס אָרדענונג. דאָס טייערע מעבל אין די צימערן האָט מיט דער פריש־קייט געבלאַנקט ווי זיך צו שפיגלען אין זייער שיינקייט. אין דעם זונען צימער זענען די בלומען און אַלערליי בלעטער־פלאַנצונגען שוין באַגאָסן געווען מיט אַ דראָבנעם וואַסערל. אַ זינג־פייגעלע האָט אומעטיק געטרעלט

צו דעם ליכטיקן דרויסן ; און אינעם קיך־צימערל, ביי דער טיר, איז „פּאַפּ" געלעגן אויף די פיר דינע הינטישע פיסלעך און דרימלענדיק געהאַלטן אויסגעשפּיצט די צוויי אויערן־לעפּלעך צו יעדן טריט אָדער וואָרט, וואָס האָט זיך געהערט פון גאַס. די שטילקייט אינעם רייכן הויז, די ריינקייט פון דעם טייערן מעבל, דאָס אומעטיקע טרעלן פון דעם זינג־פייגעלע און „פּאַפּ", דאָס שיינע הינטעלע ביי דער טיר, האָט דערמאָנט, אַז ביי ישראל פויזנערן אין דער רייכער היים, זענען קיין קינדער נישט פאַראַן. קיין קינדערישע הענטלעך האָבן קיין מאָל דאָס טייערע מעבל נישט באַפלעקט און קיין שרייענדיקע שטימעלעך פון יונגע קינדער האָט זיך קיין מאָל אין דעם רואיקן הויז נישט געהערט. ווי נאָר מען קומט צו ישראל פויזנערן אין הויז אַריין און מען דערפילט די מאָדנע רואיקע שטילקייט אין די צימערן, ווערט באַלד קלאָר :

ביי די פויזנערס זענען קיין קינדער נישט פאַראַן.

און בשעת ישראל פויזנער איז איצט אַריין אין קיך־צימערל, עפּעס טועם צו זיין, האָט ער דערוויל געהערט ווי דאָס קריגערייאונטן ווערט ענדלעך שוואַכער. עס ענדיקט זיך מיט דעם וואָס דעם ווייבס אָרעמע שוועסטער צעוויינט זיך פּלוצים אויף אַ הויך קול און זי גייט דערנאָך אַריין מיטן מאַן, דעם למדן, אין איר הויז אַריין און פאַרקלאַפּט הינטער זיך די טיר מיט גרויס כעס פאַר דער רייכער שוועסטערס פּנים, ישראל פויזנערס ווייב.

ברכה לאה איז דערנאָך צוריק אַרויפגעקומען אין הויז אַריין. זי איז געווען שרעקלעך צערודערט פון דער קריגעריי מיט איר משפּחה, און דאָס דיקלעכע פּנים איז איר אַזש רויט געוואָרן פאַר גרויס אויפרעגונג. זי האָט קוים געקאָנט דעם אָטעם כאַפּן אויסצורייידן אַ וואָרט און האָט זיך כמעט אין דרייען געבויגן פאַר ווייטיק און פאַרדראָס. טרערן זענען איר געשטאַנען אין די אויגן און אין דער גרויסער צערודערונג האָט זי אַפילו נישט אַ קוק געטאָן אויף איר מאַן. ישראל פויזנער האָט גלייך באַמערקט דעם ווייבס קרענקלעכע שטימונג און בשעת מעשה באַמיט זיך נישט אַרויסצווייזן זיין גרויסע צופרידנקייט פון איר מחלוקה מיט דער משפּחה, כדי נישט אַרויסצורופן קיין איבעריקע אויפרעגונג מצד דעם ווייב. ער האָט איר געמאַכט פילן, גלייך ער איז נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון שלאָף

און ווייסט פון גאָר נישט צו זאָגן. און חוץ דעם האָט די איצטיקע מחלוקה צו אים, ישראל פויזנערן, קיין שום שייכות נישט. ער מיט איר משפּחה האָבן זיך דאָך שוין פון לאַנג פיינט, און איצטער איז אָט די שנאה אויך שוין צווישן דעם ווייב און איר שוועסטער מיטן שוואָגער, דעם למדן.

אָבער ברכה לאה האָט איצט אַנדערש געטראַכט וועגן דעם. איר איז מיט אַ מאָל קלאָר געוואָרן, אַז פּונקט אַזוי ווי זי האָט פריער באַרעכטיקט דעם מאַנס שנאה צו איר משפּחה און זי האָט זיי אויך גענומען פיינט האָבן, האָט איצטער, נאָך דער קריגעריי, איר פּלוצים גאָר אַדורכגענומען גרויס פאַרדראָס און אַ חרטה־געפיל, וואָס זי האָט נאָכגעגעבן דעם מאַן און זיך געלאָזט פון אים באַאיינפלוסן... אַז דאָס צעווערטלען זיך צווישן איר מיט דער אָרעמער שוועסטער און מיטן שוואָגער, דעם למדן, איז אין דער אמתן אַרויסגעקומען צוליב דעם מאַנס שנאה צו זיי און נישט צוליב דער שנאה פון איר זייט. מיט גרויס ביטערניש האָט זי דאַן אַ זאָג געטאָן צום מאַן:

— נאָר ער העצט קעגן זיי!

ישראל פויזנער האָט געקוקט אויף דעם ווייב מיט גרויס איבעראַשונג. איר פּלוצימדיקע ענדערונג האָט אים דערשטוינט. עס איז אים שווער געווען צו פאַרשטיין, ווי אַזוי דאָס איז מעגלעך. ער האָט אָבער געפילט, אַז אַזוי איז דאָס: אַז די שנאה וועפּט צוריק אויס. ער האָט דאָס קלאָר דערפילט מיט יעדן צערייצטן, בייזן בליק, וואָס זי האָט אויף אים געגעבן, פון די טרערן, וואָס זענען איר אין די אויגן געשטאַנען, און פון דעם פינצטערן אויסזען פון איר פּנים. ס׳איז אים קלאָר געוואָרן, אַז עס פאַרדריסט זי שוין אין גאַנצן אויף דער היינטיקער מחלוקה, און כדי זיין ווייב, ברכה לאה, זאָל זיך נישט פאַרלירן אין די חרטה־שטימונגען פון וועלכע זי איז אַ פּנים שטאַרק באַהערשט געוואָרן, און ס׳זאָל זיך אין איר האַרצן וואָס לענגער האַלטן דער גיפט און די שנאה צו איר אָרעמער משפּחה, האָט ער, איידער ער האָט דעם היינטיקן פרימאָרגן פאַרלאָזט דאָס הויז, כדי זיך צו זען מיט עטלעכע ביזנעסלייט אויף דער בירזשע, מיט גרויס אויפרעגונג איר אַ זאָג געטאָן:

— גראָבער יונג וועט ער מיך רופן?!

משה פריד

חרטה

ווי נאָר ישראל פויזנער האָט נאָך אַ מאָל פאַר דעם ווייב דערמאָנט די באַליידיקונג קעגן אים פון דעם שוואָגער, דעם למדן, און ער האָט מיט אַ בייזן קלאַפּ פון דער טיר אויסגעדריקט די שנאה צו איר משפחה, איז ער באַלד דערנאָך געפאָרן אין דער שטאָט אַריין, צו דער האַנדלס-באַנק, ווו ער טרעפט זיך יעדן טאָג מיט אַ גרויסער צאָל ביזנעסלייט און סתם מענטשן, וואָס באַדאַרפן אים האָבן...

ברכה לאה איז איבערגעבליבן אין הויז אין אַ גרויס פאַרלעגנהייט. די שנאה פון דעם מאַן צו איר משפחה, האָט אַרויסגערופן אַ מין טרויער אין האַרצן, אויף דער נשמה; און זי האָט נאָך אַלץ נישט געוווסט ווי אַזוי צו האַנדלען, מיט וועמען זי זאָל האַלטן און וועמען זי זאָל געבן גערעכט.

זי איז געבליבן אין אַ פאַרלעגנהייט און איז שטאַרק צערודערט געווען. ס׳האַרץ האָט זיך צעריסן אין צווייען: איין טייל האָט געצויגן צו שטיין מיט דעם מאַן, און די צווייטע טייל האַרץ האָט, פאַרקערט, געריסן זיך צו דער שוועסטער און צו דעם שוואָגער, דעם למדן.

זי האָט דערפון געקריגן אַ שווערן קאָפּ-ווייטיק, אַ שווינדלעניש אין די אויגן, ווי אַלע מאָל, ווען זי לעבט איבער ערגערנישן, אויפרעגונג, און פון די פּיינלעכע יסורים אין האַרצן האָט זיך דאָס בלייכע אויסזען אויפן פּנים פאַרוואָלקנט.

היינט איז ביי איר קיין ספק נישט געווען, אַז דער מאַן איז טאַקע גערעכט מיט זיין שנאה צו איר משפחה. אַלע מאָל טאַקע נישט, אָבער היינט יאָ. דאָס מאָל האָט אים דער שוואָגער, דער למדן, צו שטאַרק באַ־ליידיקט, ווי געטאָן, און דאָס וועט זיך שלעכט אָפּרופן אויף זיין אַלטער קראַנקייט, אויף די אָנגעגריפענע לונגען. פון זינט יענעמס באַליידיקונג שעמט ער זיך צו קוקן אַ מענטשן אין די אויגן אַריין, ער וועט דאָס אַזוי לייכט נישט פאַרגעסן און דעם שוואָגער — קיין מאָל נישט מוחל זיין.

דערמאָנענדיק זיך איצט אין דעם אַלעם, איז ברכה לאה שטאַרק צופרידן געווען פון דער מחלוקה, וואָס זי האָט דעם היינטיקן פרימאָרגן געהאַט

מיט דער שוועסטער און מיט דעם שוואָגער, דעם למדן, און וואָס זי האָט זיך אָנגענומען פאַר דעם כבוד פון איר מאַן.

נייך, זי האָט אַזאַ באַליידיקונג קעגן איר מאַן, נישט געטאָרט פאַרשווייגן, בלייבן גלייכגילטיק צו דעם, כאָטש זי האָט ליב אויך שטאַרק איר משפחה. ישראל פויזנער איז אָבער דאָך איר מאַן, מיט וועמען זי איז אונטער דער חופה געשטאַנען. און לענגער ווי זי איז ביי אירע עלטערן געווען, לעבט זי שוין מיט אים. אין אים איז שוין, ווי מען קאָן זאָגן, פאַרקערפּערט איר אייגן לעבן. מיידלשע חלומות, די נשמה פון אַ פרוי, האָפענונגען — וואָס האָט זי דען אים נישט אָוועקגעגעבן, געאָפּפערט פאַר דעם צוזאַמענלעבן?

ברכה לאה האָט איצט געטראַכט מיט גרויס ליבשאַפט וועגן איר מאַן. זיך דערמאָנט דאָס געזונט, וואָס עס קאָסט זי. די לאַנגע נעכט וואָס זי איז נישט געשלאָפן ווען ער איז אַנומלט קראַנק געוואָרן, אָנגעגריפן געוואָרן אויף די לונגען. אַלע האָבן שוין כמעט געהאַט אויפגעגעבן די האָפענונג, געמיינט, אַז ער איז פאַרביי, אַז זיין לעבן איז מער גאָר נישט ווערט, ביז וואַנען זי האָט אים גענומען אין די הענט אַריין. זי איז דעמאָלט קיין נעכט נישט געשלאָפן, נישט גערוט, געלאָפן, אַלע מאָל אַנדערע דאָקטוירים געבראַכט. אים אַוועקגעשיקט אין קורערטער, צוריק אַהיים גע־בראַכט. אַליין אויף אים אַכטונג געגעבן, צוגעזעצן אים און פון דעם טויט אים אָפּגעראַטעוועט. און נאָך ביז היינט, אַז זי זעט אים אַ מאָל אין אַ גוטער שטימונג, געזונט, שטאַרק, טראַכט זי אָפט מאָל וועגן אים און וועגן יענער ביטערער צייט.

און אָט איז ער דאָך שוין כמעט אויף יענער וועלט געווען, איר מאַן. מיט גרויסע צרות, אַז זי האָט אים צוריק אָפּגעראַטעוועט פון דעם מלאך המוות׳ס הענט.

און ביז היינט לעבט זי נאָך אַלץ מיט דער צערודערונג און פחד פון יענער צייט, ווען דעם מאַנס לעבן איז געווען אין סכנה און זי וואָלט געבליבן אַן עלנטע פרוי, אַן אַלמנה אויף גאָטס גרויסער וועלט. אַ פרעמדע, אַן אומ־גליקלעכע פרוי, וואָלט זי זיך געפילט אָן דעם מאַן. אַ פרוי, וואָס איז יאָרן־לאַנג פאַרהייראַט געווען, פילט זיך דערנאָך אומעטום אַ פרעמדע: ביי טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברידער, ביי קינדער אפילו — ביי אַלעמען פילט זי זיך עלנט, פרעמד, חוץ מיטן מאַן, ווו זי איז ביי זיך אין דער היים...

און וואָס מער ברכה לאה האָט וועגן דעם געטראַכט, אַלץ מער איז זי באַהערשט געוואָרן פון גרויס מיטגעפיל און ליבשאַפט צו דעם מאַן; און דערפאַר טאַקע אַלץ מער רחמנות אויף אים געהאַט צוליב די ליידן, דעם בזיון, וואָס ער האָט היינט געהאַט פון איר משפחה. און ביי ברכה לאהן איז איצט קיין ספק נישט געווען, אַז אַלס וויב דאַרף זי טאַקע האַלטן מיטן מאַן, זיך שטעלן אויף זיין זייט און אויב ביז היינט האָט ער דאָס ביי איר בשום אופן נישט געקאָנט פועלן, האָט זי היינט באַשלאָסן אים נאָכצוגעבן. און די דאָזיקע שנאה האָט זי שוין אַרויסגעוויזן דעם היינטיקן פרימאָרגן, אין דער גרויסער מחלוקה מיט דער שוועסטער און מיט דעם שוואָגער, דעם למדן.

האָט זי זיך כאַטש — פילט איצט ברכה לאה — מיט וואָס עס איז אָפּגערעכנט מיט יענע לייט, פאַר דעם ווייטיק, פאַרן בזיון, וואָס זיי האָבן אים פאַרשאַפט.

דאָס האָט זי אַ ביסל באַרויקט, גרינגער געמאַכט דאָס האַרץ, דאָס שווערע געמיט. ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי האָט דעם היינטיקן פרימאָרגן געהאַנדלט ריכטיק, ווערדליק די אומשטענדן אין וועלכע זי געפינט זיך. ס'איז טאַקע איר שוועסטער און שוואָגער, אָבער וווינען און לעבן, לעבט זי מיטן מאַן; און זי פילט דעריבער גיכער דעם מאַנס האַרץ, זיינע געפילן און זיינע ליידן.

אָבער נאָך איידער ברכה לאה האָט צייט געהאַט זיך צו באַרויקן פון די שנאהדיקע שטימונגען צו דער משפחה, האָט זי מיט אַ מאָל דערהערט פון דעם אונטערשטן עטאַזש, דער שוועסטערס וווינונג, אַ שטיל פיינלעך פרויען־געוויין. זי האָט דערקענט, אַז דאָס וויינט די שוועסטער, און איז בלאַס געוואָרן... די פריערדיקע צערודערונג און דער קאָפּ־ווייטיק האָט זיך איר צוריק אומגעקערט מיט דער זעלבער שווינדלענדיקער טונקלקייט אין די אויגן. ס'איז איר קאַלט און הייס געוואָרן און זי האָט זיך נישט געקאָנט קיין אָרט געפינען אין די צימערן פון איר רייכער וווינונג.

פון דעם אונטערשטן עטאַזש, דער שוועסטערס וווינונג, האָט זיך אַלץ געהערט דאָס שטילע, פיינלעכע פרויען־געוויין און ס'איז דאָרטן אונטן אויך שטאַרק אומרויק געווען פון רעשיקע מענערישע טריט. אַ פּנים, אַז דאָס שפּאַנט אַזוי אַרום עקיבא, דער שוואָגער, דער למדן, ווי אַלע מאָל ווען

ער דאגהט שטאַרק וועגן פּרנסה, צאָלן דירה־געלט דעם רייכן פּויזנערן, אָדער וועגן אַנדערע זאָרגן. זי האָט זיך איינגעהערט אין דעם געוויין, אין די רעשיקע טריט פון דעם שוואָגער, דעם למדן, מיט געמישטע געפילן. זי האָט איצט מיט אַ מאָל פאַרגעסן אין דער ליבשאַפט צו דעם מאַן, און פאַר אירע אויגן האָט זיך גאָר אַ שטעל געטאָן דאָס בלייכע און לײַדנדיקע אויסזען פון דער אָרעמער שוועסטער, וואָס אַרבעט שטענדיק שווער און ביטער אַרום די קליינע קינדער, וואָס זענען נאָך גאָר קיין מענטשן נישט — ווי זי זיצט אַצינד אין אַ ווינקל פון איר אָרעמער וווינונג און וויינט. און ברכה לאה איז זיכער געווען, אַז דאָס מאָל וויינט נישט די שוועסטער אויף דעם בייזן מזל אירן. אויף אַן אַנדער אומגליק וויינט זי איצטער, וואָס איז ערגער פאַר נויט און הונגער. ס'האָט איר אַ שניט געטאָן אין האַרצן, ווי אַ מעסער וואָלט דורכגעגאַנגען איר לייב און ס'רינט בלוט. זי האָט זיך דערשראָקן, כאָטש זי האָט קיין בלוט נישט געזען... זי איז געוואָרן אויסער זיך: וואָרעם ס'איז איר קלאָר געוואָרן פאַר וואָס עס וויינט איצט די שוועסטער צוליב דער הײַנטיקער מחלוקה. ווי די צוויי שוואָגערס האָבן זיך פיינט. פאַרקערט, די צוויי שוועסטער האָבן זיך אַלע מאָל ליב געהאַט, האַלטן זיך שטענדיק צוזאַמען. איינע קאָן אָן דער צווייטער נישט אויסקומען, נישט לעבן. איז דעריבער פאַראַן אויף וואָס צו וויינען.

פאַר דער רייכער שוועסטער האָט זיך אַ שטעל געטאָן אַ שווערער טאָג, אַ נישט אָנגענעמער. פון גרויס ערגעניש האָט זי נישט געקענט טועם זיין פון פרישטיק. יעדער ביסן האָט זיך אין האַלדז געשטעלט, נישט אַראָפּ־צושלינגען. און דערנאָך איז אַלץ אין דעם הויז איר נמאס געוואָרן: דאָס טרעלן פון דעם זינג־פייגעלע, דאָס האַווקען פון „פּאַפּען", וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן אויף די פיר הינטישע פיסלעך. זי האָט דעם פרימאָרגן נישט געהאַט קיין חשק צו באַגיסן די בלומען, די בלעטער־פלאַנצונגען, אין דעם ליכטיקן זוניקן צימער. אַ מאָדנער שווערער אומעט האָט זי פאַרפאָלגט, ווו זי האָט נאָר אַ טריט געטאָן, גלייך עמעצער וואָלט איר אָפּגעשטאָרבן. אַוועק פון דער וועלט אַ נאָענטער מענטש און דאָס האַרץ האָט זיך נישט געקאָנט באַרואיקן. זי איז פול געווען מיט חרטה־שטימונגען, וואָס זי האָט זיך צעקריגט מיט דער שוועסטער, און געפילט, אַז זי האָט דאָס נישט גענדאַרפט טאָן. זאָלן זיך די צוויי שוואָגערס פיינט האָבן. נאָך אַלעמען זענען

זיי דאָך, ווען נישט די פרויען, צוויי פרעמדע מענטשן. פאַרקערט איז מיט די צוויי שוועסטער. זיי האָבן זיך שטענדיק ליב געהאַט און די שנאה זייערע, די היינטיקע, איז דעריבער אַ נישט אויפריכטיקע, אַ געצוווּנגענע, נישט מיט דעם ווילן פון זייערע הערצער, זענען זיי זיך שונאים געוואָרן.

און וואָס מער ברכה לאה האָט איצט געטראַכט וועגן דער שוועסטער, אַלץ מער האָט זי דערפילט ווי ליב זי איז איר. אָט די שוועסטער איז דאָך די איינציקע פון איר משפחה, וואָס זי האָט דאָ אין היגן לאַנד. אויף יענער זייט ים האָט זי נאָך שוועסטער, ברידער, אַ פאָטער, וואָס לעבט נאָך. דאָ האָט זי בלויז די אָרעמע שוועסטער און זי איז דעריבער פאַר איר אַ מין דערמאָנונג פון אַ גאַנצער משפחה. און אין דער ליבע צו דער שוועסטער איז פאַרקערפערט אויך אַ מין ליבע ווי צו טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברי־דער, די גאַנצע משפחה.

און חוץ דעם האָט ברכה לאה אויך ליב די שוועסטער מחמת די קינדער. איר, ברכה לאהן האָט גאָט געשטראָפט. אַ רייך הויז האָט גאָט איר גע־געבן. אַ גרויסע שפע איז ביי איר פאַראַן, פון כל טוב — אָבער אַ גע־שטראָפטע איז זי, אַן עקרה, און דער שוועסטער, דער אָרעמער, וואָס האָט קוים אָפּצוועסן ביי דעם נישט־מזלדיקן מאַן, וואָס האָט קיין מאָל קיין דירה־געלט נישט צו צאָלן, גראָד איר האָט גאָט יאָ באַשאָנקען מיט זעקס קינדער, געזונטע שטאַרקע קינדער. און ברכה לאה האָט זיי ליב ווי זיי וואָלטן פון איר לייב געווען. יעדע פרוי איז אַ מאַמע, און אַ מאַמע האָט ליב קינדער. און אַז ברכה לאה האַלט אַ מאָל דער שוועסטערס אַ קינד אויף איר שויס, דאַכט זיך איר טאַקע אויס, ווי אָט דאָס קינד, אַ מיידעלע, איז ענלעך צו איר. און ס'ווערט איר דערפון מאָדנע וואַרעם אין האַרצן, אויף דער נשמה. עס דאַכט זיך איר דעמאָלט אויס, אַז ס'איז באמת איר קינד, איר בלוט און פלייש. און זי האָט אין אַזאַ מאָמענט ליב די שוועסטער אויך אַלס מאַמע פון די קינדער, וואָס זי קאָן זיי ליב האָבן, ווי די שוועסטער אַליין.

ברכה לאהן איז דעריבער קלאָר געוואָרן, אַז זי קאָן דער שוועסטער נישט פיינט האָבן, ווי שטאַרק דער מאַן זאָל דאָס וועלן; און אַז זי האָט גרויס פאַרדראָס אויף דער מחלוקה דעם היינטיקן פרימאָרגן מיט איר. ערשט איצט, אין דעם קאָנפליקט צווישן די געפילן, אין דער ליבע צו צוויי

באַזונדערע מענטשן, האָט זי אויף אַן אמתן אָנגעהויבן דערפילן דעם גרויסן אונטערשייד, וואָס איז דער ליבע צו אַ מאַן, און דער ליבע צו אַ שוועסטער. און וואָס מער דאָס ליבע־געפיל צו דער שוועסטער האָט זיך איצט צעוואַקסן אין איר האַרצן, אַלץ אומבאַדייטנדיקער איז פאַר איר אויסגעוואַקסן דאָס געפיל פון ליבע צום מאַן. נישט ווילנדיק האָט זי גע־נומען טראַכטן: טאַקע, וואָס איז אין דער אמתן אַ מאַן? אַט ווײַנט מען און מען לעבט אָפּ מיט אַ מאַן יאָרן לאַנג און ווי נאָר מען גט זיך, אַזוי ווערט פון אַלעם אויס. איז מען זיך צוריק צוויי פרעמדע מענטשן, אָפּט מאָל אויך שונאים... דאָס לעבן פון אַ מאַן און פרוי איז טייל מאָל געגליכן צו אַ מין רויך, וואָס בלייבט נאָך אַ פייער... אַנדערש איז אָבער מיט דער ליבע צו אַ שוועסטער. ס׳איז אַ ליבע, וואָס הייבט זיך אָן פון די עלטערנס צייטן. און ווי מען קאָן נישט פאַרלייקענען עלטערן, אַזוי קאָן מען אויך נישט פאַרלייקענען קיין שוועסטער, סיי ווען מען האָט זיך ליב, אָדער פיינט. נאָך אַזעלכע געדאַנקען האָט דעריבער ברכה לאה מער נישט געקאָנט רוען און איז באַהערשט געוואָרן פון אַ שטאַרקן פאַרלאַנג זיך צוריק איבער־צובעטן מיט דער שוועסטער.

זי האָט אָבער נישט געוווסט ווי אַזוי דאָס צו טאָן. ווי אַזוי צו געבן צו פאַרשטיין דער שוועסטער אירע געפילן, אַז זי האָט צו איר גאָר נישט. אַז זי האָט חרטה, זאָל זי איר מוחל זיין, זי איז נישט שולדיק. זי האָט מער אין הויז נישט געקאָנט פאַרבלייבן. ס׳האָט זי צוריק געיאָגט צו דער שוועס־טער, זי צו זען און מיט איר שלום מאַכן. און זי האָט גענומען אַרונטערגיין צום אונטערשטן עטאַזש, צו דער שוועסטערס וווינונג.

זי איז אָבער צו דער שוועסטער נישט אַריינגעגאַנגען. עטלעכע מאָל אין טאָג איז זי אַראָפּגעגאַנגען און איז אַלץ נישט דרייסט געווען זיך צו ווייזן פאַר איר. צופיל עגמת־נפש, ווייטאָג האָט זי איר פאַרשאַפט דעם היינטיקן פרימאָרגן. די גרויסע מחלוקה איז איר נאָך געשטאַנען פאַר די אויגן. האָט זי געהאַפט זיך מיט איר צו טרעפן אויף אַ צופעליקן אופן, געזוכט אַן אויסרייד, ביז וואַנען זי האָט ענדלעך זיך באַגעגנט מיט דער שוועסטער.

ס׳איז געווען אָונט, אַרום פינף אַ זייגער. ישראל פויזנער האָט באַלד באַדאַרפט אַהיים קומען פון דעם געשעפט־טאָג. דער וואַרעמער אָנהייב

זומערדיקער טאָג האָט גענומען טונקלען, געשאָטנט מיט אָוונט, מיט נאַכט. ברכה לאהן איז מיט אַ מאָל אַזוי אומעטיק געוואָרן אויפן האַרצן, אַז זי האָט געמוזט אַרויסגיין פון הויז. די אומרואיקייט האָט זי געיאָגט. און ווי נאָר זי האָט געעפנט די טיר, האָט זיך אין דער זעלבער צייט אויך דער־הערט אויפן אונטערשטן עטאַזש, ביי דער שוועסטער, עפענען די טיר...

און ביידע, ברכה לאה מיט דער אָרעמער שוועסטער האָבן זיך באַגעגנט.

זיי זענען צו ערשט שטיין געבליבן, די צוויי ברוגזע שוועסטער, אין אַ גרויס פאַרלעגנהייט און זיך נישט געקוקט אין די אויגן אַריין. ביי ביידע פרויען זענען די אויגן רויט און פייכט געווען, אַפּנים פון טרערן און האַרצווייטיק, דערפאַר ווייל זיי האָבן זיך פיינט, נישט ווייל זיי ווילן זיך פיינט האָבן. וואָס די שנאה איז נישט פון זייער בלוט, און דאָך קריגט מען זיך און מען האַסט זיך. אַפּנים, אַז ברכה לאה האָט דאָס דערפילט די ערשטע. וואָרעם ווי נאָר זי האָט דערזען דער שוועסטערס בלייכע פּנים, דעם מאָגערן אויסזען, אַזוי האָט זי גלייך אין אַלעם פאַרגעסן. און ווי צווישן זיי וואָלט קיין מאָל קיין שום שנאה נישט געווען, האָט זי ביי איר גענומען פרעגן מיט שוועסטערלעכע ליבע:

— פאַר וואָס זעט מען דיך עפּעס אַ גאַנצן טאָג נישט, צירל? שוין גענומען טראַכטן, אויב חלילה...

ביי צירלען, דער שוועסטער, האָבן זיך געוויזן טרערן אין די אויגן... ס'איז געווען קלאָר, אַז פּונקט ווי ברכה לאה, אַזוי האָט זי זיך אויך דעם גאַנצן טאָג געפּייניקט צוליב דער שנאה צווישן זיי. ביידע שוועסטער האָבן דאָס איצט דערפילט איינע אין דער אַנדערער און נאָך דער שנאה, איצטער, זיך נאָך שטאַרקער גענומען ליב האָבן. די רייכע שוועסטער האָט זיך מער נישט געקאָנט אָפּרייסן פון דער אָרעמער און די אָרעמע פון דער רייכער. און פּונקט ווי אין די פריערדיקע טעג, אַזוי אויך איצט האָט ברכה לאה גענומען פרעגן ביי דער שוועסטער מיט גרויס איבערגעגעבנקייט:

— ווי דו זעסט אויס, צירל, פאַר וואָס גייסטו נישט צו אַ דאָקטאָר? און דיין עקיבא האָט שוין אפשר אַ דזשאָב געפונען? און די קינדער וואָס מאַכן?

און די צוויי שוועסטער האָבן זיך איצט ערשט פון דאָס ניי צעקושט זענען זיך לאַנג, לאַנג געלעגן איינע אין דער אַנדערערס אָרעם און מיט

טרערן אין די אויגן זיך געקושט. ביז וואַנען ברכה לאה האָט פּלוצים דערפילט לעבן זיך עפּעס אַ שאָטן פון אַ מענטשן. זי האָט אַ קוק געטאָן און איז שטאַרק בלייך געוואָרן. ס'איז געווען דער מאַן, ישראל פּויזנער, וואָס האָט איצט, אַהיימקומענדיק, געטראָפן דאָס ווייב זיך צוריק קושן מיט דער שוועסטער...

„גריזשעניש"

אין יענעם פרימאָרגן, בשעת ישראל פּויזנער האָט דערהערט די מחלוקה פונעם ווייב מיט דער שוועסטער, איז ער זיכער געווען, אז פון היינט אָן וועט די שנאה האַלטן צעריסן די צוויי נאָענטע משפּחות אויף אַ לאַנגע צייט...

און אַזוי דאַרף עס טאַקע זיין, האָט ער דאַן געטראַכט, ווי באַלד ס'איז נישט מעגלעך, אַז ער, ישראל פּויזנער, דער גרויסגעאַרבעטער זיידן־סוחר און דער אָרעמער שוואָגער זאָלן קאָנען צווישן זיך לעבן בשלום. ווי נאָר זיי טרעפן זיך צונויף, דערפילן זיי גלייך, אַז איינער איז דעם צווייטן מבטל, אַז איינער וויל דעם אַנדערן נישט אָנערקענען פאַר אַ גרעסערן יחסן איבער זיך.

און טראַכטנדיק יענעם פרימאָרגן וועגן דעם, האָט אים באַזונדערס פאַרדראָסן דאָס וואָס אין דעם קליינעם „אהבת יוסף"־שולכל, צווישן די עלטערע יידן מיט וועלכע דער אָרעמער שוואָגער, דער למדן, זיצט אָפט מאָל און לערנט — אַז צווישן יענע יידן האַלט ער זיך ווי אַ פּשוטער מענטש און מיט גרויס דרך ארץ. טרעפט ער זיך אָבער צונויף מיט אים, דעם רייכן שוואָגער, אַזוי ווערט ער מיט אַ מאָל עפּעס גאָר חשוב ביי זיך און וועט אים נישט אַרויסווייזן דאָס מינדסטע געפיל פון רעספּעקט, ווי אַ ייד אַן אָרעמאַן, אַ רייכערן פאַר אים.

און נאָך גרעסער איז דער פאַרדראָס געווען ביי דעם אָרעמען שוואָגער, וועלכער ווייסט, אַז אין דער געזעלשאַפט פון ביזנעסלייט מיט וועלכע דער שוואָגער קומט זיך צונויף, — אַז מיט יענע מענטשן פאַרהאַלט ער זיך גראָד יאָ פּשוט, אָן גרויסקייט, באַגעגנט ער זיך אָבער מיט יידן, ווי

די ר׳ עקיבאָס, ווילט זיך אים נאָר, אַז די דאָזיקע יידן זאָלן פאַר אים האָבן דרך־ארץ — און וואָס מער.

וויל אָבער איינער דעם צווייטן נישט נאָכגעבן און יעדער איינער פון זיי האַלט זיך פאַר אַ גרעסערן יחסן. דער רייכער שוואָגער מיט זיין עשירות, און דער אָרעמער שוואָגער מיט זיין למדנות. און יעדער פילט ביי זיך, אַז דער אמת איז אויף זיין זייט. פילט זיך דעריבער איינער פון דעם אַנדערן תמיד געקריוודעט און באַליידיקט; צעווערטלט מען זיך ביי יעדער קליי־ניקייט און די שנאה צווישן זיי ווערט אַלץ גרעסער און ביטערער פון טאָג צו טאָג.

און נעכטן האָט די דאָזיקע שנאה דערגרייכט די פולסטע מאָס פון ביטערניש; און די פיינטשאַפט איז אַרויס פון די הערצער אין אַן אָפענעם קאַמף. און אָט דער קאַמף האָט זיך איצטער אויף אַן אמת אָנגעהויבן.

און אָט, אין יענעם שפּעטן פרימאָרגנדיקן שלאָף, בשעת ישראל פויזנער האָט דערהערט די מחלוקה פונעם ווייב מיט איר משפחה, האָט ער ענדלעך דערפילט, אַז ער האָט דעם ערשטן נצחון אין אָט דער מחלוקה פון האָס צווישן די ביידע צדדים און ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט דעם דאָזיקן נצחון.

אָט דער דאָזיקער נצחון איז פאַר דעם גביר ישראל פויזנער איצטער געווען די ערשטע באַפרידיקונג פאַר דער גרויסער בושה וואָס דער שוואָ־גער האָט אים פאַרשאַפט מיט דער נעכטיקער באַליידיקונג. ישראל פויזנער איז נאָך דעריבער מיט אים נישט פאַרטיק. דערווייל האָט יענער אים גע־זאָגט, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן; איצטער אָבער וועט ישראל פויזנער האָבן דאָס וואָרט, און יענער וועט באַלד דערפילן וועמענס רייד ווירקן שטאַרקער און טוען מער ווי...

און כדי ער זאָל זיך מיט יענעם קאָנען אָפּרעכענען פאַר דער נעכטיקער באַליידיקונג קעגן אים, פון וואָס ער פילט זיך שטאַרק געטראָפן — איז נייטיק געווען, אַז ער זאָל געווינען דאָס ווייב אויף זיין זייט... וואָרעם ביז היינט איז זי אַלץ געשטאַנען ווי אַ צוים אין וועג און נישט דערלאָזט, אַז די שנאה פון די צוויי שוואָגערס זאָל אָפן אַרויסקומען פאַר דער וועלט. און אַזוי ווי מיט איר, ברכה לאהן, האָבן זיך ביידע נישט געוואָלט אָנהייבן, האָט זי אַלע מאָל אויסגעפירט און יעדעס מאָל אָפּגעהאַלטן ביידע שוואָגערס

פון צעוועטלען זיך. דערהערנדיק אָבער דאָס מאָל די מחלוקה פונעם ווייב, אַז זי האָט זיך געשטעלט אויף זיין צד, האָט ער זיך שטאַרק דער־פרייט מיט דעם דאַזיקן זיג און דערפילט, אַז ער וועט איצט ענדלעך קאָנען פריילאָזן די שנאה קעגן יענע לייט אין דער פולער מאָס.

דאָס דאָזיקע נצחון־געפיל האָט אָבער אין יענעם פרימאָרגן ביי דעם רייכן ישראל פויזנער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. ס׳איז געווען ביז וואַנען די פרוי איז נאָך דער מחלוקה צוריק אַרויפגעקומען אין הויז אַריין, און ווען ער האָט אויף איר דעם ערשטן בליק געטאָן און דערזען דאָס צעפלאַמטע פנים אירס האָט ער גלייך דערפילט, אַז זי האָט שוין חרטה אויף דעם צע־ווערטלען זיך מיט דער שוועסטער, און אַז זי איז נאָך דער קריגעריי צוריק־געקומען מיט אַ צווייטער שנאה אויך צו אים, דעם מאַן...

אָט די דאָזיקע באַציאונג פונעם ווייב צווישן אים און איר משפחה, האָט אַ ביסל צעשטערט די פרייד איבער דעם שוואָגער דעם למדן. עס איז אים שווער געווען צו פאַרשטיין דער פרוי צי זי האַלט מיט אים, אָדער מיט יענע לייט; אַ מאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן אַזוי, און אַ מאָל אַנדערש; ער האָט איר געגלייבט ווען עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי האַלט מיט אים און ער האָט פונקט אַזוי געגלייבט, ווען עס האָט זיך אים אויסגע־דאַכט, אַז זי האַלט מיט זיי... און אָט מיט די דאָזיקע צווייפלען אין האַרץ, איז ער אין יענעם פרימאָרגן אַרויס פון הויז און איז אַראָפּגעפאָרן אין שטאָט אַריין, אין דער ביזנעס־געגנט פון דער גרויסער האַנדלס־באַנק, וווּ ער האָט אויך זיין ביזנעס־אָפיס.

ער איז אָנגעקומען אין רעכטן קאָך פון ביזנעס. די שמאָלע גאַס פון דער זיידן־בירזשע איז שוין געווען פול מיט מענטשן. עס האָט שוין דאָרט געטומלט מיט אַלערליי געשעפט־נייעסן. פרייזן אויף זיידן־מאַטעריאַל זענען געשטיגן; שפּעטער אַ ביסל — צוריק אַראָפּ. איינער האָט זיך געפרייט, וואָס די פרייזן זענען אַרויף... אַ צווייטער האָט זיך באַקלאָגט, וואָס די פרייזן זענען אַראָפּ... און עס האָבן שוין דאָרטן זיך באַוועגט צווישן דעם טומלדיקן עולם די גרעסטע באַלעבאַטים פון דער שטאָט, די קליינע, די קלענערע און נאָך קלענערע, ביז די גאָר קלענסטע, וואָס פאַרמאָגן נישט מער ווי אַ פּאָר וועב־שטולן מיט צען פינגער און צווישן זיי האָבן אַרומ־געהאַוועט אַלערליי מעקלערלעך, אַגענטן, שאַכער־מאַכער, און כאַפּ־לאַפּ־

מענטשן, וואָס האָבן גראָד היינט דערוואָרט צו האָבן ביי די באַלעבאַטים אַ גוטן ביזנעסדיקן טאָג צו כאַפּן גוטע פאַרדינסטלעך. אין דער גרויסער האַנדלס־באַנק האָבן געהאַלטן אין איין אַריינגיין און אַרויסגיין באַקאַנטע באַלעבאַטים, מאַנכע מיט צופרידענע שמייכלען אין די אויגן, און אַנדערע מיט אָנגעכמורעטע, אומצופרידענע פּנימער.

— אַ האַרטער גוי, דער ערל — האָט אַ דיקלעכער באַלעבאָס, אַרויס־קומענדיק פון דער האַנדלס־באַנק דערציילט, ווי דער באַנק־פּרעזידענט האָט אים אָפּגעזאָגט אַן הלוואהלע.

— „סאָרע, סער" — האָט דער באַנק־פּרעזידענט כמעט מיט אים נישט געוואָלט ריידן.

און ווי נאָר ישראל פּויזנער האָט זיך באַוויזן אויף דער בירזשע איז ער גלייך אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ גרויסער צאָל באַקאַנטע סוחרים און מעקלערלעך, וואָס האָבן זיך קוים אויף אים דערוואָרט.

— אַ גוט־מאָרגן, מיסטער פּויזנער! און וואָס מאַכט מיסטער פּויזנער?

— האָבן אים באַגריסט די באַקאַנטע ביזנעסלייט מיט גרויס דרך־ארץ.

ישראל פּויזנער איז פאַר זיי אַלעמען פאַרבייגעגאַנגען מיט אַן אויפ־געהויבענעם, שטאָלצן קאָפּ, מיט גבירישער ווירדע און שפּאַנענדיק מיט זיין דיקן שטעקן, וואָס דערמאָנט גלייך, אַז ער, ישראל פּויזנער, איז אַ ייד אַ נגיד, אַן אייגנטימער פון הייזער, אַ רייכער זיידן־סוחר, און מענטשן באַדאַרפן פאַר אים דרך־ארץ האָבן.

— דרך ארץ! — האָט ער טאַקע אָנומלטן אַ זאָג געטאָן צו איינעם אַ געפאַלענעם באַלעבאָס, וואָס האָט זיך געהאַט אַרויסגעכאַפּט מיט אַ נישט געהעריק וואָרט קעגן אים.

דעם היינטיקן פרימאָרגן האָט זיך אָבער ישראל פּויזנער נישט געקאָנט לאַנג האַלטן אין דער גבירישער ווירדע. וואָרעם ווי נאָר ער איז אָנגעקו־מען אויף דער זיידן־בירזשע און אויף זיין גבירישן אופן זיך באַגעגנט מיט די באַקאַנטע זיידן־סוחרים, האָט אים ווידער אַ מאָל אַ שטאָך געטאָן דאָס בושהדיקע געפיל פון דעם שוואָגערס באַליידיקונג, וואָס דערמאָנט זיך אים, ווי נאָר ער באַגעגנט זיך מיט עפּעס אַ באַקאַנטן מענטשן... עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, ווי עס איז אים שווער געווען צו פאַרגעסן אַ באַליידיקונג. ער האָט דעריבער געפילט, אַז דעם שוואָגער, דעם למדנס

באַליידיקונג וועט אים מער נישט אויפהערן צו גריזשען ווי לאַנג ער וועט לעבן. תמיד וועט עס שוין נאָגן אין האַרצן און אַלץ גרעסער מאַכן די לעכער פון פאַרדראָס און ערגערנישן. ער איז דעריבער ווידער אַ מאָל אַריינגעפאַלן אין אַ דערשלאָגענער שטימונג און ער האָט געגומען צוויפלען וועגן זיין חשיבות אין שטאָט און וועגן דעם כבוד, וואָס מענטשן גיבן אים אָפּ. עס איז אַזאַ מין כבוד, דאַכט זיך אים אויס, נישט ווייל מען האָט אים ליב... ישראל פויזנער ווערט אַלץ מער זיכער אין דעם, וואָרעם ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן פילן זיך געפאַלן און קליין, האָט ער מער נישט געקאָנט גלייבן, אַז פרעמדע מענטשן זאָלן צו אים האָבן אַ בעסערע באַציאונג, ווי ער אַליין האָט צו זיך... ער האָט זיך דעריבער באַלד צוריק פאַרלוירן. און אָנשטאָט צו ווייזן זיך, ווי יעדן טאָג, אין סאַמע צענטער אויף דער זיידן־בערזשע, האָט ער איצטער, פאַרקערט, וואָס וויניקער זיך געוואָלט אָנזען... ער איז געווען אומעטיק, מיט אַ שווער געמיט, וואָס האָט אים געמאַכט אויסזען געבויגן און קראַנק. און באַגריסנדיק זיך מיט באַקאַנטע מענטשן, איז ער דאָס מאָל, שטאַרק רויט געוואָרן פון דעם דרך־ארץ, וואָס זיי ווייזן אים אַרויס... דער באַקאַנטער עולם אַרום דער האַנדלס־באַנק האָט זיך דעריבער שטאַרק געחידושט און נישט געקאָנט פאַרשטיין זיין צערודערט געמיט, דאָס קרענקלעכע אויסזען פו זיין פנים און דעם קנאַפּן אינטערעס וואָס ער ווייזט צו אַלעם אַרויס.

— ס׳טייטש ? האָבן זיך געחידושט אויף דער בירזשע די מענטשן, וואָס קענען אים נישט פון היינט — עפּעס גאָר נישט דער זעלבער מר. פויזנער.

און באַזונדערס איז ישראל פויזנער דעם טאָג געווען אַן איבערראַשונג פאַר די יידן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פילאַנטראָפּישע ענינים. עס איז געווען אַ צייט ווען אין שטאָט איז אָנגעגאַנגען אַ געלט־קאַמפּיין לטובת דעם צענטער. חוץ דעם זענען אויך געווען אין אַ שלעכטער לאַגע דער מושב זקנים, דער בית יתומים און דאָס יידישע שפּיטאָל. — ישראל פויזנער האָט דעריבער דעם טאָג געהאַט גאָר אַ סך געסט ביי זיך אין אָפיס, ער איז אָבער געווען קאַלט צו יעדן איינעמס בקשה וועגן אַ געלט־באַשטייערונג. ער איז דערביי געווען שטאַרק פאַרטראַכט... און דאָס קרענקלעכע בלייכע אויסזען איז אַלע ווילע אים מאָדנע רויט געוואָרן פון אומאָנגענעמע שווערע גע־

דאַנקען... צום סוף איז ער גאָר אַריין אין אַ מין בייזער שטימונג און געבעטן די יידן־עסקנים, אַז זיי זאָלן אים נישט באַלעסטיקן מיט קיין פילאַנטראָפּישע ענינים.

— איך קאָן זיך מער נישט קהלן — האָט ער צו יעדן איינעם אַ זאָג געטאָן.

— קהל וועט אויסקומען אָן מיר — האָט ער מיט נערוועזע טריט גענומען אַרומשפּאַנען אין זיין פּריוואַט אָפּיסל מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

אָבער מר. שפּאַן, אַ ייד וואָס אַרבעט שטאַרק פאַר דעם צענטער און איז נישט געוווינט. אַז דער רייכער ישראל פויזנער זאָל זיך אָפּזאָגן צו געבן אַ באַשטייערונג יעדעס יאָר. מר. שפּאַן האָט גענומען אַפּעלירן צו אים אויף אַ גאָר שטאַרקן אופן:

— ווי אַזוי קאָנען מיר דערלאָזן — האָט ער געטענהט צו דעם רייכן ישראל פויזנער — אַז אַט אַזאַ וויכטיקע אינסטיטוציע ווי דער צענטער, וואָס פאַרבינדט אונדזערע היגע געבוירענע קינדער מיטן יידישן פאָלק... זאָל אונטערגיין.

— טאָ וואָס קאָן איך העלפן? — האָט ישראל פויזנער שוין אַ ביסל ווייכער אַ פרעג געטאָן דעם מר. שפּאַן.

— איר קאָנט העלפן — האָט מר. שפּאַן מיט אַ באַזונדערן דרך־ארץ געקוקט בשעתן ריידן אויף ישראל פויזנערן — אַ מענטש מיט אַזאַ חשיבות און מיט דעם רעספּעקט, וואָס מענטשן האָבן פאַר אייך, דערוואַרט מען טאָקע פון אייך. — —

ישראל פויזנער איז געוואָרן אומגעדולדיק און נישט געוואָלט גלייבן מר. שפּאַנען זיינע לויב־געזאַנגען וועגן אים. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז יעדעס וואָרט און דער גאַנצער דרך־ארץ, וואָס ער וויזט אים אַרויס, איז פאַלש, און געמאַכט, כדי ביי אים וואָס מער געלט אַרויסצוקריגן. ער האָט דעריבער מיט גרויס ביטערניש צו יענעם אַ זאָג געטאָן:

— כ׳פאַרשטיי, אַ באַשטייערונג, האַ?

און ער האָט דערביי נאָך מער צעטראָגן גענומען אַרומשפּאַנען אין זיין אָפּיס־צימערל.

מר. שפּאַן האָט זיך דערשראָקן פון דעם רייכן ישראל פויזנערס צע־

רייצטער שטימונג, פון דעם בייזן טאָן, מיט וועלכן ער האָט צו אים גע־רעדט און געמיינט, אַז ער איז אפשר נישט געווען גענוג אויסגעהיטן אין די רייד, אָדער ער האָט פאַרפעלט אים אַרויסצווייזן דעם געהעריקן דרך־ארץ, און ער האָט פון דאָס ניי צו אים אַ זאָג געטאָן:

— פאַר וואָס עפּעס אַ באַשטייערונג? אייער נאָמען, איר אַליין, זענט חשובער ווי דאָס געלט. אָט וואָס איך מיין.

— איך... מיין נאָמען... — האָט ישראל פויזנער צו זיך געמורמלט און בשעת מעשה געקוקט דעם מר. שפּאַן אין מויל אַריין, ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערצייגן אויב די רייד, וואָס יענער רעדט, קומען אים טאַקע אַרויס פון מויל...

ער האָט דערביי ווידער גענומען אַרומשפּאַנען, געהאַלטן אַלץ אַראָפּ־געלאָזן דעם קאָפּ און נישט געקוקט מר. שפּאַנען אין די אויגן אַריין. ער איז פול געווען מיט יאוש דעם טאָג, מיט שווערע געדאַנקען, און דער־פאַר געצווייפלט אין אַלעם וואָס מר. שפּאַן האָט צו אים גערעדט און אים אַ וואָרט נישט געוואָלט גלייבן. מיט אַ מאָל אָבער האָט ער זיך שטאַרק פאַרטראַכט און אַ הייב געטאָן דעם אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ העכער, עפּעס איז אים אַדורך אין זכרון, און ער האָט אַ פרעג געטאָן דעם מר. שפּאַן:

— און מיין נאָמען איז דאָס טאַקע אַזוי נייטיק דעם צענטער?

— נייטיק! — האָט אים יענער פאַרזיכערט — איר זענט דאָך אַזאַ געאַכטעטער מענטש אין שטאָט.

מר. שפּאַן האָט דאָס אַ זאָג געטאָן מיט אַזאַ מין איבערצייגטן טאָן, אַז ישראל פויזנער איז באַלד גרייט געווען צו גלייבן אין אַלץ וואָס מר. שפּאַן דערציילט אים וועגן זיך... ער האָט דאָס אים געוואָלט גלייבן מיטן גאַנצן האַרץ... אָבער אַ קאַלט געפיל פונעם מוח האָט גראָד געצווייפלט אין דעם, וואָס דאָס האַרץ האָט געוואָלט גלייבן. ער האָט דעריבער נישט געוווסט צו וועמען ער זאָל האָבן מער צוטרוי: צו דער לאָגיק פונעם מוח, אָדער צום געפיל פון האַרץ, און טראַכטנדיק וועגן דעם, האָט ער דעם מר. שפּאַן איבערגעפרעגט:

— אַזוי אָנגעזען בין איך דאָס אין דער שטאָט?

— אַוודאי, ווער דען, אויב נישט אַזאַ ייד ווי איר? — האָט מר. שפּאַן אים דאָס פאַרזיכערט נאָך אַ מאָל, און האָט צוגעגעבן:

— וואָס דען, מיט יידן אביונים רעכנט מען זיך?

ישראל פויזנער האָט קעגן זיין ווילן אַ צופרידענעם שמייכל געטאָן. די לעצטע רייד פון מר. שפּאַנגן זענען אים אַריין אין קאָפּ. ס'זענען געווען די ערשטע רייד דעם היינטיקן טאָג, וואָס האָט אַ ביסל גרינגער געמאַכט זיין שווערע שטימונג, דאָס גריזשעניש אין האַרצן, און ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער קומט צו זיך, אַז ער ווערט צוריק דער שטאָלצער, חשובער ישראל פויזנער, ווי ער איז געווען איידער דער שוואָגער האָט אים ווי געטאָן מיט דער באַליידיקונג. ער איז אַזוי צופרידן געווען פון מר. שפּאַנס לעצטע רייד, אַז ער האָט ווידער אַ מאָל געמוזט אים אַ פרעג טאָן:

— אַזוי, אַן אָרעמאַן האָט קיין ווערט נישט?

— קיין ווערט נישט — האָט אים יענער פאַרזיכערט — אַן אָרעמאַן איז געגליכן צו אַ טויטן. עס שטייט טאַקע געשריבן „עני חשוב כמת”.

ישראל פויזנער, וועלכער איז אָקאָרשט געווען אין אַ מונטערער שטימונג, איז פּלוצים צוריק אומעטיק געוואָרן, ווידער ביי זיך אַראָפּגעפאַלן. אים איז ווידער שווער געוואָרן אויפן האַרצן. ער האָט צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און דאָס בלייכע אויסזען איז אים פון דאָס ניי פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ בושהדיקער רויטקייט, בשעת ער האָט געקוקט מר. שפּאַנגן אין די אויגן אַריין. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער ייד איז אויך אַ למדן און ער ווייסט שוין, אָדער ער וועט זיך דאָס דערוויסן וועגן דעם שוואָגער, דעם למדנס באַליידיקונג קעגן אים. ער האָט דעריבער דעם יידן געגומען חושד זיין אויף אַלע אופנים און אים נישט געוואָלט גלייבן מער אַ וואָרט, וואָס ער דערציילט אים, ישראל פויזנער, וועגן ישראל פויזנערן... עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די אַלע מעלות און דעם כבוד, וואָס ער גיט אים אָפּ איז בלויז, כדי ביי אים אַרויסצוקריגן אַן אַלץ גרעסערע באַשטייערונג פאַר דעם צענטער. ער ווייסט די דאָזיקע וועגן פון קהל ווי אַזוי זיי קאַמפּיינעווען. אָבער דאָס מאָל איז ער צו קלוג, אַז מען זאָל אים קאָנען מאַכן גלייבן אין דעם וואָס ער אַליין גלייבט נישט מער...ער איז דאָס מאָל אַזוי זיכער געווען אין זיינע איצטיקע איבערצייגונגען, ווייל עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אויך מר. שפּאַן איז אַ ייד אַ למדן און ער האָט דעריבער וועגן אים נישט קיין בעסערע מיינונג, ווי דער שוואָגער דער למדן. זיי קאָנען יאָרן־לאַנג זיין די שטילסטע מענטשן אויף דער וועלט, וואָס קאָנען דאַכט

זיך קיין הויך וואָרט נישט אויסריידן, נאָר קוים טוען זיי אייך יאָ אַ זאָג אַריין אַ פּאָר ווערטער, עסן זיי אייך דאָס האַרץ אויס. ישראל פּויזנער פּילט דאָס איצט... ער האָט דעריבער וואָס גיכער זיך געוואָלט אָפּפּאַרטיקן מיט מר. שפּאַנען אויף אַ צופרידענעם אופן. אים צוגעזאָגט צו געבן אַ פיינע באַשטייערונג פאַרן יידישן צענטער, און זאָל ער, ישראל פּויזנער נישט דאַרפן טראַכטן דערנאָך, וואָס עס וואָלט אַ שטייגער געטראַכט וועגן אים דער מר. שפּאַן, ווען ער זאָגט אים נישט צו אַ באַשטייערונג...ביידע זענען דעריבער געווען צופרידן איינער פון דעם אַנדערן... און איידער ישראל פּויזנער האָט זיך געזעגנט מיט מר. שפּאַנען, האָט זיך אים דווקא נאָך געוואָלט ביי אים עפּעס אַ פרעג טאָן:

— און ווי איז, למשל, מר. שפּאַן, אַז אַ ייד אַן אָרעמאַן איז אַ גרויסער למדן? צי האָט אַזאַ מענטש אויך נישט קיין ווערט ביי מענטשן, ביי קהל?

מר. שפּאַן האָט אַ טראַכט געטאָן אַ ווײַלע, דערנאָך עפּעס אַ מאָדנעם בליק געטאָן אויף פּויזנערן און אים געענטפערט:

— לגמרי נישט קיין ווערט, מר. פּויזנער. אַ ייד אַן אָרעמאַן קאָן מיט זיין למדנות נישט באַצאָלן אַפילו איין חודש דירה־געלט.

ישראל פּויזנער וואָלט אפשר ווידער צופרידן געווען פון מר. שפּאַנס לעצטע רייד. איז אים אָבער נישט געפעלן געווען דער בליק פון יענעם. דער לעצטער בליק, וואָס ער האָט אויף אים געגעבן, דאָס איז נישט געווען סתם אַזוי אַ בליק, נאָר ער האָט אים אַדורכגענומען און ס'איז געווען אָט דער לעצטער בליק פון יענעם, וואָס האָט אים ווידער געמאַכט דערפילן, אַז ער זאָל נישט גלייבן יענעמס אַלע רייד און שבחים וועגן אים. אַז ער וואָלט אפשר אַנדערש גערעדט, ווען ער שטעלט אים נישט צופרידן... דאָס האָט ענדלעך געווירקט, אַז ישראל פּויזנער זאָל זיך צוריק פאַרלירן, אַז ער זאָל צוריק באַהערשט ווערן פון דער קרענקלעכער שטימונג וואָס גריזשעט אין האַרצן מיט אַ מאָדנעם נאָגנדיקן כוח. מיט יעדער מינוט איז דאָס געמיט אים נאָך שווערער געוואָרן און ער איז דעם אָוונט אַהיימגעפאָרן פון דעם ביזנעסדיקן טאָג אַ קראַנקער און אַ צעבראָכענער מענטש.

און אַהיימפאָרנדיק אין דער זעלבער לוקסוס־מאַשין, אין וועלכער ער איז דעם פרימאָרגן אַרויסגעפאָרן, איז אים געקומען אויפן געדאַנק, אַז ער וועט אפשר אָט באַלד באַגעגענען לעבן זיין הויז דעם שוואָגער, דעם למדן,

וואָס האָט אים געבראַכט צו דעם איצטיקן מצב־רוח... ער וואָלט קיין מאָל נישט געגלייבט, — איז אים אַלץ געקומען אויפן געדאַנק, — אַז אָט דער נידעריקער ייד, דאָס שוואַכע מענטשל, דער למדן מיטן קורצן בערדל, זאָל אים קאָנען אַזוי ווי טאָן און דערשלאָגן, זאָל קאָנען אַזאַ תל מאַכן פון אים, איצטער גלייבט ער דאָס און פילט עס טיף אין האַרצן. און וואָס מער פויזנער האָט איצט געטראַכט וועגן דעם, אַלץ ערגער האָט דאָס אויף אים געווירקט, און וואָס ערגער דאָס האָט געווירקט, אַלץ מער האָט ער גע־טראַכט דערפון... ער האָט דעריבער נישט געזען קיין אויסוועג ווי אַזוי אַרויסצוקומען פון דער צרה, ווי אַזוי פטור צו ווערן פון דעם גריזשעניש אין האַרצן. ער איז פול געווען מיט האַס און צאָרן און זיך געווונטשן נישט צו באַגעגענען דעם שוואָגער לעבן זיין הויז. ער האָט געפילט, אַז ער וואָלט מער נישט אויסגעהאַלטן דעם ווייטיק, דעם בושהדיקן געפיל, אויב ער וועט אים דערזען. זיי קאָנען זיך מער אין די אויגן אַריין נישט קוקן און דרייען אויס די קעפּ, ווען אַפילו זיי דערזען זיך פון גאַנץ ווייט.

און וואָס גיכער ישראל פויזנער האָט זיך אַהיימגעאײַלט, אַלץ גיפטיקער האָט זיך אין אים צעברענט די שנאה צום שוואָגער. דאָס גריזשעניש האָט גענאָגט מיט אַ בייזן כוח און געגעסן אים און געהעצט קעגן יענעם, קעגןביידע... ער האָט געפילט ווי ער קריגט לעכער אין האַרצן, ער האָט אָבער נישט געטראַכט וועגן זיין אייגענעם ווייטיק, נאָר ווי אַזוי זיך אָפּ־צורעכענען מיט יענעם אויף דעם ערגסטן אופן, אַז עס זאָל איבערשטייגן די ערגערנישן, וואָס יענער האָט אים פאַרשאַפט. אָן אָנהייב האָט ער שוין געמאַכט מיט דעם, וואָס ער האָט געפועלט ביי דער פרוי, אַז זי זאָל זיך אויך צעקריגן מיט איר אָרעמער משפחה. דאָס איז געווען דער ערשטער נצחון, וואָס ער האָט דעם היינטיקן פרימאָרגן געהאַט קעגן דעם שוואָגער, און מיט דעם דאָזיקן געפיל איז ער, אין דעם שפּעטן אָוונט, איצט אַהיימ־געפאָרן אין דעם בערגיקער, זוניקער געגנט הינטער דער שטאָט, ווו עס געפינט זיך זיין רייכע היים.

ווען ער איז אַריינגעקומען צו זיך אין דעם רייכן הויז אַריין, האָט ער פאַר גרויס איבעראַשונג און שרעק זיך אַ כאַפּ געטאָן אויף צוריק.

אומדערוואַרט האָט ער דערזען, ווי אויפן אונטערשטן עטאַזש שטייט ברכה לאה מיט איר אָרעמער שוועסטער און ביידע קושן און האַלדזן זיך,

נאָך דער מחלוקה. ווי קיין מאָל פריער. דורך אַן אָפענער טיר איז צו זען דאָס נידעריקע מענטשל, דער שוואָגער, דער למדן מיטן קורצן בערדל, וועלכער איז אַפּנים נאָר וואָס אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט. ישראל פויזנער האָט זיך כמעט אַ פאַרשטעל געטאָן די אויגן און אַ געשריי געגעבן צום ווייב, ווי נישט מיט זיין קול:

— ברכה לאה!!!

גיפט

נאָך דעם ווי פויזנערן איז קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט נישט אויסגעעפירט, און די שוועסטערן האָבן זיך צוריק איבערגעבעטן — אין דעם זעלבן טאָג וואָס זיי האָבן זיך צעקריגט, — איז ער דערנאָך וואָכן־לאַנג אַרומגעגאַנגען מיט אַ שווער האַרץ און זיך פאַרביטערט דאָס לעבן.

ס׳איז געווען אַ צו שווערער קלאַפּ פאַר אים, דער אָונט, ווען ער האָט זי צוריק געטראָפן פאַרברענגענדיק מיט דער שוועסטער. אויף וואָס ער האָט זיך נישט גערעכט, נאָך דעם ווי ער האָט געמיינט, אַז צווישן זיי וועט מער נישט זיין קיין שלום. ער האָט ערשט איצט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין ווי ווייניק מען קאָן בויען אויף אַ שנאה צווישן משפחה, ווי לייכט ער קאָן פיינט האָבן איר משפחה, אַזוי שווער איז דאָס פאַר דעם ווייב. אָבער חוץ צו איר משפחה, געהערט זי דאָך אויך אים עפּעס אָן... האָט זיך דעריבער אים אויסגעוויזן, פון דעם איבערבעטן זיך, אַז זי שטעלט איר משפחה העכער ווי דעם כבוד פון איר מאַן. דער דאָזיקער פאַקט האָט אים דערשלאָגן און פאַר גרויס ערגערניש האָט ער כמעט אויפגעהערט ריידן צום ווייב. נישט נאָר די ווייב איז אים פרעמד געוואָרן, נאָר יעדער באַקאַנטער מענטש. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז קיינער פאַרשטייט אים נישט, אַז אַלע האַלטן מיט דעם שוואָגער, פון דעם נאָענטסטן, ביז דעם פרעמדסטן מענטש. פאַר אים נעמט זיך בלויז אָן, ער אַליין... בלויז ער אַליין פאַרשטייט זיך, ווייטער קיינער נישט. וואָרעם אין דער לאַגע וואָס ער געפינט זיך קאָן ער אַפילו קיינעם נישט דערציילן פאַר וואָס ער ליידט... ס׳איז נישט שיין צו ריידן דערפון כאָטש דאָס האַרץ ווערט צעריסן פאַר פאַרדראָס... שטיקט ער דעריבער דעם ווייטיק אין זיך און שווייגט, און אַז דאָס שווייגעניש

ווערט אים אָפּט מאָל דערעסן, נעמט ער דעמאָלט ריידן צו זיך אַליין און ס׳דאַכט זיך אים אויס, אַז דאָס רעדט ער נישט צו זיך, נאָר עפּעס צו אַ נאָענטן מענטש...

אַזוי איז ער אַלץ מער באַהערשט געוואָרן פון דער שווערער שטימונג און גאַנצע טעג איז ער אַרומגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, מיט אַ פאַרחושכטן אויסזען און צוריק באַקומען דעם דעכיקן הוסט זיינעם, וואָס פאַרקירצט אים די יאָרן, ווי אַלע מאָל, ווען ער היט נישט אָפּ דאָס געזונט. אין די אָוונטן פלעגט ער קוים עפּעס טועם זיין פון אָוונטיקן מאָלצייט און באַלד דערנאָך זיך אָפּזונדערן אין אַ חדרל פון דער היים און דאָרטן זיצן לאַנגע שעהן און טראַכטן אַלץ די זעלבע געדאַנקען, וועגן וועלכע ער טראַכט כמעט יעדן טאָג.

— און ווי האַלט ער ענדלעך מיט דעם שוואָגער ? — טראַכט ער מיט גרויס ביטערניש און ער דערמאָנט זיך, אַז דערווייל איז ישראל פויז־נער נאָך אַלץ דער באַליידיקטער, דער, וואָס ליידט, און נישט יענער...

און יעדעס מאָל ווען ער הייבט אָן טראַכטן וועגן דעם, זוכט ער עפּעס אַן עצה, ווי אַזוי צו קאָנען ברענגען יענעם אין אַזאַ מצב, אַז ער זאָל דאַרפן קומען צו דעם רייכן שוואָגער און ביי אים בעטן מחילה.

— זייט מיר מוחל, שוואָגער, — זאָל ער אים דאַרפן בעטן פאַרגעבונג.

ישראל פויזנער ווייסט נאָך נישט אויף זיכער, צי ער וואָלט אים טאַקע מוחל געווען אפילו דאַן, ווען יענער זאָל דאָס ביי אים בעטן. ער איז זיכער, אַז נישט. די ביטערע טעג, וואָס ער לעבט אַדורך צוליב יענעמס באַליידי־קונג קעגן אים וועלן תמיד זיין די דערנער אין וועג פון אַ שלום צווישן זיי. און צי איז דען בכלל מעגלעך אַ שלום צווישן אים, דעם רייכן זיידן־סוחר, מיט דעם שוואָגער, דעם למדן? אַז זיי זאָלן ביידע זיך האַלטן פאַר גלייכע יחסנים ? אַז פויזנער זאָל מיט זיין עשירות זיך נישט האַלטן חשובער אין דער וועלט קעגן שוואָגערס למדנות, און אַז דער שוואָגער זאָל זיין למדנות נישט שטעלן העכער קעגן זיין עשירות ?

ישראל פויזנער איז זיכער, אַז נישט. זיי האָבן זיך איינער דעם צווייטן קיין מאָל נישט ליב געהאַט, פון זינט זיי זענען געוואָרן שוואָגערס. נאָר אויב זיי האָבן זיך פריער בלויז נישט ליב געהאַט, האָבן זיי זיך איצטער

פיינט, כאָטש זיי זענען געצווונגען צו בלייבן שוואָגערס. און שוואָגערס מוזן זיי דאָך בלייבן, ווייל זיי האָבן זיך דאָס אַליין נישט אויסגעקליבן...
שעהן לאַנג פלעגט אָפט מאָל ישראל פויזנער טראַכטן וועגן דעם, כאָטש ער האָט געפילט, אַז די ערגערניש פון דעם רופט זיך אַלץ ערגער אָפּ אויף זיין געזונט. ער איז שוין כמעט גראָ געוואָרן דורך דער צייט, געבויגענער געוואָרן און באַקומען אַ קרענקלעך, מרה־שחורהדיקן אויסזען פון דעם גאַליקן געמיט, וואָס עסט אים אויס דאָס האַרץ. און אַז ברכה לאה, דאָס ווייב, האָט אַנומלטן דערזען דאָס בלייכע אויסזען פון דעם דערשלאָגענעם מאַן, האָט זי זיך פאַר אים שטאַרק דערשראָקן און ביי אים זיך גענומען בעטן:

— ישראל, — האָט זיך די פרוי ביי אים געבעטן, — באַרואיק זיך, און זאָל שוין אַ מאָל נעמען אַ סוף צו דער שנאה.

נאָר ישראל פויזנער הערט זיך נישט איין צו דעם ווייבס רייד. ער קוקט אַפילו נישט אויף איר בשעת זי רעדט, ווי תמיד ווען ער איז אין אַ שלעכטער שטימונג, און ער מאַכט איר צו פילן, אַז זי רעדט צו דער וואַנט. ער שטייט שטום און קאַלט, גלייך אירע רייד דערגרייכן נישט צו זיינע אויערן, און ברכה לאה בעט זיך אַלץ ביי אים:

— לאָז שוין אָפּ, ער האָט שוין חרטה — רעדט זי וועגן דעם שוואָגער — איר זענטביידע גלייך שולדיק, און דו מאַכסט דיר דעם טויט און אויך יענעם...

ישראל פויזנער ענטפערט נישט. ער שטייט מיטן פנים צו דער וואַנט, שטום און קאַלט צו אירע אַלע רייד. ער בייסט שטאַרק די ליפּן, אַז אַ וואָרט זאָל זיך אים נישט אַרויסגליטשן פונעם מויל איר צו ענטפערן.

ער גיט איר אַלץ שטאַרקער צו דערפילן, אַז אויב זי זאָל אַפילו ריידן אַ גאַנצע נאַכט, וועט זי אַלץ ריידן צו טויבע אויערן, ער לאָזט זי ריידן און וויינען ווי צו אַ שטיין.

ברכה לאה קאָן דאָס אָבער נישט אויסהאַלטן. וואָרעם חוץ רחמנות צו אים שרעקט זי זיך איצטער שטאַרק פאַר זיין געזונט, וואָס ווערט רואינירט, פאַר זיין לעבן, און — אַז זי זאָל חלילה נישט בלייבן אַן עלנטע אלמנה... און חוץ דעם פילט זי זיך שטאַרק שולדיק אין דער צרה, וואָס דער מאַן לעבט אַדורך. וואָרעם אַ דאַנק איר און דער שוועסטער זענען זיי דאָ שוואָ־

גערס געוואָרן... ס׳איז דעריבער אויסגעקומען, אַז זי טראָגט אַ גרויסע טייל פון דער שולד אינעם מאַנס לײדן, װײל זי דעריבער דורכאויס אויף אים ווירקן, אַז ער זאָל זיך באַרואיקן.

— ווי לאַנג איז דער שיעור זיך צו גריזשען — טענהט זי צו אים — צו פאַרלירן דאָס געזונט צוליב אַ פּאָר נאַרישע רייד...

נאָר ישראל פויזנער לאָזט זי ריידן פּונקט ווי צו אַ שטיין. ער טוט נישט קיין בליק אויף איר און קוקט בשעת מעשה אַרויס אין גאַס, אין דער רייכער געגנט, מיט אַ געפּיל צו לאָזן ריידן דאָס ווייב ביז וואַנען זי וועט ענדלעך מיד ווערן. און אַז זי איז טאַקע מיד געוואָרן און האָט אים לסוף אָפּגעלאָזט, האָט ער פון דאָס ניי גענומען אַרומשפּאַנען אינעם צימערל און ווידער געטראַכט וועגן דער ביטערער מחלוקה מיטן שוואָגער.

ווי האַלט ער מיט אים? פאַרשטייט שוין דער לַמדן, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן? ער בלייבט שטיין אין מיטן צימער, לאָזט זיך אַראָפּ אין אַ טיפן פאָטעל, ווי ער וואָלט שעמען זיך מיט ישראל פויזנערן, וואָס האָט זיך געלאָזט עפנטלעך באַליידיקן...

*

און וואָס לענגער די שנאה צווישן אים און דעם שוואָגער האָט אָנגעהאַלטן, אַלץ מער האָט ער דערפּילט, אַז פאַר דעם אַליין, וואָס ער איז אַן עושר, קומט אים נאָך נישט קיין כבוד אָפּצוגעבן — דאָס האָט געבראַכט צו דעם, אַז ער האָט מער קיין כבוד אין ערגעץ נישט געזוכט. ער האָט איצטער געפּילט, אַז די וועלט האָט נישט ליב קיין מענטשן, וואָס פאַרמאָגן בלויז געלט... און דאָס האָט אים געמאַכט קליין אין די אייגענע אויגן...

און ווי באַלד ער אַלייך האַלט נישט פון זיך, האָט ער מער נישט דערוואַרט, אַז אַנדערע מענטשן זאָלן פון אים האַלטן. ער האָט פאַרלוירן דעם אינטערעס צו אַלץ, וואָס האָט אַ מאָל אויסגעפּילט זיין לעבן: דעם אינטערעס צו ביזנעס, אָדער צו קהלשער טעטיקייט, ווו ער פלעגט זיך אַ מאָל שטאַרק עוסקן. ער האָט איצט אַלץ פיינט געקריגן און אַלץ מער געוואָלט פאַרגעסן די וועלט און מענטשן. דער עיקר האָט ער פיינט געקריגן מענטשן, יעדן טיפּ מענטש. וואָרעם פון זינט דער שוואָגער האָט אים באַליידיקט און ווי געטאָן, האָט ער שוין געזען אין אַ שלעכן ליכט אַלע סאָרטן מענטשן. ער

האָט איצט געפילט, אַז מיט אַ מענטש קאָן מען קיין מאָל נישט זיכער זיין. מען קאָן קיין מאָל נישט וויסן אין וואָס פאַר אַ געשטאַלט ער וועט זיך אַנטפּלעקן: פון דער גוטער, אָדער פון דער שלעכטער זייט. האָט ער דערייבער געוואָלט זיין ביטער הארץ באַרואיקן אין דער קילער איינזאַמקייט מיט זיך אַליין, אין אַ חדרל פון דער הוים. ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן דאָס אָפּזונדערן זיך. ס׳איז אַלץ נאָכגעגאַנגען, ווו ער האָט זיך נאָר געפונען. ער האָט פון גאָר נישט געקאָנט אַנטלויפן, אין ערגעץ קיין אָרט נישט געפונען, אויך נישט אין דער רייכער הוים. יעדע זאַך איז אים נמאס געוואָרן, און ער האָט מער נישט געוווּסט וואָס ער האָט ליב, אָדער פיינט. אויך „פּאַפּען", זיין ליב הינטעלע, מיט די געקרייזלטע וויס־טונקעלע הערעלעך, האָט ער מער נישט געקאָנט פאַרטראָגן.

— אַוועק! פלעגט ער טרייבן „פּאַפּען" פון זיך, בשעת דאָס הינטעלע פלעגט אים דערזען און אויף אים אַ שפּרונג טאָן.

אָבער „פּאַפּ", וואָס איז געוווינט געווען צו די צערטלעכסטע באַציאונגען אין דעם רייכן ישראל פּויזנערס הויז, האָט מיט זיין הינטיש מוח׳ל נישט געקאָנט באַגרייפן די סיבה פון דעם בעל־הבית קרענקלעכער שטימונג. האָט ער זיך אַ שטעל געטאָן אויף די צוויי אונטערשטע פיסלעך און הכנעה־דיק געקוקט ישראל פּויזנערן אין די אויגן אַריין. פּויזנער איז דערפון גערירט געוואָרן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דעם הינטל בענקט זיך נאָך אַ גלעט, אַ צי ביים אויערל. ישראל פּויזנער האָט דאָס אָבער נישט נאָכגעגעבן, כאָטש דאָס הינטעלע האָט געהאַלטן אין איין שפּרינגען און זיך פאַר אים שטעלן אויף די הינטערשטע פיסלעך. און אַז „פּאַפּ" האָט אים נאָך אַלץ נישט אָפּגעלאָזן, איז פּויזנער שטאַרק אין כעס געוואָרן און עס אַ שליידער געטאָן פון זיך.

די זעלבע פיינטשאַפט האָט איצטער פּויזנער אַרויסגעוויזן אויך צו זיינע מסחרים מיט זיידנס. ער פלעגט נישט דאגהן ווען דער זיידנשטאָף פלעגט פאַלן און ער פאַרלירט געלט, און אויך זיך נישט געפרייט, ווען דער זיידנשטאָף האָט זיך צוריק אַ הייב געטאָן און ער האָט דערביי פאַרדינט מער געלט, וויפל ער האָט פאַרלוירן. לעצטנס איז ביי אים אויסגעקומען, אַז דאָס יאָגעניש צו באַזיצן עשירות, געלט, איז אַ נאַרישע זאַך. עס דער־

פירט צו גאָר נישט. קיינער קאָן מיט דעם ווייטער אַ ביסל ווי פון זיך אַליין, נישט אַוועקגיין.

— נו, און אַז ער וועט פאַרמאָגן נאָך אַ פּאָר הונדערט טויזנט דאָלאַר — האָט ער געטראַכט — צי וועט ער נישט זיין אַלץ דער זעלבער ישראל פויזנער ?...

און כאָטש ער האָט איצט באַטראַכט דאָס יאָגן זיך נאָך עשירות, געלט, פּאַר אַ נאַרישער זאַך, האָט ער פון דעסטוועגן געפילט, אַז ער וועט מיט אָט דעם אומזין ווייטער מוזן לעבן, וואָרעם דער כוח פון נאַרישקייט, איז פונקט אַזוי שטאַרק ווי דער כוח פון חכמה, אויב נישט נאָך שטאַר־קער... און חוץ דעם איז אים נישט קלאָר געווען וואָסערע אינטערעסן אַזאַ ייד ווי ער, קאָן האָבן אין לעבן, אָן דעם אינטערעס צו ביזנעס און מאַטע־ריעלע דערגרייכונגען, אויב מען זאָל פון אים וויסן און אַ מאָל זיין נאָמען הערן. ער פילט דאָס שוין באַצייטנס, פון זינט ער האָט פאַרלוירן דעם אינ־טערעס אין דעם ביזנעס־לעבן און די קהלשע טעטיקייטן. ערשט אַ שטיקל צייט ווי ער האָט זיך פון דעם צוריקגעצויגן און ער איז שוין כמעט ווי פאַרגעסן געוואָרן אין דער שטאָט. קיינער רעכנט זיך מער נישט מיט אים, גלייך ער, ישראל פויזנער, איז מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע מענטשן.

— עט! — איז אים מבטל מר. שפּאָן, וואָס עוסקט זיך אַרום דעם צענטער — ס׳איז נישט מער דער אַמאָליקער פויזנער...

און אויף דער בערזשע הערט מען שוין זעלטן אַ מאָל דערמאָנען זיין נאָמען. און אויב עמעצער הערט אַ מאָל יאָ פון אים, מוז מען יענעם צוערשט אַ פּאָר מאָל דערמאָנען, אַז דאָס איז דער זעלבער פויזנער וואָס האָט אַ מאָל געפירט גרויסע מסחרים. ער איז דעמאָלט אַלעמען באַקאַנט געווען אַלס איינער פון די גאָר גרויסע, רייכע סוחרים.

ישראל פויזנער פאַרשטייט דאָס. ער ווייסט, אַז ער ווערט אַ פאַרגע־סענער מענטש, נאָך ביים לעבן. אַז ער ווערט טויט, נאָך איידער ער שטאַרבט, און דאָס טוט אים וויי. ער קאָן זיך אָבער נישט אַרויסהייבן פון דער פינצטערער שטימונג, אין וועלכער ער איז אַריינגעפאַלן איבער דעם למדנס באַליידיקונג, וואָס עסט אים אויף דאָס האַרץ, און נישטאָ דער דאָק־טאָר וואָס קען אים העלפן. גריזשעט ער זיך און גריזשעט דאָס לעבן פון אַנדערע מענטשן און זינקט דערפון אַלץ טיפער אַריין אין דער געפאַלנקייט,

וואָס מער ער פאַרביטערט זיין לעבן און דאָס לעבן פון די מענטשן אַרום אים. ער קאָן זיך אָבער נישט באַרואיקן. ער פילט, אַז ער מוז צו עמעצן אויסלאָזן זיין שווער געמיט, אַז ס'זאָל אים אַ ביסל לייכטער ווערן אויפן האַרצן. זוכט ער ביי יעדער געלעגנהייט מיט עמעצן צו פאַרפירן אַ קריגע־ריי, האָט ער אָבער נישט אַרום זיך אַזעלכע מענטשן, וועמען ער זאָל קאָנען מאַכן פילן דעם ביטערן טעם דערפון חוץ דעם ווייב. טוט ער טאָקע לעצטנס איר אָן גרויסע צרות. ער באַליידיקט זי און פאַרביטערט איר דאָס לעבן אויף שריט און טריט, פאַר יעדער קלייניקייט. און אַזוי ווי די פרוי קאָן אויך נישט אַרומגיין מיט אַ שווער האַרץ, לאָזט זי דערנאָך איר ביטער האַרץ אויס צו דעם ערשטן־בעסטן מענטשן, וואָס קומט איר נאָר אונטער דער האַנט. און דערנאָך לאָזט ווידער יענער אויס זיין כעס צו עמעצן אַנדערש. אויף אַזאַ אופן וואַנדערט ישראל פויזנערס ביטערניש, דער האָס זיינער, אַרום און דערגרייכט צו אַלץ ברייטערע קרייזן מענטשן. פון פרויען צו פרויען, און פון מענער צו מענער. אָנהייבנדיק זיך פון דעם ערשטן מענטש, וואָס איז באַליידיקט געוואָרן פון דער מאַדאַם פויזנער וואָס איז ווידער פאַרביטערט געוואָרן פון דעם מאַן, ישראל פויזנער.

אָבער ישראל פויזנער איז נאָך אַלץ נישט צופרידן געווען, כאָטש דאָס גריזשען זיך האָט אַלץ מער אָנגעגריפן זיין געזונט. ער האָט געפילט, אַז זיינע ליידן גיבן אויך יענעם קיין רו נישט... ער איז זיכער געווען, אַז דער שוואָגער ליידט נישט ווייניקער ווי ער, וואָס ליידט צוליב דעם שוואָגער, און איצט ליידט דער שוואָגער צוליב אים... און אויך האָט ער נישט געקאָנט רוען, ווייל ער האָט נאָך אַלץ געפּלאָנעוועט ווי אַזוי זיך אָפּצורעכענען מיט דעם שוואָגער אויף דעם ביטערסטן אופן. אין אַזאַ צייט האָט ער נישט געקאָנט טראַכטן וועגן זיך און וועגן זיין געזונט און וועגן דעם וואָס ער האָט ווידער גענומען הוסטן מיט יענעם דעכיקן הוסט, וואָס פאַרקירצט אים די יאָרן. ערשט נאָך דעם ווי אָט דער הוסט איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן און ער האָט ווידער באַקומען אַ קורצן אָטעם און געליטן גרויסע יסורים, האָט ער זיך אויף אַן אמת דערשראָקן.

איין מאָל האָט דער הוסט אים אַזוי שטאַרק געפּייניקט, אַז ער האָט מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן די שווערע יסורים. ביי יעדן הוסט האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן ביי די זייטן, ביים בויך, און ס'איז אים קאַלט און

הייס געוואָרן איבערן לייב. ער האָט דאָס לענגער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און געמוזט צוגיין צו אַ דאָקטאָר.

און געגאַנגען צו דעם דאָקטאָר איז דאָס מאָל ישראל פויזנער אָן יענער שרעק פאַרן טויט, ווי אין די פריערדיקע יאָרן, ווען ער פלעגט קראַנק ווערן און נאָר בעטן גאָט, אַז ער זאָל צוריק געזונט ווערן.

ווייַ ווייַ, האָט ער אין יענער צייט, ווען ער איז איין מאָל שטאַרק קראַנק געווען געזיפצט אויף דעם מזל זיינעם, נאָך דעם ווי ער האָט דער־גרייכט צו אַזאַ הויך אין דער ביזנעס־וועלט, קאָן זיין, אַז ער זאָל זיך גאָר באַדאַרפן לייגן אין בעט אַריין און וואַרטן אויף דעם טויט.

איצטער אָבער האָט די דאָזיקע שרעק פאַרן טויט אים מער נישט געאַרט. ער האָט אויף אַלעם געקוקט מיט די אויגן פון אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט אַ סך מער, וואָס אַזעלכעס לעבן איז, ווי ער האָט דאָס אין די פריערדיקע יאָרן פאַרשטאַנען. ס'האָט אים אויסגעוויזן, אַז דאָס יאָגן זיך נאָך געלט און עשירות, דאָס שטענדיקע פראַצעווען צוזאַמען מיט אַלע דערגרייכונגען, האָבן אין דער אמתן קיין ווערט נישט. אַלץ צעפאַלט און צעברעקלט זיך צוריק פון דעם קלענסטן ריר... אָט האָט אים דער שוואָגער בלויז אַ זאָג געטאָן אַ פּאָר ווערטער, אים באַליידיקט, און ער איז שוין אויס מענטש. האַלט אים דערפון אין איין גריזשען אין האַרצן מיט אַזאַ ווייטיק, אַז נאָר דער טויט קאָן אין דעם העלפן, אַ טויט פאַר זיך, אָדער אַ טויט פאַר יענעם. און חוץ דעם האָט איצט פויזנער אויך געטראַכט וועגן דעם, אַז אין דער אמתן קומען דאָך אַלע צרות און ליידן, קראַנקייטן, שרעק און זאָרגן פון דעם לעבן. און דער טויט, פאַרקערט, טוט קיין שלעכטס נישט דעם מענטש... דער טויט באַפרייט דאָך דעם מענטש פון אַלע צרות, ליידן און ערגערנישן. פאַר וואָס זאָל מען זיך נאָר שרעקן פאַרן טויט און נישט מורא האָבן פאַרן לעבן?

ער האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרשטיין, פויזנער, אָבער געפילט האָט ער, אַז וואָס שייך אים, שרעקט ער זיך טאַקע נישט מער פאַרן טויט. ס'אַרט אים נישט, וואָס עס זאָל מיט אים טרעפן. דערווייל האָט אָבער גאָר נ׳ישט געטראָפן. דער דאָקטאָר האָט אים אונטערזוכט פאַרשריבן אַ מעדי־צין, געבעטן, אַז ער זאָל פירן אַ רואיק לעבן, בייטן דעם קלימאַט און מער גאָר נישט... דערנאָך איז ישראל פויזנער צוריק אַהיימגעקומען און געהאַט

גרויס חרטה פאַר וואָס ער איז געגאַנגען צו דעם דאָקטאָר. ווי נאָר ער דערפילט זיך נישט מיט אַלעמען, אַזוי לויפט ער גלייך צו אַ דאָקטאָר, מיינט, אַז ער שטאַרבט שוין, אָבער די דאָזיקע שוואַכקייט געהערט נישט צו אים, נאָר איז אַן אַלטע געוווינהייט פון דעם פריערדיקן פויזנערן, און ער איז דעריבער נישט שולדיק אין דעם. ער, דער איצטיקער פויזנער, פאַרשטייט איצט דאָס לעבן גאָר אַנדערש ווי דער פריערדיקער פויזנער האָט דאָס פאַרשטאַנען, און דערפאַר, ווי נאָר ער איז צוריק אַהיימגעקומען, האָט ער גלייך פאַרגעסן דעם דאָקטאָר, די עצות, און ער האָט זיך ווידער אָפּגעשלאָסן אין אַ באַזונדער חדרל אין דער רייכער הים. אָבער דאָס מאָל האָט ער זיך דאָרט נישט פאַרקליבן אַליין, נאָר מיט דעם בעל יועץ זיינעם, אַ הויכער, דאַרער ייד, אַ קרוב פון זיין צד, צו וועמענס עצות ער הערט זיך צו מיט גרויס צוטרוי. ביידע יידן האָבן זיך אָפּגעשלאָסן אין דעם באַזונדערן צימערל און אַ לאַנגע צייט צווישן זיך געסודעט. און שפעט אין אָוונט, אַז דער קרוב, דער בעל יועץ, האָט זיך מיט אים געזעגנט, האָט ער אים פאַרזיכערט, אַז ער וועט די זאַך ריכטיק דורכפירן.

— לאָזט דאָס נאָר פאַר מיר... — האָט ער געבעטן ישראל פויזנערן, ער זאָל זיך אויף אים פאַרלאָזן.

— ישראל פויזנער פאַרלאַנגט — האָט דער קרוב געלאָזט וויסן דעם אָרעמען עקיבאן — אַז איר זאָלט זיך אַרויסקלייבן פון זיין הויז.

און אין זיין אייגענעם נאָמען צוגעגעבן:

— ס'איז זייער פיין פון אים, אַז ער האָט אייך ביז איצט אויסגעהאַלטן מיט אַ פרייער וווינונג. איצטער וויל ער נישט מער...

ר' עקיבא האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די שטעכרייד שטאַמען פון דעם אַרויפגעאַרבעטן שוואָגער. איז ער דעריבער נישט אַזוי שטאַרק ביי זיך אַראָפּגעפאַלן... פאַרדראָסן האָט אים אָבער פאַר וואָס דער שוואָגער טראָגט זיין אָרעמקייט אין דער גאַס אַריין. ווי אָרעם און שווער דאָס לעבן איז, האָט ער זיך פון דעסטוועגן פאַר קיינעם קיין מאָל נישט באַקלאָגט, און חוץ ער מיט דער פרוי און די שטומע ווענט פונעם הויז, ווייסט קיינער נישט דערפון. און אַזוי ווי דאָס איז שוין סיי ווי אין דער גאַס אַריין און ער האָט מער נישט וואָס צו פאַרלירן, האָט ער מיט אַ מין להכעיסדיק געפיל געענטפערט דעם קרוב:

— זאָגט אים — האָט ער אים געענטפערט — זאָגט אים, אַז ער זאָל טאַקע מיך אַרויסשטעלן אין גאַס אַריין.

— און נאָך קענט איר אים איבערגעבן, אַז ער זאָל דאָס טאָן וואָס גיכער.

דער אָרעמער עקיבא האָט אַ ביסל שפּעטער חרטה געהאַט פון דעם ענטפער, וואָס ער האָט געהייסן געבן דעם שוואָגער, ישראל פויזנערן. ערשטנס, האָט ער געפילט, אַז ער האָט אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס און יענער וועט נאָך מער צערייצט ווערן. און וואָס וועט ער טאַקע טאָן, אויב דער שוואָגער וועט אים אַרויסשטעלן פון דער וווינונג? פון וואַנען וועט ער דעמאָלט נעמען געלט צו באַצאָלן אַ חודש דירה־געלט ערגעץ אַנדערשוווּ? און געלט אויף אַריבערצוקלייבן זיך אין אַ נייער וווינונג, בעת אין הויז ביי אים איז נישטאָ קיין איבעריקער דאָלאַר? און חוץ דעם האָט ס׳ווייב אים אויך אויסגערעדט דערפאַר:

— צו וואָס מוזסטו יענעם נאָר תמיד צוריק אָפּענטפערן? סוף כל סוף ביסטו דאָך אים שולדיק געלט, נישט ער דיר. שווייגט מען!

— שווער צו שווייגן...

ס׳איז אָבער שוין פאַרפאַלן געווען. צוריקכאַפּן די רייד האָט עקיבא מער נישט געקענט.

צו מאָרגנס, אין אָונט, איז דער קרוב ווידער אַ מאָל געקומען צו ישראל פויזנערן און ביידע יידן האָבן זיך דערנאָך פון דאָס ניי אָפּגעזונדערט אין אַ באַזונדער חדרל, און דאָרטן אַ לאַנגע צייט זיך ווידער שטאַרק געסודעט.

די גאַנצע צייט וואָס זיי האָבן זיך געסודעט, איז די טיר פון דעם צימערל פאַרמאַכט געווען. זיי האָבן צווישן זיך גערעדט זייער שטיל, געהיט זיך, אַז ס׳זאָל חלילה נישט אַרויסקומען אַ וואָרט, וועגן וואָס זיי ריידן. ברכה לאה האָט אָבער פון פאָרויס געפילט, אַז קיין גוטס וועט פון אַזאַ מין שושקען נישט אַרויסקומען, וואָרעם ווען זי האָט פויזנערן דערמאָנט וועגן נעמען די מעדיצין, האָט זי דערזען, אַז דער מאַן איז אַזוי צעקאָכט און אויפגערעגט ווי קיין מאָל פריער. און זי האָט דאַן אויך באַוויזן צו הערן די לעצטע רייד, וואָס ער האָט אַ זאָג געטאָן צו דעם קרוב זיינעם.

— און איר זאָלט אים דאָס אַלץ זאָגן, — האָט ער מיט גרויס אויפרעגונג גערעדט.

— כ׳וועל עס אים זאָגן, מיסטער פּויזנער, אַוודאי. דער אמת איז אויף אייער זייט.

און נאָך אָט דעם לאַנגן סודען זיך מיט דעם קרוב, איז צו מאָרגנס ישראל פּויזנערן ווידער ערגער געוואָרן. אָבער דאָס מאָל נישט נאָר פון דעם הוסט, נאָר אויך פון עפּעס אַ קלעמעניש ביים האַרצן. ער האָט דעם גאַנצן טאָג געהאַלטן אין איין טרינקען די מעדיצינען, וואָס דער דאָקטאָר האָט אים געהאַט פאַרשריבן. ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן. ס׳איז אים נישט בעסער געוואָרן, נישט פון דעם הוסט און נישט פון דעם קלעמעניש ביים האַרצן. איז ער דעריבער אין אָוונט, קעגן זיין ווילן, נאָך אַ מאָל גע־צוגאַנגען צום דאָקטאָר.

אויך דאָס מאָל האָט דער דאָקטאָר אים געגעבן די זעלבע עצות, גע־זאָגט אים, אַז ער מוז אומבאַדינגט פירן אַ זייער רואיק לעבן, און אַז ער מוז זייער און זייער אויף זיך אַכטונג געבן און אויך דעם קלימאַט גלייך ביטן. ער מוז גלייך פאַרלאָזן די שטאָט און אַוועקפאָרן ערגעץ אין אַ שטילער געגנט, אין אַ הייל־אַנשטאַלט, און דאָרט וועט ער גיך קומען צו זיך.

אָבער ישראל פּויזנער האָט אויך דאָס מאָל נישט געקענט אויספירן דעם דאָקטאָרס עצות, כאָטש ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס ווערט זייער ערנסט. ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט העלפן. ערשטנס, האָט ער פאַרן טויט מער קיין מורא נישט געהאַט. דאָס לעבן האָט זיך אים לעצטנס אויסגעוויזן צו זיין אַ סך מוראדיקער ווי דער טויט, און צווייטנס, האָט ער געפילט, אַז איידער ער פאַרטיקט זיך אָפּ מיט דעם שוואָגער, קען ער דערוויל וועגן קיין אַנדער זאַך נישט טראַכטן, וועט ער אין ערגעץ נישט קומען צו זיך. וועט ער אומעטום פאַרלירן זיין געזונט, ווו ער זאָל זיך נישט געפינען... און חוץ דעם האָט ער זיך געגרייט ווידער צו טרעפן מיט דעם בעל יועץ זיינעם, און דורך אים הערן דעם ענטפער פון דעם שוואָגער. און ווי נאָר דער קרוב איז ווידער געקומען, זענען ביידע יידן פון דאָס ניי אַריין אין דעם חדרל און דאָרטן האָט דער קרוב גלייך איבערגעגעבן ישראל פּויזנערן:

— גוט, פיין, פּויזנער. ס׳האַלט שוין אויף אַ וועג מיט אים. נאָך דעם היינטיקן חודש טאַקע וועט ער זיך אַרויסקלייבן פון אייער הויז.

ישראל פּויזנערן האָט דאָס אָבער נישט צופרידן געשטעלט. ער איז

נאָך אַלץ געבליבן אין דער זעלבער ביטערער שטימונג, און ער האָט אַ זאָג געטאָן צו דעם קרוב:

— דאָס איז נישט געַנוג!

— אַוודאי נישט גענוג, — האָט דער קרוב מסכים געווען.

— זאָגט אים — האָט זיך פויזנער אַלץ געקאָכט — אַז אַ מענטש אַן ערלעכער, באַצאָלט אַ חוב, אַנטלויפט נישט. און נאָך קאָנט איר אים זאָגן, אַז דערמיט וואָס ער אַנטלויפט פון דאַנען, צאָלט ער גאָר נישט אָפּ. זאָל ער וויסן, אַז ער בלייבט אַ בעל חוב ישראל פויזנערן...

און נאָך דעם ווי פויזנער האָט איבערגעגעבן דעם קרוב אַלץ, וואָס ער האָט יענעם צו זאָגן, האָט ער זיך מיט אים פון דאָס ניי גענומען סודען וועגן די נאָענטסטע שריט, אַז יענער זאָל נישט מיינען, אַז מיט דעם וואָס ער קלייבט זיך אַרויס פון דעם הויז, איז ער שוין פּאַרטיק מיט אים.

— ס'איז ערשט אַן אָנהייב — האָט ער דעם קרוב געגעבן צו פאַר־שטיין. כ'וועל אים גאָר נישט פאַרשווייגן.

דאָס דאָזיקע געפיל, נישט וועלן פאַרשווייגן דעם שוואָגער, האָט אים נאָך קיין מאָל נישט אַזוי שטאַרק באַהערשט ווי דעם דאָזיקן אָוונט. אין דער דאָזיקער שטימונג איז ער געבליבן אויך נאָך דעם ווי דער קרוב איז שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען ער האָט זיך אין דעם אָוונט עפּעס גאָר נישט גע־קאָנט מער באַרואיקן פון דער שנאה צו דעם שוואָגער, וואָס האָט געברענט אין זיין האַרצן, ווי אַ פלאַם וואָס מען קען נישט פאַרלעשן. און אָט דאָס פייערל... האָט אים נישט געלאָזן רוען אויך דאַן, ווען ער האָט געפילט, אַז ער קען מער נישט אויסהאַלטן די יסורים פון דעם הוסט און דאָס קלעמעניש ביים האַרצן. אָבער וואָס ערגער ס'איז געוואָרן, אַלץ מער האָט ער גענומען פּלאַנעווען, וואָס אַלץ ער קען אָפּטאָן דעם שוואָגער. און ווען ער איז דעם אָוונט אַרויס פונעם צימערל, ווו ער האָט זיך געהאַט אָפּגעזונ־דערט, האָט ער פּלוצלינג זיך דערפילט אַזוי קראַנק פון דער קלעמעניש ביים האַרצן און פון דעם שווערן הוסט, אַז ס'איז ביי אים מער קיין צווייפל נישט געווען, אַז ער וועט דאָס מאָל זיך מוזן לייגן אין בעט אַריין. ס'איז אים שטאַרק הייס געוואָרן און ער האָט מיט אַ מאָל דערפילט אַזאַ מין שאַטנדיקע פינצטערניש פאַר די אויגן, ווי דעמאָלט ווען ער איז דעם ערשטן מאָל קראַנק געוואָרן אויף די לונגען און מען האָט פון אים מער

נישט געהאָלטן, אפילו נישט די דאָקטוירים. ער האָט זיך דעריבער גענומען איילן אין שלאָפצימער אַריין און צום ווייב אַ זאָג געטאָן אין גרויס צעררודערונג:

— ברכה לאה, רוף אַרויס דעם דאָקטאָר!

דער טויט

אַז דער דאָקטאָר איז דאָס מאָל געקומען צו ישראל פּויזנערן, האָט ער אים געטראָפן ליגן אין בעט קראַנק און אין גאַנצן צוזאַמענגעבראָכן, און ס׳האָט אויסגעזען, אַז ער האָט בלויז געציילטע טעג צום לעבן. ער איז געלעגן אָן כוחות. מיט אַ טויט־בלאַסן אויסזען און ער האָט אויף אַלץ געקוקט מיט דער פינצטערער שטימונג פון זיין שווער געמיט. ער האָט שווער געאָטעמט און מיט יעדן אָטעמצוג האָט זיך דאָס האַרץ אַ הייב געטאָן העכער, ווי זיך צו באַפרייען פון אַ שווערער משא. אָפּט מאָל איז דאָס דריקעניש אונטערן האַרצן געוואָרן אַזוי שווער, גלייך נאָך אַ שעה, נאָך אַ רגע און אַלץ וועט זיין געענדיקט.

ער האָט געפילט, אַז דער סוף זיינער קומט. ער איז זיכער געווען אין דעם. וואָכן לאַנג און כמעט יעדן טאָג האָט די דערשלאָגענע שטימונג אים דערמאָנט, אַז ער שטאַרבט אָפּ. ביסלעכווייז שטאַרבט ער, ווי אַ ליכט גייט ער אויס. ער לעבט שוין לאַנג נישט, ער צאַנקט נאָר, און דער סוף דערנענטערט זיך מיט גיכע טריט. זאָל נאָך אַ ביסל שטאַרקער אַ דריק טאָן אונטערן האַרצן, און אַלץ וועט זיין געענדיקט.

אין אַט דעם קראַנקן געמיט־צושטאַנד האָט דער דאָקטאָר געטראָפן פּויזנערן, ווען ער איז צו אים געקומען. אָבער נישט דער דאָקטאָר און נישט די מעדיצינען האָבן איצטער געהאַט אַ ווירקונג אויף זיין געזונט, און עס האָט אויך נישט געהאָלפן, וואָס דער דאָקטאָר, וועלכער האָט געוווּסט וואָס דער קראַנקער לעבט איבער, האָט אים געוואָרנט, אַז ער מוז פאַרגעסן דעם שוואַגערס באַליידיקונג, אויב ער וויל זיך ראַטעווען פון אַ זיכערן טויט.

פּויזנער האָט אויסגעהערט דעם דאָקטאָרס רייד מיט אַ טרויעריק שמייכעלע אויפן בלאַסן פּנים. ער איז געלעגן אין בעט אומבאַוועגלעך, אין אַ קאַלטער, האַלב־טויטער רואיקייט און בלויז דאָס טרויעריקע שמייכעלע

אין די אויגן האָט דערמאָנט, אַז ער לעבט נאָך. שוואַך און קראַנק — אָבער דערוויל זשיפּעט ער נאָך. און אין דער צייט וואָס דער דאָקטאָר איז גע־שטאַנען לעבן זיין קראַנקן־בעט, האָט אים, פּויזנערן, גאָר געצויגן אַרויס־צוקוקן אין די שיינע געסלעך און צו די הינטערשטאָטישע באַרג־געגנטן, וואָס האָבן זיך דורך די פענצטער געזען. ער האָט געזען ווי די רייכע גאַס אין וועלכער ער האָט אַזוי פיל יאָרן געוווינט, איז איצטער פול מיטן האַרבסטיקן אומעט פון פאַרוועלקטע בלעטער וואָס פאַלן פון די ביימער אַראָפּ; און ווי די ביימער בייגן די דינע נאַקעטע צווייגן צו דער ערד אַראָפּ... און אַז ער האָט אין דעם מאָמענט נאָך באַמערקט שטיק דעם דאָקטאָר לעבן זיך, האָט ער אויף אים אַ בליק געטאָן מיטן טרויעריקן שמייכעלע וואָס האָט ווי אַ וואָלקנדל געפינצטערט אויפן בלייכן פּנים, אויף די מאָגערע באַקן, וואָס האָבן אַראָפּ־צו צו דער געמבע זיך געשפּיצט ווי צוויי שאַרפע באַקן־ציין אין אַ מענטשנס מויל.

און אָט מיט דעם דאָזיקן שמייכעלע האָט זיך איצטער ישׂראל פּויזנער באַנוצט אַנשטאָט רייד, לשון. פון זינט ער איז אויף אַן אמתן קראַנק גע־וואָרן, האָט ער מיט אָט דעם טרויעריקן שמייכעלע אין די אויגן געוואָלט אויסדריקן אַלץ וועגן וואָס ער טראַכט און וואָס עס טוט זיך ביי אים אין האַרצן. ער האָט געפילט, אַז דאָס איז גענוג, קיין רייד זענען נישט נייטיק. די טיפקייט פון אַ מענטשנס האַרצן מוז מען דערפילן. מען קען דאָס נישט אַרויסגעבן, אַרויסריידן. וויפל לשון איינער זאָל פאַרמאָגן. האָט ער גע־וואָלט, אַז דער דאָקטאָר זאָל פון דעם טרויעריקן שמייכעלע אין זיינע אויגן דערפילן, אַז ס׳איז אומזיסט זיין מי, זיין אָנשטרענגונג אים געזונט צו מאַכן, אַז קיינער קען אים נישט העלפן, ווי מען קען נישט העלפן, אַז טויטע בלעטער זאָלן צוריק נעמען בליען, נאָך דעם ווי זיי זענען שוין צו דער ערד אַראָפּגעפאַלן... און שפּעטער האָט פּויזנער מיט דעם זעלבן טרויעריקן שמייכעלע אין די אויגן אויך געוואָלט געבן צו פאַרשטיין דער פרוי, אַז ס׳וועט נישט העלפן וואָס זי וויינט גאַנצע טעג און בעט צו גאָט ער זאָל צוריק געזונט ווערן, וויבאַלד ישׂראל פּויזנער ווינטשט זיך דאָס נישט.

די פרוי וויל דאָס אָבער נישט פאַרשטיין. זי האַלט אין איין וויינען און מאַכט נאָך טרויעריקער די אומעטיקע שטימונג אין דער שטוב. און ווי צעטראָגן זי איז, אַזוי איז אויך איבערגעשראָקן „פּאָפּ״, דאָס צוויי־

יאָריקע הויז־הינטעלע. וואָרעם עס איז צו זען, אַז בשעת ברכה לאה נעמט וויינען, לויפט „פּאָפּ" אָן צו דער טיר פון פויזנערס שלאָפצימער, שטעלט זיך אויף די צוויי הינטערשטע פיסלעך און האָרכט זיך איין צום קראַנקן בעל־הבית אין צימער אַריין מיט אויסגעשפּיצטע אויערן־לעפּלעך, וואָס ציטערן אַזש פון דער נערוועזער אָנשטרענגונג. אַ היפּשע ווילע שטייט אַזוי „פּאָפּ" אָנגעשפּאַרט מיט די צוויי דינע פיסלעך אין דער טיר, ביז וואַנען ער ווערט ענדלעך מיד און ציט זיך דערנאָך אין גאַנצן אויס, ביז צום בויך, אויף דער שוועל פון דעם קראַנקן בעל־הבית׳ס שלאָפצימער. ברכה לאה און „פּאָפּ" קוקן זיך דעמאָלט טיף אין די אויגן אַריין מיט דערשראָקענע בליקן, גלייך איינער וויל ביי דעם צווייטן אויסגעפינען עפּעס מער ווי עס האַלט מיטן קראַנקן בעל־הבית. יעדן פון זיי דאַכט זיך, אַז דער צווייטער פאַרשטייט מער, און איינער וויל פון דעם צווייטן אויסגעפינען, וואָס קיינער פון זיי פאַרשטייט נישט... לאַנג קוקן זיי זיך אַזוי אין די אויגן אַריין, די פאַרצווייפלטע בעל־הביתטע מיטן צוויי־יאָריקן הויז־הינטעלע, ביז וואַנען „פּאָפּ" לאָזט ענדלעך אַראָפּ דאָס הינטישע קעפּל און ברכה לאה נעמט פאַר גרויס פאַרצווייפלונג פון דאָס ניי וויינען...

אָבער דאָך, ווי פאַרצווייפלט די פרוי איז, וויל זי פון דעסטוועגן נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז דער מאַן אין שוין טאַקע אַ פאַרלוירענער מענטש. זי וויל נאָך אַלץ נישט אויפגעבן די האָפענונג, אַז זי זאָל אים נישט קענען צוריק געזונט מאַכן. אין די פינף און צוואַנציק יאָר, וואָס זי לעבט מיט אים, איז ער שוין מער ווי איין מאָל באַלד געווען אויף יענער וועלט, פון וואַנען קיינער קומט קיין מאָל נישט צוריק; אין די פינף און צוואַנציק יאָר האָט זי אים שוין מער ווי איין מאָל פון דעם מלאך המוות׳ס הענט אַרויסגעראַטעוועט. וויל זי דעריבער אויך דאָס מאָל נישט אויפגעבן די האָפענונג אויף אים און גלייבן, אַז אַלץ איז טאַקע שוין פאַרפאַלן.

צוזאַמען אָבער מיט אָט דער האָפענונג ווערט ברכה לאהן דאָך קלאָר, אַז דאָס מאָל וועט דאָס איר אַזוי לייכט נישט אָנקומען; ס׳איז נישט די אַמאָליקע יאָרן. דעמאָלט האָט ער אַליין אויך נישט געוואָלט שטאַרבן, נאָר ס׳איז געווען ווי ער וואָלט געצוווּנגען געווען דערצו... און אויך האָט ער דאַן שטאַרק מורא געהאַט פאַרן טויט. איצטער אָבער איז גאַנץ אַנדערש; איצטער וויל ער אַליין נישט לעבן מער און ער קירצט זיך דאָס לעבן מיט די

אייגענע הענט; און פאַר דעם טויט האָט ער אויך מער קיין מורא נישט. וואָס זשע בלייבט צו טאָן מיט אים?

— ישראל! — האָט זי זיך איין מאָל ביי אים געבעטן — טראַכט נישט אַזוי פיל וועגן טויט, מען פאַרזאַמט דאָס קיין מאָל נישט...

האָט ער דעמאָלט אויף איר אַ קוק געטאָן און גאָר נישט גערעדט. אויך דאָס מאָל נישט געוואָלט באַנוצן דאָס לשון, נאָר ער האָט מיטן טרויעריקן שמייכעלע איר געמאַכט צו דערפילן:

— ברכה לאה — האָט ער איר געמאַכט צו פילן — ס׳איז אַ פאַר־פאַלענע זאַך... ס׳האָט געפירט דערצו...

זי ווייסט, אַז ער מיינט מיט דעם איר אַ שטאָך צו טאָן — אַן אָנדייטונג, אַז ס׳איז די שולד פון איר משפחה, פון דעם שוואָגער דעם למדן, וואָס האָט אים געבראַכט צו אַזאַ מדרגה. און ווייל זי ווייסט, אַז דאָס איז אַן אמת און אַז דאָס גריזשען זיך צוליב יענעמס באַליידיקונג, קאָן אַ מאָל דעם מאַן קאָסטן זיין לעבן, האָט זי די לעצטע פאַר וואָכן אָנגעשטרענגט אַלע כוחות, אַז ס׳זאָל צוריק ווערן אַ שלום צווישן די צוויי שוואָגערס, זיי זאָלן זיך צוריק איבערבעטן. דאָס איז די איינציקע רפואה, וואָס קאָן העלפן, אַז ער זאָל קומען צוריק צו זיך; זי האָט זיך דעריבער אין אָט די שלום־פאַרזוכן באַנוצט מיט אַ סך באַקאַנטע מענטשן, וואָס האָבן אַן איינפלוס סיי אויף ישראל פויזנערן און אויף דעם אָרעמען עקיבאָן.

עס זענען געגאַנגען מענטשן צו דעם שוואָגער דעם למדן און עס זענען געקומען מענטשן צו דעם רייכן ישראל פויזנערן. אָבער קיין איינער פון זיי האָט פון אַ שלום נישט געוואָלט הערן.

— עט! — האָט פויזנער יענעם מבטל געמאַכט, ווען מען איז געקומען זאָגן, אַז ער זאָל שלום מאַכן מיטן שוואָגער.

און אויך עקיבא, דער שוואָגער, דער למדן, האָט נישט געוואָלט הערן פון אַ שלום.

— כ׳וועל בשום אופן נישט בייגן דעם קאָפּ פאַר אים... — האָט ער מיט גרויס ביטערניש געטענהט צו די מענטשן — מעג ער פאַרמאָגן נאָך צען מאָל אַזוי פיל געלט.

און אָט נאָך דעם ווי דער עקיבא האָט בשום אופן נישט געוואָלט גיין צו דעם רייכן שוואָגער, און דעם שוואָגער איז נישט אָנגעשטאַנען צו גיין צו

דעם אָרעמען און פון אַלע שלום־פּאַרזוכן איז גאָרנישט געוואָרן, האָט זיך ענדלעך דער עקיבא געמוזט אַרויסקלייבן פון דעם רייכן שוואָגערס הויז.

— אַ דאַנק גאָט! — האָט פויזנער צו דעם ווייב אַ זאָג געטאָן — ענדלעך פון אים פּטור געוואָרן!

איז דעריבער ברכה לאהן היינט קלאָר, אַז ווי באַלד ס'איז גאָר נישט געוואָרן פון אַלע שלום־פּאַרזוכן, און דאָס לעבן איז אים אויך נמאס געוואָרן — וועט זי דעריבער האָבן אַ שווער שטיקל אַרבעט צו קאָנען אים צוריק געזונט מאַכן. און כאָטש זי ווייס דאָס און איז גרייט אויף דאָס ערגסטע, וויל זי אָבער דאָך נישט אויפגעבן די האָפענונג. זי האָלט דעריבער אין איין טראַכטן וואָס צו טאָן, ווי אַזוי אים צו העלפן. זי קאָן נישט רוען פאַר גרויס אומרואיקייט און מוז אַלע ווײַלע צו אים אַריינגיין אין שלאָפצימער, זען וואָס ער מאַכט. ווען זי איז אָבער דאָס לעצטע מאָל צו אים אַריינגעקומען און דערזען ווי ער איז פּלוצים געוואָרן טויט־בלייך, מיט אַן איינגעפאַלן ביינערדיק פּנים און ווי ער האָלט ביים פאַרמאַכן די אויגן און ער דערקענט זי נישט, האָט זי אַזאַ ציטער געטאָן, ווי זי וואָלט זיכער געוועזן, אַז דער מאַן גייט איצטער אויס. אין דער שטיל, ווי אַ ליכט גייט ער אויס און זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ הויך געוואַלד־קול. איר אויסגעשריי האָט אויך אַ וועק געטאָן „פּאָפּן", דאָס הינטעלע, פונעם דרימל און ער האָט אַ שפּיץ געטאָן די צוויי אויערן־לעפּלעך צו דער טיר פונעם קראַנקן בעל־הבית'ס שלאָפצימער. ער האָט גלייך דערפילט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און ער האָט מיט שרעק זיך אַ שטעל געטאָן אויף די צוויי אונטערשטע פיסלעך און אַן איבערגעשראָקענער, ווי די בעל־הביתטע, געציטערט פאַרן קראַנקן בעל־הבית'ס לעבן.

*

ישראל פויזנערן איז אַלץ נישט בעסער געוואָרן. ער איז יעדן טאָג געוואָרן שוואַכער, געהאַט קוים שוין כוח אַ וואָרט אויסצורײדן און דער ווייטיק ביים האַרצן האָט נישט אָפּגעלאָזן. ער האָט מער נישט געקאָנט קומען צו זיך.

אין שפּיטאָל האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו גיין. ער האָט געוואָלט ליגן אין דער אייגענער היים. כמעט יעדן טאָג איז אים אויסגעקומען צו הערן ווי אַזוי דאָקטוירים וואָרענען אים, אַז זיין לעבן איז אין געפאַר, אַז ער

מוז פאַלגן, וואָס זיי הייסן אים טאָן. ער האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן, גלייך ווי ס'האַנדלט זיך וועגן אַן אַנדערן פויזנערן, און נישט וועגן אים. ער מיט זיך וועט שוין ווי עס איז דורכקומען. ער מיט זיך האָט שוין שלום געמאַכט. ערגעץ טיף אין זיך האָט ער געפילט יענע לויטערע רואיקייט פון אַ קראַנקן מענטש, וועלכער געפינט זיך שוין אויף אַ וועג פון וועלכן ס'איז מער קיין צוריקגאַנג נישט פאַראַן. קיינער, נישט די דאָקטוירים, און נישט דאָס ווייב, אָדער משפחה, האָבן געקאָנט פאַרשטיין דעם קאַלטן אינטערעס צו זיין שיקזאַל און פאַר וואָס ער שרעקט זיך אַזוי שטאַרק פאַרן לעבן, און נישט פאַרן — טויט. בלויז ער, ישראל פויזנער האָט פאַרשטאַנען דעם סוד דערפון. ער האָט דאָס געפילט אין יענער אונזעבאַרער טיפקייט וווּ עס וויברירט די נשמה פון דעם מענטשנס לעבן. און ליגנדיק איצטער אַ קראַנקער אין בעט, איז ער געשטאַנען אין אַ נענטערער באַרירונג מיט אַט דעם זין פון זיין לעבן, ווי קיין מאָל פריער אין די עטלעכע און פופציק יאָר, וואָס ער האָט שוין אָפּגעלעבט. האָט ער אין אָט די נשמה־וויברירונגען איצטער געפילט, אַז אַחוץ יענעם רייכן ישראל פויזנער, האָט איצט דער־וואַכט אין אים אַן אַנדער פויזנער, וואָס האָט אָנגעהויבן לעבן זינט ער האָט זיך אַ קראַנקער אין בעט אַריין געלייגט. און דער איצטיקער פויזנער וויל נישט לעבן אויף דעם אופן, ווי עס האָט געלעבט דער פריערדיקער פויזנער... ער איז דעריבער זיכער געווען, אַז ער גייט שטאַרבן און ער האָט אפילו וועגן דעם באַמערקט צו דעם קרוב, ווען יענער איז אים געקו־מען מבקר חולה זיין.

— יאָ, זלמן, — האָט ער צו אים אַ זאָג געטאָן — איך גיי מסתמא שטאַרבן.

דער קרוב האָט פון זיינע רייד אַ ציטער געטאָן. פאַר גרויס שרעק און צערודערונג זענען אים אַזש הייסע אַנגסטן אַרויס אויפן פנים. ס'איז אים געווען שרעקלעך צו הערן ווי ישראל פויזנער טוט זיך אַ זאָג, מיט אַזאַ קאַלטער זיכערקייט, אַז ער גייט שטאַרבן, ווי ער וואָלט געהאַלטן ביים אויספירן עפּעס אַ מסחר אויף דער זיידן־בירזשע: אַזוי מוז דאָס בלייבן, נישט אַנדערש. ס'איז אים שווער געווען צו פאַרטראָגן די טיפע רואיקייט מיט וועלכער ער האָט צו אים גערעדט וועגן זיין טויט. און ס'האָט זיך פון דעם אויסגעוויזן, אַז נישט ישראל פויזנער רעדט דאָס, נאָר אַז עמעצער

אַן אַנדער רעדט דאָס פּאַר ישראל פּויזנערן, וועלכער האָט אין דעם פאַל גאָר נישט צו זאָגן, חוץ מסכים צו זיין... אַזוי האָט זיך דאָס אויסגעוויזן. אָבער באַלד האָט ער דערהערט ווי ישראל פּויזנער טוט ווידער אַ זאָג צו אים:

— יאָ, זלמן, — האָט ער ווידער אַ זאָג געטאָן — דער סוף קומט שוין. און ער האָט פאַרענדיקט:

— דערמאָנט זיך אַ מאָל אין מיר, זלמן!...

דער קרוב האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד, אים געוואָלט באַרואיקן:

— ס'טייטש, פּויזנער, וואָס רעדט איר עפּעס וועגן טויט. איר וועט געזונט ווערן, פּויזנער. איר באַדאַרפט נאָך לעבן. נאָך פאַראַן יאָרן פאַר אייך. נאָר נישט אויפגעבן זיך...

אין פּויזנערס אויגן האָט זיך דאַן ווידער באַוויזן דאָס טרויעריקע שמייכעלע, אָנשטאָט רייד, לשון. ער האָט גאָר נישט גערעדט, נאָר דעם קרוב האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער איז איצטער מיט אָט דעם שמייכעלע אים אויסן נאָך אַ מאָל צו דערמאָנען, אַז נישט וועגן אַ פּאָר יאָר לעבן האַנדלט זיך דאָ; און וואָס ס'איז שייך אים, פּויזנערן, דאַכט זיך אים, אַז ער האָט שוין אָט די פּאָר יאָר, וואָס ער וואָלט נאָך באַדאַרפט לעבן, אויך שוין דורכגעלעבט.

אויף אָט דעם אופן ווי ער האָט דאַן גערעדט צו דעם קרוב, האָט ער איצטער געטראַכט צו זיך אַליין, אין די לאַנגע טעג און נעכט, וואָס ס'איז אים אויסגעקומען צו ליגן אין בעט. און כמעט יעדעס מאָל, נאָך אַזעלכע געדאַנקען, פלעגט אים אַזוי שלעכט ווערן, אַז ער פלעגט דערנאָך אַריינפאַלן אין עפּעס אַ מין חלשותדיקער שוואַכקייט, פון וועלכער מען האָט אים קוים געקאָנט דערמינטערן. אויך דאָס מאָל איז ער אין אַזאַ חלשות אַריינגעפאַלן, אַז ער האָט מער נישט געוווּסט וואָס אַרום אים טוט זיך. ער האָט געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן און אַרום אים איז געווען פינצטער ווי ביי נאַכט. און באַלד האָט זיך די געדיכטע פינצטערניש אין כמאַרעס רויך פאַרוואַנדלט, וואָס האָבן זיך צום הימל געצויגן. ער האָט געפילט ווי דער גוף זיינער ווערט אַלץ קלענער און לייכטער צו קאָנען זיך טראָגן און שוועבן, ווי די כמאַרעס רויך ציען ערגעץ ווייט, ווייט אַוועק. און אָט שוועבט ער שוין ערגעץ אין דער הויך און ער רייסט זיך צו הייבן אַלץ העכער,

אָבער צוויי שטאַרקע פרויען־הענט ציען אים צוריק צו דער ערד אַראָפּ; און וואָס נידעריקער ער פאַלט אַראָפּ אַלץ גרעסער ווערט צוריק דער גוף, ווי דאָס פריערדיקע געשטאַלט, איידער ער האָט זיך פון דער ערד אַ הייב געטאָן... ער האָט צום סוף אַזאַ פאַל געטאָן צו דער ערד, אַז ער האָט געמוזט עפענען די אויגן און ער האָט דערזען:

לעבן זיין בעט איז געשטאַנען ברכה לאה. ער האָט אויך דערקענט דאָס הויכע געשטאַלט פון דעם קרוב מיט דעם דאָקטאָר, און אַז ער איז ענדלעך צו זיך געקומען, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט עפּעס אַ מאָל צו דעם קרוב גערעדט, נאָר ער געדענקט נישט מער וואָס...

*

און מיט אַ וואָך שפּעטער האָט ברכה לאה געשיקט רופן דעם קרוב, און ווי נאָר יענער האָט זיך אין דעם הויז באַוויזן, איז זי צו אים צוגעפאַלן מיט אַ גרויס געוויין:

— ברענגט אים אַהער, עקיבאן — האָט זי זיך ביי אים געבעטן, אַנ־וויינענדיק אויפן שטאַרבנדיקן מאַן — זאָל ער זען, וואָס ער האָט פון אים געמאַכט, זאָל ער קומען מחילה בעטן.

— און — האָט זי זיך ביי אים געבעטן — אפשר קאָן נאָך אַ שלום ווערן צווישן זיי? אפשר וועט דאָס העלפן ער זאָל צוריק געזונט ווערן?

ישראל פויזנערס קרוב, דער הויכער ייד, האָט גענומען אַרומשפּאַנען אין דעם רייכן אויפנעם־צימער, אין אַ פאַרטראַכטער שטימונג. ווי שטאַרק דער פרויס טרערן האָבן אים גערירט, האָט ער אָבער געפילט אַ גרעסערן רחמנות אויף פויזנערן. פאַר דער פרוי, האָט ער געפילט, איז דאָס אַ פּשוטע זאַך: זי וויל ווייטער האָבן דעם מאַן מיט ווען זי האָט שוין דורכגעמאַכט גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר, מיט ווען זי איז שוין אַזוי פיל אין דעם לעבן אַדורכגעגאַנגען. און חוץ דעם איז זי שוין געווען אין דער בחינה פון עלטערע מענטשן, וואָס זענען בעסער צופרידן, אַז אַלץ בלייבט ביים אַלטן... האָט ער דעריבער דער פרוי מיטגעפילט פון אַ בלויזן רחמנותדיקן שטאַנדפּונקט. ער האָט אַפילו וועגן דעם געטראַכט מיט אַ ביסל שפּאַס אין די געדאַנקן:

— נאָך אַלעמען, — האָט ער געטראַכט — אַז מען באַוויזט אָפּצולעבן מיט אַ מאַן גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר, איז דערנאָך שוין לייכטער מיט

אים אויסצוקומען די איבעריקע צאָל יאָרן. דערפאַר אַפּנים, ווייל מען זיך שוין מיט אים האַלטן.

דערפאַר איז אָבער פאַר אים געווען אַן איבעראַשונג פויזנער אַליין. ער האָט אויסגעפונען, אַז כאָטש ער קען אים שוין אַזוי פיל יאָרן, קען ער אים נאָך אַלץ נישט. ער האָט איצטער דעם מענטש געזען אין אַן אַנדער ליכט, נישט דעם ביזנעסמאַן, נאָר עס האָט אויפגעלעבט דער צווייטער, וועלכער האָט זיך דאָס גאַנצע לעבן נישט אַנגעזען, און אָט דער צווייטער פויזנער איז איצטער געווען צו פילן אין יעדן וואָרט, וואָס ער רעדט אַרויס, און בפרט אין די באַמערקונגען, וואָס ער האָט אַנומלטן געמאַכט:

— היינט פאַרשטיי איך דאָס שוין — האָט ער צו אים אַנומלטן אַ זאָג געטאָן.

— וואָס פאַרשטייט איר? — האָט דער קרוב אים אַ פרעג געטאָן.

— פאַר וואָס כ'האָב פיינט געהאַט דאָס גאַנצע לעבן מיין פאָטער ע"ה.

— און פאַר וואָס האָט איר אים פיינט געהאַט? — האָט דער קרוב מיט מיטגעפיל אים ווידער אַ פרעג געטאָן.

— ווייל...

ס'איז ישראל פויזנערן שווער געווען אויסצורײדן וואָס ער מיינט. ער האָט זיך שטאַרק געשעמט צו רײדן דערפון... דאָך האָט ער זיך געוואָלט אַראָפּרײדן פונעם האַרצן. בפרט, אַז ער האָט שוין אָנגעהויבן, און ער האָט דאָס ענדלעך אַרויסגערעדט:

— ער אַליין איז געווען אַ ייד אַ למדן, דער פאָטער מיינער ע"ה... נאָר איך, דער זון זיינער... איר פאַרשטייט? ס'איז זיין שולד.

— נו, מילא — האָט דער קרוב דעם ענין פון קאָנען לערנען געוואָלט מיט דער האַנט אָוועקמאַכן — אַ סך יידישע קינדער האָבן אין דער אַלטער היים קיין מעגלעכקייטן נישט געהאַט צו לערנען.

אָבער ישראל פויזנער האָט זיך קוים איינגעהערט צו דעם קרובס רייד און האָט נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט — איך פאַרשטיי היינט פאַר וואָס כ'האָב פיינט געהאַט דאָס גאַנצע לעבן מיין פאָטער ע"ה. כ'פאַרשטיי דאָס היינט... אין אָט די דאָזיקע רייד פון דעם קראַנקן ישראל פויזנערן, האָט זיך דער קרוב ווידער דערמאָנט שפּאַנענדיק איצטער אינעם רייכן אויפנעם־צימער און טראַכטנדיק וועגן ברכה לאהס פאַרלאַנג, אַז ער זאָל אַהער

ברענגען עקיבאן, דעם שוואָגער און פּרובירן פון דאָס ניי צו מאַכן אַ שלום צווישן די צוויי שוואָגערס. ער האָט געטראַכט צי ער זאָל דאָס יאָ, אָדער נישט טאָן און נישט געהאַט קיין גרויס חשק דערצו. וואָרעם עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז פאַרקערט, אַז צוליב דעם קראַנקן כבודס וועגן, באַדאַרף ער דעם עקיבאן נישט אַהער ברענגען. ערשטנס, האָט ער אַלס פויזנערס בעל־יועץ דעם עקיבאן אויך נישט ליב געהאַט, און צווייטנס, איז ישראל פויזנער פאַר אים איצטער אויסגעוואַקסן אין דעם ליכט פון אַן איידעלן מענטש, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן באַדאַרפט ליידן צוליב דער שולד פון זיין פאָטער... און עקיבא איז דעריבער באַגאַנגען אַ גרויס פאַרברעכן קעגן דעם שוואָגער. ער האָט געהאַלטן, אַז דער עקיבא טאָר זיך מער נישט געפינען אין פויזנערס הויז. און חוץ דעם האָט ער אויך נישט געגלייבט, אַז צווישן די צוויי מענטשן זאָל מעגלעך זיין אַ שלום. און עס קאָן זיין, אַז דער קרוב וואָלט טאַקע אָפּגעזאָגט דער פרוי און ער וואָלט אויף זיך נישט גענומען די מיסיע פון אַ שלום־מאַכער צווישן די צוויי שוואָגערס, ווען נישט די האָפענונג, אַז דאָס קאָן העלפן דעם קראַנקן קומען צו זיך, און ער וועט אפשר צוריק געזונט ווערן. ער האָט דעריבער נאָכגעגעבן ברכה לאה׳ן.

— מילא — האָט ער צו איר אַ זאָג געטאָן — ביז איצטער האָבן אַלע פאַרזוכן צו מאַכן שלום נישט געהאָלפן. וועט ער זען אויב זיין מיסיע וועט דאָס מאָל יאָ העלפן.

ברכה לאה האָט געבראָכן מיט די הענט:

— אויב נישט — האָט זי געוויינט — איז ער פאַרביי. אָבער זאָל ער כאָטש קומען, עקיבא, און זען וואָס ער האָט פון אים געמאַכט, און ער וועט דעם קאָפּ בייגן...

ברכה לאה האָט אָבער קוים שוין דערהערט דעם קרובס רייד. וואָרעם ווי נאָר ער האָט פאַרלאָזן דאָס הויז אַהערצוברענגען עקיבאן, האָט זי פּלוצים דערהערט דעם קראַנקן מאַנס שווערע סאָפּען מיטן האַרצן, ווי אַלע מאָל איידער ער פאַלט אין דער חלשותדיקער שוואַכקייט אַריין. זי איז גיך צו אים אין שלאָפצימער אַריינגעלאָפן און ווי נאָר זי האָט אויף אים אַ בליק געטאָן, איז זי בלייך געוואָרן און האָט אַרויסגעלאָזן אַ הויך קול:

— ישראל! ישראל!

דער קראַנקער פּויזנער האָט נישט געענטפערט. ער איז געלעגן אומ־באַוועגלעך, מיט אָפענע אויגן, וואָס האָבן מיט האַלב־טויטע בליקן געקוקט צו ערגעץ אַ ווייטער ווייטיקייט און האָבן גאָר נישט געזען. ער איז געווען רואיק, ווי אין אַ דרימל, נאָך אַ שווערער אָנשטרענגונג. ער האָט שווער געאָטעמט, מיט די לעצטע כוחות. דאָס פּנים איז אָבער רואיק געווען און אויסגעדריקט אַ מין גוטסקייט פון אַ רואיקן שלאָף, פון וועלכן ס׳ווילט זיך נישט דערוואַכן. דער שלאָף איז אים אָבער געשטערט געוואָרן. וואָרעם ער האָט געהערט ווי עמעצער שטערט אים די רו און מען וועקט אים מיט הויכע קולות:

— ישראל! ישראל!

*

און אין יענעם אויף דער נאַכט, בעת פּויזנערן איז ווידער שלעכט געוואָרן, און די פרוי האָט אויף גיך גערופן דעם דאָקטאָר, משפחה און דאָס הויז איז פול געווען מיט טומל און שרעק, איז אויך אַריינגעקומען עקיבא, דער שוואָגער, דער למדן, אין באַגלייטונג פון דעם קרוב.

ר׳ עקיבא איז אַריינגעקומען אין הויז מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. ער איז געווען איבערגעשראָקן פון דעם טומל אַרום דעם קראַנקן פּויזנערן, דעם שוואָגער, אָבער ער האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער איז לעצטנס אַ סך מאָגערער געוואָרן און דאָס קורצע בערדל איז אים שטאַרק גרוי געוואָרן. ס׳איז געווען צו זען, אַז די מחלוקה האָט אים אויך צעבראָכן און די שנאה האָט פון אים אויך אַ תל געמאַכט. אָבער שוואַך און דאַר ווי ער איז, האָט ער אָבער דאָס אַלץ אויסגעהאַלטן. דער דאַזיקער פאַקט האָט זיך פאַר אַלעמענס אויגן געשטעלט ווי נאָר דאָס מאָגערע געשטאַלט זיינס האָט זיך אין דעם הויז באַוויזן. און באַזונדערס האָט דאָס געפילט עקיבא אַליין, דערזעענדיק איצט דעם חורבן אין הויז. ער האָט איצט צום ערשטן מאָל מיט די אייגענע אויגן געזען, וואָס ס׳איז געוואָרן פון ישראל פּויזנערן... און ער האָט טיף אין האַרצן באַדויערט זיין חלק אין דעם אומגליק. אָבער ווי שטאַרק ער האָט איצט חרטה געהאַט אויף דעם, האָט ער אָבער אויך געפילט, אַז ס׳איז נישט געווען אין זיינע כוחות זיך צו העלפן. און דער־זעענדיק איצט פאַר די אויגן דעם שטאַרבנדיקן שוואָגער, איז ער אַזוי

צערודערט געוואָרן, אַז ער האָט מיט אַ מאָל פאַרגעסן אין דער שנאה און אין דעם אמת, צוליב וואָס אָט די שנאה איז אַרויסגעקומען: דער אמת וועט פון זיי ס׳איז מער חשוב אין דער וועלט: ער מיט זיין למדנות, אָדער דער שוואָגער מיט זיין עשירות. ער האָט איצט געפילט, אַז צוליב אָט דעם אמת, צוליב וועלכן ער האָט מיט דעם שוואָגער געקעמפט וועט נאָר אַרויסקומען דער זיגער — דער טויט; און ער האָט איצט צום ערשטן מאָל געזען דעם חורבן פון דעם קאַמף: ער האָט זיך דערפילט שולדיק, שטאַרק דערשלאָגן, און ער איז אין דער גרעסטער צעטומלעניש צוגעפאַלן צו דעם שטאַרבנדיקן שוואָגער און אים אויסגעשטרעקט אַ האַנט:

— סלח לי, שוואָגער, זיי מיר מוחל!

ישראל פויזנער האָט זיך קוים אַ ריר געטאָן, ער האָט שוואַך, אָן כוחות, קוים געהאַלטן דעם שוואָגערס האַנט און ביידע הענט האָבן געציטערט די גאַנצע צייט, וואָס זיי האָבן זיך אין שלום געהאַלטן. ר׳ עקיבא איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און ישראל פויזנער האָט שווער זיפצנדיק געאָטעמט. אַ ווייל איז שטיל געווען און ס׳האָט זיך געהאָט אויסגעוויזן, אַז אָט גייען ביידע שוואָגערס צוריק אָנהייבן צווישן זיךריידן. פּלוצים האָט זיך אָבער ישראל פויזנער אַ כאַפּ געטאָן ביים האַרצן דאָרט ווו עס פלעגט אים די גאַנצע צייט קלעמען. ער האָט שווער געאָטעמט, און ווי עמעצער וואָלט אים אַ פּיר געטאָן מיט עפּעס אַ שאַרפע זאַך איבערן האַלדז, האָט ער זיך אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן, אַ צי געטאָן צום לעצטן מאָל מיטן האַלדז און ער איז דערנאָך שוין אין גאַנצן שטיל געבליבן, מיט גרויסע אָפענע אויגן. דער גרויסער עולם אַרום זיין קראַנקן־בעט האָט זיך דערשראָקן און ס׳איז געוואָרן אַ טומל. ס׳האָט זיך געהערט ווי די פרוי ברעכט אויס אין אַ געוויין און ווי דער שוואָגער, דער למדן, שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און מורמלט נאָך אַלץ:

— ס—ל—ח ל—י...

עמעצער האָט ישראל פויזנערן אַ פאַרמאַך געטאָן די אויגן און — צווישן די צוויי שוואָגערס איז שלום געוואָרן...

ר׳ אַנשל און דזשאָו

אין דעם אַמעריקאַנער פּראָווינץ־שטעטל, ווו ר׳ אַנשל איז מיט העכער פערציק יאָר צוריק אָנגעקומען, האָט ער געטראָפן אַ „גריי־נעם" דור יידן. דאָס שטעטעלע איז כמעט געלעגן אויף דער הויפּט־גאַס, אויף מעין סטריט. לעבן דער באַן־ליניע האָבן צוויי־דריי געסלעך ווי אַ ראָד זיך געדרייט איינע אין דער אַנדערער. ווו מען איז געגאַנגען איז מען אַלץ צוריק אָנגעקומען אויף דעם זעלבן אָרט. דאָס איז געווען די יידישע געגנט פון דעם שטעטל. די יידישע געגנט איז ר׳ אַנשלען געפעלן געוואָרן. ער האָט דאָ געטראָפן יידן, אייניקע מיט לאַנגע גראָע בערד און אַ סך היימישע, נישט אַמעריקאַניזירטע יידישע פרויען דאָס זענען געווען די מערסטע יידישע קראָמען, די שול און דאָס גאַנצע ביסל יידישקייט פון שטעטל.

אָנקומענדיק אַהער האָט ר׳ אַנשל מיט דער פאַמיליע אויסגעקליבן צו וווינען אין אַ גאַס, ווו עס האָבן געוווינט די גרעסטע צאָל יידן. ר׳ אַנשל איז ערשט געווען אין די מיטעלע יאָרן. ער איז געווען ערלעך און פרום. און אַזוי ווי אין דער אַלטער היים האָט ר׳ אַנשל געהאַט פּרנסה פון אַ בשמים־געוועלבל, האָט ער, נאָך דעם ווי ער איז אָפּגעווען אַ שטיקל צייט אין לאַנד, אויך דאָ געעפנט אַ קליינע גראָסערי סטאָרקע.

ר׳ אַנשל האָט אָבער די גראָסערי ביזנעס פיינט געהאַט פון דעם ערשטן טאָג אָן. ס׳איז אים קלאָר געוואָרן, אַז מען באַדאַרף זיך דאָ צו אָט דער פּרנסה שטאַרק אויסטויגן. ס׳איז נייטיק צו זיין אַ פריינטלעכער מענטש, עס טאָרן קיין מאָל נישט אויספעלן קיין רייד פאַר די קאַסטאָמערס און מ׳דאַרף קאָנען מענטשן איינריידן צו קויפן זאַכן. ר׳ אַנשל אָבער איז גראָד געווען אַ שטילער מענטש ביי וועמען עס איז שווער געווען אַרויס־צוקריגן אַן איבעריק וואָרט. ווען ער איז שוין געשטאַנען אין דער גראָסערי

האָט אים מער ווי אויף אַ „גוט מאָרגן" און „וואָס מאַכט מען" נישט געשטייעט. דאָס ווייב האָט אים געהאַלטן אין איין וואָרענען:

— אַנשל, וועסט מיט דיין שטומקייט פאַרלירן די קאָסטימער. ווער פריינטלעכער צו מענטשן און רייד מער!

האָט זיך אָבער מיט דער צייט אַרויסגעוויזן, אַז ביי ר׳ אַנשלען האַלטן זיך גראָד יאָ די קאָסטימערס. קוים קומען זיי נאָר איין מאָל, קומען זיי שוין נאָך אַ מאָל. די שכנים, יידן און היימישע פרויען, האָבן גראָד יאָ ליב געהאַט צוקויפן ביי אים. זיי האָבן ר׳ אַנשלען געהאַלטן פאַר אַ בכבודיקן און ערלעכן ייד. זיי האָבן געוווּסט, אַז ער קומט פון דער אַלטער הייט אַרויס פון אַ פיינער משפחה, אַ משפחה פון סוחרים איז דאָס געווען, און זיי פלעגן פירן מסחרים מיט די אַרומיקע שטעטלעך אויף אַן ערלעכן אופן. עמעצן אָפּצונאַרן אין אַ מסחר איז ביי זיי פאַררעכנט געווען צו די מיאוסטע זאַכן. זיי האָבן מיט זייער ערלעכקייט גע׳שם׳ט צווישן מענטשן; אַזוי ווי אַ ירושה־זאַך איז דאָס אין דער משפחה געגאַנגען פון דור צו דור, ביז צו ר׳ אַנשלען. די עלטערע יידן און די פרומע פרויען האָבן דערפון געוווּסט און זיי פלעגט נישט אַרן, וואָס ער מאַכט נישט דעם איינדרוק פון אַ פריינטלעכן מענטש, וואָס ער איז קאַרג אויף רייד. זיי האָבן דאָס אים גערן מוחל געווען. פלעגן דעריבער ר׳ אַנשלען אין יענער צייט קיין קאָסטימערס נישט אויספעלן און ער האָט געהאַט פרנסה בכבוד.

*

דזשאָו, אַן אַמעריקאַנער יידישער יונגערמאַן, האָט געהאַלטן אַ „פענסי גראָסערי" כמעט אַנטקעגן איבער ר׳ אַנשלס. ער האָט אין דער געגנט קיין גרויסע ביזנעס נישט געמאַכט. ער איז נישט באַליבט געווען ביי די „גרינע יידן". דזשאָו איז געווען אַ הויכער יונגערמאַן מיט אַ האַלב גויאישן בלאָנדן אויסזען און מיט אַ קורץ וואָנצעלע אונטער דער נאָז. דאָס וואָנצעלע איז געווען פון אַ בערגל געדיכטע הערעלעך און ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי ס׳וואָלט נישט אַנגעוואַקסן, נאָר ס׳איז אַנגעקלעפּט געוואָרן. ער האָט געהאַט שטאַרקע געזונטע הענט. זיין הויפּט־אינטערעס איז נאָך אַלץ, ווי אין זיינע סקול־יאָרן, געלעגן אין „פּראַיז פאַיטס" און „באַל געימס", כאָטש ער איז שוין געווען אַ פאַרהייראַטער מאַן און אַ פאָטער פון אַ קינד. ער איז געווען אַ רעדעווודיקער יונגערמאַן; ס׳האָט אים קיין מאָל נישט אויס־

געפּעלט קיין לשון, ווען ער האָט גערעדט צו אַ קאָסטימער. צו מאַכן יונגע ווייבלעך קאָמפּלימענטן און צו שיטן מיט גוטע ריידעלעך איז געווען זיין גרעסטער פאַרגעניגן. די קינדער אין דער געגנט האָבן ליב געהאַט צו רופן אים „מיסטער דזשאָו" און די עלטערע מענטשן האָב אים אויך גערופן מיטן זעלביקן נאָמען. די עלטערע יידן און די פרומע באַלעבאָסטעס האָבן זיך אָבער פאַר אים אויסגעהיטן. זיי האָבן געוווּסט, אַז ווען ער שיט אַזוי פון מויל קאָמפּלימענטן און גוטע ריידעלעך, טוט ער דערווייל מיט דער האַנט אַ ציִ אַראָפּ די וואָגשאָל, ווען ער וועגט עפּעס אָפּ. ער טוט דאָס אויף אַזאַ פלינקן אופן, אַז מען קאָן אים נישט כאַפּן ביי דער האַנט. ער איז דעריבער ביי דעם היימישן דור יידן זייער נישט באַליבט געווען.

דזשאָו האָט אָבער אין דער געגנט אויך געהאַט אַ קלאַס מענטשן, וואָס פלעגן קויפן נאָר ביי אים אין זיין „פּענסי גראָסערי". דאָס זענען געווען יידישע יונגעלייט און יונגע ווייבלעך אָדער די קינדער פון דער געגנט. פיל פון זיינע קאָסטימער זענען געבוירן געוואָרן דאָ אין אַמעריקע, אָדער זענען דאָ אויסגעוואַקסן. מיט זיי האָט ער נאַטירלעך גערעדט ענגליש. און יענע האָבן זיך געפילט מיט אים היימיש, זיי באַלאַנגען צו איין וועלט. און דזשאָו האָט עס אינסטינקטיוו געוווּסט ווי אויסצונוצן. אַזוי אָבער ווי די געגנט איז געווען באַוווינט מערסטנטייל פון היימישן דור יידן, האָט דזשאָו קיין גרויסע ביזנעס נישט געמאַכט. כאָטש די סטאָר האָט זיך גערופן „פּענסי גראָסערי", איז זי אין דער אמתן געווען זייער אַן אָפּגעלאָזענע און אָרעמע קראָם. מער ווי איין מאָל האָט דזשאָו באַשלאָסן אויפצוגעבן די גראָסערי. אויב ער האָט זי נאָך אַלץ נישט פאַרמאַכט איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל ער האָט אין איר געהאַט אַריינגעלייגט זיין גאַנץ ביסל געלט און עס איז שוין נישט געווען מיט וואָס צוריק אַרויסצוגיין. האָט ער זיך דעריבער געמוזט מיט איר האַלטן און געהאָפט, אַז אפשר וועט זי זיך דאָך אַ מאָל אויסבעסערן.

אַזוי האָט ער זיך אין דער געגנט יאָרן לאַנג אָפּגעמוטשעט מיט דער „פּענסי גראָסערי". וואָס ער האָט נישט דורך דער צייט פּרובירט צו טאָן האָט עס קיין סך נישט געהאָלפן. ער איז געוואָרן פאַרצווייפלט. ער האָט פשוט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, כדי צו פאַרבעסערן די ביזנעס. ערשט מיט יאָרן און יאָרן שפּעטער האָט ער זיך ענדלעך אויף עפּעס דערוואַרט...

*

יאָרן און יאָרן זענען אַוועק. אַ סך פון די עלטערע אימיגראַנטן זענען שוין אויסגעשטאָרבן. פריער פלעגן קומען נייע אימיגראַנטן פון דער אַלטער היים. די לעצטע יאָרן אָבער, זינט די אימיגראַציע איז באַגרענעצט געוואָרן, קומען אַריבער וויניק הימישע יידן, אַז איינער שטאַרבט אָפּ, פילט זיך, אַז ער פעלט אויס. די לעצטע צייט באַגלייט ר׳ אַנשל אַ סך פון די דאָזיקע הימישע יידן און פרומע פרויען צום בית־עלמין. ביי אַזאַ לוויה גייט ר׳ אַנשל לעבן סאַמע טויטן־וואָגן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און ס׳איז אים שווער אויפן האַרצן. ווען ער קומט אויפן בית־עלמין און ער דערזעט די גרויסע צאָל קברים פון דעם עלטערן דור, דאַכט זיך אים ווי די גאַנצע יידישע געגנט פון שטעטל האָט זיך שוין אַריבערגעקליבן אויפן בית־עלמין. אַז ער קומט דערנאָך צוריק אַהיים, קוקן שוין די צוויי־דריי געסלעך אַנדערש אויס אין זיינע אויגן. עפּעס דאַכט זיך אים, אַז די געגנט האָט באַקומען אַ פּוסטן נישט־יידישן אויסזען.

אויך אַן אייגנאַרטיקן שטייגער פילט דאָס ר׳ אַנשל אין די שבתים און יום־טובים. וואָרעם ביז מיט עטלעכע יאָר פריער פלעגט מען אין די שבתים נאָך אַלץ זען די עלטערע יידן, די פרומע יידן, גרופּנווייז אַהיימקומען פון דער שול מיט זייער פאַמעלעכדיקן, שבתדיקן גאַנג. וואָס פלעגט אַזוי שטיל און שבתדיק מאַכן די צוויי דריי געסלעך. איצט זעט מען שוין בלויז איינצלנע יידן און געציילטע פרויען. אין דער אמתן אָבער פילט זיך די ענדערונג אין מיטן וואָך נאָך שטאַרקער. די גאַנצע געגנט ווערט איבערגעבויט; אין די הייזער ווערן אַריינגעשטעלט נייע מאָדערנע איינריכטונגען און זיי ווערן גיך פאַרדינגען צום ייִנגערן עולם. דער יינגערער עולם איז אויך אַ יידי־שער, נאָר אַ דאָ־געבוירענער. פרעמד קוקט שוין די געגנט אויס אין ר׳ אַנשלס אויגן און פרעמד פילט ער זיך צווישן דעם עולם. זיי קאָנען אים נישט, ער האָט מיט זיי נישט וועגן וואָס צו ריידן. אַז זיי קומען אין סטאָר אַריין איין מאָל, זעט מען זיי שוין נישט אַ צווייט מאָל.

— עפּעס אַ מאָדנער ייד. ער זאָגט אַפילו נישט קיין רעכטן „העלאָו" — רעדט וועגן אים דער ייִנגערער עולם.

— אַ בייזער ייד — זאָגן זיי — און אויף אַ פרוי האָט ער מורא אַ קוק צו טאָן.

זיי זענען, דאַכט זיך, יידן, אַט די אַלע יונגעלייט און ווייבלעך. אייניקע פון זיי זענען רעליגיעז, אָבער זייער שפּראַך איז נישט זיין שפּראַך. ער רעדט מיט זיי ענגליש, אָבער דאָס איז נישט זייער ענגליש. זיי פילן דאָס און ער פילט דאָס אויך. צוויי באַזונדערע וועלטן.

דערפאַר אָבער פילן זיי זיך היימישער מיט דעם אַמעריקאַנער דזשאָו, דער אייגנטימער פון דער „פּענסי גראָסערי". ער איז שוין נישט אַזוי בלאָנד, דזשאָו, און נישט אַזוי יונג ווי אַ מאָל. זיין בלאָנד וואַנצעלע איז שוין פון לאַנג נישט אין גאַנצן בלאָנד און די האָר זענען געוואָרן גראָלעך, אָבער וועגן פּאַיטס און וועגן „רעיסעס" רעדט ער נאָך אַלץ. ער איז אַן אַמעריקאַניזירטער און ער פאַרשטייט זיך מיט זיינע קאָסטימער. דשזאָו באַהאַנדלט זיינע קאָסטימער אויף אַ מין אינטימען שטייגער. צוערשט זאָגט ער אַ פריינדלעכן „העלאָו", דאַן צערעדט ער זיך היימיש. יונגע ווייבלעך מאַכט ער קאָמפּלימענטן און באַוואָרפט זיי מיט גוטע ריידעלעך. אַלס אַ צוגאָב האָט ער אויך ליב אַ גלעט צו טאָן, אַ צערטל טאָן אַ יונג ווייבל און דערציילן עפּעס אַ מעשהלע וועגן אַ שכנה, אַ נעקסט דאָרינע... די יונגע אַמעריקאַנער יידישע ווייבלעך לאַכן פון זיינע וויציקע עכט־אַמעריקאַנישע מעשהלעך און זיי פלעגן גאָר נישט באַמערקן, אַז ווען ער באַוואָרפט זיי אַזוי מיט גוטע ריידעלעך טוט ער דערווייל אַ צי אַראָפּ די וואָגשאָל, ווען ער וועגט עפּעס אָפּ.

די ביזנעס אין דער „פּענסי גראָסערי" איז שוין פון לאַנג געוואָרן בעסער. דזשאָו האָט שוין צוגענומען אַ באַי, וואָס זאָל אים אַרויסהעלפן. שוין אַ היפּשע צייט ווי ער האָט געלאָזט איבערבויען די סטאָר. ער האָט אַריינגעשטעלט נייע מאָדערנע איינריכטונגען און באַלייכטונגען וואָס האָט ביינאַכט נישט נאָר זיין סטאָר ליכטיק געמאַכט, נאָר אויך דעם גאַנצן בלאָק. די גראָסערי סטאָר איז צוויי מאָל אַזוי גרויס געוואָרן און צוויי מאָל אַזוי פול מיט גראָסערי סחורות. ער האָט איצט גאָר נישט געוואָלט אַזוי פיל אַריינגעמען ווי מען האָט אים געוואָלט געטרויען אויף קרעדיט.

ביי ר' אַנשלען איז די ביזנעס געוואָרן ערגער און ערגער. די ערשטע צייט האָט ער דאָס נאָך אַזוי שטאַרק נישט געפילט; ער האָט נאָך געלעבט מיט דער גוטער צייט פון אַ מאָל. ביסלעכוויז האָט זיך די אַמאָליקע פּרנסה אויסגעלאָזן און ער האָט אָנגעהויבן צו דערפילן די שלעכטע צייט. די בילס פלעגט ער מער נישט קענען צאָלן צו דער צייט און די חובות זענען גע־

וואַקסן. באַזונדערס האָט ער ווידער אָנגעהויבן צו ליידן פונעם ווייב. זי האָט צו אים ווידער געהאַט די אַלטע טענות:

— אַנשל, מיט דיין שטומקייט פאַרטרייבסטו די קאַסטימערס, ווער פריינטלעכער צו מענטשן, רייד מער, אַז נישט וועט די סטאָר אונטערגיין.

ער איז אָבער געבליבן קאַלט צו אירע טענות. אויב ער האָט זיך פריער נישט געקאָנט ענדערן, וועט ער זיך אוודאי נישט ענדערן אויף די עלטערע יאָרן. אירע רייד טוען אים ווי. ס׳דאַכט זיך אים, אַז עס האַנדלט זיך נישט בלויז וועגן דער פרנסה, נאָר וועגן אים אַליין. דערפילט ער זיך מיט אַ מאָל ווי אין אַ קלעם פון דער צערודערונג. די גראָסערי ווערט עפּעס אין אַזאַ מאָמענט ענג און ער שפּאַנט פון אָרט צו אָרט אין דער נערוועזער צערודערונג. ער שפּאַנט אַזוי אַרום ביז וואַנען ער פאַרקלייבט זיך אין אַ האַלב־טונקעלן ווינקל. דאָרטן זיצט ער מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און אויפן האַרצן איז אים שווער און ביטער.

דערווייל ווערט מיט יעדן טאָג די ביזנעס אין דער גראָסערי ערגער. די חובות וואַקסן. ס׳פעלט אויס דער דאָלאַר און דער געברויך איז גרויס. די צוויי עלטערע זין זיינע זענען פאַרהייראַט. צוליב דעם קריזיס אַרבעטן זיי קוים אַ פּאָר חדשים אין יאָר און זיי קענען דעם אַלטן ר׳ אַנשלען נישט אַרויסהעלפן.

אַ פּאָר שכנים אין דער געגנט, וואָס האָבן צוגעזען דעם אַלטן גראָסערי־מאַנס ליידן, פלעגן אים געבן עצות ווי אַזוי ער זאָל צוריק אַרויפאַרבעטן די ביזנעס. זיי האָבן געהייסן, אַז ער זאָל נאָכטאָן דזשאָוען, ער זאָל איבער־נעמען יענעמס ביזנעס־פירונגען. זיי האָבן אים געגעבן צו פאַרשטיין:

— צוליב פרנסה, ר׳ אַנשל, טוט מען אין אַמעריקע אַלץ.

ר׳ אַנשל האָט אָבער פון דעם נישט געוואָלט הערן. ער האָט געפילט, אַז ער קאָן קיין דזשאָו נישט ווערן; ער וועט מיט יענעם אין ביזנעס נישט קאָנען קאָנקורירן... די עצות פון די מענטשן האָבן גראָד געהאַט אַ פאַר־קערטע ווירקונג. ער איז געוואָרן איינגעשפּאַרטער.

און די נידערגעשלאָגנקייט איז געוואַקסן. זי איז געווען ביינאַכט אין שלאָף, אין פרימאָרגן ביים דאַווענען, אָדער ביים עסן. צום שטאַרקסטן פלעגט ער צערודערט ווערן, ווען ער פלעגט אַ מאָל כאַפּן אַ בליק צו דעם שכן אין דער גראָסערי צו זען ווי ביזנעס איז ביי יענעם. פריער פלעגט

ער דאָס כמעט זעלטן טאָן, איצט קען ער זיך דערפון נישט אָפּהאַלטן. ער רעדט זיך אַליין אויס, אָבער ער טוט דאָס ווייטער. און ווען ער כאַפּט אַ בליק צו יענעם אין דער גראָסערי און ער זעט ווי ביי יענעם איז תמיד ביזי, בעת ביי אים איז פּוסט, צינדט זיך אים אַזש אָן דער מוח פאַר גרויס ער־גערניש. ער פאַלט דעמאָלט אַריין אין אַ דערשלאָגענער שטימונג וואָס האַלט אָן דעם גאַנצן טאָג.

צום שטאַרקסטן האָט ער אָנגעהויבן צו ליידן די לעצטע פאַר טעג. עס האָט זיך אָנגעקליבן אַ סך חובות און מען קומט מאָנען דאָס געלט. יעדעס מאָל, ווען ער דערזעט עמעצן קומען נאָך אַ חוב, טוט אים דאָס האַרץ אַ ציטער ווי זיך צוצורייסן אין צווייען. צו באַצאָלן דעם חוב האָט ער נישט, און זאָגן, אַז ער האָט נישט איז אויך שווער. ער ווייסט, אַז ער איז שולדיק געלט, און אַ חוב מוז מען באַצאָלן! זייער אָפט, אַז די טיר עפנט זיך און ער מיינט, אַז עס איז אַריינגעקומען אַ קאָסטימער, דערזעט ער, אַז עס איז גאָר אַריינגעקומען עמעצער אַנדערש... דאָס האָט ביסלעכווייז געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל זיך אָנהייבן צו פאַרלירן.

ער זוכט שוין איצטער צו ווערן היימישער, פריינטלעכער און צווינגט זיך צו האָבן אַ שמייכעלע אויפן פּנים. און איין מאָל, ווען אין דער גראָסערי איז אַריינגעקומען אַ יונגע פרוי, אַ קאָסטימערין, האָט ער זי באַגעגנט כמעט אויף דזשאָוס שטייגער: מיט אַ זיס שמייכעלע, מיט קאָמפּלימענטן און ער האָט זי באַשאָטן מיט גוטע ריידעלעך. ווען ער האָט אָבער אַ בליק געטאָן אויף דער פרוי און באַמערקט מיט וואָס פאַר אַ פאַרוווּנדערונג זי קוקט אים אָן און ווי זי שטיקט זיך נישט אַרויסצולאָזן אַ געלעכטער, איז ער דערפון אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז ער האָט מער נישט געקאָנט אַ וואָרט אַרויסריידן. ווי נאָר די פרוי איז אַרויס האָט ער זיך ווידער פאַרקליבן אין דעם האַלב־טונקעלן ווינקל, פון וואַנען ס׳איז אים שווער אַרויסצוזען.

אַ לאַנגע צייט דערנאָך האָט ר׳ אַנשל נישט געקאָנט קוקן אַ מענטשן אין די אויגן אַריין. ווי נאָר ער פלעגט עמעצן דערזען, פלעגט ער בלאַס ווערן. באַזונדערס פלעגט ער צעטומלט ווערן, ווען אין דער גראָסערי סלעגט עמעצער אַריינקומען און ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז די זעלבע יונגע פרוי. אַז ער האָט דערזען, אַז דאָס איז נישט יענע, פלעגט ער פרייער אָפּעטעמען און ס׳איז אים געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן...

די צרות וואָס ר׳ אַנשל האָט געהאַט פון זיינע בעל־חובות זענען גע־וואָרן גרעסער און גרעסער. דאָס מאָל האָבן זיי אים געסטראַשעט מיט גיין אין געריכט. זיי האָבן אים געגעבן דעם לעצטן „טשענס״. די וואָרענישן האָבן אים מער נישט געגעבן קיין רו. יעדן טאָג האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז מען שלעפּט אים אין געריכט און אַז דער מאַרשאַל, אָדער דער שעריף קומען ביי אים צונעמען די סטאָרקע.

אין יענע טעג האָט ער שוין כסדר באַהאַנדלט די קאָסטימערס אויף דזשאָוס פריינטלעכן שטייגער. מיט אַלע זיינע כוחות האָט ער געפּרווט נאָכטאָן דזשאָוען.

אין דער גראָסערי איז אַריינגעקומען אַ פרוי. צוערשט האָט ער זי באַגעגנט מיט אַ פריינטלעכן „העלאָו״־שמייכל, מיט קאָמפּלימענטן, מיט גוטע ריידעלעך, האָט ער אויף דזשאָוס שטייגער געגעבן אַ צי אַראָפּ די וואָגשאָל, ווען ער האָט עפּעס אָפּגעוווֹיגן און דאָס גיך דערלאַנגט דער קאָס־טימערין. אָבער ווי נאָר ר׳ אַנשל האָט אַ צי אַראָפּ געגעבן דאָס צינגל, אַזוי האָט ער גלייך דערפילט ווי דאָס האַרץ אין אים האָט אַ מוראדיקן צאַפּל געטאָן, פון וואָס ס׳איז אים אַזש אַרויס אַ הייסער שווייס אויפן פּנים, און דעם גאַנצן איבעריקן טאָג זיינען די הענט אים ווי געליימט געווען און שוין נישט געוואָלט זיך צו עפּעס צורירן... יעדע רגע האָט ער ווידער און ווידער זיך אַ דערמאָן געגעבן אין דעם וואָס ער האָט אָקאָרשט געטאָן, און וואָס שטאַרקער ער האָט עס געוואָלט פאַרגעסן, אַלץ מער האָט זיך דאָס אים דערמאָנט. ס׳איז געווען גלייך עמעצער אין אים, ווער ווייסט ווער, וואָלט עס געגאַנגען אין לעבן, נישט צו דערלאָזן פאַרגעסן עס, און ווי ער האָט אין אַ רגע, אין אַן אויגנבליק, פאַרשוואָרצט און פאַרשוועכט עפּעס, וואָס איז אַזוי טייער און הייליק געווען אין דער משפּחה — די הייליקייט פון פירן ערלעכע מסחרים, פון נישט נאַרן און נישט פעלשן, וואָס איז ווי אַ ירושה־זאַך איבערגעגאַנגען אין דער אַלטער היים פון דור צו דור, ביז צו אים. און דאָ אין אַמעריקע איז עס ביי אים, ר׳ אַנשלען, אַזוי טרויעריק איבערגעריסן געוואָרן.

אַ ייִד, אַ שיכּור

צווישן באַקאַנטע רעדט מען שוין פון לאַנג, אַז אשר ציפּרין האָט זיך אַריינגעלאָזן אין טרינקען. גאָר אָפט טרעפט מען אים אַרויסקומענדיק פון סאַלאָנען. יעדעס מאָל וואָס מען דערזעט אים אָנקומען פון ערגעץ מיטן צעהיצטן פּנים, מיט די מטושטשע אויגן און מיט דער דיק־געוואָרענער נאָז, פאַרשטייט מען, אַז ער האָט געטרינקען און איבער־געכאַפּט די מאָס. און מער נאָך האָט אשר ציפּרין זיך צוגעכאַפּט צום ביטערן טראָפּן נאָכן פאַרלירן, בעת אַ קריזיס־צייט, ס׳ביסל רייכקייט זיינס מיטן וועב־פאַבריקל. שוין איבער אַ יאָר ווי ער פּוסט און פּאַסטעוועט, נישט וויסנ־דיק צו וואָס ער זאָל זיך נעמען, און ס׳ציט אים גאָר נישט צו וועלן עפּעס טאָן, זיך צוריק צו שטעלן אויף די פיס. צו וואָס עס ציט אים יאָ, און שטענדיק, איז צו אַ גלעזל משקה, נישט שעמענדיק זיך מיטן טרינקען פאַר קיינעם נישט, פאַרקערט, יעדעס מאָלביים אָנטרעפן עמעצן פון די באַקאַנטע זיינע, איז ווי נאָר ער הייבט אָן מיט יענעם צו ריידן, איז דאָס ערשטע וואָס ער זאָגט אים:

— לאָמיר צו ערשט מאַכן אַ „לחיים”, בען, דערנאָך וועלן מיר אַ ביסל אַ שמועס טאָן.

און זינט אשר האָט זיך פאַרטאָן אין טרינקען, איז אים נישט צו דער־קענען. ס׳איז פון אים געוואָרן גלייך ווי צוויי אשר ציפּרינס: איינער, וואָס איידער ער גיסט אין זיך אַריין אַ פּאָר גלעזלעך בראָנפן, איז ער אַ זייער ביטערער מענטש, אַן אָנגעברוגזטער אויף אַלץ און אַלעמען, נישט פאַר־מאָגנדיק אַ גוט וואָרט פאַר קיינעם נישט. די וועלט טויג נישט, די מענטשן טויגן נישט, דאָס לעבן איז אַ מאַטערניש ביזן קבר. דערפאַר אָבער נאָכן מאַכן אַ פּאָר כּוסות, ווערט ער אויגנבליקלעך אַ געביטענער; מיט אַ מאָל ווערט ער די גוטסקייט אַליין, און געדענקט גאָר נישט ס׳באַקלאָגן זיינס אויף דער וועלט, אויף מענטשן און אויפן לעבן. אַלץ זעט אויס צו זיין אַזוי וווּיל, וואָס עס קאָן בעסער נישט זיין.

צוליבן טרינקן האָט אשר אָנגעוווירן כמעט אַלע פריינד זיינע. דאָס טרעפֿן אים אָפּט אַ בגלופֿנדיקן, וואַקלענדיק זיך, און נישט ריידנדיק צו דער זאַך, עפּעס וואָס פּאַסט נישט פֿאַר אַ ייד, און דערצו אין זיין עלטער, צו זעכציק, רופֿט אַרויס אַ ווידערגעפֿיל צו ווען זיך מיט אים חברן. אמת, מען ווייסט, אַז עס גייט אים נישט גוט, דאָס מזל איז קיין מאָל נישט געווען גוט צו אים, נו, איז ער דען דער איינציקער מענטש וועמען עס גייט נישט גוט? פֿון דעסטוועגן לאָזט זיך קיינער נישט אַזוי אַראָפּ, ווי ער טוט דאָס. אויך די פֿרוי זיינע, וואָס איז ביי אים די צווייטע, וויל דאָס נישט ליידן. נישטאָ דער טאָג, ווען זיי זאָלן זיך נישט צעווערטלען. זי סטראַשעט מיטן פֿאַרלאָזן אים, ווער אים איבערלאָזן. אשרן האַלט דאָס אָבער נישט אָפּ, און ער טוט דאָס זייניקע — טרינקט און גיסט אין זיך אַריין פֿון די שטאַרקסטע משקאות, נישט רעכנדיק זיך מיט די טענות, וואָס מען האָט צו אים.

— זאָלן זיי ריידן — זאָגט ער וועגן די פֿריינד זיינע. וואָס ווייסן זיי וואָס פֿאַר מיר איז גוט.

און ביים צעווערטלען זיך מיט דער פֿרוי, ענטפֿערט ער איר:

— קאָנסט אויף מיר זאָגן וואָס דו ווילסט, בעסי, איך ווייס אָבער בעסער וואָס ס'איז פֿאַר מיר יאָ און נישט גוט. אָן טרינקען בין איך אַ פֿאַר־לוירענער, פֿיל איך, אַז איך וועל לאַנג שוין נישט אָנציען.

מיט דער צייט האָט דאָס טרינקען אים דערפֿירט צו עפּעס מיט וואָס ער האָט אַלעמען איבעראַשט. געפֿינענדיק זיך אין איינעם אָן אָוונט אין אַ ביר־שענקל, איז אים געקומען אויפֿן געדאַנק זיך אויך צו נעמען צו אַזאַ „ביזנעס". פֿאַר וואָס נישט? ס'איז אַ גוטע און פֿריילעכע פּרנסה. כך הווה. ס'האָט דערנאָך נישט לאַנג גענומען, ווי ער האָט אָפּגעקויפֿט פֿון אַן אַלטן גוי, הינטער דער שטאָט, אַ ביר־שענקל מיט אַ וווינונג אין יענער געגנט, דאָרטן זיך צו באַזעצן. און ווי מען האָט אים דערפֿון נישט אָפּגערעדט, ווי מען האָט אים נישט אויפֿגעוויזן, אַז ס'איז נישט קיין פּרנסה פֿאַר אים, און ווי די פֿרוי זיינע האָט זיך נישט קעגנגעשטעלט, דראָענדיק ווידער, אַז זי וועט אים פֿאַרלאָזן, האָט ער זיך צו קיינעם נישט צוגעהערט און געטאָן דאָס זייניקע.

— פֿאַר וואָס נישט? — איז אים שווער געווען צו פֿאַרשטיין. — מיט וואָס איז דאָס ערגער פֿון אַנדערע פּרנסות.

אָבער אין יענעם טאָג, ווען אשר האָט זיך אַריבערגעקליבן אין דעם וויסטן, היינטערשטאָטישן געגנט, צו דער בראָנפן־פּרנסה, איז ער באמת געווען אין גרויס ספק צי ער וועט זיך דאָ קאָנען לאַנג אויפהאַלטן. די וויסטעניש האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק — נישט אויסצוהאַלטן. אמת, ער איז דאָ נישט געקומען בלינד. געווען דאָ פיל מאָל פריער. פריער האָט ער אַלץ געזען ווי מיט איין אויג. איצטער אָבער, אַז ער האָט זיך שוין געהאַט דאָ באַזעצט, האָט ער געזען אַזעלכעס, וואָס ער האָט פריער נישט באַמערקט. ער האָט די ערשטע פּאָר טעג רעכט נישט אויסגעפּאַקט די זאַכן, ישובדיק זיך וואָס צו טאָן. די פּרוי האַלט אין איין קרומען מיט דער נאָז, און שרעקט זיך אין די אָונטן אַרויסצוגיין פון הויז. ס׳איז אַ געגנט, וואָס ציט זיך לאַנג און ברייט מיט אַ פוסטן וועג דורך וועלכן ס׳ציען זיך דעם גאַנצן טאָג פאַרבייפאָרנדיקע קארס, טראָקס, און לאַסט־אויטאָמאָבילן מיט אומענד־לעכע רעדער־סקריפּעריייען, פאַרטומלענדיק די לופט. ווייטער אָוועק זעט זיך אַן אומענדלעך פעלד מיט הויפנס פאַרזשאַווערטער ברוכוואַרג און מיט אַן איינגעפאַלענער פאַבריקס־חורבה. דערנעבן ציט זיך לענגאויס אַ לאַנגער בית־עלמין, מיט קברים און אַרויסשטאַרטשנדיקע מצבות. דאָ און דאָרט שפּיצט אַרויס אַ נידעריק הייזקעלע, ווי אַ מתים־שטיבל. העכער אַרויף זעט זיך ס׳איינציקע געסעלע, אַ באַרגיקס, מיט אַ פּאָר קראָמען, צווישן זיי — דאָס ביר־שענקל. דאָס איז אַלץ, וואָס די אויגן קאָנען דאָ זען.

דאָ אַהער, אין אָט דער וויסטעניש, מיטן טויט שטענדיק פּאַר די אויגן, האָט אשר זיך אַריבערגעקליבן, כדי אָנצוהייבן זיין לעבן פון דאָס ניי. מיט פּרנסה איז ער פאַרזאָרגט. וואָס־וואָס, דער דאָלאַר וועט מער נישט אויספעלן. און אויב ס׳איז אים די ערשטע צייט אָנגעקומען שווער זיך איינצולעבן אין דער אומהיימלעכער געגנט, ווו מיט יעדן קער שטייט דער טויט פּאַר די אויגן, האָט ער נאָכן אָפּזיין דאָ אַ שטיקל צייט, פאַרקערט, גאָר ליב געקריגן די ווילדע וויסטעניש. וואָרעם, ערשטנס, איז די שטאָט, די גרויסע, געווען פּאַר אים שוין אַ מין בית־עלמין מיט קברים פון אַן אַ שיעור דורכפאַלן און אַנטוישונגען. ווי, ווי, וואָס ער האָט ביז היינט שוין אַלץ נישט דורכגעמאַכט און זיך אָנגעליטן, ווי ס׳וואָלט אויף זיין גורל אויסגעפאַלן געבוירן צו ווערן מיט אַ שלעכט מזל, מיט אַ מזל, וואָס שטעלט אים אונטער אַ פּיסל אין אַלץ וואָס ער טוט. און דאָס ביזן היינטיקן

טאָג. על־כן, איז אויף וואָס בעסערס, וואָס ער האָט דאָ, קאָן ער אין זיין עלטער האָפן צו דערגרייכן ? צווייטנס, איז אים פּאַרגעקומען, אַז טאָקע דאָ וועט אים ערשט גוט זיין. אָט־דאָ וועט ער זיין ווייט אַוועק פון דעם שטאָטישן הו־האַדיקן לעבן, ווו אָט איז מען גליקלעך, אָט — אומגליקלעך. אָט אַ גביר, אָט אַן אביון און ווי אַ רפואה צו דעם געמיט זיינעם וועט דאָ זיין דאָס ביר־שענקל מיט די גויאישע טרינקערס, מיט וועלכע ער איז שטאַרק באַ־פריינדעט געוואָרן און זיך מיט זיי שוין אַזוי איינגעלעבט, ווי ער וואָלט געווען איינער פון זיי.

זעט מען דאָ יעדן פרימאָרגן אשרן שפּאַנען, אַרויסקומענדיק פון אַ נידעריק הייזקעלע לעבן טויטן־פעלד. גייענדיק הייבט ער זיך אַלץ העכער צום באַרגיקן געסעלע, אָטמענדיק שווער. שלייכט זיך מיט שווערע טריט, אַ געבויגענער מיטן בייזלעכן פּנים, ווי זויער־טייג. שפּרייזנדיק שטעלט ער זיך פּאַר אַ ווייל אָפּ, וואַרטנדיק אויפן אָנוויז פונעם גרינעם ליכט, אַרי־בערצושפּאַנען דעם וועג. אין אַ מינוט־צוויי געפינט ער זיך שוין אויף דער אַנדערער זייט, דערזעענדיק ס׳ברייטע פעלד מיטן אָנגעוואָרפענעם ברוכ־וואַרג פון אַלטע קאַרס, און די איינגעפאַלענע פאַבריקס־חורבה. די אויגן שטויסן זיך ווידער אָן אויפן בית־עלמין פון וועלכן עס שפּיצן אַרויס די ווייס־מאַרמאָרענע מצבות איבער די בערגלדיקע קברים. דאָ און דאָרט הייבט זיך אַרויס אַ הייזקעלע מיט אַ נידעריק דעכל, מיט אַ שטילקייט ווי פון אַ מתים־שטיבל. אין דער הייך זעט זיך ס׳באַרגיקע געסעלע מיט די פּאָר קראָמען, צווישן זיי — דאָס ביר־שענקל. דער וועג איז באַלייגט מיט הורבעס פאַרגעלטע בלעטער, וואָס שיטן זיך פון די ביימער אַראָפּ. ס׳איז סוף האַרבסט. די ביימער זען זיך שוין נאַקעטע מיט די פאַרוועלקטע צווייגן, אויף וועלכע ס׳קלאַמערן זיך נאָך אַ פּאָר פאַרדאַרטע בלעטלעך, וואָס וועלן צום סוף אויך אַראָפּפאַלן אויף דער ערד. טרעטנדיק אויף די הויפנס פאַר־וויאַנעטע גרינקייט, וואָס האָט ערשט געבליט, און שוין — אָפּגעבליט, איז אשרן דורכגעלאָפן אַ פינצטערע מחשבה אינעם מוח:

— נו, וואָס ? צו וואָס, אַז ווי אַ בלעטל פאַרן ווינט ?...

מיט אַ מאָל איז צו אים דערגאַנגען אַ קול פון די בערגלדיקע קברים אַרויס, און אַ בליק טוענדיק אין דער ריכטונג צום טויטן־פעלד האָט ער

דערזען ווי דער שווער־לייביקער שומר פון בית־עלמין שאַרט צונויף מיט אַ גראַבליע די בלעטער אויפן טויטן־פעלד.

— „הא אַר יו דואינג״? — וואָס מאַכסטו, אשר? — האָט אים באַ־גריסט דער שומר.

— פיין, רעדי, פיין... — האָט אשר אים געענטפערט אויף דער באַ־גריסונג, שפּאַנענדיק צום באַרגיקן געסעלע.

און אָט, ווי נאָר אשר איז אָנגעקומען צום ביר־שענקל, איז אים אָפּגעגאַנגען ס׳שווערע געמיט. וואָרעם ווי אַ מעדיצין פאַר אַ חולה, אַזוי ווירקט אויף אים צום גוטן דער פריילעכער ביר־פּלאַץ. פאַראַן דאָרטן שטענדיק מענטשן. ס׳איז דאָרטן דאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורײדן, און צווישן דעם טומלענדיקן שוועבנדיקן רויך פון סיגאַרעטן, און דאָס אַריינגיסן אין זיך אַ צוויי־דריי גלעזלעך משקה — דאָס מאַכט ווי אַ כישוף צו פאַרגעסן אין דעם צרהדיקן לעבן זיינעם מיט אַלע ביטערנישן און דאגות. ביים עפענען די טיר איז אָבער אשר פלוצים שטיין געבליבן, גלייך ס׳וואָלט אים ווער געוואָלט אָפּהאַלטן פון אַריינצושטעלן דאָרטן אַ פיס.

— ווי, ווי, אשר, וואָס איז פון דיר געוואָרן! דו, אַ קינד פון פרומע עלטערן, פון דורות־פרומע טאַטעס און זיידעס, אַ קינד פון אַ פאָלק וואָס ווייסט נישט פון ביטערן טראָפּן, האָסטו זיך אַריינגעלאָזט אין טרינקען, ווי אַ גוי. איז דאָס שיין פאַר דיר? — אשר האָט אָבער אין געדאַנק אָפּגעוואָרפן די טענות צו אים, אָפּענטפערנדיק:

וואָס איז דאָ נישט צו פאַרשטיין? אַז ס׳גייט נישט גוט, אַז מ׳ליידט אַ לעבן־לאַנג, אַז מען האָט צרות איבערן קאָפּ, ערגערנישן, וואָס איך זאָל נישט טאָן, לאָזט זיך אויס שלעכט. דער נעכטן ביטער, וואָס ביטערער קאָן נישט זיין, דער היינט, נישט בעסער. יעדער טאָג, אַן אָפּקומעניש, די נעכט שלאָפלאָזע, איז אויב כ׳זאָל זיך נישט אַרויסהעלפן מיטן ביטערן טראָפּן, ווייס איך נישט צי איך וואָלט אויסגעהאַלטן אַ טאָג. צי איך וואָלט נישט אַראָפּ פונעם זינען, אָדער זיך נישט אָפּגעטאָן אַ מעשה, אויב טענות, האָט טענות צו דעם מזל מיינעם — האָט אשר מיט אַ ווילדן כעס זיך אַ יאָג אַריינגעגעבן אין דעם פריילעכן ביר־שענקל.

ביים אַריינקומען האָט דער עולם ביי דעם בופעט, צו אים אַ נייג געטאָן די בליקן און אים ווי נישט דערקענט. אשר איז זיי אין דעם פריי־

מאָרגן פאַרגעקומען מאָדנע מיט דעם פינצטערן אויסזען. נישט אַ שמייכל, נישט אַ וואָרט, און מיט קיינעם זיך נישט באַגריסט.

— פאַר וואָס אַזוי טרויעריק? — האָבן עטלעכע פון די טרינקערס געפרעגט, עצהדיק אים:

— נעם אַ טרינק בראָנפן, ס׳וועט דיר מאַכן גוט פילן!

אין פלוג האָט אשר זיך באַמיט צוריקצוהאַלטן פון טרינקען. עפּעס איז היינט נישט געווען שוה בשוה צווישן אים און דעם ביטערן טראָפּן. יעדעס מאָל, ווען ס׳האָט אים גענומען ציען דערצו, האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן. ס׳איז געווען ווי ס׳וואָלט ווער געשטאַנען אין וועג און געהאַלטן אַן אויג אויף אים, ער זאָל דאָס נישט טאָן. ס׳האָט אָבער נישט גענומען לאַנג, און ער איז געשטאַנען צווישן עולם ביים בופעט מיט אַ גלעזל משקה, און צוטראָגנדיק עס צום מויל, הויך אַ צי אויס געטאָן דעם קאָפּ, עס זאָל זיך גרינגער אַראָפּ־גליטשן. נאָכן ערשטן גלעזל, זיך געהייסן דערלאַנגען נאָך איינס, און נאָך איינס. די משקה האָט געווירקט, צעהיצט דאָס לייב, דעם מוח, און געמאַכט פאַרגעסן אין אַלץ, פון וואָס ער וויל נישט וויסן. ס׳האָט אים געצויגן צו נאָך. אָבער פאַר נאָך, שוין קיין כוח נישט געהאַט. דאַכט זיך — נישט גע־טרינקען צו פיל, און דאָך שוין אַזוי שטאַרק באַרוישט געווען, גלייך ער וואָלט אין זיך אַריינגעגאָסן ווער ווייסט וויפל פלעשער, און אין דעם מאָמענט מקנא געווען די גויאישע טרינקערס, וואָס וויפל זיי זאָלן נישט טרינקען, האָבן זיי אַלץ אַ גלוסטונג צו נאָך. די בגילופנדיקייט האַלט ביי זיי אָן שעהן לאַנג, און ביי אים, איידער וואָס־ווען — איז ער שוין צוריק ניכטער, און צוריק ביים שכל, ווי פאַרן טרינקען.

— קוק זיך אין צו אונדז — עצהן זיי אים ער זאָל זיך לערנען ביי זיי.

— עס וועט נישט העלפן, עס וועט נישט העלפן, איך ווייס עס...

— פּראָבירט צו טרינקען וואָס מער!

— כ׳וויל, כ׳וויל גערן, עס גייט אָבער נישט...

איבערגעכאַפּט ס׳האַרץ, האָט זיך אשר געשטעלט הינטער דעם בופעט צו דער אַרבעט. ס׳איז געווען די צייט צו בייטן זיך מיט דעם אַרויסהעלפער און טאָן יענעמס עבודה — צו באַדינען און צוטראָגן גלעזלעך בראָנפן פאַר אָט די אַלע, וואָס הייבן אָן דעם טאָג מיט אַ „לחיים״. אין דעם ביר־שענקל איז געווען טונקל. דורך אַ שפּאַלט אין דעם טיר־פענצטערל האָט

אַריינגעלויכטן אַ שטראַלנדיקער אָפּשיין פון דעם דרויסנדיקן טאָג־ליכט. די לופט איז געווען געדיכט מיט שוועבלדיקן רויך. פון די שאַפּקעס, הינ־טער דעם בופעט האָבן אַרויסגעבלאַנקט העל־קאָלירטע פלעשער בראָנפן, געטראַנקען. די ווענט זענען געווען באַצירט מיט בילדער פון רייצנדיקע פרויען־ביוסטן. יעדעס מאָל, ווען עמעצער האָט אָן עפן געטאָן די טיר, האָט זיך מיט־אַריינגעריסן אַ פּאַס דרויסנדיק טאָג־ליכט. ס׳האָט אויסגעזען ווי ס׳וואָלט אין דרויסן געווען טאָג, דאָ — נאַכט. די טיר האָט זיך גע־האַלטן אין איין עפענען און מ׳האָט געהאַלטן אין איין קומען. דאָס ביר־שענקל איז גוט באַקאַנט אין דער געגנט. ס׳איז אַן אַלטער טרינק־פּלאַץ, אַזוי אַלט ווי דער בית־עלמין דערנעבן. ס׳איז בלויז אַ פינף מינוט גאַנג פון דאַנען צום טויטן־אָרט... ס׳איז נאָך גאָר נישט אַזוי לאַנג ווי אַ סך פון די, וואָס רוען איצט דאָרטן אין זייער אייביקן שלאָף, פלעגן דאָ קומען אין די אָוונטן פאַרברענגען. און איצטער וואָס? בערגלעך ערד!...

דעם ערשטן האַלבן טאָג איז די שענק כמעט ליידיקלעך. ס׳קומען צופעליקע געסט. מען גייט און מען קומט. ערשט מיטן אָונט באַוויזט זיך דער שטענדיקער עולם, און ערשט מיט זיי הייבט זיך אָן דאָס אמתע לעבן פון טרינקען. מיט זייער באַוויזן זיך ווערט גלייך ענג אַרום דעם בופעט, אַזוי אויך ביי די רונדיקע טישלעך. אשר באַגריסט יעדן מיט אַ העפלעכן מאַך מיט דער האַנט. אין דעם ביר־שענקל דויערט נישט לאַנג באַפריינדעט צו ווערן. דורך דער קורצער צייט, וואָס ער איז דאָ דער באַלעבאָס, קאָן שוין אשר יעדן איינעם ביים נאָמען, ווייסט שוין פון יעדן איינעמס פּרנסה, און האָט שוין אויסגעפינען ווער פון זיי עס טרינקט לשם טרינקען, און ווער עס טוט דאָס פון צרות, וואָס ס׳איז ביטער אויפן האַרצן, אַזש נישט אויס־צוהאַלטן. אַזעלכע זענען דאָ פאַראַן מער ווי גענוג און צו זיי, באַזונדערס טאַקע צו אָט די אומגליקלעכע טרינקערס, ציט אשרס האַרץ זיך איינצו־הערן צו אַלץ, אַלץ וואָס זיי באַקלאָגן זיך. אַזוי טוט ער דאָס שטענדיק, און אַזוי האָט ער אויך איצט אָנגעשפּיצט די אויערן אויפכאַפּנדיק יעדעס וואָרט פון דעם פלאַפּלענדיקן עולם. מיט אַ גע̇פיל פון נייגעריקייט הערט ער זיך איין, ווי דער אַלטיטשקער, ניינציק־יאָריקער מעק, וואָס איז ערשט נישט לאַנג נאָך געווען אַ מאַן אַ גבור, היינט אַ צעבראָכענער שאַרבן, וואָס ציט קוים מיטן אָטעם, ווי ער באַקלאָגט זיך אויף דער עלטער:

— ווידער אין שפּיטאָל, און ווידער אין שפּיטאָל. וואָס פאַר אַ לעבן איז דאָס? — פרעגט ער. — נאָך אַ גליק, וואָס דער פּוילישער קברים־גרעבער האָט פיינט די פּרנסה, ס׳גראָבן קברים, ווי ער וואָלט נישט געקאָנט טאָן, דאָס וואָס ער טוט. ווען נישט...

נאָך איינער, אַ הויכער יונג מיט אַ מאָדנע צעווייטיקט פּנים, פּרוּווערט אויף דעם טויט פון דער אומגעקומענער פרוי זיינער און זאָגט, אַז ער וואָלט זיך אויך אומגעבראַכט ווען נישט... דער שווער־גופיקער אַנדרו גיסט אויס ס׳האַרץ און רעדט מיט גרויס ביטערניש אויף דער טאָכטער און אויף די צוויי זין, וואָס מיידן אים אויס, באַשולדיקנדיק אים, אַז דער פעלער זיינער מיטן טרינקען האָט זייער מוטער פּריצייטיק געטריבן אין קבר אַריין. ס׳טוט אים אַזוי ווי דאָס צו הערן, און ער וואָלט עס נישט אויסגעהאַלטן. אַזאַ גליק נאָך — — — דער דיקלע־כער, פאַרעלטערטער טאַמי, האָט געכאַפּט זיין יונגע פרוי, פאַראַטנדיק אים מיט אַן אַנדערן. ער שווערט, אַז ער וואָלט זיך, אַז ער וואָלט זיך אינאיינעם מיט דער פאַלשער פרוי אומגעבראַכט. נאָר — — — דער רויטער דזשאָהן, וואָס האָט פאַרשפּילט אין קאָרטן די שכירות פון דער וואָך, און האָט איצט מורא זיך צו ווייזן אין הויז, וואָלט ווער־ווייס וואָס זיך אָפּגע־טאָן, ווען ער שטאַרקט זיך נישט ס׳האַרץ מיט — — — דער יונגער טעדי, וואָס האָט אַ פרוי אַן עבירה און טוט אים אין טויט אַריין, זאָגט וועגן זיך, אַז ער וואָלט עס נישט אַריבערגעטראָגן, ווען נישט — — — מיינענדיק מיט די ווערטער „ס׳איז אַ גליק״, „ווען נישט״, „נאָר״, ס׳טרינ־קען זייערס, וואָס האַלט אויף ס׳לעבן, צעמישנדיק אַזוי, אַז מען ווייסט נישט באַלד אויף וואָס פאַר אַ וועלט מען געפינט זיך. און יעדער פון זיי באַגלייט טאַקע די רייד מיט אַ גלעזל משקה. איינהערנדיק, ווערט אשר אין פלוג שטאַרק גערירט פון רחמנות צו דעם טרינקענדיקן עולם, באַלד אָבער ווילט זיך אים אויסשיסן אין אַ געלעכטער, פאַרגלייכנדיק אין געדאַנק זייערע צרות און ליידן מיט דעם וואָס ער האָט אַלץ נישט אין זיין לעבן אַדורכגעמאַכט, ביזן היינטיקן טאָג.

ווי ער האָט נאָך אַלס קינד שוין געפילט דעם טעם פון הונגער און נויט, ביי די אָרעמע עלטערן אין דער אַלטער היים. די וועב־שטול איז דאָס חדר געוועזן. יונג די היים פאַרלאָזט. פון לאַנד צו לאַנד זיך געשלעפּט. די

וועלט אויסגעפאָרן און צו גאָר נישט זיך דערשלאָגן. ווו אַנדערע האָט אָפּגעגליקט, איז ער דורכגעפאַלן. אָנקומענדיק קיין אַמעריקע, יאָרן־לאַנג פאַר אַ הונגער־לוין אין די וועבער־שעפּער געפּראַצעוועט, קוים אָפּצוועסן געהאַט. פאַר אַ ווײַלע האָט אַ שײַן געטאָן אַ פינטעלע ליכט — הייראַטנדיק, געטראָפן אויף אַ גוטער פרוי. באַלד איז אָבער דאָס ביסעלע גליק אויסגעע־רונען, געשטאָרבן איז אים די פרוי, אַפילו אַ קינד נישט איבערגעלאָזט. מיט אַ יאָר שפּעטער האָט ווידער אַ שײַן געטאָן אַ פינטעלע ליכט, ווידער אַ שידוך געטאָן, דאָס מאָל אָבער געטראָפן אויף אַ פרוי אַ מרשעת, טוט אים אין טויט אַרײַן. מיט איר איז יאָ געקומען אַ קינד, האָט עס זיך אָבער לאַנג נישט געהאַלטן. גרויס צער, ווייטיק איבערגעלעבט. אַ גליק, וואָס ער איז דאַן פאַרגיטיקט געוואָרן מיט עפּעס אַנדערש — מיט די פאַר אָפּגעשפּאָרטע דאָלאַר זיך געהאַט דערשלאָגן צו אַ שטיקל „ביזנעס", צו אַ וועב־פאַבריקל, באַשעפטיקט מענטשן, געשטיגן, רײַך געוואָרן, און ווען ער איז זיכער געווען, אַז ער שטייט שוין אויף די זיכערע פיס, האָט זיך אַלץ איבערגעקערט. האָט דער שוואַרץ יאָר אַ ביטערן קריזיס אָנגעטראָגן און ווי איבער נאַכט פון אַ גביר, אים צוריק פאַר אַן אביון געמאַכט. פון דעם קריזיס איז ער אַרויס אַן אָפּגעברענטער, ווי פון אַ שרפה. דער קלאַפּ האָט אים געקאָסט געזונט. יאָרן אָנגעוווירן, דעם מוט צו וועלן עפּעס טאָן, צו וואָס? ווי באַלד דאָס מזל וויל נאָר, אַז ס'זאָל אים תמיד גיין שלעכט.

אין דער אַלטער היים איז ער אַ פרום ייִנגל געווען. פרומע עלטערן געהאַט. שטאַמט פון דורות פרומע ייִדעס, און דאָ — שוין איבער פערציק יאָר אין אַ מקום קדוש נישט געווען. אין די בחורישע יאָרן אַן אידעאַל געהאַט, צו פרײַהייטלעכע באַוועגונגען באַלאַנגט, ווי אַ סך אַנדערע פאַר אַ בעסער לעבן, פאַר אַ שענערע וועלט געקעמפט. דאָס איז אויך ווי מיטן ווינט אַוועק. היינט איז ער אויסגעליידיקט און בײַ גאָר נישט געבליבן, ער זאָל האָבן אין וואָס זיך צו קלאַמערן אויף די עלטערע יאָרן.

און איצט? איצט — אַ צעבראָכענער מענטש, ווייניק יאָרן שוין געע־בליבן. דאָס לעבן — אָן אַ זינען, אָן אַ צוועק. ס'איז סתם שלעפּן דעם יאָך, סתם געלעבט, סתם ציִען די יאָרן, פון הויז אין דער שענק, פון דער שענק אין הויז, אַזוי טאָג נאָך טאָג, אַ מת ביים לעבן.

לאַנג נאָך איידער ס'איז צוגעפאַלן דער אָוונט, איז אשרן שוין געהאַט

אויסגעגאַנגען די כוחות, איבערגעאַרבעט זיך, אין זיינע יאָרן דערפילט מען עס גלייך. ער ווערט טאַקע גיך מיד און הגם ס'איז אים אַזוי ליב דאָס לעבן דאָ מיט די טרינקערס — דערפילנדיק אָבער ווי ער האַלט זיך קוים אויף די פיס, און ווי די אויגן זען באַלד נישט, וואָס ער טוט, האָט ער זיך אַ זאָג געטאָן:

— וועל, צייט זיך אָפּצורוען, צייט אַהיימצוגיין. אַ פּאָר שעה נישט געווען אין הויז, נישט געזען די פרוי. דערמאָנענדיק זיך אָבער אין דער פרוי, איז ער טרויעריק געוואָרן. יאָ, די היים איז אים ליב, אָבער צו זיין אין הויז מיט דער פרוי, איז בעסער אין דער שענק. וואָרעם — ווייסט ער — זי וועט היינט נישט זיין אַנדערש ווי אין אַלע טעג, ווי נעכטן. און ווי נעכטן וועט זי אויף איצט אים דערגיין די יאָרן און טועז אין טויט אַריין. קוקנדיק אויף איר, דאַכט זיך זי איז אַ שוואַכינקע פרוי, ממש הויט און ביינער. קומט עס אָבער צו אַ צעווערטלען זיך, ווערט זי שטאַרקער פון אייזן, באַזונדערס מיטן פּיסקעלע אירס, וואָס ווי קליין ס'איז, אַזוי פיל מאָס רייד האָט עס. ס'איז קיין שיעור נישטאָ צו די טענות, וואָס זי האָט צו אים, און שטענדיק דער זעלבער פּזמון — זי איז אַריינגעפאַלן מיט אים. אמת, ס'האָט אין פלוג אויסגעזען צו זיין אַ גליק־שידוך, זי איז געווען אַן אָרעם אַלמנהלע, ער, אַ פאַרמעגלעכער און אַ באַלעבאָס פון אַ זייד־פאַבריק. פון דעם גליק האָט זיך אָבער אויסגעלאָזן אַ טייך, און איצטער וואָס? וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבן וואָס זי האָט מיט אים? ס'איז צרות, און צו צרות באַדאַרף זי נישט קיין שותף, און וואָרפט אים, ווי נאָר עפּעס, דעם גט פאַר די פיס. וואָס בין איך אָבער שולדיק? — פרעגט ער זי — וואָס האָסטו צו מיר? צי בין איך דען דער וואָס האָט צו זאָגן איבער דעם מזל מיינעם? ווען ס'איז נעכטן ווידער געקומען צו אַן איבעררייד, האָט זי אים אָפּן געזאָגט:

— אשר, אויב דו ווילסט קאָנסטו דאָ בלייבן וווינען — אָבער אָן מיר!

— מיט וואָס איז אונדז דאָ שלעכט? — האָט ער געוואָלט זי זאָל אים זאָגן.

— ס'קאָן בעסער נישט זיין! — האָט זי מיט אַ שטעכיקן בליק אויף אים געקוקט, פון וואָס ס'איז אים אַדורך אַ סקרוך איבערן לייב — שטייסט אויף מיט מתים און לייגסט זיך שלאָפן מיט מתים, האָט זי אָנגעוויזן אויפן טויטן־אָרט. כ'פאַרגין דאָס דיר. איך, אָבער, בין דיר דאָס מוחל!

ליכט און שאָטנס

— מיט וואָס זענען זיי דאָס אונדז אין וועג? וואָס פאַר אַ שלעכטס טוען זיי אונדז?

— אַ מת ציט צו מתים — חבר זיך מיט זיי!

— ס׳פעלט דיר דאָ עפּעס?

— אַז כ׳האָב דיך, די שענק מיטן טויטן־אָרט, האָב איך גענוג, איבערגענוג.

— צי איז מיר דען בעסער געווען אין דער שטאָט יאָגנדיק זיך נאָך אַ נעכטיקן טאָג?

— אַך און ווי, אַז דאָס הייסט ביי דיר גוט!

— פאַרשטיי, בעסי, איז ווי באַלד דער מזל מייִנער וויל אַזוי, מוז איך עס אָננעמען פאַר ליב.

— דו — יאָ, אָבער נישט איך.

— ווי נאָר עפּעס דראָסטו מיך.

— כ׳דראָ דיך נישט, כ׳מיין דאָס טאַקע, כ׳מיין וואָס איך זאָג, זיי נישט איבערראַשט, אַז דו וועסט אין איינעם אַן אָונט אויסגעפינען...

— דיך צו האַלטן מיט צוואַנגען, דאָס קאָן איך נישט. ס׳איז ווי דו ווילסט. ערגער ווי שלעכט קאָן מיר נישט זיין.

— פאַר וואָס קומט מיר צו ליידן צוליב דיין שלעכטן מזל? כ׳האָב מיר געוואָלט העלפן, נישט ערגער מאַכן!

פון דעם וואָס זי האָט אים נעכטן געזאָגט, איז אשרן קלאָר געוואָרן, אַז די טעג מיט איר זענען געציילטע. דער געדאַנק אים צו פאַרלאָזן, וועט זי טרייבן דערצו. אויב זי האָט דאָס נישט געטאָן נעכטן, וועט זי דאָס טאָן היינט, אָדער מאָרגן און אפשר איז דאָס שוין אַן אָפּגעטוענע זאַך — איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, און טראַכטנדיק וועגן דעם האָט ער פאַרשטאַנען די סיבה פון דער פלוצימדיקער בענקשאַפט צו וועלן אַהיימגיין. האָט ער אויפן אָרט אַ רוף געטאָן דעם אַרויסהעלפער צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ הינטערן בופעט, אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם אויבער־ראָק, און צוואַרפנדיק אַ פּאָר „גוד־באַיס" צו דעם עולם, גיך אַרויס, און אַרויסקומענדיק זיך געלאָזט גיין באַרג־אַראָפּ איבער דעם בית־עלמינדיקן וועג, אין דער ריכטונג צו דער וווינונג.

ער איז אַרײַן אין הויז מיט אַ געפיל צו דערוואַרטן דאָס ערגסטע, און ווי ער האָט געפילט, אַזוי איז געווען. נישט אומזיסט האָט עס אים אַזוי אַהיימגעיאָגט. נישט טרעפנדיק דער פרוי אין הויז, און נישט הערנדיק אַן ענטפער נאָכן רופן זי איין מאָל און נאָך אַ מאָל, פאַרשטאַנען, אַז זי האָט געהאַלטן וואָרט. זי האָט אים פאַרלאָזט. אַ צעטעלע מיט אַ פּאָר ווערטער איז געווען דער זיי־געזונט, און כאָטש ס׳איז נישט געווען קיין אומגעריכטער קלאַפּ, ווייל ער האָט דאָס דערוואַרט, איז ער אָבער אין ערשטן מאָמענט שטיין געבליבן אין אַ פאַרצווייפלטער פּאָזע. באַלד אָבער געקומען צו זיך. שוין צוגעוווינט צו קריגן קלעפּ, איז נאָך אַ קלאַפּ. און ווי אַלע מאָל באַ־שולדיקט דעם מזל זיינעם, וואָס טוט אים נאָר אָפּ, און איצט אויך דער פרוי, דער מרשעת, אפילו אויפגעהעצט אים צו פאַרלאָזן די וווינונג. ס׳טוט וויי. ער וועט אָבער אויך אָט דעם ווייטיק מוזן איבערטראָגן. ס׳איז אַזוי באַשערט און פאַרפאַלן; באַשערט ס׳זאָל אים תמיד גיין שלעכט. פאַר וואָס? פאַר וועלכע זינד? מיט וואָס איז ער ערגער פון אַנדערע? פאַר וואָס זענען אַנדערע אין אַלעם אַזוי מזלדיק, און אים, פאַרקערט, טוט דער מזל נאָר אויף צו להכעיס? ניין, דאָס איז נישט פאַר אים צו פאַרשטיין, און ס׳האָט קיין זינען נישט אויסטענהן זיך, און זיך גריבלען אין עפּעס, וואָס ס׳איז שווער צו פאַרשטיין. יאָ, וואָס זאָל ער אָבער איצט טאָן? — האָט ער זיך געפרעגט — אויב אַליין, צו וואָס טויג אים די וווינונג, די גרויסע? ער וועט דאָך דאָ אויסגיין פון אומעט! שוין איצט יאָגט עס אים פון הויז אַרויס, יאָגט עס אים צוריק צו דער שענק. אין הויז — כאָטש רייד צו די ווענט, אין דער שענק איז ער מיט נאָך מענטשן. ס׳איז דאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצוריידן, און צו טרייסטן זיך דאָרטן, איז אויך דאָ מיט וואָס — מיט אַ פּאָר גלעזלעך משקה. האָט ער טאַקע נישט פאַרלוירן אַן איבעריקע מינוט, און פאַרלאָזנדיק ס׳הויז זיך געלאָזט גיין צוריק צו דער ביר־שענק, איבערקלערנדיק:

— ס׳איז אַלץ איינס צי מיט, אָדער אָן איר...

און אין דער טיפער פאַרטראַכטקייט נישט באַמערקט וואָס אַרום אים טוט זיך.

באַלד האָט זיך פאַר אים ווידער אַנטפּלעקט דער לאַנגער וועג מיטן אומאויפהערלעכן שטראָם פון קאַרס און לאַסטוועגענער. ווידער דערזען

דאָס פעלד מיט דעם אָנגעוואָרפענעם ברוכוואַרג. ווידער פאַרבייגעשפּאַנט דעם לאַנגן בית־עלמין־שטח מיט די בערגלדיקע קברים און אַרויסשטאַר־טשנדיקע מצבות. העכער אַרויף האָט זיך געוויזן ס'באַרגיקע געסל מיט די פּאָר קראָמען, צווישן זיי — די ביר־קרעטשמע, און ווו נאָר דאָס אויג האָט אַ בליק געטאָן דערזען ביימער. יעדע פּאָר שפּאַן אַ בוים. פון די ביימער האָט זיך נאָך געשאָטן ס'בליעכץ פון די אָפּגעלעבטע בלעטער, וואָס האָבן אָט ערשט געבליט, און שוין — אָפּגעבליט. טרעטנדיק אויף די הויפנס פאַרוויאַנעטע בלעטער, איז אשרן ווידער אַ מאָל געקומען אויפן געדאַנק:

— נו, וואָס? צו וואָס? אַז ווי אַ בלעטל פאַרן ווינט...

דער בית־עלמין מיט די בערגלדיקע קברים, די טרויעריקע געדאַנקען מיטן סוף־האַרבסטיקן טאָג און דער נאָגנדיקער ווייטיק אין האַרצן, האָבן אשרן אונטערגעיאָגט צו שפּאַנען וואָס גיכער. ס'ביטערע געמיט מיט די פינצטערע מחשבות, האָבן ווידער געיאָגט צום ביטערן טראָפּן, און צו טרינקען! איצט מער נאָך, ווי ווען עס איז פריער. צו טרינקען אָן אַ מאָס, איבער די כוחות, אַזוי לאַנג גיסן אין זיך די שאַרפע משקאות ביזן פאַר־טייעט ווערן, ביזן פאַלן פון די פיס, ביזן אַריינפאַלן אין אַ שלאָף פון נישט וויסן, וואָס עס טוט זיך מיט אים, און אויף וועלכער וועלט ער איז. ס'האָט טאַקע לאַנג נישט גענומען און אשר האָט זיך דערזען אויפן באַר־גיקן געסל, גיך צוגעשפּאַנט צו דער ביר־קרעטשמע, און ווי נאָר ער איז אַרייַן זיך אויסגעמישט מיט די אַנדערע טרינקערס, און אַ רוף געטאָן צו דעם אַרויסהעלפער:

— דזשאַני, בראָנפן! סקטאַש! און זיך קוים געקאָנט דערוואַרטן ביז יענער וועט עס דערלאַנגען.

באַלד איז פאַר אשרן געשטאַנען אַ גלעזל משקה פון דעם שאַרפסטן סאָרט, נאָכן אויסטרינקען עס, זיך געהייסן דערלאַנגען אַ צווייטס און אַ דריטס, און וואָס מער ער האָט אין זיך געגאָסן, אַלץ מער איז דער חשק זיך צעוואַקסן. אָבער גראָד דאַן ווען ער האָט געהאַלטן אין סאַמע ברען פון צעלאָזן זיך, ווי ער וואָלט געוועזן איינער פון די גויאישע טרינקערס, איז ער פּלוצים פון עפּעס שטאַרק צערודערט געוואָרן. ס'איז געווען ווי ס'וואָלט אים ווער צעשטערט די הנאה, טענהדיק צו אים:

— נו, כ'פרעג דיך, אשר, איז דאָס שיך פאַר דיר? היתכן, סטייטש? פון ווען אָן איז טרינקן און ס'אָנשיכורן זיך אַ טרייסט פאַר אַ ידישן מענטש? ס'איז דיר נישט געגאַנגען גוט? און ס'גייט דיר נישט גוט, צרות, עגמת־נפשן, קרענקענישן, און דו ווילסט דיר גרינגער מאַכן ס'האַרץ? זוכסט אַ טרייסט? נו, טו, וואָס דער טאַטע דיינער האָט געטאָן, טו, וואָס די זיידעס דיינע האָבן געטאָן: קוק אַריין אין אַ ספר. ביסט דאָך אין אַ חדר געגאַנגען, געלערנט, זאָג אַ קאַפּיטל תהילים, אַ פּרק משניות, אַ בלאַט גמרא, קוק אַריין אין עין יעקב, אין איוב, וועסטו נישט באַדאַרפן אָנקומען צו דעם ביטערן טראָפּן!

אשר איז געוועזן אויסער זיך פון די טענות צו אים.

— וואָס האָט מען זיך אויף מיר אָנגעזעצט? — האָט ער צוריק פרעגנדיק אָפּגעשלאָגן די טענות צו אים — צו וואָס די עצות? און וואָס זאָגט מען אים נאַר, ווי עס מעג יאָ און נישט זיך פירן, ווי אַזוי צו לעבן? דאָס לעבן איז צו אים ביטער, וואָס ביטערער קאָן נישט זיין, און עס קומט אויס, אַז ער איז גאָר דער בעל־חוב...

— און וועמען גייט ער דאָס אָן? — האָט ער אויף צוריק געפרעגט — אַז ער איז היינט איינער אַליין אויף דער וועלט געבליבן. נישט קיין ווייב, נישט קיין קינד, נישט קיין פריינד, און פון דער משפחה אין דער אַלטער היים, האָבן די דייטשע מערדער, אַ בראָך צו זיי, קיינעם נישט איבערגעלאָזט. איז וועמען באַדאַרף ער עס אָפּגעבן אַ חשבון פאַר זיינע מעשים? פאַר וואָס זאָל דאָס עמעצן ס'טרינקן זיינס, אַרן? אַזוי פיל גויים דאָ טרינקען, און ס'האָט צו זיי קיינער קיין טענות נישט, צו אים אָבער — יאָ. פון אים פאַרלאַנגט מען נאָר, ער זאָל דאָס נישט טאָן. אים זאָגט מען נאָר דעות. וואָס אַנדערע מעגן, טאָר ער נישט. אָט באַלד נאָכן ערשטן גלעזל, דאַכט זיך אים שוין ווי עס זאָגט אים ווער:

— גענוג, אשר, גענוג, ווייסט, ווו דו האַלטסט...

אָבער ווער זאָגט דאָס אים?

ווער האַלט אויף אים אַזאַ וואַכזאַם אויג?

ווער דערלאָזט נישט ער זאָל איבערכאַפּן די מאָס?

ווער מוסרט און שטראָפט?

ווער האָט געוויינט?

שפּעט ביינאַכט האָט זיך דעם רייכן לעסמאַנען אויסגעוויזן, אַז ער הערט ווי עמעצער וויינט צו אים אין שלאָף אַריין. ס'איז געווען אַ מין האַרצרייסנדיק געוויין ווי פון אַן אומגליקלעכן מענטשן, און ער האָט זיך אַן איבערגעשראָקענער, מיט פּחד אַ ריס געטאָן פון טיפן שלאָף, ציטערנדיק מיט זיין שווערן, האַלב־נאַקעטן קערפּער, איז ער אַרויס פון בעט און ליכטיק געמאַכט אינעם פינצטערן שלאָפצימער.

אָבער ווי נאָר ס'איז ליכטיק געוואָרן, אַזוי איז גלייך צוריק שטיל געוואָרן. שטיל — ווי די נאַכט־פינצטערניש אין דרויסן. קיין פּיפּס, קיין שאָרך, ס'איז גאָר נישט געווען צו הערן פון וואָס זיך צו שרעקן. דאָך איז אים געווען שווער זיך צוריק צו באַרואיקן. וואָרעם דער אָפּקלאַנג פון דעם יאָמערנדיקן געוויין, ווי פון אַן אומגליקלעכן מענטשן, האָט אים נאָך אין די אויערן געקלונגען. האָט ער געהאַלטן אין איין אַרומקוקן זיך איבער דעם שטילן שלאָפצימער, אין אַלע ווינקלען, וווּ די נאַכט־פינצטערניש האָט געשאָטנט ווי אַ בלייערנער געוועב, און ווידער האָט ער נישט געזען אַזעלכעס פון וואָס זיך צו שרעקן. ער האָט בלויז געזען דאָס אייגענע געשטאַלט, זיך אַליין, וואָס האָט, אַנטקעגן דעם ליכט, געשאָטנט אויף אַ וואַנט פון דעם צימער, און געזען אויך דאָס דינע, מאָגערע אויסזען פון דעם יונגן ווייבל, מיט וועמען ער איז ערשט עטלעכע חדשים נאָך דער חתונה. זי איז געלעגן אין זעלבן בעט פון וועלכן ער איז נאָר וואָס אַן איבערגעשראָקענער אַרויסגעשפּרינגען.

ער האָט זי געזען ליגן דרימלענדיק אונטער אַ שווערן אָטעם מיט וועלכן זי האָט אָפּט אַ טיפן זיפץ געטאָן אין דער שטילער נאַכט אַריין — אַ־ה! אָ־ה! און דאָס בלייך־גרינע גאַליקע אויסזען פון דעם דינעם נאָך

מיידלשן פּנימל, מיטן שמערצלעכן אָנבליק פון עפּעס אַ מין גריזשען און ערגערן זיך, האָט אים ווידער אַ מאָל דערמאָנט אין דעם אומצופרידענעם לעבן וואָס זי לעבט מיט אים, און אַז זי האָט אים נאָך אַלץ נישט ליב. און ווי נאָר דער רייכער לעסמאַן האָט איצט, אונטער דער ווירקונג פון דעם איבערגעריסענעם שלאָף, דעם ערשטן בליק געטאָן אויף איר — איז ער זיכער געווען, אַז דאָס האָט דאָס יונגע ווייבל צו אים געוויינט אין שלאָף אַריין. האָט ער דעריבער מיט אַ ציטערנדיק קול ביי איר אַ פרעג געטאָן, ווישנדיק זיך הייסע אַנגסטן פונעם דיקלעכן פּנים.

— סאַלטשעלע, טייערע — האָט ער זי גענומען וועקן — ביסטו דאָס געווען וואָס האָט נאָר וואָס געוויינט?

— ניין, — האָט דאָס יונגע ווייבל אים געענטפערט, נישט עפענענדיק די אויגן, כאָטש זי איז נישט געשלאָפן.

— איך האָב דיך אָבער געהערט וויינען. איך בין זיכער אין דעם.

מיט וואָס ער איז אַזוי זיכער געווען, אַז דאָס יונגע ווייבל האָט צו אים געוויינט אין שלאָף אַריין, איז דעם רייכן לעסמאַנען נישט קלאָר געווען. ער איז אָבער זיכער געוואָרן אין דעם פון דער ערשטער מינוט אָן, ווען ער האָט אויף איר אַ בליק געטאָן און באַמערקט דאָס גרין־גאַליקע אויסזען פון דעם נאָך כמעט מיידלשן פּנימל, מיט די צוויי בערגעלעך אונטער די אויגן; און אויך איז אים אויפן געדאַנק געקומען די טיפע זיפצן אירע, וואָס ער דערהערט יעדעס מאָל ווען ער האָט בדעה צו ווערן צו־נאָענט מיט איר... דאָס איז געווען גענוג, דעם רייכן לעסמאַנען צו איבערצייגן, אַז אויב עמעצער האָט געוויינט, איז דאָס געווען זי, דאָס יונגע ווייבל. האָט ער דעריבער ביי איר נאָך אַ מאָל אַ פרעג געטאָן:

— אָך, סאַלטשעלע, זאָג מיר, דערצייל מיר, פאַר וואָס האָסטו געוויינט?

— איך האָב נישט געוויינט, לאָז מיך צורו — האָט סאַלטשע אַן אומצופרידענע אים ווידער געענטפערט מיט אַן אומעטיק קול, וואָס איז עפּעס יאָ און נישט ענלעך געווען צו דעם אומהיימלעכן טאָן פון דעם געוויין, וואָס איז אים געבליבן ליגן אויפן האַרצן.

— ביסט זיכער, אַז דו האָסט נישט געוויינט?

— איך בין זיכער!

— אָבער, אָט, ערשט מיט אַ רגע צוריק ווי כ׳האָב דאַכט זיך געהערט דיך וויינען!

— ס׳האָט זיך דיר אויסגעוויזן!

און כדי ער זאָל זי מער נישט פייניקן, ער זאָל זי צורו לאָזן, האָט זי אים אַ פרעג געטאָן:

— אפשר האָסטו עמעצן אַנדערש געהערט וויינען? דערמאָן דיך!...

— עמעצן אַנדערש?

דער רייכער לעסמאַן האָט פון אירע רייד דערפילט אַ קלאַפּ אין האַרצן. דאָס בלוט האָט אַזש אַ שפּאַר געטאָן אין קאָפּ אַריין, און דאָס פּנים איז אים רויט געוואָרן אין דער פינצטערער נאַכט. ער האָט אַ טראַכט געטאָן:

— אפשר האָט טאַקע עמעץ אַנדערש געוויינט?

און ער האָט זיך טאַקע באַלד אין עפּעס דערמאָנט:

איידער דאָס ערשטע ווייב איז געשטאָרבן, אין דער צייט, ווען ער פלעגט זי באַזוכן אינעם שפּיטאָל, פלעגט זי מיט אים נישט וועלן ריידן, נישט געוואָלט זיין פּנים זען. זי האָט אים פאַר אַ געוויסער זינד נישט געקאָנט מוחל זיין... צווישן די באַקאַנטע זייערע האָט מען וועגן דעם אַ סך גערעדט; און פאַרבליבן איז ביי אַלעמען, אַז אָט צוליב די באַגאַנגענע זינד זיינע, איז זי פריצייטיק פון דער וועלט אַוועק. די ערגערנישן האָבן אַזוי לאַנג געגריזשעט ס׳האַרץ, ביז וואַנען זי האָט די ליידן לענגער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן, איז קראַנק געוואָרן, און איז מער צו זיך נישט געקומען. און דערמאָנענדיק זיך איצט אין דעם, איז אים פאַרגעקומען, אַז נישט דאָס יונגע ווייבל, סאַלטשעלע, נאָר יענע, די פאַרשטאָרבענע פרוי, האָט דאָס געוויינט.

אָבער פרעגן ביי דעם פאַרשטאָרבענעם ווייב, זי זאָל אים זאָגן, צי ס׳איז געווען זי, וואָס האָט געוויינט, האָט ער נישט געקאָנט... ער האָט אָבער דאָך דאָס געוואָלט וויסן, ס׳גאַנצע וועזן זיינס האָט זיך געריסן צו וועלן דערגיין דעם סוד, און טראַכטנדיק דערפון אַ בליק געטאָן צום פענצטער און באַמערקט די הינטערשטאָטישע הויכע בערג־געגנטן, וואָס האָבן זיך געזען אינעם פינצטערן געוועב פון דער נאַכט. ס׳האָבן זיך געצויגן דאָרטן אַ קייט בערג־שפּיצן, הויכע, פינצטערע, וואָס האָבן געשטאַנט ווי געשטאַלטן פון טויטע גייסטער, פון פאַרשטאָרבענע, וואָס זענען ביינאַכט אַרויס פון די

קברים. ער האָט אַ ציטער געטאָן און אין גרויס שרעק אָפּגעריסן די בליקן פונעם פענצטער. וואָרעם ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אויף די בערג דאָרטן צווישן די גייסטער, וואָס זענען אַרויס פון די קברים, שוועבט אויך אַרום דאָס טויט־בלייכע געשטאַלט פון דער פאַרשטאָרבענער פרוי. זי שוועבט דאָרטן אויף די פינצטערע פליגל פון דער נאַכט און זוכט, מורמלענדיק עפּעס אין דער נאַכטיקער שטילקייט. האָט ער דערפון אַ מאָדנעם שווידער דערפילט, נישט אויפהערנדיק צו ציטערן מיטן שווערן, דיקלעכן קערפּער; דערפילט אין דעם מאָמענט ווי עפּעס אַ שטאַרק גרויל־געפיל האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַלדז, ווי צום ווערגן, און איז, פון שרעק, אָפּגעשפּרינגען טיפער אינעם צימער, זייענדיק זיכער ביי זיך, אַז דאָס האָט זי, די פאַרשטאָרבענע, אים געוויינט אין שלאָף אַריין.

— חנהקע — האָבן זיך אים די רייד אַרויסגעכאַפּט פונעם מויל, נישט פילנדיק אַליין, אַז ער רעדט צו איר — חנהקע, זאָג מיר, האָסטו דאָס צו מיר געוויינט אין מיין שלאָף היינט?

— ניין — האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער הערט ווי די פאַרשטאָרבענע וויב לייקנט דאָס אָפּ, און זי מורמלט דאָס אין דער נאַכטיקער שטילקייט אַריין מיטן אומעטיקן טרויעריקן טאָן ווי פון דעם געוויין, וואָס ליגט אים אויפן האַרצן.

— איך האָב דיך אָבער יאָ געהערט וויינען!...

און זאָגנדיק דאָס, נישט ווילנדיק, ווידער אַ מאָל אַ בליק געטאָן צום דרויסן און ווידער דערזען ווי אויף די הינטערשטאָטישע פינצטערע בערג־שפּיצן האָבן אַ שוועב געטאָן אַ מחנה שאָטנס פון טויט־בלייכע גייסטער, און פון צווישן די גייסטער האָט זיך דערהערט צעקלינגען מאָדנע גאַליקע געלעכטערלעך כי־כי־כי — און איידער די טויט־בלייכע געשטאַלטן האָבן זיך צוריק אַ פאַרמעק געטאָן, ווי זיי וואָלטן אַלע צוריק אין די קברים אַריין, האָט ער נאָך באַוויזן אויפצוכאַפּן די לעצטע ווערטערקלאַנגען פון אַ מורמלדיק גאַליק געלעכטערל. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער הערט זאָגן:

— אפשר האָט עמעץ אַנדערש געוויינט? דערמאָן דיך...

עמעץ אַנדערש?

דער רייכער לעסמאַן איז נאָך צערודערטער געוואָרן. ער האָט ווידער

דערפילט דעם פריערדיקן קלאַפּ אינעם האַרצן, הייסע שטראָמען בלוט זעצן אינעם קאָפּ, און דאָס פּנים פּלאַמט ווי אַ שטיק פייער. ס׳איז עפּעס ווי ליכטיק געוואָרן אַרום אים פון דער צעצונדענער רויטקייט אויפן פּנים, און מער נישט געפילט די פינצטערניש אַרום זיך. ס׳האָט ווי אָנגעהויבן צו ווערן ליכטיקער און ליכטיקער אין מוח... מיט אַ מאָל איז אָבער די ליכטיקייט אין די אויגן צוריק פאַרשוווּנדן, ווען ער האָט פאַרטראַכטנדיק זיך געפרעגט:

— און אפשר האָט טאַקע עמעץ אַנדערש געוויינט?

און אין אַ רגע זיך אין נאָך עפּעס דערמאָנט:

אין איינעם פון די גרויסע אַפּאַרטמענט־הייזער, וואָס ער פאַרמאָגט, האָט ער אין די שרעקלעכע קריזיס־יאָרן, אין 1932, געהאַט אַרויסגעשטעלט אַן אָרעמע פאַמיליע פון דער וווינונג פאַר נישט צאָלן דירה־געלט — און דירה־געלט מוז מען צאָלן! און בעת דאָס הויז־ווירטשאַפט איז געשטאַנען אין דער גאַס, האָט די פרוי, אַרום וועלכער ס׳האָבן אַרומגעהאַנגען עטלעכע האַלב־אָפּגעריסענע קינדער, זיך שטאַרק צעוויינט. אַזוי האָט מען דאָס אים דערציילט. דאָס האָט אים דאַן נישט צו שטאַרק געאַרט, וויניק־וואָס זיך צום האַרצן גענומען, און אין גאַנצן פאַרגעסן אין דער מעשה. פאַראַן גענוג אַנדערע „ביזנעס״, עסקים און זאָרגן, נישט צו באַדאַרפן געדענקען אַזאַ קלייניקייט! ערשט איצטער, אין דער צערודערונג פון דעם איבערגעריסענעם שלאָף, זיך אין דעם דערמאָנט... און דערמאָנט, אַז ער האָט אַ מאָל אָט די אָרעמע פרוי געזען, געזען עפּעס אַ שוואַך, קליינטשיק פרויען־געשטאַלט, האַלטנדיק זיך קוים אויף די צווי פיס. און דערמאָנענדיק זיך איצט אין דער דאָזיקער פאַסירונג, נאָך שאַרפער דערפילט דעם פריערדיקן גרויליקן ווייטיק אין האַלדז, ווי צום ווערגן, און ס׳איז אים געקומען אויפן געדאַנק, אַז נישט דאָס יונגע ווייבל, אויך נישט די פאַרשטאָרבענע פרוי, האָבן אים געוויינט אין שלאָף אַריין, נאָר אָט די אָרעמע פרוי, וואָס ער האָט באַפוילן פון דער וווינונג אַרויסצושטעלן. דאָס האָט אים אַזוי צעטומלט, דעם מוח צעמישט, אַז ער האָט כמעט פאַרגעסן, אַז זי איז דאָ נישטאָ לעבן אים און אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, מרס. זעף, זענט איר דאָס געווען די וואָס האָט אין מיין שלאָף געוויינט?

די אָרעמע פרוי איז אָבער לעבן אים נישט געווען, און ווייל זי איז נישט געווען, האָט ער מיט די אייגענע געדאַנקען פּרובירט צו דערגיין, וואָס אַ שטייגער אירע ענטפערס וואָלטן געווען. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער פרעגט און זי ענטפערט.

— זאָגט דעם אמת, מרס. זעף, דאָס האָט איר געוויינט?

— ניין — האָט ער מיט די אייגענע געדאַנקען זיך געענטפערט אין נאָמען פון דער אָרעמער פרוי, און זיך געוואָלט צוריק באַרואיקן.

ער האָט זיך אָבער אַלץ נישט געקאָנט באַרואיקן און ווידער אַ פרעג געטאָן:

— אָבער, אַט ערשט מיט אַ רגע צוריק, אַז כ׳האָב אייך געהערט וויינען?

— נישט איך — האָט ער, ווינטשנדיק זיך, אַז ס׳זאָל נישט זיין געווען זי, וואָס האָט געוויינט... ווי אין נאָמען פון דער פרוי דאָס געלייקנט, און ס׳האָט אויסגעזען, אַז ער האַלט ביים געהאַלפן ווערן. ס׳געמיט איז אים גרינגער געוואָרן. האָט ער זיך אָבער באַלד ווידער אַ דערמאָן געגעבן, אַז ער האָט דאָך יאָ געהערט עמעצן וויינען, און ער וויל דאָך דורכאויס דערגיין:

— ווער? ווער האָט דאָס געקאָנט זיין?! — האָט ער דעריבער צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן:

— דערמאָן זיך נאָר, טראַכט נאָך. אפשר האָט טאַקע עמעץ אַנדערש געוויינט?

— עמעץ אַנדערש?

— אָבער ווער? ווער? — האָט ער נאָכטראַכטנדיק איין מאָל און נאָך אַ מאָל, קנייטשנדיק כסדר דעם שטערן, זיך געפרעגט, אַזוי לאַנג ביז וואַנען ס׳איז אים ענדלעך געקומען אויפן געדאַנק אַ נאָמען פון אַ מענטשן, וואָס איז מעגלעך געווען, אַז ער האָט מיט זיין טרויעריק־רירנדיקן יאָמער דעם שלאָף זיינעם איבערגעריסן.

ס׳איז אַ לאַנג שוין פאַרגעסענע מעשה.

מיט אַ צייט צוריק האָט ער, דער רייכער לעסמאַן, אַן אימפּאָרטער פון זייד, פאַרקויפט אַ טראַנספּאָרט סחורה אין ווערט פון עטלעכע טויזנט דאָלאַר צו אַ געוויסן ישראל בראַמסאָן, אַן אייגנטימער פון אַ קליינעם „וועב־

שאַפּקעלע״ אין פּעטערסאָן, נ.דזש. די צייט צו באַצאָלן איז שוין לאַנג פאַרביי. די וועקסלען זענען שוין לאַנג, לאַנג עובר הזמן. האָט ער דאָס יענעם דערמאָנט איין מאָל, נאָך אַ מאָל, אָבער דער חוב איז אַלץ געבליבן אַ חוב. דער תירוץ איז געווען ער האָט נישט. ס׳איז אַ קריזיס אין דעם זיידן־פאַך; ער איז פאַראַרעמט געוואָרן. די „קעיס״ איז אָנגעקומען אין געריכט. אין געריכט איז ישראל בראַמסאָנען געגעבן געוואָרן נאָך צייט צו באַצאָלן דעם חוב, אָדער... — אַ חוב מוז באַצאָלט ווערן! מיט אַ צייט שפּעטער איז טאַקע אויף דער טיר פון זיין וועב־פאַבריקל אָנגעהאָנגען געוואָרן אַ שווערער שלאָס. וואָרעם ווער שענקט דען עמעצן — געלט! דאָס שאַפּקעלע מיט די וועב־מאַשינען איז ליקווידירט געוואָרן, און הגם ס׳איז שוין לאַנג נאָך דער ליקווידאַציע, קאָן דער ישראל בראַמסאָן נאָך אַלץ זיך נישט אָפּגעוווינען פונעם געדאַנק, אַז ס׳איז שוין מיט אים אויס; אַז ער איז מער נישט דער באַלעבאָס פון דעם פאַבריקל, וואָס ער האָט מיט אַזוי פיל שווייס און האָרעוואַניע אויפגעבויט.

קאָן מען דעריבער כמעט יעדן טאָג נאָך אַלץ זען דעם בראַמסאָנען צושלייכן זיך צו דער הויכער געבײַדע, ווו זיין „וועב־שאַפּקעלע״ האָט זיך געפונען. אַ לאַנגע צייט שטייט ער אַזוי לעבן דער רויטער מויער, אין אַ הינטערשטאָטיש געסל, באַטראַכטנדיק מיט אויסגעצויגענע צעטומלטע בליקן, ווי אַ מענטש, אַ נישט קלאָרער, דעם מויער ווו זיין ביסל אייגנטום האָט זיך געפונען. דערנאָך לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ און שלייכט זיך צוריק אַוועק ווי מיט אַ ווייענדיקן גאַנג. אַזוי האָט מען דאָס אים דערציילט, דער רייכער לעסמאַן האָט אין דעם באַלד פאַרגעסן. פאַראַן אויפן קאָפּ גענוג ביזנעס, דאגות און זאָרגן! איצטער אָבער, אין דער צערודערונג פון דעם איבערגעריסענעם שלאָף, האָט ער זיך ערשט אין דעם דערמאָנט, און זיך געכאַפּט, אַז אפשר איז דאָס גאָר געווען אָט דער ישראל בראַמסאָן, דער דורך אים פאַראָרעמטער מענטש, וואָס האָט צו אים געיאָמערט אין שלאָף אַריין?

אַזוי אָבער ווי דער בראַמסאָן איז נישט געווען אויפן אָרט צו קאָנען עפּעס זאָגן וועגן דעם, האָט ער מיט די אייגענע געדאַנקען פּרובירט טרעפן דעם ענטפער זיינעם, און ווי פריער, אויך איצט געפרעגט און זיך געענטפערט:

— מר. בראַמסאָן — האָט ער, גלייבנדיק, אַז דאָס רעדט ער צו יענעם, מיט אַ מידן, פאַרמאַטערנדיקן טאָן, פילנדיק ווי די כוחות גייען אים אויס, געפרעגט — זענט איר דאָס געווען דער, וואָס האָט די היינטיקע נאַכט אַזוי שטאַרק געוויינט אין מיין שלאָף אַריין?

— ניין, נישט איך...

— אויב נישט איר, ווער דען?

איז אים אַלץ שווער געווען זיך צו באַרואיקן, מורא האָבנדיק, אַז נישט נאָר די היינטיקע נאַכט, נאָר אַז ער וועט שוין קיין מאָל מער נישט קאָנען רואיק אַ נאַכט דורכשלאָפן. וואָרעם קוים לייקנט איינער, קומט אים אויפן זינען אַן אַנדערער, ווידער אַן אַנדערער... דערפאַר, נישט זייענדיק זיכער צי ס׳איז יאָ, אָדער נישט געווען אָט דער בראַמסאָן, זיך אויך איצט גע־פרעגט, זאָגנדיק:

— אויב נישט ער, איז עס דאָך געווען עמעץ אַנדערש?

— עמעץ אַנדערש?

— אָבער ווער? ווער האָט דאָס פאַרט געקאָנט זיין?

און טראַכטנדיק דאָס מאָל, גאָר זיך דערמאָנט אין עפּעס פון זיך אַליין. שוין אַ לאַנגע צייט ווי ער פילט זיך עפּעס נישט מיט אַלעמען. ס׳גע־זונט? — הלוואי קיין מאָל נישט ערגער. ס׳איז דאָס געמיט. ס׳איז געקומען פלוצים. נישט וויסנדיק פון וואָס צו זאָגן, האָט ער אין איינעם אַ טאָג גענומען פילן ווי ס׳ווערט אים מאָדנע טרויעריק אויפן האַרצן. בייטאָג איז נאָך צו דערליידן. אָבער ביי נאַכט איז נישט אויסצוהאַלטן. ווי נאָר ער מאַכט פינצטער אינעם שלאָפצימער און זעט זיך ליגן אין בעט, אַזוי לייגט זיך מיט אים מיט ס׳שווערע געמיט. די שטימונג ווערט אַ געדריקטע, און עס נאָגט אים נאָר ווי פאַר עפּעס זיך אַראָפּצווויינען פון האַרצן. ס׳דויערט דערנאָך לאַנג ביז ער קען אַנטשלאָפן ווערן. פאַראַן טעג ווען עס לאָזט אַ ביסל אָפּ, מיט אַ צייט שפּעטער קערט זיך אָבער די דערשלאָגנקייט צוריק אום, און נאָך ערגער ווי פריער.

און דאָך, ווי שלעכט און טרויעריק געשטימט ער פלעגט נישט ווערן, פלעגט ער זיך אָבער נאָך אַלץ נישט דערפון צופיל דאָס האַרץ אָפּעסן; אַ מענטש פילט זיך נישט שטענדיק גלייך, מאַלע ווי מען פילט זיך אַ מאָל — פלעגט ער, טרייסטנדיק זיך, עס מיט דער האַנט אָוועקמאַכן. לעצטנס

רופט זיך דאָס אָבער אַלץ אָפּטער און אָפּטער אָפּ. פאַראַן נעכט ווען ער קאָן קיין אויג נישט צומאַכן. ס׳איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז עס האָט אים היינט אַזש פון שלאָף אויפגעוועקט, און מיט אַ געוויין פון וואָס ער איז נישט טויט און נישט לעבעדיק פון בעט אַרויסגעשפּרונגען, ווי ער וואָלט, חלילה, ווער ווייס פון וועמען באַפאַלן געוואָרן. און הגם ס׳איז שוין לאַנג דערנאָך, דאַכט זיך אים, אַז ער הערט נאָך אַלץ דעם אָפּקלאַנג פון די וויינענדיקע טרערן. און שטייענדיק איצט אַ טויט־איבערגעשראָקענער אינעם האַלב־פינצטערן שלאָפצימער, און דערמאָנענדיק זיך אינעם דריקעניש אויפן האַרצן, און ווי עס נאָגט אים נאָר ווי פאַר עפּעס זיך אַראָפּצוּוויינען, איז אים פּלוצים געקומען אויפן געדאַנק זיך צו פרעגן: צי האָט אפשר ס׳געוויין, וואָס האָט אים נאָר וואָס דעם שלאָף איבערגעריסן, זיך נישט גענומען פון אים אַליין?

— פ־ו־ן מ־י־י־ר — איז ער פון דערשטוינונג און שרעק ווי אַ פּאַראַ־ליזירטער שטיין געבליבן, נישט קאָנענדיק אַ ריר טאָן מיט אַן אבר.

— יאָ, דו! דו! — איז אים פאַרגעקומען, ווי ער הערט עמעצן דאָס זאָגן צו אים.

— ניין — האָט ער ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער, און מיט אַ רויט פּנים, ווי פייער, גיך דעם געדאַנק פון זיך פאַריאָגט, זאָגנדיק:

— נישט איך... עמעץ אַנדערש!...

— עמעץ אַנדערש?

— ווער?..

תחית המתים

אַ גאַנצע נאַכט האָט בער גאָטהיים געהאַלטן אין איין הוסטן, אין איין סאָפּען מיטן האַרץ און פון יעדן הוסט האָט זיך אים געגאָסן הייסע אַנגסטן. בער גאָטהיים האָט זיך פאַר ווייטיק געוואָרפן אין בעט פון איין זייט אויף דער צווייטער און אין דעם טונקעלן שלאָפצימער האָבן זיך געזען שאָטענען די צוויי דאַרע הענט, ווי אָט די הענט וואָלטן נישט געקאָנט אויסהאַלטן די יסורים פון דעם חולה און האָבן מיט עפּעס אַ מין שרעק נאָך אומהיימלעכער געמאַכט דאָס שטילע שלאָפצימער. ערשט מיטן באַגינען האָט גאָטהיים אָנגעהויבן צו פאַרמאַכן די אויגן. דער פּעס־טער שלאָף האָט אים אַ נעם געטאָן אין די ווייכע אָרעמס, איידער די אויגן האָבן זיך אים אין גאַנצן פאַרמאַכט און ער איז דעריבער געשלאָפן מיט אָפענע אויגן, ווי אַ מענטש וואָס קוקט ערגעץ ווייט און זעט גאָר נישט. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט, ווי גאָטהיים האָט זיך ווידער אַ וועק געטאָן פון אַ פרישן הוסט, דער אָטעם איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז און אים שיער דערוואָרגן. גאָטהיים האָט פאַר ווייטיק קרענקלעך געוואָרפן מיטן קאָפּ, מיט די הענט און דער הוסט האָט אים אַלע ווילע צעריסן דאָס מויל אין צווייען. אַלע רגע האָט זיך געהערט ווי ער קרעכצט אַרויס צעבראָכענע ווערטער:

— ק־כ־ע, ק־כ־ע, ק־כ־ע.

פון יעדן הוסט איז ער פון ס׳ניי באַגאָסן געוואָרן מיט אַנגסטן און דאָס שטיקעניש איז אים אַריין אין די אויגן מיט אַ רויטער שרעק. ביים הוסטן האָט ער אַלע רגע פיבעריש אויפגעצאַפּלט, ווי עמעצער וואָלט אים געזעצט איבערן לייב. גאָטהיים האָט זיך געכאַפּט פאַר די זייטן, פאַרן האַרץ, אַן אויסגעפייניקטער פון ווייטיק און לײַדן, האָט ער גערופן דאָס ווייב:

— דערלאַנג נאָר אַ גלאָז מילך, דבורה!

פונעם קיך־צימער האָט זיך דערהערט אַ ווייבעריש פּאָרען און באַלד נאָך דעם האָט זיך צו גאָטהיימען אין צימער געוויזן דאָס ווייב זיינס, דבורה, מיט אַ גלאָז מילך אין דער האַנט. גאָטהיים האָט זיך פּאָרזיכטיק אויפגעזעצט אין בעט, און ערשט אין דער קעגנוואָרט פון דער פולער און געזונטער פרוי אויף אַן אמתן דערפילט די צעבראָכנקייט; די דאַרע באַקן, דער געבויגענער רוקן און דעם קאַלטן קאָפּ אויף וועלכן ס'האָבן זיך געפּלאָנ־טערט עטלעכע עלנטע האָר — אָן לעבן. גאָטהיימען האָט זיך איצט געדאַכט ווי ער איז עפּעס מאָדנע מאָגער און קליין געוואָרן; ווי ער וואָלט איצט גע־וואַקסן אויף אַראָפּ און זעט זיך שוין כמעט אין גאַנצן נישט פון בעט אַרויס...

נאָכן אויסטרינקען דאָס גלאָז מילך, איז אים ענדלעך געוואָרן אַ ביסל לייכטער. דער הוסט, גרינגער, דאָס קרענקלעכע געמיט רואיקער. די גוטע שטימונג האָט אים געגעבן עטלעכע גוטע מינוטן און פּאָר צופרידנ־קייט האָט ער געעפנטביידע אויגן און לענגער געקוקט אויף דעם ווייב. גאָטהיימען האָט זיך איצט אָנגעהויבן דאַכטן, אַז ס'ווערט אים אפשר שוין בעסער און אַז ס'איז כלל גאָר נישט אַזוי שלעכט מיט אים. האָט ער אָבער פונקט דאַן אַ קוק געטאָן צום פענצטער און דערזען ווי דער דרויסן איז פון אַ דין אָסיען־רעגנדל איינגעהילט אין אַ פינצטערע מרה־שחורה. עס דאַכט זיך, ווי עס רעגנט נישט און ס'איז דאָך נאַס. אַ קאַלטער ווינט האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף די פּאַרוויינטע שויבן מיטן גאַנצן קאַלטן כוח און ס'האָט זיך דערהערט עפּעס אַ שרעקלעכער זעץ אַזש די פענצטער האָבן גענומען ציטערן. איצט האָט שוין מער גאָר נישט געהאָלפן. די פריערדיקע גוטע שטימונג איז אין אַ רגע צערונען, און גאָטהיים האָט דערפילט ווי עס ווערט אים ווידער קאַלט. די ביינער ציטערן. אויפן קאָפּ יאָגט אַ ווינט און ער האָט זיך אַ דעק געטאָן מיט דער שווערער קאָלדרע ביזן איבערן קאָפּ, אַרויסווייזנדיק בלויז אַ שטיקל בלייך פּנים. ער האָט זיך איצט ווידער אָנגעשטרענגט און געוואָרפן צום ווייב:

— דבורה, רוף אָפּ דעם דאָקטאָר!

— אפשר גאָר אָפּרופן — דערמאָנט אים דבורה דעם נאָמען פון גרע־סערן דאָקטאָר.

נאָר בער גאָטהיימען ווילט זיך איצט מיט גאָרנישט ענטפערן דעם

ווייב. ווי תמיד ווען ס׳באַפאַלט אים אַט דער הוסט, און ער טראַכט דעמאָלט וועגן זיינעליידן, ווערט ער פּיעשטשענדיק, קרענקלעך און עפּעס קריגעריש געשטימט, און אומצופרידן פון יעדער זאַך ווי ביי רוב קראַנקע, וואָס מיינען, אַז די גאַנצע וועלט וואָלט זיך מיט זיי באַדאַרפט אָפּגעבן. קוקט ער אין אַזאַ מאָמענט אויף דער פרוי מיט דעם מאַרטירעריש־געקריוודעטן אויסזען, ברוגזלעך און מיט דעם צעפּיעשטשעטן געפיל, אַז וואָס ער זאָל נישט וועלן, קומט אים. בפרט רעגט אים אין אַזאַ צייט, צו זען די ווייב אַרומגיין נישט פאַרנומען מיט אים.

— דבורה — רופט ער זי יעדע מינוט — ס׳יאָגט עפּעס אַ ווינט אין הויז!

— און אַ מינוט שפּעטער

— מאַך צו דאָס פענצטער, דבורה!

און באַלד ווידער:

— פאַר וואָס איז נאָך אַלץ דער דאָקטאָר נישטאָ?

דבורה, וואָס פאַרשווייגט קיין מאָל נישט דעם מאַנס אַ צו הויך וואָרט, פאָלגט איצט שווייגנדיק אויס יעדן פאַרלאַנג זיינעם. אָבער וואָס מער זי איז פאַרטאָן מיט אים, אַלץ אומצופרידענער ווערט ער:

— דבורה, ווו ביסטו ערגעץ?

— דבורה, גיב נאָר אַ קוק אויב דאָס פ־ע־נ־צ־ט־ע־ר — — —

דאָס לעצטע וואָרט צעברעקלט זיך גאַטהיימען אין מויל פון אַ פרישן הוסט און ער קאָן מער נישט ריידן. דער הוסט ברעכט אויס מיט אַזאַ קראַך, אַז דער אָטעם בלייבט באַוועגלאָז און פאַרקרימט אים דאָס מויל. גאַטהיים כאַפּט זיך ווידער פאַר די זייטן, ביים האַרץ, און רויטע פונקען שפּרינגען פאַר שרעק אַרויס פון די אויגן. ער וויל עפּעס ריידן און די ווער־טער קאָנען נישט אַרויס פון מויל. צאַפּלט ער פאַר ווייטיק די אויסגע־דאַרטע הענט אין בעט און וואַרפט זיך אויף אַלע זייטן אין הייסע אַנגסטן.

אין אַזאַ צייט אַרט אים מער נישט, וואָס מיט אים זאָל שוין טרעפן. ער ווערט זיכער, אַז דאָס איז שוין דער סוף זיינער און ער קרענקט זיך בלויז מחמת ער באַדאַרף זיך נאָך אָנליידן אַזוי פיל יסורים אומזיסט. דאָס גאַנצע לעבן ווי ער מאַטערט זיך מיט דעם הוסט, מיט וועלכן ער איז שוין

אויסגעוועזן ביי אַלע דאָקטוירים, אין אַלע קורערטער און כמעט אַלע רפואות שוין געגומען. אָבער דאָס ערשטע מאָל, אַז ער האָט אַזאַ ביטערן טאָג, ווי דער היינטיקער. דעריבער איז ביי אים מער קיין ספק נישט, אַז לאַנג וועט ער זיך שוין נישט האַלטן און ער טראַכט איצט מיט פיינלעכע געדאַנקען, מיט שווערע יאוש־געפילן אויפן בייזן מזל זיינעם, וואָס אַצינד, אַלס אַ פאַרמעגלעכער מענטש, וואָלט ער דאָך באמת ערשט געקאָנט אָנהייבן לעבן אויף דער וועלט.

פון די דאָזיקע געדאַנקען ווערט גאָטהיימען נאָך ביטערער אויפן האַרץ און ער טראַכט איצט וועגן די אַלע יאָרן, די גאַנצע אָנשטרענג, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען ביז ער איז געקומען צו דעם עשירות. ס'האָט אים געגליקט, גאָטהיימען, האָט געהאַט אַ פאָר גוטע יאָרן אין זיידן־מסחרים און ער איז געבליבן מיט אַ סך געלט. פון דעם געלט איז געוואָרן הייזער, און פון די הייזער — ווידער געלט. חוץ דעם אַרבעטן פאַר אים אויך הונדערטע וועב־מאַשינען; אין פרייע זונטיק־טעג קומט ער אָפט אַ קוק טאָן אויף די הייזער און ער באַטראַכט אַ לאַנגע צייט די הויכע מויערן. דאָרט טרעפט ער זיך אָן מיט די לאָקאַטאָרן און ער באַגריסט זיך מיט די מענטשן לויט זיין טבע, — אָן די אויגן. די איבעריקע טעג פון דער וואָך איז ער ס'רוב פאַרנומען מיט דער וועב־שאַפּ און מיט מסחרים. ער באַטראַכט די קונציקע וועב־שטילן, דאָס דינע זיידנס און ער האָט בשעת־מעשה אַ שטאַרקע הנאה פון דעם שאַפּ־טומל — די שפּראַך פון אַרבעט און פּראַצע.

די דאָזיקע מחשבות לייגן זיך בער גאָטהיימען שווער אויפן קראַנקן געמיט. די אַלע טעג, יאָרן, דאָס גאַנצע לעבן זיינס שטעלט זיך אים איצט עפּעס אויף אַ זינדיקן אופן פאַר די אויגן; אַלע מענטשן און סוחרים מיט וועלכע ער האָט געהאַט מסחרים דאַכט זיך, האָבן געהאַט עוולות פון אים, און ער טראַכט מיט טיפער חרטה וועגן דעם אַלעם. מיט דער חרטה פון אַ קראַנקן מענטש, וואָס האָט מורא מען זאָל אויף אים נישט טראָגן קיין בייז האַרץ. וואָרעם, וואָס איז דען מישטיינס געזאָגט, און וואָס פאַר אַ ווערט האָט דען אין גאַנצן דער מענטש ?

און וואָס מער גאָטהיים איז פאַרטאָן אין די מחשבות, אַלץ מער ווערט אים דאָס דאַרע געלע פּנים אויסגעאיידלט מיט אַ מין פרומען און איידעלן אויסזען, וואָס שאַפט זיך אַ מאָל ביי אַ מענטש פון לאַנגע תעניתים און פון

אַ סך תשובה טאָן, אָדער — פאַרן טויט. באַלד אָבער דערפילט ער, אַז ס'ווערט אים ענג פון די געדאַנקן, אַז זיי שרעקן מיט עפּעס אַן אומהיימ־לעכער מורא און ער נעמט ווידער רופן דאָס ווייב:

— דבורה, וואָס ליגן נאָך אַלץ איצט אויף מיין קאָפּ געשעפטן, הייזער. וואָס טויג דאָס מיר שוין?!

— דאָס טענה איך דאָך שטענדיק מיט דיר — דערמאָנט אים דאָס ווייב אויף יענעם אופן, ווי עס ריידן פרויען ווען דער אמת זייערער קומט ענדלעך אַרויס — אַזאַ קראַנקער מענטש ווי דו, טאָר נישט זיין פאַרטאָן טאָג און נאַכט מיט געשעפטן.

בער גאָטהיים הערט זיך צו צום ווייבס רייד און איז מסכים.

— כ'וועל זיך צוריקציען פון אַלעם, דבורה. ווער האָט שוין אַ קאָפּ צו דעם!

נאָך אָט די דאָזיקע רייד, בלייבט ער ליגן מיט מידע הענט און דאָס קול איז אים שטאַרק הייזעריק. ער פילט, אַז ס'ווערט אים קאַלט, אַז די שווערע קאָלדרע מיט וועלכער ער איז צוגעדעקט, קאָן אים אַלץ נישט דערוואַרעמען דאָס לייב. דעמאָלט טוט ער ווידער אַ בליק צום פענצטער און באַמערקט, אַז דאָס דינע האַרבסט־רעגנדל פאַרמרה־שחורהט אַלץ דעם דרויסן. די שויבן פון די פענצטער זענען פאַרוויינט מיט דינע רעגן־טראָפּנס און די הייזער אין דער גאַס פינצטערן מיט אַ נאַסן חושך. דער אומעט פון דעם קאַלטן דרויסן פינצטערט אַריין אין שלאָפצימער און גאָט־היים נעמט פילן, אַז ס'ווערט ערגער, דער הוסט — שטאַרקער. דבורהן שרעקט איצט צו בלייבן אַליין מיטן קראַנקן מאַן און זי הערט זיך צו צו יעדן ריר זיינעם, צו יעדן שאָרך, מיט עפּעס אַ מין שרעק, וואָס מען וויל נישט וויסן פון אים... מיט יעדער מינוט ווערט די שטילקייט אין הויז פיינלעכער און ציט זיך ווי אַן אייביקייט. מיט אַ מאָל גיט אָבער עפּעס אַ ציטער אָפּ אין דער טיפער אומהיימלעכער שטילקייט, אַ קוים געהער־טער זשום, ווי עפּעס אַ קלאַנג פון אַ ווייטער ווייטקייט. אין אַ רגע שפּעטער דערהערט זיך אָבער שוין העכער דער אָפּהילך פון איילנדיקע טריט אין קאָרידאָר און פעסטע קלעפּ קלאַפּן באַלד אין דער טיר, און אין דער שטוב באַווייזט זיך מיט אַ מאָל דער אַריינגעקומענער — אַ נידעריקער, פולער מענטש מיט אַן ערנסט פּנים און מיט אַ קורץ בערדל, וואָס זעט פאַר

קורצקייט אויס, ווי אַ שטיק צוגעוואָקסענע מאָרדע. דער דאָקטאָר גייט גלייך צו צום חולה, גיט אויף אים אַ שאַרפן בליק און צעעפנט דערנאָך דאָס דאָקטאָרישע רענצל.

גאָטהיימען ווערט באַלד קלאָר, וואָס ער האָט איצט צו טאָן. ער הייבט זיך פּאַמעלעך פון געלעגער און דעקט אין גאַנצן אָפּ דעם אויבער־שטן טייל קערפּער. אין דעם מאָמענט ציטערט דאָס נאַקעטע לייב מיט עפּעס אַ פאַרשעמטקייט פאַר אַ פרעמדן מענטשנס אויג. מיט די לעצטע כוחות, און בליקן, וואָס זענען אָנגעשטרענגט מיט אַ מאָדנער שרעק, קוקט ער דעם דאָקטאָר טיף אין די אויגן אַריין מיט אַ האָפענונג, אַז ער גיט זיך איבער אין זיכערע הענט. דער דאָקטאָר באַטראַכט דעם חולה מיט דאָק־טאָרישער רואיקייט. דאָס קורצע בערדל זעט אויס ווי אַ צוגעטשעפּעטע זאַך און ער קוקט אַ ווײַלע אויפן קראַנקן מיט אַ לייכטן, נישט ערנסטן בליק. נאָר ערשט ביים דערפילן יענעמס שרעק, דעם קראַנקנס פחד פאַרן טויט — ערשט דעמאָלט דערוואַכט אין אים אויף אַן אמתן דער דאָקטאָר און ער באַטראַכט אים און האָרכט אויס דעם קראַנקנס לייב מיט דעם גאַנצן דאָקטאָרישן אינטערעס. וואָס מער דער קראַנקער ציטערט, ווייזט אַרויס מורא, אַלץ מער פלייסט זיך דער דאָקטאָר, און צום סוף זעצט ער זיך שרייבן אין רעצעפּט־ביכל, פאַרטראַכטנדיק דערביי די בליקן צום קאָפּ אַרויף.

בער גאָטהיים האָט דערווייל צוריק צוגעדעקט דעם נאַקעטן קערפּער זיינעם. און אַז דער דאָקטאָר איז פאַרטיק געוואָרן מיטן שרייבן, האָט זיך אין שלאָפצימער געפילט אַזאַ אומרואיקייט, אַז גאָטהיים האָט פאַר שרעק אַזש איינגעהאַלטן דעם אָטעם און האָט מיט עפּעס אַ שפּאַנענדיקער דער־וואַרטונג געקוקט דעם דאָקטאָר אין די אויגן. דער דאָקטאָר האָט אַ נעם געטאָן דאָס רענצל אויף צו גיין און דערביי, מיט אַ פאַרזיכטיקייט ווי מען ציילט געלט, אַרויסגעלאָזט אַ פּאָר ווערטער פון מויל:

— ליגן אין בעט! יעדע צוויי שעה אַן עס־לעפל מעדיצין.

בער גאָטהיים האָט אויף דעם דאָקטאָרס ווערטער צו אים אַ בייג געטאָן דעם קאָפּ מיט אַזאַ געפאַלנקייט, ווי ביי אַן אָרעמאַן ווען מען האָט צוגעוואָרפן אַ נדבה, און דאַן ביי אים אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, הער דאָקטאָר, ווי האַלט דאָס אין דער אמתן מיט מיר?

— אַ פּאַרקילונג — האָט דער דאָקטאָר, באַמערקנדיק דעם חולהס אימה, אים באַרואיקט.

דעם דאָקטאָרס ווערטער, אַז ס׳איז בלויז אַ פּאַרקילונג, פון יענע פּאַרקילונגען, פאַר וועלכע ער שרעקט זיך מער נישט... און וואָס קאָן אים שאַטן... — דאָס האָט אין דעם מאָמענט אַזוי כישופדיק געווירקט, אַז ער האָט פון דאַנקבאַרקייט נאָכגעקוקט דעם דאָקטאָר ביז ווייט אין קאָרידאָר אַריין. באַלד דערנאָך האָט ער זיך אַ שטאַרקן באַוועג געטאָן מיט עפּעס אַ נצחונדיקער פרייד אויפן געלן דאַרן פּנים און געפילט ווי די פריערדיקע פינצטערע מחשבות, וואָס האָבן אים געפייניקט און געשראָקן מיט דער גרעסטער שרעק פון אַלע שרעקן — דער טויט, ווי די מחשבות זענען פאַרשוווּנדן אינאיינעם מיטן דאָקטאָר דורך דער זעלבער טיר. גאָטהיימס אויגן האָבן מיט אַ מאָל אָנגעהויבן שמייכלען און מיט עפּעס אַ געפיל פון נקמה פאַר די פריערדיקעליידן, האָט ער זיך מער נישט געוואָלט איינהערן צו דעם דעכיקן הוסט זיינעם. די פּלוצימדיקע פרייד, וואָס האָט אַראָפּ־געריסן פונעם פּנים דעם שוואַרצן שלייער פון טויט, האָט פון דאָס ניי אין אים באַוועגט די כוחות פון לעבן און ער האָט מיט אַ געקרעפטיקט קול גערופן דאָס ווייב:

— כ׳וואָלט עפּעס געגעסן, דבורה!

נאָכן לייכטן מאָלצייט, וואָס האָט גאָטהיימען געשטילט דעם הונגער, אַ הונגער, וואָס ער האָט שוין לאַנג נישט געפילט, האָט עס אים מיט אַ מאָל גענומען ציען אויף אַרויסצוגיין אין גאַנצן שוין פונעם בעט. די פיס זיינע האָבן מער נישט געוואָלט ליגן אונטער דער קאָלדרע און האָבן זיך איינ־ציקווייז אַרויסגעשאַרט פון בעט און כאָטש גאָטהיים האָט געפילט, אַז ער הוסט נאָך אַלץ, האָט ער אָבער יעדן הוסט באַלד פאַרגעסן ווי עפּעס אַ באַשעפעניש, וואָס שטאַרבט אָפּ און ס׳איז מער נישטאָ אויף דער וועלט. ווען דבורה האָט אים שפּעטער געזען, שוין אַן אָנגעטועם, האָט זי זיך אויף אים צעבייזערט:

— נאַ, אָט האָסטו דיר! וואָס עפּעס שוין אַרויס פון בעט?

— וואָס וועל איך ליגן וואָס וועט אַרויסקומען דערפון? — האָט ער געענטפערט דעם ווייב און געטראַכט מיט באַדויערונג וועגן דעם, וואָס ער איז שוין אַזוי פיל טעג נישט געווען אין דעם וועב־שאַפּ זיינעם און אַזוי

פיל זונטיקס נישט געווען אַ קוק טאָן אויף די הייזער. און אַ זאָג געטאָן צום ווייב:

— אפשר לאָזן ס׳גאַנצע פאַרמעגן אויף הפקר? כ׳באַדאַרף שוין מער גאָר נישט האָבן אין לעבן?

— גיב בעסער אַ קוק ווי דו זעסט אויס, וואָס פאַר אַ פּנים דו האָסט?

בער גאָטהיימען האָט זיך איצט געדאַכט, אַז מיט אַזאַ לשון רעדט צו אים די פרוי תמיד. דאָס געפיל, אַז ער האָט זיך נישט וואָס צו שרעקן, אַז ס׳איז בלויז אַ הוסט, פון יענע הוסטן, וואָס קאָן אים קיין שלעכטס נישט טאָן... אָט דאָס געפיל האָט אים ווי טויב געמאַכט צו זיין ווייבס רייד. און אַנשטאָט דעם האָט ער גענומען טראַכטן, אַז ער מוז נאָך היינט זיין אין וועב־שאַפּ זיינעם. און אַז ער האָט דאָרטן דורכצופירן וויכטיקע ענינים, וואָס טאָרן נישט אָפּגעלייגט ווערן אויף אַן אַנדער מאָל. און ווען ער האָט אַ בליק געטאָן צום פענצטער און געזען, אַז דער דינער האַרבסט־רעגן האָט שוין אויפגעהערט גיסן, דער נאַסער דרויסן נעמט זיך לייטערן און אַז דער הימל ווערט ווידער ריין פון די גראָע, בייזע וואָלקנס, וואָס פאַרמרה־שחורהן די הייזער, די גאַסן מיט זייער אומהיימלעכן פינצטערן אויסזען, האָט אים געצויגן צו דער גאַס.

וואָס לענגער גאָטהיים האָט אַרויסגעקוקט צום דרויסן, אַלץ אומגע־דולדיקער איז ער געוואָרן צו בלייבן אין שטוב. עפּעס אַ מאָדנער כוח, אַ שטאַרקער אימפּעט, האָט אים געריסן די פיס אויף צו גיין און זיך מער נישט געקענט אין ערגעץ געפינען קיין אָרט. שפּעטער, ווען דבורה האָט געזען, אַז ער הייבט אָן אויף אַן אמת אַרויסצוגיין פון הויז און פאַרשטאַנען, אַז ער וועט באַלד נעמען אַרומהאָווען אין וועב־שאַפּ און פאַרקאָכט ווערן מיט די הייזער, האָט זי צו אים אַ בייזן זאָג געטאָן:

— ביסט דאָך אַליין אויף זיך דער אייגענער מלאך המות!

בער גאָטהיים האָט זיך אָבער ווייניק געערגערט פון דעם ווייבס רייד און נישט פאַרשטאַנען, וואָס אייגנטלעך זי וויל פון אים. ווייסט זי דען אַליין נישט ווי נייטיק ער מוז איצט זיין אין שאַפּ? אַז אַ שאַפּ מוז האָבן אַ שטאַרקן באַלעבאָס, אַ באַלעבאָס מיט אַ בייטש אין דער האַנט? און חוץ דעם מוז ער נאָך היינט אויך זען דעם סוחר, מיסטער ראָזענבאָומען, וועלכער צאָלט אים נישט די וועקסלען און ער,גאָטהיים, האָט שוין מער

ווי איין מאָל געוואָלט אים נעמען אין געריכט. נאָר היינט מוז שוין צו דעם ענדלעך נעמען אַ סוף. לענגער וועט ער דעם ראָזענבאַומען נישט וואַרטן. ער האָט שוין געהאַלטן ביים אַרויסגיין פון הויז, ווען די פרוי האָט אים אַ דערמאָן געגעבן:

— האָסט דאָך באַשלאָסן צוריקציען זיך פון דיינע אַלע געשעפטן!

בער גאָטהיים קאָן לענגער נישט אויסהאַלטן דעם ווייבס רייד. אין ערשטן מאָמענט איז אים בכלל נישט קלאָר, אויב ער האָט דאָס טאַקע אַזוי גערעדט און באַשלאָסן, ווי זי דערמאָנט אים. און אגב, פילט ער, אַז איצט איז מיט אים אין גאַנצן אַנדערש, ווי דעמאָלט, ווען ער זאָל האָבן גערעדט אָט די רייד, וואָס זי דערמאָנט אים...

באַלד האָט דבורה נישט געהאַט מער וואָס צו זאָגן און צו ווענען צוריידן. גאָטהיים איז שוין אין הויז נישט געווען און פאַר זיין אַוועקגיין האָט זי נאָך באַמערקט ווי ער נורעט זיך פאַר קעלט שטאַרק איין אין די קליידער און גייט אַ פאַרטראַכטער, גיך פון דער גאַס אַרויס.

רחמנות און ליבע

אין אַ „פֿאָרווערטס"־קאָנקורס האָט די דערציילונג — געדרוקט אונטערן נאָמען „איר באַשערטער" — באַקומען דעם ערשטן פּריז — 150 דאָלאַר.

ביי די אָרעמע עלטערן איז סילוויאַ נישט געווען דאָס איינציקע קינד. חוץ איר זענען געווען נאָך זעקס קינדער — פֿיר יינגלעך און צוויי מיידלעך. סילוויאַ איז געווען די יינגסטע. בשעת זי איז אויף דער וועלט געקומען, איז איר פֿאָטער שוין געווען אַ צעבראָכענער, קראַנקער מענטש. די מוטער, אַן אויסגעאַרבעטע פֿרוי און ווייט אַריבער די מיטעלע יאָרן, האָט געמיינט, אַז זי קאָן שוין קיין קינדער נישט האָבן. די אַנדערע קינדער זענען אויך שוין געווען היפּש אונטערגעוואַקסן. ס'האָט אויסגעזען, אַז די פֿאַמיליע איז שוין אַ פֿולע, אַ פֿאַרענדיקטע, און ס'איז נישטאָ קיין פּלאַץ פֿאַר נאָך עמעצן אַריינצוקומען אין דער משפּחה.

האָט זיך שוין אויף סילוויאַן קיינער נישט געריכט. זי איז געקומען ווי אומדערוואַרט, און האָט זיך עפּעס, ווי קעגן אַלעמענס ווילן, אויך אַריינגעשפּאַרט אין דער משפּחה.

אַז די מוטער האָט זיך דערוווּסט, אַז זי גייט האָבן נאָך אַ קינד, האָט זי פֿאַר צרות אַלעמען פֿאַרשאָלטן די יאָרן; זי האָט נישט געמאַכט קיין אויסנאַם. ווער ס'האָט זיך נאָר אונטערגערוקט, דער האָט געכאַפּט אַ קללה. אויך דער פֿאָטער איז אַרומגעגאַנגען ווי אָן אַ קאָפּ. ער איז אַזש גרויער געוואָרן פֿון דער זאָרג, וואָס דאָס געזינדל פֿאַרמערט זיך מיט נאָך אַ קינד. די אַנדערע קינדער — די ברידערלעך און שוועסטערלעך, זענען עפּעס אויך אומצופֿרידן געווען... ס'איז זיי קיין מאָל נישט צו־גוט געווען ביי די אָרעמע עלטערן שטענדיק האָט מען זיך אַרומגעריסן. די גרעסטע מחלוקות אין הויז זענען געווען צוליב די קינדער. דאָך האָט מען זיך שוין געהאַט ווי עס איז איינגעלעבט, און די קינדער צווישן זיך האָבן שוין אויך געלעבט בשלום. האָט זיך דעריבער אויסגעוויזן, ווי מיט דעם נייעם

קינד וועלן זיך צוריק אָנהייבן די צרות אין הויז, די צרות וואָס מ׳האָט שוין געהאַט פאַרגעסן.

אָבער טראָץ דעם, וואָס טאַטע־מאַמע, די ברידערלעך און שוועסטערלעך זענען אַלע געווען קעגן איר, און מ׳האָט זי געצומען פיינט האָבן, נאָך איידער זי האָט זיך געוויזן, איז זי כמעט צו דער באַשטימטער מינוט אויף דער וועלט געקומען. עס האָט אויסגעזען אַזוי, ווי זי וואָלט זיך פאַר קיינעם נישט געשראָקן, און זיך ווייניק גערעכנט צי מען וויל זי האָבן אין דער משפחה, צי נישט. און ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן האָט איר אויך נישט געשאַדט דאָס, וואָס דער פאָטער איז געווען אַ קראַנקער מענטש מיט אַ שוואַך האַרץ, און די מוטער — אַן אויסגעאַרבעטע פרוי. וואָרעם אַז מענטשן האָבן געזען דאָס קינד באַלד נאָכן געבורט, האָבן זיי זיך נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן פון איר שיין, רונדיק, פול קערפערל, מיט דיקע פיסעלעך, און געהאַט האָט עס אַ קעפּל געדיכטע הערעלעך ווי ביי אַ קינד פון אַ יאָר, אָדער צוויי.

זי איז געבוירן געוואָרן אַ גוטע. זי פלעגט כמעט נישט וויינען; אַז מען פלעגט זי נעמען אויף די הענט, פלעגט זי צו אַלעמען שמייכלען און לאַכן מיט איר קינדיש באַ׳חנט מיילעכל.

דאָס מזל פון די אַנדערע קינדער האָט שוין אָבער סילוויאַ נישט געהאַט. בשעת די אַנדערע קינדער זענען געבוירן געוואָרן, זענען די עלטערן יינגער און געזונטער געווען. פלעגן זיי נאָך קענען ווי געהעריק אויף זיי אויפפּאַסן. ווען סילוויאַ איז געקומען, איז שוין דער פאָטער געווען אַ צעבראָכענער מענטש, און די מוטער איז שוין געווען אויסגעאַרבעט פון האָדעווען אַזוי פיל קינדער, און פון דער אָרעמקייט; וואָרעם פון די גרויסע פאַרדינסטן פון פאָטער, האָט פאַר אַלעמען קיין מאָל נישט געסטאַיעט. איידער מ׳פלעגט איין קינד קויפן אַ פּאָר שיכלעך, האָט שוין דאָס צווייטע קינד די שיכלעך צעריסן. די עלטערן האָבן קיין מאָל נישט געוווּסט, וועמען פון די קינדער עפּעס פריער צו קויפן. אַזוי איז געווען פריער, און איצט איז נאָך ערגער געוואָרן.

סילוויאַ האָט, שוין צו איר געבורט געטראָפן האַלב־קראַנקע, צעבראָכענע עלטערן און אַן אָרעם הויז מיט נויט און ליידן.

עס איז נישט געווען ווער ס׳זאָל אויף איר אויפפּאַסן בעת זי האָט

געגומען אונטערוואַקסן. דער מוטער האָט ניט געסטאַיעט קיין צייט און קיין כוחות מיט איר זיך אָפּצוגעבן. דער פאָטער, אַ מידער מענטש, האָט שוין נישט געהאַט קיין גערולד זיך אָפּצוגעבן מיט אַ קינד. די אַנדערע קינדער, וואָס זענען אַלע געווען גרעסער פון איר, זענען שוין געווען צו אַלט זיך צו שפּילן מיט איר. איז סילוויאַ געוואַקסן ווי אַן טאַטע־מאַמע. קיינער האָט זיך אויף איר נישט אומגעקוקט, צי זי פלעגט יאָ טרינקען אַ גלאָז מילך, אָדער נישט, צי זי פלעגט אויפעסן איר מאַלצייט, אָדער נישט. די מוטער פלעגט איר נישט שטופּן דאָס עסן אין מויל אַריין, ווי זי פלעגט טאָן מיט די אַנדערע קינדער.

אַרומגעגאַנגען איז זי אין אַלטע קליידער, אין האַלב־צעריסענע שיכ־לעך, וואָס האָבן זיך אין הויז פאַרוואַלגערט פון די אַנדערע קינדער. ס׳האָט אויסגעזען, אַז וואָס די אַנדערע וואַרפן אַוועק, גיט מען איר צו טראָגן. אפילו זי באָדן און וואַשן פלעגט די מוטער אויך נישט שטאַרק אָפּהיטן. ווען סילוויאַ איז שוין געגאַנגען אין שול, האָט נישט איין מאָל געטראָפן, אַז מ׳פלעגט זי אַהיימשיקן מיט צעטעלעך, אַז זי זאָל זיי געבן דער מוטער... די מוטער פלעגט זי דעמאָלט שלאָגן אָן רחמנות.

— וואָס טוט מען מיט אַזאַ קינד? נאָר עס מאַכט זיך שמוציק, ווי נאָר אַ ביסל בלאָטע, ליגט עס אויף איר.

סילוויאַ פלעגט וויינען פון דער מוטערס קלעפּ. זי האָט געוווסט, אַז זי איז נישט שולדיק... פלעגט עס זי אַזוי פאַרקלעמען ביים יונגן הערצעלע, אַז זי פלעגט דערנאָך וויינען שעהן לאַנג. איר איז בכלל אויסגעקומען אַ סך צו וויינען אין די קינדער־יאָרן, וואָרעם פאַר יעדער קלייניקייט פלעגט די מוטער זי שלאָגן. סילוויאַ פלעגט זיך אויסהיטן פון צו פאַרזינדיקן זיך. בטבע איז זי געווען אַ שטיל קינד, אַ צאַרט מיידעלע, און דאָך איז קיין קינד אין הויז נישט אַזוי פיל געשלאָגן געוואָרן ווי זי. הונגעריק און האַלב־אָפּגעריסן, איז זי אָפט אויף דער גאַס אַרויסגעלאָפן מיט טרערן אין די אויגן פון די קלעפּ וואָס די מוטער האָט איר דערלאַנגט. אַז באַ־קאַנטע מענטשן פלעגן זי טרעפן וויינען, האָבן זיי נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַר וואָס מ׳זאָל שלאָגן אַזאַ גוט קינד.

ווי שטאַרק אָבער סילוויאַ זאָל נישט האָבן געליטן ביי אירע אָרעמע, פאַרביטערטע עלטערן, איז זי דאָך געוואַקסן אַ שיין קינד. זי איז געווען

אַ מיידעלע מיט אַ שלאַנק קערפּערל, וואָס האָט זיך געקאָנט בייגן און דרייען אויף אַלע זייטן. זי האָט געהאַט אַ רונדיק פּנימל, מיט צוויי שמאָלע ליפּעלעך, און אַ געדיכט קעפּעלע מיט געקרייזלטע האָר, וואָס האָבן זיך אַליין פאָרמירט אין צעפּעלעך. די צעפּעלעך זענען פון אַלע זייטן אַרונטער־געהאָנגען פונעם קעפּל. ווער ס'האָט זי געזען, פלעגט מוזן אויף איר אַ קוק טאָן נאָך אַ מאָל. צום שאַרפסטן האָבן געשניטן אירע ליכטיקע אויגן־בליקן. אַז זי פלעגט אויף עמעצן אַ קוק טאָן, האָט זיך אויסגעוויזן, ווי ס'האָט עפּעס אַ שיין געטאָן פאַר די אויגן.

און צו דעם איז זי אויך געווען אַ פריילעך קינד; זי פלעגט שמייכלען און לאַכן; פאַר יעדן איינעם האָט זי געהאַט אַ באַזונדער שמייכעלע. ס'יונגע קערפּערל פון דעם מיידעלע איז פול געווען מיט פריילעכקייט, מיט שפּאַס, און דאָס פלעגט אַרויסהויכן פון איר מיט איר קלינגענדיק געלעכטערל, און צוזאַמען מיט דעם שיינעם פּנימל און מיט דעם קעפּל העלע לאָקעלעך, פלעגט זי מאַכן דעם איינדרוק פון עפּעס אַ מין לעבעדיקע בלום. ווען מענטשן האָבן זי געזען, האָבן זיי נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי ס'איז מעגלעך, אַז אין אַזאַ אָרעם הויז און ביי האַלב־קראַנקע עלטערן, זאָל קענען אויסוואַקסן אַזאַ קינד, אַזאַ בלום.

סילוויאַ האָט פאַרמאָגט נאָך אַ מעלה. זי איז געווען אַ געהאָרכזאַם מיידעלע. נאָך אַלס קינד פלעגט זי כמעט שטענדיק פאָלגן דער מוטער. זי האָט זיך תמיד צוגעהערט וואָס מ'רעדט צו איר. זעלטן, אַז מ'האָט באַדאַרפט אויף איר שרייען. מיט אַ גוט וואָרט האָט מען אַלץ ביי איר געקאָנט פּועלן; מיט אַ קלייניקייט פלעגט מען זי קענען אָפּקויפן. אין שול איז זי געווען דאָס בעסטע און דאָס געהאָרכזאַמסטע קינד. דער לערערין — אַ הויכע, אומפּאַרהייראַטע, קרענקלעכע פרוי, אַ שטרענגע צו קינדער, פלעגט כמעט קיין מאָל נישט אויסקומען סילוויאַן צו באַשטראָפן. נישט געווען דאָס קינד, וואָס פלעגט זיך אַ מאָל מיט עפּעס נישט פאַרזינדיקן פאַר דער שטרענגער לערערין; אָבער נישט סילוויאַ. די לערערין פלעגט זיך גיך אויפרעגן; יעדע קלייניקייט פלעגט זי אַרויסברענגען פון געדולד, און זי פלעגט די קינדער אויסטיילן די שווערסטע שטראָפן. מיט סילוויאַן אָבער האָט זי קיין מאָל נישט געהאַט צו טאָן.

צו סילוויאַן פלעגט די לערערין זיך באַציען גאַנץ אַנדערש ווי צו די

אַנדערע קינדער. זי האָט געזען, אַז זי זאָל זיצן אין דער ערשטער רייע, כדי ווען זי וועט אַ קוק טאָן אויף די קינדער, זאָל איר ערשטער בליק פאַלן אויף סילוויאַן. זי האָט איר אַרויסגעוויזן מער אויפמערקזאַמקייט, אויס־מאַרקירט, אַז זי זאָל מיט איר פאַרברענגען לענגער ווי געוויינלעך. אַז סילוויאַ איז אַמאָל דורכגעפאַלן בעת די עקזאַמענס, פלעגט זי דערנאָך זי טרייסטן, צוגעבן מוט, אַרויסווייזן איר אַזאַ מין צערטלעכקייט, ווי דאָס וואָלט דער לערערין אויך וויי געטאָן. באַזונדערס איז זי געווען גוט צו סילוויאַן, ווען זי פלעגט אַ מאָל קומען אין שול אַריין מיט פאַרוויינטע אויגן, ווייל די מוטער האָט זי געשלאָגן. ווען די לערערין האָט זיך דערפון דערוווּסט, האָט זי אַזש פאַרביסן די ליפּן. אין אַזאַ טאָג האָט זי סילוויאַן באַהאַנדלט מיט אַ באַזונדערער צערטלעכקייט, און ביים אַהיימגיין איר אַ גלעט און אַ צערטל געטאָן אין די רונדיקע בעקעלעך, אין דעם שיינעם קעפּעלע, און איר נאָכקוקן ביז וואַנען סילוויאַ פלעגט אַרויסגיין פונעם קלאַס־צימער.

אין לערנען איז סילוויאַ נישט געווען קיין אויסנאַם. זי האָט זיך נישט געלערנט בעסער, און נישט ערגער ווי די אַנדערע קינדער. אירע רעפּאָרט־קאַרטלעך זענען געווען מעסיקע, און די עקזאַמענס האָט זי קוים דורכ־געמאַכט. ס׳איז געווען קלאָר, אַז דאָס לערנען אינטערעסירט זי נישט שטאַרק. זי איז אָבער געווען אַ געהאָרכזאַם קינד, און די געהאָרכזאַמקייט פלעגט איר אַרויסהעלפן אין האָבן דעם נייטיקן אינטערעס אין לערנען. אַחוץ דעם האָט זי זיך אויך געפילט אַ ביסל אומבאַקוועם צווישן די אַנדערע קינדער. וואָרעם זי האָט אויסגעזען עלטער, און זי איז געווען כמעט מיט אַ קאָפּ העכער ווי די אַנדערע קינדער, וואָס זענען געווען מיט איר אין איין עלטער.

בשעת זי האָט צו דרייצן־פערצן יאָר גראַדואירט פון פּאַבליק סקול, האָט זי שוין אויסגעזען ווי אַ מיידל פון זעכצן־זיבעצן יאָר. ווען זי איז בעת דער גראַדואיר־צערעמאָניע געשטאַנען אויף דער סקול־בינע, אָנגעטאָן אין אַ ווייס קלייד און מיט אַ בוקעט בלומען אין די הענט, איז זי געווען דאָס העכסטע מיידל צווישן די קינדער. אַז מען האָט אַ קוק געטאָן, האָט מען זי דערזען די ערשטע.

*

צו זיבעצן־אַכצן יאָר איז זי שוין געווען אין איר פולער מיידלשער רייפקייט. אַז זי פלעגט זיך אָנטאָן ערגעץ אַרויסצוגיין, האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק פון עפּעס אַ יונג דאַמעלע. זי איז דאַן געווען אין איר פולער שיינקייט. זי איז פאַרבליבן מיט דער שלאַנקער, בויגעוודיקער פיגור און מיט דעם רונדיקן פנימל פון די קינדערישע יאָרן. דער געדיכטער קאָפּ געקרייזלטע האָר, וואָס פלעגט אין אירע קינדער־יאָרן אַרונטערהענגען פון איר קעפּל, איז שוין געווען קורץ געשוירן, און עס האָט ווי קענטיקער געמאַכט דעם איבערגאַנג פון אַ קינד צו אַ דערוואַקסן מיידל. אַ גאַנג האָט זי געהאַט אַ לייכטן; די צוויי שלאַנקע פיסלעך האָבן קוים די ערד אָנגע־רירט. זי איז נישט געגאַנגען, נאָר זי האָט געשוועבט — און אַלע מאָל מיט דער זעלבער מאָס, נישט שנעלער און נישט לאַנגזאַמער, באַזונדערס האָט איר געפּאַסט דאָס שמייכעלע צווישן די צוויי דינע ליפּעלעך; ס׳איז שטענדיק געווען דאָס זעלבע שמייכעלע. אַז מען פלעגט זי זען, האָט מען קיין מאָל נישט געוווסט פאַר וואָס זי שמייכלט שטענדיק. דאָך האָט מען געפילט, אַז אויב עמעצן פּאַסט צו האָבן אַ שמייכל אויפן פּנים איז עס סילוויאַן.

און ווי אַ מאָל אַלס קינד, האָט זי אויך איצט געצויגן אויף זיך אַלע־מענס אויפמערקזאַמקייט. זי האָט זיך געקאָנט געפינען צווישן ווער־ווייסט וויפל מענטשן און אין וואָס פאַר אַ ווינקל, האָט מען זי די ערשטע דער־זען. מענער און פרויען פלעגן זי שלינגען מיט די בליקן. און נישט נאָר האָט זי ביי מענטשן אויסגענומען מיט איר שלאַנקן באַ׳חנ׳טן קערפּער, נאָר אויך מיט דעם, וואָס זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ גוטער און אַ צוגעלאָזענער, פון אַ מענטש אָן אַ גאַל. טראָץ דעם האָט מען אָבער שטענדיק סילוויאַן געזען אַליין. זי האָט געגאַרט נאָך חברטעס, זיי האָבן אָבער מיט איר זיך נישט געוואָלט חברן.

דערפאַר אָבער פלעגט סילוויאַ האָבן אָן אַ שיעור פאַרערער. ווי נאָר אַ יונגערמאַן האָט זי דערזען, איז ער פון איר שוין מער נישט אָפּגעטראָטן. ביים ערשטן בליק אויף איר, גלייך פאַרליבט געוואָרן, ער איז איר שוין נאָכגעגאַנגען אויף טריט און שריט, געוואָלט מיט איר אַרויסגיין. אַרום איר האָט זיך געפונען אַ קרייז בחורים פון יונגערע און עלטערע, פון רייכע און אָרעמע היימען. ווו זי האָט זיך נאָר אַ קער געטאָן איז גלייך לעבן

איר אויסגעוואַקסן אַ „באַי פרינד״. נישט געווען קלאָר פון וואַנעז זיי יאָוועז זיך. זי האָט זיי רעכט נישט געקאָנט. ס׳האָט אויסגעזען ווי זי רופט זיי מיט אַ כישוף־צייכן פון ערגעץ אַרויס. נאָך אַ באַל פלעגן זי אַלע וועלן אַהיימבאַגלייטן. ווער אָבער עס וועט זיין דער גליקלעכער זי אַהיים־צופירן, דאָס האָט זי קיינעם פון זיי נישט געזאָגט. זי האָט געצויגן מיט די דינע פּלייצעס און געקוקט אויף יענעם מיט אַ שעלמישן שמייכל, — נישט צוגעשטימט און נישט אָפּגעזאָגט. די בחורים פלעגן דעריבער קיין מאָל נישט וויסן ווי זיי האַלטן מיט איר, צו אַלעמען געשמייכלט מיט דעם זעלבן ליבלעכן בליק, אַזוי אַז קיינער האָט נישט געוווּסט צי זי מיינט אים, אָדער נישט אים. יעדער פון זיי האָט ממש געחלשט זי אַהיימצובאַגלייטן און קיין מוט נישט געהאַט דאָס איר אָנצובאָטן, מורא האָבנדיק פאַר אַן אָפּזאָג. אָבער אין דער צייט פון די וואַקלענישן זייערע, האָט זיך פלוצים אַרויסגערוקט אַ יונג בחורל, און נישט פרעגנדיק רעכט צי זי איז יאָ אָדער נישט מסכים, זי גענומען אונטערן אָרעם און גיך מיט איר אַראָפּ אין גאַס זי אַהיימצופירן.

*

פון אַלע איז זי באַזונדערס באַוווּנדערט געוואָרן פון צוויי יונגעלייט, וואָס האָבן זי אויף אַ מינוט נישט אָפּגעלאָזט. איינער איז געווען נאָך אַ גאָר יונג בחורל, אַלבערט, וועמען זי האָט נאָך געקאָנט פון די סקול־יאָרן, דער צווייטער — סיימאָן בלום, היפּש עלטער פון דעם ערשטן. אַלבערט איז געווען אַן אָרעמער באַי, האָט נאָך רעכט נישט געהאַט קיין פּאָך אין האַנט. אין קעגנזאַץ צו אים איז סיימאָן געווען אַ סך „בעסער אָפ״, געווען מיט די עלטערן זיינע אין די מסחרים פון זיידנס און שוין פאַרמאָגט זיין אייגנס אַ שיינע פּאָר טויזנט דאָלאַר. אַלבערט איז כמעט געווען אין די זעלבע יאָרן וואָס סילוויאַ, נאָך רעכט נישט ניינצן. און ווי הויך און שלאַנק סילוויאַ איז נישט געווען, איז ער געווען נאָך מיט אַ קאָפּ העכער און מחמת דער דינקייט נאָך אויסגעזען העכער ווי ער איז געווען אין דערווירקלעכקייט. זי האָט קוים דערגרייכט צו זיינע שולטערן. ער איז געווען אַ פעסט־געבויטער, און די מענערישע שטאַרקייט זיינע האָט זיך באַזונדערס געפילט, ווען ער האָט זי אין שפּאַס אַ מאָל אַ כאַפּ געטאָן אין די צוויי שטאַרקע הענט מיט אַזאַ כוח פון וואָס זי פלעגט אַזש אַ ציטער טאָן און זיך בייגן אין דרייען, און דערנאָך לאַנג, לאַנג עס נישט קאָנען פאַרגעסן.

אַזוי אָבער ווי ער האָט געוווּסט וואָס פאַר אַן אָרעמער באַי ער איז, אַן אַ פּאַך, אַן עטלעכע דאָלאַר ביי דער נשמה, האָט ער אפילו נישט געוואָגט צו טראַכטן וועגן דער מעגלעכקייט, זי זאָל אים וועלן פאַר אַ חתן. זי פלעגט מער ווי איין מאָל ביים פלירטעווען מיט אים פילן ווי ער וויל זיך איר דערקלערן אין ליבע, און ווי עס פעלט אים מוט דערצו... ווי ריזיק גרויס ער איז נישט געווען, און מיט וואָס פאַר אַ קראַפט ער פלעגט זי האַלטן אין די אָרעמס, אַזוי שוואַך איז ער געווען אַרויסצוברענגען פונעם מויל אַ פּאָר ווערטער פון ליבע און איר זאָגן דאָס, וואָס ער וויל אַזוי גערן מיטן גאַנצן האַרצן איר זאָגן.

אַ גאַנץ אַנדערער טיפּ איז געווען דער רייכער סיימאָן בלום. ער איז פון יענעם געווען פיל עלטער, כאָטש ער האָט דאָס געלייקנט. איז געווען נידעריק אין וווּקס, אַ ברייט־ביינערדיקער מיט אַ פול לייביק פּנים, אַ דיק־לעכער, וואָגיק, און דער אונטערשטער טייל בויך האָט זיך געשפּאַרט הע־כער צום פּנים, געהאַט גרויע אַנגעשטרענגטע אויגן, בליקן, ווי אַ מענטש וואָס איז תמיד פאַרנומען אין חשבונות, און צי ער האָט באַדאַרפט אָדער נישט, האָט ער תמיד מיט זיך געטראָגן די צווייי באַנק־ביכלעך זיינע אין דער קעשענע און אויסמאַרקירט אַזוי, אַז סילוויאַ זאָל דאָס וויסן.

אָט די צוויי באַיעס זענען געווען די, וואָס האָבן סילוויאַן אַמשטאַרק־סטן ליב געהאַט. אָבער אויך די צוויי, זענען ווייט נישט זיכער געווען, ווענען פון זיי זי וועט פאַרט אויסקלייבן פאַר איר באַשערטן. ס'האָט דאָך יעדער איינער געהאַט קעגן זיך אַן אַ צאָל קאָנקורענטן, און ווי באַלד איינער קעגן אַ סך, האָט זיך יעדן אויסגעוויזן האָפענונגסלאָז זי צו באַזיצן. דערצו האָט זי נאָך אויך איצט צו יעדן איינעם געשמייכלט מיטן זעלבן צוזאָגנדיקן, ליבלעכן בליק ווי פריער, וואָס האָט געקענט מיינען אים און נישט אים.

אָבער אין דער צייט, וואָס אַלבערט און די אַנדערע האָבן זיך געישובט און געוואָרט אויף אַ געלעגנהייט צו דערקלערן זיך איר אין ליבע, האָט זיך דערווייל אַרויסגערוקט דער עלטערער סיימאָן, און זי כמעט מיט געוואַלד גענומען אין די הענט אַריין. ווי די אַנדערע, האָט ער זי נישט געפרעגט צי זי וויל אים, און גענומען מיט איר אַלץ אָפטער אַרויסגיין, אַ שטייגער, ווי זיי וואָלטן געווען חתן־כלה. סילוויאַן האָט נאָך אַלץ געצויגן צו אַלבערטן, און ביז דער לעצטער מינוט געוואַרט אויף זיין וואָרט פון

ליבע, וואָס זי ווייסט, אַז עס ליגט אים אויף דער צונג דאָס איר צו זאָגן, און נישט קאָנענדיק זיך דערוואַרטן, סוף־כל־סוף געלאָזט פון סיימאָנען זיך איינריידן, אַז זי זאָל מיט אים נעמען אַרויסגיין, אַרויסגיין אויף אַ שטיקל צייט, און אויב זי וועט אַלץ פילן, אַז זי ליבט אים נישט, וועט ער זיך אָפּזאָגן פון דעם שידוך.

— אָבער איך בין זיכער, סילוויאַ, — האָט ער איר געזאָגט — אַז דו וועסט מיך ליב קריגן, און גלייב מיר, אַז דו וועסט ביי מיר האָבן פון אַלץ אויף דער וועלט.

און ער האָט עס געזאָגט מיט אַזוי פיל געפיל אין האַרץ, מיט אַזאַ בעטנדיקן טאָן, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ רחמנות צו אים, און דערביי געפילט, אַז ער האַלט זי שוין סיי ווי פעסט אין די הענט. ער וועט זי שוין נישט אָפּלאָזן, און ביים האַלטן זי אונטערן אָרעם נאָר אויסמאַרקירט, אַז זי זאָל פילן די האַרטקייט פון די צוויי באַנק־ביכלעך אין דער קעשענע, און איר צוגעזאָגט צו געבן אַלע פאַרגעניגנס אויף דער וועלט. ער וועט זי אַריינזעצן אין אַ פּאַלאַץ מיט די בעסטע מעבל, ווי ביי די רייכסטע מענטשן. געקויפט מתנות פאַר איר און פאַר אירע עלטערן. זי אויסגענומען אין טעאַטערס, צו אָפּערעס. ער האָט פאַר איר געעפנט די טויערן פון אַ וועלט, וואָס איז איר דאָס גאַנצע לעבן געווען פרעמד און אומבאַקאַנט. סילוויאַ פלעגט זיך די ערשטע צייט טאַקע מיט אַלעם פרייען. יעדע זאַך איז פאַר איר געווען אַן איבעראַשונג, אַ ווונדער. ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן ווי פאַר איר וואָלט זיך מיט אַ מאָל געעפנט אַ וועלט פול מיט פרייד און מיט אַזוי פיל גליק, וואָס האָט קיין גרענעץ נישט. זי האָט אין אָט דער צייט זיך געפילט אומגעהייער גליקלעך און פאַר זיך געזען אַ צוקונפט פון אומענדלעך גליק אַלס אַ פאַרהייראַטע פרוי.

די דאָזיקע פרייד האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. פון יעדער איבעראַשונג, וואָס ער האָט איר פאַרשאַפט, פון יעדער מתנה, וואָס ער האָט איר געקויפט, פלעגט זי זיך דערמיט פרייען בלויז די ערשטע צוויי־דריי טעג, און דערנאָך צו דעם געוואָרן גלייכגילטיק און קאַלט. איז ווידער אַ מאָל אַריינגעפאַלן אין אַן אומעטיקער שטימונג און ווידער אַ מאָל מיט אים גענומען טענהן, אַז ניין, זי ליבט אים נישט! זי פלעגט דאָס אים זאָגן

אויף אַזאַ רירנדיקן אופן, אַזוי ווי אַ קינד, וואָס בעט עפּעס ביי אַן עלטערן מענטשן.

— אוי, סיימאָן, איך בעט דיך, לאָז מיך אָפּ. פאַרגעס אָן מיר!

סיימאָן פלעגט אַזש אויפציטערן ביים הערן, אַז זי ליבט אים נישט, און ווידער גענומען צו איר ריידן מיטן בעטנדיקן טאָן, וואָס רופט אין איר אַרויס אַ גרויס רחמנות צו אים.

— סילוויאַ, איך בין שוין אַזוי צוגעוווינט צו דיר, איך בעט דיך, מאַטער מיך נישט מיט דיינע רייד.

אין פלוג האָט ס׳בעטן זיך פונעם עלטערן בחור אויסגעזען קאָמיש אין אירע אויגן, און זי פלעגט שמייכלען פון יעדן וואָרט, וואָס ער האָט מיט אַזוי פיל הכנעה איר געזאָגט. ס׳איז גוט געווען צו הערן. ווי שטענדיק האָט ס׳בעטן זיך, זי זאָל זיין גוט צו אים אין איר אַרויסגערופן מיטלייד, ווי צו אַ קינד, און זי האָט קיין מוט נישט געהאַט פון אים זיך אָפּצורייסן.

*

ס׳איז אַריבער אַ צייט. דאָס לאַנגע אויסגיין האָט געפירט דערצו, אַז זיי זאָלן ווערן חתן־כלה. ס׳האָט זיך גענומען אָנרוקן די צייט פון זייער חתונה. סיימאָנען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי איז שוין זיינע. ער האָט זי שוין געזען אַלס די פרוי זיינע. ווי איבעראַשט איז ער געוואָרן ווידער אַ מאָל צו הערן פון איר די באַקאַנטע רייד, אַז זי ליבט אים אַלץ נישט, ער זאָל זי אָפּלאָזן, זי וויל מיט אים נישט שטיין אונטער דער חופה, און אויב יאָ, וועט זי זיין די אומגליקלעכסטע פרוי אויף דער וועלט.

— סילוויאַ, — האָט ער זי פאַרזיכערט — דו וועסט זיין גליקלעך, יעדעס מיידל שרעקט זיך פאַר איר חתונה, און דו ביסט נישט אַנדערש.

וואָס נענטער ס׳איז געקומען צו דער חתונה, אַלץ מער האָט זי אויך גענומען וויינען פאַר די עלטערן, אַז זי וויל מיט סיימאָנען נישט חתונה האָבן. זי האָט פאַר זיי געוויינט ביי טאָג און ביי נאַכט. די עלטערן האָבן איר אָבער געזאָגט, אַז פאַר אַזאַ אָרעם מיידל ווי זי איז, איז דאָס אַ גליק־שידוך.

— וואָס, מישטיינס־געזאָגט, וואָלסטו געהאַט ביי אַלבערטן? וואָס קען ער דיר געבן?

און דער קראַנקער פאָטער פלעגט צוגעבן:

— באַגראָבן צו ווערן מיט אַן אָרעמען בחור האָסטו שטענדיק צייט, סילוויאַ.

גאַנץ אַנדערש פלעגן זיי צו איר רעדן וועגן סיימאָנען:

— דאָס איז נישט קיין נאַקעט בחורל, — פלעגט איר די מוטער געבן צו פאַרשטיין. — ביי אַזאַ איינעם וועסטו וויסן, אַז דו לעבסט אויף דער וועלט.

פון אַזעלכע רייד פלעגט סילוויאַ בלייבן אין אַ צערודערטער שטימונג. זיי פלעגן זי אַריינוואַרפן אין אַ שרעק. די אָרעמקייט פון אירע עלטערן, וואָס זי האָט צוגעזען פון קינדוויַיז אָן, האָט זי געשראָקן. זי האָט נישט געוואָלט צוריק אַריינפאַלן אין זעלבן ביטערן לעבן פון וואַנעט זי איז אַרויסגעקומען. זי האָט זיך אָבער אויך געשראָקן פאַר דעם רייכן סיימאָנען. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וועט ליידן מיט אַן אָרעמען בחור, און זי האָט אויך נישט געוואָלט חתונה האָבן מיט דעם רייכן סיימאָן בלום.

ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן. זי האָט אַזוי לאַנג געוויינט, ביז איר מוטער האָט, ווי מיט יאָרן צוריק, ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד, גענו־מען פאָדערן ביי איר טאָכטער, אַז זי זאָל זי פאָלגן.

— זיי נישט איינגעשפּאַרט, טאָכטער, — האָט די מוטער זיך אויף איר געבייזערט. — דו זעסט דאָך, אַז סיימאָן איז דיין אמתער באַשערטער.

און סילוויאַ, מיט איר שוואַכקייט נאָכצוגעבן, האָט זיך פאַרלוירן.

אויך דאָס מאָל האָט זי נאָכגעגעבן דער מוטער און זי האָט מיט סיימאָנען חתונה געהאַט.

*

סיימאָן האָט פאַר זיין יונג ווייבל צוגעגרייט אַ היים אין דער שענסטער געגענט פון שטאָט, אַ רייכע היים מיט די טייערסטע מעבל און מיט אַ סך לוקסוס־זאַכן. אין אַ ספּעציעלן צימער, וווּ די זון האָט דעם גאַנצן טאָג אַריינגעלויכטן, זענען געשטאַנען אַ סך בלומען־טעפּ פון רויזן און פאַר־שידענע אַנדערע פלאַנצונגען, פונקט ווי אין אַ גאָרטן. סיימאָן האָט זייער ליב געהאַט צו זען דאָס יונגע ווייבל שטיין צווישן די בלומען. אַלץ איז געווען אַזוי ניי און פריש, און סילוויאַן האָט זיך די ערשטע צייט אויס־

געוויזן, אַזוי ווי זי וואָלט אין דעם הויז צום ערשטן מאָל אויף דער וועלט געקומען.

און פון נאָך דער חתונה אָן איז זי נאָך שענער געוואָרן. איר שלאַנקער, עלאַסטישער קערפּער פלעגט זיך קאָנען בייגן אין צווייען. זי איז נאָך צאַר־טער געוואָרן. דאָס רונדיקע פּנימל איז נאָך ליכטיקער געוואָרן. דאָס קעפּל קורץ־געשוירענע האָר האָט געבליט מיט פרישקייט, און דאָס באַ׳חנטע שמייכעלע האָט זיך שטיפעריש געשפּילט צווישן די צווײ דינע ליפּעלעך. אַלס אַ יונגע און פאַרהייראַטע פרוי איז זי געוואָרן פולער און פרישער.

די ערשטע צייט איז סילוויאַ געווען אַזוי פול מיט תענוג, אַז זי האָט נישט געוווסט מיט וואָס זיך פריער צו פרייען, וואָס פריער צו באַוווּנדערן. אַלץ איז אַזוי שיין און פּרעכטיק געווען, און אַלץ איז געווען אַזוי פול מיט געניוס. איר האַרץ האָט געציטערט פון נחת און פאַרגעניגן. זי האָט פּשוט קיין כוחות נישט געהאַט מיט אַלץ זיך צו פרייען.

ס׳איז געווען צופיל פאַר איר און זי האָט זיך געשראָקן, אַז זי זאָל פון גרויס פאַרגעניגן אַזש נישט קראַנק ווערן. זי האָט געפילט, אַז זי ווערט אַלץ פולער און פולער, און אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט אַלעמען אויסקושן. זי האָט געוואָלט אויסקושן די שיינע געגנט, איר רייכע היים, יעדעס שטיקל מעבל אין הויז, סיימאָנען, איר מאַן, און נאָך קיין מאָל אין איר לעבן האָט זי אַזוי פיל נישט געקושט אירע עלטערן, ווי אין די ערשטע טעג נאָך איר חתונה, ווען זיי פלעגן קומען צו איר אויף אַ באַזוך.

— מאַ, טייערע מאַ — פלעגט זי אַרויספאַלן דער מוטער אויפן האַלדז און זי נישט אויפהערן צו קושן און האַלדזן.

אויך דעם קראַנקן פאָטער פלעגט זי האַלטן אין איין צערטלען. ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, ווי די עלטערן וואָלטן זי אַריינגעבראַכט אין אָט דער וווּנדערלעכער וועלט פון פרייד און פאַרגעניגן, און אַליין זענען זיי שוואַכע און צעבראָכענע מענטשן געבליבן.

— פאַ, טייערער פאַ, — פלעגט זי ווי אַמאָל אַלס קינד זיך זעצן ביי אים אויף דער שויס און גלעטן זיין אַלט פּנים.

— נו, טאָכטער, זעסט ווי גוט עס איז, אַז מען פאָלגט עלטערן — פלעגט די מוטער זי דערמאָנען — כ׳האָב אַלע מאָל געפילט, אַז סיימאָן איז דיין זיווג.

זי פלעגט פאַר גרויס פרייד אַזש נישט וויסן מיט וואָס אויפצונעמען די עלטערן, וואָס פאַר אַ כּיבוד זיי צו שטעלן. זי האָט געפילט, אַז נאָך אַזוי פיל יאָרן האָרעוואַניע צוליב איר, זענען זיי אויך באַרעכטיקט אויף עפּעס פון איר איצטיק גליק...

אַזוי זענען אַוועק די ערשטע פּאָר וואָכן נאָך דער חתונה. צו סילוויאַס פרייד איז נישט געווען קיין גרענעץ און סיימאָן האָט איר אַלץ נייע פאַר־געניגנס פאַרשאַפט. ער פלעגט כּמעט קיין מאָל נישט קומען אַהיים אָן אַ מתנה. ער פלעגט אַהיימברענגען אַזוי פיל זאַכן, אַז ס׳האָט אויפגעריסן די אויגן פון מענטשן, וואָס האָבן אים געקאָנט פאַר אַן אויסגערעכנטן בחור, און זיי האָבן גענומען פון אים חוזק:

— ווי עס ווייזט אויס, האָט דאָס יונגע ווייבל אים אויסגעהיילט פון זיין קאַרגשאַפט.

סיימאָן האָט זיך אָבער פאַר גאָר נישט אָפּגעשטעלט. ער האָט זיין יונג ווייבל צו פיל ליב געהאַט, אַז ס׳זאָל אים זיין אַ שאָד דאָס געלט. און ער איז מיט יעדן טאָג נאָך מער אין איר פאַרליבט געוואָרן. ווי נאָר ער פלעגט אין די פרימאָרגנס פאַרלאָזן דאָס הויז, גלייך בענקען נאָך איר. מיט וויפל מענטשן ער פלעגט זיך נישט אָנטרעפן דורכן טאָג, ווי פאַרטאָן ער איז געווען אין זיינע ביזנעס, פלעגט ער אַלץ טראַכטן וועגן איר, און וועלן וויסן, וואָס זי טוט איצט אין הויז, ווי זי פילט זיך, און מיט וואָס זי פאַר־נעמט זיך. ער פלעגט דעם גאַנצן טאָג זיין צעטומלט און אומגעדולדיק, און זיך קוים דערוואַרטן אויף דעם אָוונט צוריק אַהיים צו קומען. גלייך ביים אַהיימקומען פלעגט ער זי כאַפּן אין די אָרעמס און אויסקושן יעדעס אבר אירס. און נאָך איידער ער פלעגט זי אָפּלאָזן, ווידער אַ כאַפּ טאָן אויף די הענט. ער האָט זיך מיט איר גאָר נישט געקאָנט אָנזעטיקן.

סילוויאַ פלעגט דאָס נישט קאָנען איבערטראָגן און אים טרייבן פון זיך. זי פלעגט תּמיד דאַרפן שרייען, זיך בייזערן און אים אַפילו באַליידיקן, אַז ער זאָל זי אָפּלאָזן. סיימאָן פלעגט זיך אָבער בעטן, מיט זיין ווייך און וויינענדיק קול, אַז זי זאָל זיין גוט צו אים. און סילוויאַ פלעגט ווידער דערפילן אַ מין רחמנות צו אים, און דערנאָך האָט זי שוין אים געלאָזט טאָן מיט זיך וואָס ער האָט געוואָלט.

אַזוי האָט זיך די ערשטע צייט אויסגעוויזן, אַז זיי זענען די גליקלעכ־

סטע מענטשן אויף דער וועלט און ס׳איז געווען שווער צו וויסן, ווער פון זיי עס איז גליקלעכער — סילוויאַ, אָדער סיימאָן. בײדע, דאַכט זיך, האָבן זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן מיט דער פרייד פון זייער פאַרהייראַט לעבן.

מיט דער צייט אָבער האָט סיימאָן געגומען פילן עפּעס אַן ענדערונג אין דעם יונגן ווייבל. זי פלעגט אָפט מאָל ווערן אומעטיק און שעהן לאַנג אַרומגיין אַ פאַרטראַכטע. סיימאָן האָט געפילט, אַז עפּעס געשעט מיט איר. ווי נאָר ער וויל זי אַ צערטל טאָן, ווערט זי בלייך, ווען ער וויל זי אַ ביסל האַלטן אין די אָרעמס, ווי אין דער ערשטער צייט נאָך דער חתונה, פאַרלירט זי גלייך דאָס געדולד. זי האָט געגומען אים טרייבן פון זיך און אָפּשטויסן. און אַז דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָט זי געגומען וויינען.

כמעט יעדן טאָג האָט זי געפונען אין אים נייע חסרונות. אָט איז זי נישט צופרידן, וואָס ער איז נידעריקער פאַר איר; אָט נימאס׳ט זי זיך פון די גרויע הערעלעך, וואָס זי האָט דערזען אין זיין באָרד, איידער ער נעמט זיך אָפּראַזירן. טייל מאָל האָט זי זיך געטשעפּעט, וואָס זיין בויך הייבט זיך אַלץ העכער און העכער, און דאָס, וואָס ער האָט אַ שווערן גאַנג. זי האָט געגומען מאַכן חוזק, וואָס געוויסע מאכלים פאַרשאַטן אים; וואָס ער פאַרקילט זיך און בלייבט ליגן אין בעט זייער אָפט; ווען ער גייט אַ ביסל צו לאַנג ווערט ער מיד אויף די פיס. זי האָט געגומען זיך רייצן מיט אים, וואָס איר פאַרשאַט קיין שום עסן נישט; וואָס זי קען גיין אין די קאַלטסטע וועטערן אין די לייכטסטע קליידער און זיך נישט פאַרקילן; זי קען אַרומשפּאַצירן אָן אַ שיעור און נישט מיד ווערן.

מיט די מתנות וואָס ער האָט איר געבראַכט, האָט זי זיך געצאַצקעט נאָר די ערשטע פּאָר וואָכן. דערנאָך האָבן איר די זאַכן געגומען מיאוס ווערן און זי האָט זיי מער אין די הענט נישט געקאָנט נעמען. און פּונקט אַזוי גלייכגילטיק ווי זי איז געוואָרן צו די מתנות, אַזוי איז זי געוואָרן צו אים. זי האָט זיך געגומען פילן ווי צערייצט, און געגומען אים אָפּשטויסן פון זיך יעדעס מאָל ווען ער האָט געוואָלט ווערן נאָענט צו איר.

— לאָז מיך אָפּ! — האָט זי געשריגן.

איין מאָל שפּעט ביי נאַכט, אַ פּאָר שעה נאָך דעם, ווי ער איז צו איר צוגעשטאַנען, און זי האָט קעגן איר ווילן אים נאָכגעגעבן, האָט ער פּלוצלינג דערהערט ווי עמעצער וויינט פון שלאָף.

ווען ער האָט אויפגעריסן די אויגן, האָט ער געזען, אַז סילוויאַ וויינט מיט אַ שטיל געוויין אין קישן אַריין, אַז ער זאָל איר געוויין נישט דער־הערן.

— סילוויאַ, דו וויינסט? — האָט ער מיט שרעק אַ פרעג געטאָן.

סילוויאַ האָט נישט געענטפערט. זי האָט מיט די הענט דערשטיקט דאָס געוויין, האָט זיך אויסגעריבן די אויגן, און איז געבליבן ליגן שטיל ווי קיין זאַך וואָלט נישט פּאַסירט. סיימאָן האָט זיך אָבער מער נישט געקאָנט באַרויקן, ער איז געווען צערודערט און איבערגעשראָקן. ער האָט נאָר געוואָלט אויסגעפינען פאַר וואָס זי האָט געוויינט.

— סילוויאַ, זאָג מיר, פאַר וואָס האָסטו געוויינט, האָסט אפשר געהאַט אַ בייזן חלום? — האָט ער אַ פרעג געטאָן, קלערנדיק, אַז אין דעם יונגן ווייבל זענען נאָך פאַראַן קינדערישע קאַפּריזן.

סילוויאַ האָט אָבער אַלץ נישט געענטפערט. ער האָט געזען ווי זי ציט מיט די דינע פלייצעס, פאַרבייסט די אונטערשטע ליפּ, נאָר אַרויסקריגן פון איר אַ וואָרט קען ער נישט.

האָט ער זי געוואָלט לאַשטשענדיק אַרומנעמען און זי באַרויקן. זי האָט זיך אָבער פאַר זיין צערטלעכקייט דערשראָקן און זיך פון אים אָפּגע־רוקט. סיימאָן האָט שוין דערנאָך מורא געהאַט זי אַ ריר טאָן, טאָמער וועט זי נאָך אַ מאָל אָנהייבן וויינען.

דאָס פלעגט זיך איבערחזרן יעדע פאַר נעכט. ער האָט זי באַהאַנדלט מיט דער גרעסטער פאַרזיכטיקייט. ער איז געווען צו איר צאַרט, איידל. דאָך פלעגט דאָס נישט העלפן. ביי טאָג איז נאָך געווען צו דערליידן, ער איז דעם גאַנצן טאָג אין הויז נישט געווען. די אמתע צרות האָבן זיך אָנגע־הויבן ביי נאַכט, ווען ער איז נאָך אַ גאַנצן טאָג בענקען געווען אויסגע־הונגערט נאָך איר. זי פלעגט בלייבן קאַלט צו זיינע צערטלעכע אויסברוכן. ביי נאַכט פלעגט ער זיך שרעקן זי אַ ריר צו טאָן, צוליב מורא, אַז זי זאָל נישט נעמען וויינען. ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט העלפן, ער האָט זי זייער ליב געהאַט. ער האָט זי ליב געהאַט צו האַלטן אין די אָרעמס, אַזוי ווי מ׳האַלט אַ קינד. און ס׳פלעגט נעמען לאַנג, און ערשט נאָך דעם, ווי ער פלעגט זיך ביי איר בעטן, און מיט זיין ווייך און בעטנדיק קול דערציילן ווי

ער לײדט. ערשט דאַן פּלעגט זי אויף אים רחמנות קריגן, און אים לאָזן מיט זיך טאָן, וואָס ער האָט געוואָלט.

צו מאָרגנס פּלעגט זי אויפשטײן פון שלאָף אין אַ שלעכטער שטימונג, דעם גאַנצן טאָג געווען אומעטיק און דערשלאָגן. און אין אָונט, ווען ער פּלעגט אַהײמקומען, אויסמײדן צו קוקן אויף אים און אים זײער שלעכט באַהאַנדלען. סײמאָן האָט זיך דערפון אָנגעהויבן שרעקן. ער האָט ווידער דערפילט, ווי עפּעס אַרבעט אין איר. דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז ער קען שוין איצט דערוואַרטן אַ סך צרות פון זײן יונג ווײבל.

און ס'האָט דערנאָך לאַנג נישט גענומען ביז ער האָט געהאַט די ערשטע איבעראַשונג.

*

אײן מאָל אין אַן אָונט, ווען ער איז געקומען אַהײם, נאָך אַ גוטן ביזנעס־טאָג. ווי נאָר ער איז אַרײן אין הויז, און איז דורכגעגאַנגען עטלעכע צימערן כדי צו זען, ווו זײן סילוויאַ איז, איז ער פון גרויס צעטומלעניש שטײן געבליבן כמעט אָן לשון.

אין אַלע צימערן איז געווען מאָדנע שטיל און רואיק. דאָס הויז איז ווי געוויינלעך געווען פײן צוגעראַמט: יעדע זאַך איז געשטאַנען אויפן זעלבן אָרט. אויף אַלץ איז אָבער געלעגן אַזאַ שווערער אומעט, וואָס האָט די רײכע היים ווי פינצטער געמאַכט.

אַלץ איז אין הויז געווען ווי אַלע טאָג, אָבער סילוויאַ האָט דאָרטן געפעלט. זי איז אין ערגעץ נישט געווען. אפשר איז זי אַרויסגעגאַנגען און וועט באַלד צוריקקומען? אָבער נײן, זײן האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז עס איז נישט דאָס.

ער האָט זי געזוכט אומעטום, אין יעדן ווינקל, גלײך ווי זי וואָלט ערגעץ געלעגן באַהאַלטן. ער האָט זי אָבער אין ערגעץ נישט געפונען. און פון שרעק דערפילט, ווי אַ מוראדיקע היץ וואָלט אים אַרויס אויפן פּנים. די פיס האָבן זיך אים אונטערגעהאַקט און פון מידקייט האָט ער זיך אַ זעץ אַוועק געגעבן בײם טיש. נאָך אײדער ער האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן, וואָס מיט איר האָט פּאַסירט, האָט ער דערזען ליגן אַ קלײן צעטעלע אויפן טיש.

דאָס צעטעלע האָט אַנטהאַלטן צוויי דרײי שורות: אַז זי פאַרלאָזט אים. זי קען מיט אים מער נישט וווינען, און אַז ער זאָל אין איר פאַרגעסן.

נאָך דעם ווי סיימאָן האָט דורכגעקוקט די פּאָר שורות, האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס זענען די זעלבע רייד, מיט וועלכע זי פּלעגט פּאַר זייער חתונה שטענדיק איינטענהן מיט אים.

סיימאָן האָט מער נישט געקענט איינזיצן אין הויז. דער אומעט, דער שווערער טרויער, האָבן אים געדריקט דאָס האַרץ ביז צום פּלאַצן. געפילט, אַז ער קען דאָ לענגער נישט בלייבן. אַז אָן סילוויאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס גאַנצע לעבן אין הויז; אָן איר האָט ער דאָ אויך מער נישט וואָס צו טאָן.

ער האָט גענומען גיין צו סילוויאַס עלטערן. ער איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, מיט שוואַכע טריט, וואַקלענדיק זיך אין גאַנג. דאָס האַרץ האָט פון צערודערונג געקלאַפּט אָן אויפהער. ער איז געגאַנגען אָן כוחות, און דאָך געפילט ווי ער יאָגט זיך. ער איז אַזוי צעטומלט געווען, אַז ער האָט נישט געוווסט וואָס אַרום אים טוט זיך. ער האָט נישט געזען די גאַס, נישט די מענטשן, און דעם וועג. נישט געפילט, אַז ער גייט, נאָר אַז ער ווערט עפּעס געפירט, און אַז ער זעט קיין זאַך נישט פאַר די אויגן. און גייענדיק אַזוי פאַרטראַכט האָט ער זיך איין מאָל מיט גרויס שרעק אַ כאַפּ געטאָן אויף צוריק, דערפילנדיק ווי אַ שווערער אויטאָמאָביל רירט אָן זיין קערפּער, און אַ הויכער מאַן פון דער מאַשין שרייט און זידלט אים. אַרום זיי קלייבן זיך שוין צונויף אַ גרופּע מענטשן צו זען, וואָס ס׳האָט פּאַסירט. ער איז בלייך געוואָרן און איז גיך אַריבערגעלאָפן די גאַס אונ־מער די בייזע רייד פון דעם הויכן מאַן אין דער מאַשין. אַ ביסל שפּעטער איז שוין סיימאָן געווען ביי סילוויאַס עלטערן אין הויז.

*

סילוויאַ איז גראָד געווען אין אַן אַנדער צימער, ווען ער איז אַריינ־געקומען. און ווען ער האָט זי ענדלעך דערזען, האָט ער זי כמעט נישט דערקענט. זי איז צוריק פול געוואָרן מיט אַזאַ קינדערישער פרייד, מיט געלעכטער, ווי אין די מיידלשע יאָרן. זי האָט צוריק ווי אויפגעלעבט אין דעם אָרעמען פאָטערס הויז, און האָט מיט דעם יוגנטלעכן אויסזען ווי זיך צוריק פאַרוואַנדלט אין אַ קינד. זי האָט טאַקע אין דעם הויז פון די עלטערן נישט געמאַכט קיין איינדרוק פון אַ פאַרהייראַטער פרוי, פון אַ דאַמעלע, נאָר ווי זי וואָלט נאָך אַלץ געווען אַ יונג מיידל. ווען זי איז אַריינגעקומען,

האָט זי צו ערשט אים נישט באַמערקט. זי איז אַריינגעקומען מיט אַ קלינ־גענדיק געלעכטערל, וואָס האָט זיך איבערן הויז צעטראָגן ווי די קלאַנגען פון מוזיק.

אָבער מיט אַ מאָל איז זי בלייך געוואָרן. זי האָט דערזען דעם מאַן. זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט די בליקן. סיימאָן האָט זיך דערפילט נאָך אומ־רואיקער און די בושה האָט ווי אַ שטיק פייער געפלאַמט אויף זיין פּנים.

סילוויאַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. דאָס געלעכטערל האָט זיך איבערגעריסן, און זי איז שטיין געבליבן אין אַ שטומקייט, ווי זי וואָלט פאַרלוירן דאָס לשון. סיימאָן האָט זיך דערשראָקן. איר שטילקייט האָט אים דערמאָנט אין די נעכט ווען ער פלעגט זי טרעפן וויינען אין אַ קישן אַריין. זי האָט זיך דערוויל אָפּגערוקט אין אַ ווינקל און איז דאָרטן שטיין געבליבן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

סיימאָנען איז שווער געווען אָנצוהייבן ריידן. די בושה האָט אַלץ גע־פלאַמט אויפן פּנים, געברענט און דערמאָנט ווי שטאַרק זי האָט אים ווי־געטאָן. דאָך איז ער אויף איר אין כעס נישט געווען. ער איז געווען גרייט איר מוחל צו זיין. נאָך מער: ער האָט געפילט, אַז פון היינט אָן וועט ער זי באַהאַנדלען נאָך בעסער, נאָך איידעלער. ער האָט דאָס איר געוואָלט זאָגן, נאָר ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי. פון דעם איינדרוק וואָס זי האָט איצט געמאַכט אויף אים, האָט ער זיך געשראָקן, אַז זי וועט אפשר אָנהייבן צו וויינען, ווי נאָר ער וועט אויסריידן דאָס ערשטע וואָרט וועגן דעם. האָט ער דעריבער צו איר גענומען ריידן דורך די עלטערן.

— דאַכט זיך, אַז בעסער באַהאַנדלען אַ פרוי, ווי איך האָב באַהאַנדלט סילוויאַן, טוט נישט דער בעסטער מאַן אין דער וועלט, — האָט ער גע־רעדט צו סילוויאַס מוטער.

און צו סילוויאַס פאָטער, דעם ייִד מיטן שוואַכן האַרץ, האָט ער געזאָגט:

— זאָל זי זאָגן, סילוויאַ, אויב עס פעלט איר עפּעס ביי מיר. זאָל זי נאָר זאָגן וואָס זי וויל, און איך וועל מיין לעצטן סענט אויף דעם אויסגעבן. אדרבא, זאָל זי זאָגן, וואָס זי האָט מיר פאַרצוואַרפן.

סיימאָן האָט נאָך געוואָלט ריידן און ריידן. ער האָט אָבער געפילט, אַז

שוין פון דעם אַליין, וואָס ער האָט דערציילט, האָט ער געוווּנען די עלטערן אויף זיין צד.

די עלטערן האָבן טאַקע בדעה געהאַט צו ריידן מיט דער טאָכטער אויף אַ האַרבן אופן, בפרט די מוטער, וואָס פלעגט זי שטענדיק שטרענג באַהאַנדלען. אָבער ווען זיי האָבן דערזען דער טאָכטערס בלייך, ליידנדיק פּנים, האָבן זיי גענומען ריידן מיט אַ מילדערן טאָן.

— נו, אדרבא, זאָג אונדז טאַקע, וואָס האָסטו צו אים? — האָט זיך דער פאָטער צו איר געווענדעט.

— און אַז מ׳האָט אַ מאָל עפּעס צו אַ מאַן דאַרף מען אַנטלויפן? וועלכע פרוי האָט עס נישט אַ מאָל עפּעס קעגן איר מאַן? — האָט די מוטער געטענהט.

— אַז איך ווייס נישט וואָס פאַר אַ קריוודעס זי קאָן האָבן פון מיר. זאָג דאָס מיר, סילוויאַ. — האָט שוין סיימאָן גערעדט צו די עלטערן און צו סילוויאַן.

אַלע האָבן געוואַרט, אַז סילוויאַ זאָל נעמען ריידן. זיי האָבן געוואָלט הערן, וואָס זי אַליין האָט צו זאָגן. סילוויאַ האָט אָבער נישט געענטפערט. זי איז אַלץ געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, האָט געצויגן מיט די שמאָלע פּלייצעס, האָט פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ, און וויפל מען האָט זיך ביי איר נישט געבעטן און צו איר גערעדט, האָט זי אַלץ נישט געענטפערט.

האָבן שוין די עלטערן גענומען ריידן צו איר מיט האַרבערע רייד.

— וואָס ביסטו אַוועק פון דער היים? — האָט דער פאָטער אָנגעהויבן. — ווו האָסטו שוין איצטער אַן אַנדערע היים? ביסט דאָך שוין אַ פאַרהייראַטע פרוי! וווּהין און צו וועמען וועסטו איצט גיין?

— גיי אַהיים, סילוויאַ, מאַך זיך נישט נאַריש. — האָט די מוטער צו איר גערעדט מיט דער שטרענגקייט פון די אַמאָליקע יאָרן, בשעת סילוויאַ איז נאָך געווען אַ קינד.

סילוויאַ האָט אָבער אַלץ נישט געענטפערט. זי האָט נאָך שטאַרקער געביסן די אונטערשטע ליפּ און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

סילוויאַס עקשנות האָט איצט אַזוי שטאַרק איבערגעשראָקן סיימאָנען, אַז ער האָט ווידער צו איר גענומען ריידן מיט זיין ווייך און בעטנדיק קול:

— סילוויאַ, זײַ נישט אײַנגעשפּאַרט! אויב דו האָסט עפּעס אַ קריוודע, זאָג עס מיר, נאָר זײַ נישט אײַנגעשפּאַרט! אָן דיר קען איך אין הויז מער נישט זײַן; עס וועט מיך אַרײַנטרײַבן אין אַ משוגעת; איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן; אָן דיר וועל איך קראַנק ווערן.

און געקוקט אויף דעם יונגן ווײַבל מיט אַזעלכע בעטנדיקע בליקן, וואָס האָט זי צענומען, און נאָך מער איז זי גערירט געוואָרן, ווען ס'האָט אויסגעזען ווי ער האַלט זיך ביים צעווײנען. האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, מיט פאַרטרערטע אויגן מאַכטלאָז זיך אַ בייג געטאָן, ווי נישט קענענדיק שטיין אויף די פיס. און ווען ער איז דערנאָך צו איר צוגעגאַנגען, צוריק זי אַהיים נעמען, האָט זי שטיל און געהאָרכזאַם זיך געלאָזט פון אים צוריק אַהיים פירן.

*

נאָך דעם, ווי סיימאָן האָט זײַן פרוי צוריק אַהיים געבראַכט, האָט עס אויסגעזען, אַז זי פילט זיך ווידער גליקלעך אין דער רײַכער היים. זי איז ווידער פון אַלץ אַנטציקט געוואָרן. זי האָט זיך געצאַצקעט מיטן טײַערן מעבל, מיט דער שיינקייט פון די צימערן, מיט די לוקסוס־זאַכן אין הויז. זי האָט ווידער אַלץ באַוווּנדערט.

— אָ, ווי שיין דאָס איז! — איז זי ווידער פון יעדער זאַך באַגײַסטערט געוואָרן.

זי האָט זיך געפרייט מיט יענער גליקלעכער פרייד פון אַ קינד, ווען מען נעמט ביי אים צו אַ טײַערע זאַך, און מען גיט עס אים דערנאָך אָפּ צוריק.

זי האָט ווי צוריק אויפגעלעבט אין דעם שיינעם הויז, און מיט איר האָט אויך צוריק דאָס הויז אויפגעלעבט. יעדע זאַך האָט צוריק באַקומען מער שיינקייט, חן, מער לעבן. און סיימאָן, וועלכער האָט דורך דער צײַט וואָס זי איז אין הויז נישט געווען, געפילט ווי אַלץ ווערט פאַר אים פּוסט, האָט איצט ווידער דערפילט דעם כוח פון דעם יונגן ווײַבל. ער האָט געפילט, אַז נאָר דאָרטן, ווו זי איז דאָ, דאָרט איז דאָ די פרייד און לעבן; אָן איר איז אומעטיק אויפן האַרצן, פינצטער, קאַלט.

סיימאָן האָט זיך איצט באַמיט זי צו באַהאַנדלען נאָך בעסער ווי פריער, און זי איז צו אים בעסער געווען, ווי נאָך די ערשטע פּאָר טעג פון דער

חתונה. זי האָט זיך כמעט אויסגעהיט פון ווײ צו טאָן אים. אַז זי פלעגט דערזעען זײַן ליידנדיקן אויסזען, איז זי פול געוואָרן מיט רחמנות־געפילן צו אים. פון דעם געדאַנק, אַז זי האָט אים פאַרשאַפט יסורים, פלעגט איר פאַרקלעמען ביים האַרצן. דאַן פלעגט זי זיך באַמיען צו זײַן אויסערגעווײנ־לעך גוט צו אים, און אָן אַ וואָרט אים נאָכגעגעבן ביים יעדעס מאָל באַגערן זי.

*

סיימאָן האָט אָנגעהויבן גלייבן, אַז אפשר וועט שוין פון איצט אָן זײַן גוט. אפשר וואָלט עס אַזוי געווען מיט אַן אַנדער פרוי, אָבער נישט מיט סילוויאַן.

וואָרעם באַלד נאָך די ערשטע צוויי־דריי גליקלעכע וואָכן, האָט סיימאָן ווידער אָנגעהויבן צו באַמערקן אַן ענדערונג אין איר. זי האָט צוריק אָנגע־הויבן צו אים קאַפּריזנע צו ווערן; זי איז צוריק אומעטיק געוואָרן, פלעגט שעהן לאַנג אַרומגיין אין הויז אַ פאַרטראַכטע, און צו אים נישט אויסריידן קיין וואָרט. זיך מער נישט געצאַצקעט מיט די מתנות, וואָס ער האָט איר ווידער אָנגעקויפט. דאָס מער אין די הענט נישט גענומען. די מתנות פאַרשאַפן איר האַרצוויטיק, און זי ליידט יעדעס מאָל, ווען זי באַמערקט די זאַכן.

סיימאָנען האָט זי צוריק גענומען שלעכט באַהאַנדלען. זי האָט זיך ווידער גענומען ווערן קעגן זײַנע שטורמישע נאָענטקייטן און ביי נאַכט פלעגט ער ווידער הערן פון שלאָף, ווי זי וויינט אין קישן אַריין.

און איין מאָל אין אַן אָוונט, ווען ער איז אַהיים געקומען, האָט ער ווידער געטראָפן אַן איבעראַשונג. אויפן טיש איז ווידער געלעגן אַ צעטעלע. זי האָט זיך ווידער דערמאָנט אין אירע אַלטע טענות, און זי איז ווידער אַוועק צו אירע עלטערן.

און דאָס מאָל איז שוין נישט אַזוי לײַכט אָנגעקומען זי צוריק אַ היים צו ברענגען. ער האָט געדאַרפט זייער אַ סך ריידן מיט אירע עלטערן, אַז זיי זאָלן אויף איר ווירקן, אַז זי זאָל צוריקגיין וווינען מיט אים. צו ערשט האָט זי וועגן דעם נישט געוואָלט הערן. זי האָט זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל פון הויז און פון דאָרטן זיך נישט געוואָלט אַרויסרירן. איר קראַנקער

פֿאָטער און איר מוטער האָבן געהאַלטן אין איין ריידן און זיך בעטן ביי איר. ס'האָט אָבער נישט געהאָלפֿן.

געהאָלפֿן האָט ערשט דאָן, ווען ער אַליין האָט, אַן איבערגעשראָקענער, מיטן באַקאַנטן ווייַנענדיקן טאָן אין די רייד, וואָס מאַכט זי אַזוי שוואַך צו אים, קוקנדיק אויף איר, געפֿרעגט:

— וואָס האָסטו צו מיר, סילוויאַ, זאָג דאָס מיר, פֿאַר וואָס קומט דאָס מיר? כ'טו אַזוי פֿיל פֿאַר דיר, און וואָס דו ווילסט און באַגערסט, קאָנסטו ביי מיר האָבן. גאָר נישט איז מיר צו טייער פֿאַר דיר, און דו צאָלסט מיר אָפּ מיט אַזוי פֿיל חרפּה און יסורים.

נאָך אָט די רייד האָט זי זיך ווידער אַ בייג געטאָן, ווי נישט קענענדיק שטיין לענגער אויף די פֿיס, און שטילשווייגנדיק, געהאָרכזאַם, זיך געלאָזט נעמען אין די אָרעמס זיינע מיט איר אַהיימצוגיין.

און כאָטש סיימאָן האָט זי ווידער געהאַט אין הויז און עס האָט אויסגעזען, אַז אַלץ איז ווידער וווּיל און גוט, איז אים פֿון דעסטוועגן אָנגעקומען שווער זיך צו באַרויִקן. ביים פֿאַרלאָזן אין די פֿרימאָרגנס דאָס הויז, איז אים יעדעס מאָל פֿאָרגעקומען, אַז ווען ער וועט אַהיימקומען וועט ער זי ווידער נישט טרעפֿן, און אַהיימקומענדיק, מיט אַ גיכן בליק זי געזוכט, און דערזעענדיק זי, מיט דערלייכטערונג אַ טיפֿן זיפֿץ געטאָן. דאָס האָט זיך אַזוי איבערגעחזרט יעדן טאָג. די דאָזיקע געשפּאַנטקייט און שרעק האָט ער איבערגעלעבט יעדן טאָג. וואָרעם יעדעס מאָל נאָכן פֿאַרלאָזן אים, האָט ער זי נאָך מער ליב געקריגן. וואָס מער פֿאַרליבט ער איז אין איר געווען, אַלץ מער האָט ער זיך פֿאַר איר געשראָקן, זי זאָל דאָס אים ווידער נישט טאָן. קושנדיק זי פֿאַרן פֿאַרלאָזן אין דער פֿרי דאָס הויז, פֿלעגט ער פֿאַרשנדיק, איר לאַנג לאַנג קוקן אין די אויגן אַריין, ווי וועלנדיק דערגיין די געדאַנקען אירע. ער האָט זיך אָבער אויף גאָר נישט געקענט אָנשטויסן. ער האָט בלויז באַמערקט דעם שטענדיקן אומעט, וואָס האָט אַרויסגעגלאַנצט פֿון הינטער די אויגן־דעקלעך, ווי זי האַלט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז שטאַרק צופֿרידן ביים באַפֿרייען זיך פֿון זיינע אָרעמס.

אין אָט די שווערע טעג איז אים געקומען אויפֿן געדאַנק, אַז סילוויאַ וואָלט זיך מעגלעך געענדערט מיטן קומען פֿון אַ קינד. ביז צו דער חתונה האָט ער אין קינדער קיין איבעריקן אינטערעס נישט געהאַט. ווי

ס׳רוב עלטערע בחורים, האָט ער נישט געקענט פאַרנעמען ס׳געוואַלדעווען און טומלעריי פון דעם קליינוואַרג. איצטער אָבער האָט ער יאָ שוין גענומען בענקען נאָך אַ קינד, און יעדן טאָג איר געקוקט אין די אויגן אַריין צו הערן די גוטע בשורה. און לעצטנס, נאָכן האָבן אים פאַרלאָזט צוויי מאָל, איז אַ קינד געוואָרן דער שטאַרקסטער ווונטש אין זיין לעבן, זייענדיק זיכער, אַז מיטן קומען פון אַ קינד וואָלט זי געוואָרן אַן אַנדערע ווי זי איז.

ער האָט איינגעזעצן, אַלע מתנות און דאָס אַלץ וואָס ער טוט פאַר איר ווירקן נישט אויף איר זיך צו ענדערן. אַז עפּעס אַרבעט אין איר קעגן אים; און אַז די לייזונג, די רפואה צו זיין שווער לעבן, ליגן אין די צוויי הענטלעך פון אַן עופּהלע, אַז אַ פּיפּס, אַ געשריי, אַ געלעכטערל פון אַ נפשל, וועלן מער ווירקן אויף איר ווי אַלץ אויף דער וועלט. און אויב עס וועט נישט קומען אַ קינד, איז ער זיכער געווען, וועט זי אים ווידער פאַרלאָזן. און דאָס מאָל מעגלעך שוין אויף שטענדיק.

סיימאָן האָט עס נישט געקענט פאַרשטיין. שוין אַ יאָר נאָך דער חתונה און זי זאָגט אַ וואָרט נישט. און ווען ער פרעגט זי, ציט זי מיט די דינע פּלייצעלעך, ווי זי וואָלט געמיינט צו זאָגן, יאָ, יאָ, נישט, נישט. ס׳מיינט: ווי עס אַרט זי פאַר גאָר נישט, אַרט עס זי אויך פאַר דעם נישט.

האָט דאָס, אויף וואָס סיימאָן האָט זיך געשראָקן, טאַקע פּאַסירט, און פריער ווי ער האָט עס דערוואַרט. זי איז קענטיק ווידער אַ מאָל באַהערשט געוואָרן פון דעם געפיל, וואָס אַרבעט אין איר קעגן אים, איז ער זיכער געווען, און ווען ער איז אין איינעם אַן אָוונט אַהיימגעקומען, האָט ער ווידער געטראָפן ס׳הויז אָן דער פרוי.

דאָס מאָל האָט ער אפילו נישט געוווּסט צו וועמען זי איז אַוועק און ביי וועמען זי געפינט זיך. ביי די עלטערן איז זי נישט געווען. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט פון זינען אַראָפּ, ער האָט רעכט נישט געגעסן, און קיין איין מאָל אין הויז נישט איבערגעשלאָפן. ווי נאָר ער איז אַריין אין הויז, האָט עס אים גלייך צוריק אַרויסגעיאָגט. ס׳איז אויף אים געלעגן אַזאַ אומעט, וואָס האָט געקענט רירן אַ שטיין. ער האָט געוווּסט, אַז זי איז נישטאָ אין הויז. דאָך האָט ער געהאַלטן אין איין רופן זי מיט זיין ווייך, בעטנדיק קול:

— סילוויאַ, טייערע סילוויאַ!

ווי די ווענט האָבן געענטפערט, אַזוי האָט סילוויאַ געענטפערט.

מיט גרויס מאַטערניש האָט ער אויסגעפונען ווו זי געפינט זיך. ער האָט זי געטראָפן ביי אַ חברטע אין הויז. זי האָט דאָרט געדונגען אַ צי־מער, און ווען זי האָט געהערט, אַז דער מאַן איז נאָך איר געקומען, האָט זי בשום אופן נישט געוואָלט צו אים אַרויסקומען. סיימאָן האָט זיך געבעטן ביי סילוויאַס חברטע, אַז זי זאָל צורײדן אַרויסצוקומען צו אים.

די חברטע איז געווען אַ מיטלוועקסיק בײז ווייבל, פון דעם סאָרט, וואָס רעדט מיט אַ דין שטעכיק שטימעלע, וואָס מאַכט פון ערשטן וואָרט אייך פילן, אַז ווען זי זאָגט עפּעס, מוז עס אַזוי בלייבן.

— צו וואָס? — האָט זי געפרעגט מיט איר שטעכיק שטימעלע.

— וואָס הייסט: צו וואָס? — האָט סיימאָן געטענהט — זי איז דאָך מיין ווייב?

— אַז זי וויל נישט זיין אייער ווייב! — האָט שוין סילוויאַס חברטע צו אים אַרויסגעוויזן אַן אָפענע שנאה.

פון אירע רייד איז סיימאָנען קאַלט געוואָרן אין אַלע אברים. דאָס דינע שטימעלע פון דער חברטע און אירע בייזע רייד, האָבן אים מער ווי גע־טאָן ווי דער נייער בזיון פון דעם אַוועקגיין סילוויאַס. אין אָנהייב האָט ער געמיינט, אַז ס'וועט זיין פאַרקערט, אַז די חברטע וועט אים מיטפילן זי וועט פאַרשטיין זיינע ליידן און זיין שאַנדע, און זי וועט האַלטן מיט אים. פון אירע רייד איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער וועט ביי איר קיין סימפּאַטיע נישט קריגן. פאַרקערט, ס'האָט אויסגעזען, אַז זי רעדט נאָך אָן סילוויאַן, זי זאָל זיך נישט בייגן; ס'איז איצט אויסגעקומען ווי ער וואָלט געווען נישט נאָר ביי זיין אייגן ווייב אין די הענט, נאָר אויך ביי איר חברטע. ער האָט זיך געפילט פאַרלוירן און נישט געוווסט ווי אַזוי צו האַנדלען. אַהיים גיין מיט גאָרנישט האָט ער אָבער אויך נישט געקענט, האָט ער זיך ווידער ביי איר געבעטן:

— אַלס מאַן מעג איך דאָך נאָך אויסריידן אַ וואָרט מיט איר!

— אַז איר האָט נישט מיט איר וואָס צו ריידן — האָט זי אויף אים ווידער אַ שטעכיקן בליק געוואָרפן.

סיימאָן האָט דערפילט, אַז ער קען פון אָט דעם ווייבל מער נישט אויס־האַלטן. ער האָט זיך געריסן איר צו ענטפערן אויף אַ שאַרפן אופן. ער האָט

זיך אָבער געשראָקן, אַז דאָס וועט נאָך פֿאַרערגערן זיי איצטיקע לאַגע, אַז ער מוז האַנדלען זייער פֿאָרזיכטיק, און דעריבער האָט ער זיך אַלץ געבעטן:

— דערווייל בין איך סילוויאָס מאַן און איך קום צו זען. — ער האָט געוואָלט נאָך ריידן, אָבער די חברטע האָט אים איבערגעריסן די רייד. זי האָט גאַנץ בייז אַ זאָג געטאָן:

— סילוויאַ ליידט זייער שטאַרק צוליב אייך; זי איז שוין אַ צעבראָ־כענע, האַלב־קראַנקע פֿרוי.

סיימאָנען איז ווידער דורכגעגאַנגען אַ קעלט איבערן לייב. דער חבר־טעס פֿיינלעכע ווערטער האָבן איצט מער ווי געטאָן ווי די שטעכיקע בליקן, מיט וועלכע זי האָט אויף אים געקוקט. ער האָט געפֿילט, אַז ער ציטערט אַזש פֿון ווייטאָג, אַז עס ווערט אים אַזש פֿינצטער אין די אויגן. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס מאָל פֿאַרלירט ער דאָס ווייב אויף אַן אמתן; אַז איצט וועט זי שוין צוריק נישט גיין וווינען מיט אים. אַלץ איז פֿאַרלוירן, און וואָס וועט ער טאָן אָן איר, ווי אַזוי וועט ער אַליין זיך קאָנען אין הויז געפֿינען און דאָרטן אַ נאַכט איבערשלאָפֿן? ווי אַזוי וועט ער אָן איר בכלל קאָנען לעבן אויף דער וועלט? ער וועט דאָך אויסגיין פֿון בענקשאַפֿט.

אַ דערשלאָגענער פֿון די דאָזיקע געדאַנקען, האָט ער מיט אַ צעבראָכן, ווייך און וויינענדיק קול, זיך געווענדעט צו דער חברטע:

— זאָגט איר, איך בעט אייך, אַז זי זאָל בלויז אַרויסקומען, אַז זי זאָל צו מיר נאָר אַ וואָרט אויסריידן.

— זי וועט נישט אַרויסקומען. לאָזט זי אָפּ! — האָט די חברטע אים געענטפֿערט מיטן זעלבן שטרענגן קול.

אָבער נאָך איידער זי האָט באַוויזן אַרויסריידן צו סיימאָנען די לעצטע פּאָר ווערטער, איז זי פֿאַר גרויס איבעראַשונג שטיין געבליבן אָן לשון. זי האָט דערזען ווי די טיר פֿון סילוויאָס צימער עפֿנט זיך און סילוויאַ קומט אַרויס. זי איז געווען בלייך, אַרום אירע אויגן־ווינקלען איז געלעגן אַ טרוקענע רויטקייט. זי האָט אַ בליק געטאָן אויפֿן מאַן, דערזען זיין דער־שלאָגן און פֿאַרוויינטקט פּנים, און האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

סילוויאָס חברטע האָט זי אָנגעקוקט מיט איבעראַשונג, ווי זי וואָלט נישט געגלייבט אירע אויגן. און נאָך גרעסער איז געוואָרן איר איבעראַ־שונג, ווען זי האָט אַ ביסל שפּעטער געזען, ווי סילוויאַ לאָזט זיך, אָן אַ

זאָרט אויסצוריידן, ווי אַ געהאַרכזאַם קינד, פון איר מאַן נעמען צוריק אַהיים.

*

ווען סיימאָן איז צוריק געקומען אַהיים מיט סילוויאַן, האָט ער גלייך דערפילט, אַז זי איז שוין נישט די אַמאָליקע סילוויאַ; זי האָט טאַקע געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ קראַנקער, צעבראָכענער פרוי.

דער הויכער, שלאַנקער קערפּער האָט זיך געבויגן; זי איז געוואָרן מאָגערער, האָט פאַרלוירן פון די וואָג, און אַנשטאָט דעם חנעוודיקן שמייכלעך אַרום די שמאָלע ליפּן, איז געלעגן אַ מין נאָגנדיקער אומעט און טרויער. בלויז אויף דעם רונדיקן פּנימל האָט זיך נאָך באַמערקט די אַמאָליקע שיינקייט פון די מיידלשע יאָרן. זי איז געווען ווי אַ שאָטן פון דער אַמאָליקער, פריילעכער סילוויאַ. זי איז אַרומגעגאַנגען אין הויז, איבער די צימערן, אָן מוט, אָפּגעלאָזן, שטיל און איז צו אַלץ געווען גלייכגילטיק. זי איז געווען קאַלט צו זיינע צערטלעכע באַנעמונגען, און פּונקט אַזוי קאַלט און גלייכגילטיק האָט זי אים געלאָזט טאָן מיט זיך, וואָס נאָר ער האָט געוואָלט. זי איז צו אים געווען געהאַרכזאַם און נאָכגיביק ווי תמיד; ס׳איז אָבער געווען אָן ווילן, אָן חשק. זי האָט עפּעס צו גאָרנישט געהאַט קיין לוסט; ס׳האָט זי צו גאָרנישט געצויגן. און אָט די אָפּגעלאָזנקייט, דער האַלב־אָפּגעשטאָרבענער ווילן, האָט אין סיימאָנען געשאַפן אַ האָפענונג, אַז דאָס יונגע ווייבל וועט אפשר זיך שוין איינשטילן, אַז זי איז שוין מיד און קראַנק פון אַלע מאָל אים צו פאַרלאָזן. ווי גרויס איז דעריבער געווען זיין איבעראַשונג, ווען זי האָט מיט אַ געוויסע צייט שפּעטער, אָנגעהויבן פאַרפאַלן ווערן פון הויז אויף גאַנצע טעג.

אַ מאָל איז זי אַוועק צו די עלטערן, אַ מאָל צו דער חברטע, און לעצטנס האָט זי זיך אָנגעהויבן טרעפן מיט דעם אַמאָליקן יוגנט־פריינד, מיט אַלבערטן. זי האָט אויסגעפונען, אַז אַלבערט, וועלכער האָט דורך דער צייט חתונה געהאַט, האָט זייער נישט צוגעטראָפן מיט דעם שידוך. ער האָט אַ סך געליטן פון זיין ווייב און ער האַלט זיך איצט ביים גטן מיט איר. זי האָט זיך מיט אים איין מאָל באַגעגנט צופעליק, און פון דעמאָלט אָן האָבן זיי גענומען זיך טרעפן יעדן טאָג.

סיימאָן איז זייער נישט צופרידן געווען, וואָס זי האָט גענומען זיך זען

מיט אַלבערטן, ער האָט עס איר אַ פּאָר מאָל געזאָגט, אָבער זי האָט אים נישט געפּאָלגט. ער האָט צו איר געטענהט, אַז אַ מאַן, וועלכער האָט חתונה און גט זיך באַלד מיט זיין פרוי, איז נישט קיין פאַראַנטוואָרטלעכער מאַן.

און באַזונדערס איז סיימאַן געוואָרן אומרואיק, ווען ער האָט באַמערקט, אַז געוויינלעך איז זי שטיל און אומעטיק אין הויז. קומט זי אָבער צוריק אַהיים נאָך אַ באַגעגעניש מיט אַלבערטן איז זי אַ לאַנגע צייט פול מיט לעבן און פריילעכקייט; אין אַזאַ צייט איז זי צו סיימאַנען צערטלעכער און בעסער. זי גלעט אים איבער דער דיקלעכער באַק, קוקט אים שטיפעריש אין די אויגן אַריין און רעדט אויף אַ שפּאַסיקן אופן וועגן זיין אומצופרידנקייט:

— ביסט אַ שלעכטער, שלעכטער מאַן! פאַרגינסט נישט, אַז דיין ווייבל זאָל אַ מאָל האָבן אַ ביסל פאַרגעניגן.

סיימאַן איז אָבער נישט צופרידן. ער האָט זיך געשראָקן, מורא געהאַט, אַז פון דעם אָפטן טרעפן זיך מיט אַלבערטן וועט קיין גוטס נישט אַרויסקומען. נישט געוווּסט וואָס פאַר אַן עצה זיך צו געבן. מיט גוטן האָט נישט געהאָלפן, און מיט גוואַלד האָט ער אויך מורא געהאַט עפּעס צו טאָן. ווען ער פלעגט אויסגעפינען, אַז זי האָט זיך געטראָפן מיט אַלבערטן, אָדער זי דאַרף זיך מיט אים טרעפן האָט ער נישט געקענט רוען. אין אַזעלכע מינוטן האָט ער איבערגעלעבט די גרעסטע שרעק. ער האָט געוווּסט, אַז כל־זמן זי פלעגט אַנטלויפן צו די עלטערן אָדער צו אַ חברטע, האָט ער זי נאָך צוריק אַרויסגעקריגן. זאָל זי אָבער אַוועק צו אַלבערטן, איז ער געווען זיכער, וועט ער זי שוין קיין מאָל צוריק נישט קריגן.

איין מאָל אין אַן אָוונט, נאָך דעם ווי סילוויאַ האָט זיך פאַרשפּעטיקט אַהיים צו קומען, און דאָס האָט אים איבערצייגט, אַז זי וועט סוף־כל־סוף אים פאַרלאָזן, האָט ער געהאַט מיט איר אַ גרויסע מחלוקה.

— סילוויאַ, — האָט ער צו איר געטענהט, — האָסט נישט קיין שום געשעפטן מיט אים זיך צו טרעפן.

זי האָט אָבער נישט געוואָלט נאָכגעבן.

— ער איז מיינער אַ יוגנט־פריינד; מיר קאָנען זיך נאָך פון די שול־יאָרן.

— איך האָב וועגן אים נישט קיין גוטע מיינונג. זאָל ער דיך אָפּלאָזן!

— טאָר איך זיך שוין נישט טרעפן מיט אַ באַקאַנטן מענטשן? — האָט זי געפרעגט, און ס'האָט זיך געפילט ווי די פּאָר ווערטער שטיקן זי אין האַלדז.

— סילוויאַ, פאָלג מיך און לאָז אים אָפּ! איך בין זיכער, אַז קיין גוטס וועט פון אייער טרעפן זיך נישט אַרויסקומען. — האָט ער זיך ביי איר געבעטן.

און ער האָט זיך צום סוף מודה געווען אין דעם גאַנצן אמת: ער האָט מורא, אַז זי וועט אים ווידער פאַרלאָזן, אַז ער וועט אָן איר אויסגיין פון בענקשאַפט; וועט דאָס נישט קענען אויסהאַלטן, ער וועט פון זינען אַראָפּ, און באַגיין זעלבסטמאָרד.

— סילוויאַ, — האָט ער צו איר אַפּעלירט, — ס'וועט דערפירן, אַז איך וועל מיר נעמען דאָס לעבן. גיב מיר דיין וואָרט, אַז דו וועסט מיך מער נישט פאַרלאָזן.

זיין סטראַשען, אַז ער וועט באַגיין זעלבסטמאָרד, האָט זי אַריינגעוואָרפן אין אַזאַ שרעק, אַז זי האָט מורא געקריגן, אַז ער זאָל עס טאַקע נישט טאָן. די רייד וועגן זעלבסטמאָרד האָט זי מער נישט געקענט פאַרגעסן. אָפט פלעגט זי זיך פאָרשטעלן, ווי מ'קומט איר אָנזאָגן, אַז איר מאַן האָט זיך גענומען דאָס לעבן. ווי זי פלעגט זיך אַ מאָל פאַרשפּעטיקן און ביים אַהיימ־קומען, פון דער וייטן דערזען אַ גרופּע מענטשן אין גאַס ווו זי האָט געוווינט, פלעגט זי פאַרציטערט ווערן. עס פלעגט זיך איר אויסווייזן, אַז סיימאָן האָט טאַקע געמאַכט אַ סוף צו זיך. און דאָס זענען זיך די שכנים צונויפגעלאָפן און מען זוכט דאָס ווייב.

אַז זי פלעגט דערנאָך אַהיים קומען און אים דערזען אַ לעבעדיקן, האָט זי פרייער אָפּגעאָטעמט.

פון דעמאָלט אָן האָט זי אַלץ ווייניקער זיך גענומען טרעפן מיט אַלבערטן; אַלץ ווייניקער פון הויז אַרויסגיין. ווען זי פלעגט ערגעץ גיין, פלעגט זי זיך איילן צוריק אַהיים צו קומען אין דער באַשטימטער צייט. מורא געקריגן ערגעץ צו פאַרברענגען צו לאַנג, ערגעץ זיך צו פאַרזאַמען. און ווען דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן אים צו באַרואיקן; ווען ער האָט אַלץ געמיינט, אַז זי טרעפט זיך מיט אַלבערטן, האָט זי צום סוף אים געגעבן

איר וואָרט, אַז זי וועט זיך מיט איר יוגנט־פריינד מער נישט טרעפן, און אַז זי וועט אים, סיימאָנען, מער נישט פאַרלאָזן.

*

סילוויאַ האָט געהאַלטן וואָרט. זיך מיט אַלבערטן מער נישט געטראָפן. זי פלעגט שוין פון מאַן מער נישט אַוועק, נישט צו די עלטערן, נישט צו דער חברטע, און נישט אַנדערשוווּ. זי איז שוין געבליבן ביי אים אין הויז.

צום ערשטן מאָל פון נאָך דער חתונה האָט זיך סיימאָן דערפילט זיכער מיט זיין יונג ווייבל. אין יענע טעג האָט זיך אים ווידער אויסגעוויזן, אַז ער איז דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט.

ער האָט געמיינט, אַז פון איצט אָן וועט שוין זיין גוט; ס׳וועט זיך צווישן זיי אָנהייבן אַ ניי לעבן. זי וועט זיך פילן גליקלעך מיט אים — גליקלעך מיט זיין איידעלער גוטסקייט, מיט זיין פיינער באַהאַנדלונג, און מיט זיין ליבע, וואָס האָט נישט קיין גרענעץ. און ער האָט זיך נישט געדאַרפט יעדן טאָג שרעקן, נישט ציטערן יעדן פרימאָרגן, אַז ווען ער וועט אין אָוונט אַהיים קומען, וועט ער מער דאָס ווייב נישט טרעפן. ער האָט געמיינט, אַז די גרעסטע שטערונגען אין זיין פאַרהייראַטן לעבן זענען שוין פאַריבער, און אַז דאָס אמתע גליק הייבט זיך איצט אָן אויף אַן אמתן צו באַווייזן.

סיימאָן האָט זיך אָבער גיך איבערצייגט, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות.

ער איז טאַקע געווען זיכער, אַז סילוויאַ וועט אים שוין מער נישט פאַרלאָזן. ער האָט אָבער אויך איינגעזען, אַז דאָס וואָס אַרבעט אין איר קעגן אים, נאָגט נאָך אַלץ מיט דער זעלבער שאַרפקייט ווי אין דער ערשטער צייט נאָך דער חתונה. זי איז נישט רואיקער געוואָרן; זי האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען, זי איז כמעט אין ערגעץ נישט אַרויסגעגאַנגען. ער האָט זי געוואָלט נעמען אויף קאָנצערטן, אין קינאָ, אין טעאַטער, אָבער זי האָט אין ערגעץ נישט געוואָלט גיין. זי האָט צו קיין זאַך נישט געהאַט קיין חשק; עס האָט זי צו קיין זאַך נישט געצויגן.

די זעלבע קאַלטע באַציאונג האָט זי אויך אַרויסגעוויזן צו איר רייכער היים. זעלטן, ווען זי פלעגט עפּעס זאָגן צום דינסטמיידל, צי זאָל זי יאָ טאָן אָדער נישט טאָן. זי פלעגט אין די פינף גרויסע צימערן אַרומגיין אין אַ מאָדנער פאַרטראַכטער שטימונג, און כאָטש די צימערן זענען געווען

גרויסע און באַקוועמע, פלעגט זי דאָך פילן ווי זי קען זיך אין זיי נישט באַוועגן. עס איז איר געווען ענג און שטיקנדיק, ווי ס׳וואָלט איר אויסגעפעלט לופט אין די צימערן.

אויף די מתנות, וואָס סיימאָן האָט געהאַלטן אין איין קויפן, פלעגט זי געבן אַ גלייכגילטיקן בליק און זיי קוים אָנרירן. זי האָט זיך שוין מער מיט קיין זאַך נישט געפרייט, זיך נישט געצאַצקעט מיט קיין מתנות, וואָס זי האָט באַקומען פון איר מאַן. סיימאָנען פלעגט דאָס קאָסטן אַ שטיק געזונט. ער האָט שוין נישט געוווסט וואָס איר צו קויפן, אַז עס זאָל ביי איר אַרויס־רופן אינטערעס. ער האָט זי שוין לאַנג נישט געזען מיט עפּעס זיך פרייען. ער האָט געהאַלטן אין איין טראַכטן, מיט וואָס אַזוינס זי צו פאַראינטערעסירן.

*

מיט דער צייט איז דאָס אומעטיקע אויסזען אויף סילוויאַס פּנים פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין האַלב־קרענקלעכער בלייכקייט. ס׳האָט אויסגעזען, ווי דער דינער, שלאַנקער גוף ווערט יעדן טאָג מאָגערער און די ביינער שטאַרטשען שוין כמעט אַרויס פון דעם דינעם לייב. זי פלעגט גיך מיד ווערן, האָט זיך אַלע ווײַלע געמוזט צולייגן אָפּרוען, כאָטש זי פלעגט קיין הויז־אַרבעט נישט טאָן.

סיימאָן האָט זיך דערשראָקן. ער האָט געזען, אַז דאָס ווייבל ווערט קראַנק און זיך ביי איר געבעטן:

— זאָג מיר, סילוויאַ, וואָס איז מיט דיר! זאָל איך רופן אַ דאָקטאָר?

זי איז געלעגן אין בעט מיט פאַרמאַכטע אויגן עפּעס ווי אַ שטיק שטומע מאַסע וואָלט געלעגן, וואָס קען זיך נישט באַוועגן.

— סילוויאַ, איך וועל רופן אַ דאָקטאָר, איך זע, אַז דו ביסט קראַנק. — האָט ער צו איר מיט גרויס שרעק גערעדט.

זי האָט זיך אַלץ נישט גערירט פון אָרט, און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

צו מאָרגנס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי קען שוין פון בעט כמעט נישט אַרויסגיין. זי איז געווען צו שוואַך. בשעת זי האָט זיך געוואָלט שטעלן אויף די פיס, האָט זיך אַזאַ שווינדלענדיקע פינצטערניש איר אַ מיש געטאָן אין די אויגן, אַז זי האָט געהאַלטן ביים פאַלן, און סיימאָן האָט זי קוים

דערכאַפּט. ער האָט דאַן אין דער גרעסטער איילעניש אַרויסגערופן אַ דאָקטאָר.

גענוי וואָס מיט איר איז, האָט דערווייל דער דאָקטאָר נישט געוווסט. זי איז אָבער יעדן טאָג שוואַכער געוואָרן, פאַרלוירן אויף דער וואָג, און שוין כמעט קיין כוח נישט געהאַט צו ריידן. אויך די אַנדערע דאָקטוירים וועלכע ער האָט שפּעטער גערופן, האָבן נישט געפונען אין איר קיין שום קראַנקייט און האָבן נישט געוווסט מיט וואָס זי צו היילן.

אַז סילוויאַ האָט דערפילט, אַז איר ווערט מיט יעדן טאָג ערגער, האָט זי זיך געבעטן ביים מאַן, אַז ער זאָל זי ברענגען צו די עלטערן. זי האָט געוואָלט ליגן ביי די עלטערן אין דער היים. מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער איז זי שוין טאַקע געווען ביי די אָרעמע עלטערן אין הויז. זיי האָבן איצט צוריק געהאַט זייער קינד, און זי איז געלעגן אינעם זעלבן צימער, ווו זי איז געשלאָפן מיידלוויז. איצט האָט זי זיך מיט דעם שטאַרק דערפרייט.

— מאַ, טייערע מאַ, איך ליג איצט אינעם זעלבן בעט, ווו איך בין געלעגן אַלס מיידעלע!

נאָך די דאָזיקע ווערטער איז זי צוריק אומעטיק געוואָרן. דאָס קרענקלעכע, בלאַסע אויסזען האָט זיך פאַרקרימט אין אַ גרימאַסע פון ליידן. ס'האָט זיך געפילט ווי עפּעס טוט איר וויי, נאָר זי וויל נישט זאָגן וואָס...

ביי די עלטערן אין הויז איז איר אָבער אויך נישט געוואָרן בעסער. דאָקטוירים זענען געקומען, פאַרשריבן מעדיצינען, עס האָט אָבער אַלץ נישט געהאָלפן. זי איז אַלץ בלייכער און מאָגערער געוואָרן. זי האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט ביסלעכוויז אויסגעצערט געוואָרן, האָט קוים געקאָנט ריידן, באַוועגן מיט אַ האַנט, און איר פּנים האָט באַקומען אַ לעבנס־לאָזן אויסזען. די עלטערע האָבן געוויינט, זיך געבעטן זי זאָל זאָגן וואָס איר טוט וויי, זי זאָל ריידן.

סילוויאַ האָט גרויס מיטלייד געהאַט מיט זיי פאַר די ליידן וואָס זי האָט זיי פאַרשאַפט. זי האָט אָבער נישט געוווסט וואָס זיי צו זאָגן און מיט וואָס זיי צו טרייסטן.

איין מאָל אין אָוונט, ווען סיימאָן איז געקומען און דערזען דאָס בלייכע, קראַנקע אויסזען פון זיין ווייב, האָט ער זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער האָט אין די ערשטע פּאָר מינוט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסריידן.

ער האָט מורא געקריגן, אַז זי שטאַרבט אים אָפּ, ווי אַ ליכט גייט זי אויס. ער האָט זיך איצט ביי איר געבעטן:

— סילוויאַ טייערע, ווער געזונט, איך וועל דיר מער גאָרנישט שטערן, ווער נאָר געזונט. איך זע, אַז דו ווילסט מיך נישט! כ׳וועל שוין זיין צופרידן צו לעבן אָן דיר, נאָר ווער געזונט!

ער האָט צו איר די פּאָר ווערטער אַרויסגעזאָגט מיט אַזוי פיל האַרץ און נשמה, מיט אַזאַ ווייך רירנדיק קול, אַז סילוויאַ האָט פּאַר גרויס רחמנות אים געמוזט געבן אַ ליבן בליק. זי איז אַזוי שטאַרק גערירט געוואָרן פון זיינע רייד, אַז זי איז פול געוואָרן מיט רחמנות אויף אים. זי האָט אים נענטער צו זיך צוגעצויגן, ליבלעך אים אָנגענומען ביי אַ האַנט און אים געענטפערט מיט דער קראַנקער, שוואַכער שטימע:

— זאָרג זיך נישט, סיימאָן, איך וועל צו דיר צוריקקומען. איך בעט דיך, לייד נישט אַזוי. ווי נאָר כ׳וועל געזונט ווערן, וועל איך מיט דיר צוריק גיין ווינען.

סיימאָנען האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. ער האָט איר אַ קוש געטאָן אין די בלאַסע, קראַנקע באַקן, און זיך צעוויינט ווי אַ קינד.

אַ טאַטע

וונטיק אָוונט, בעת פעניס חתונה איז שוין געווען אין פולן גאַנג: דער זאַל איז שוין געווען געפּאַקט מיט די פאַרבעטעטנע געסט, מיט משפחה און פריינד פון ביידע צדדים. די יונגע פּאָרלעך האָבן זיך שוין געהאַט געגוג אָנגעטאַנצט; די כלה, אַ הויכע, אַ דינע מיט אַ פּאָר־רויטלט־איידל פנימל וועלכע איז געזעסן אויף דער בינע צווישן אַ וואַלד מיט בלומען, האָט זיך שוין געהאַט מיט אַלעמען צעקושט און צעהאַלדזט, און עס איז שוין באַלד צייט געווען צו פראַווען די חתונה־צערעמאָניע, — אָט דאַן האָט אינעם חתונה־זאַל נאָך אַלץ געפעלט איינער פון די הויפּט־מחותנים צו דער חתונה — דער כלהס פאָטער.

— ער וועט שוין נישט קומען, — האָבן צווישן זיך גערעדט די געסט, וואָס האָבן געוווסט, אַז דער כלהס פאָטער וווינט נישט מיט דער פאַמיליע, — ס׳איז אומזיסט דאָס וואַרטן מיט דער חופּה.

אויך דער כלהס מוטער, אַ יום־טובדיק־אויסגעפּוצטע, מיט אַ שיינענ־דיקן נחת־שמייכעלע אין די אויגן, האָט יעדע ווײַלע געטענהט צו עמעצן פון דער משפּחה:

— ער וועט נישט קומען. ס׳איז אומזיסט דאָס וואַרטן. איך קען אים און וויס וואָס פאַר אַ מענטש ער איז. ער איז קיין מאָל נישט בעסער געווען, תמיד זיינס נאָר געוואָלט אויספירן, און ביי אַזאַ טאַטן איז רעכט אויך אַוועקצושטיין פון זיין אייגן קינדס אַ שמחה.

די כלה אַליין איז אויך פאַרביטערט געווען און האָט זיך געהאַלטן אין איין באַוועגן אויף איר אָרט, ווי עס וואָלט איר געווען ענג אַרום זיך. זי האָט יעדע ווײַלע אַרויסגעהויבן די אויגן פון אונטער דעם חופּה־שלייער און אַ בליק געטאָן צו דער טיר. עס האָט זיך איר נאָך אַלץ אויסגעוויזן, אַז דער פאָטער קומט, און אָט־אָט וועט זיך דאָס דינע, מאָגערע געשטאַלט

זיינס מיט דעם באַזילבערטן קאָפּ געדיכטע האָר באַוויזן אין דעם חתונה־זאַל. דערמאָנענדיק זיך אָבער ווי ער האָט זיך צערעדט, ווי ער איז ווידער אַרויסגעקומען מיט די אַלטע טענות דעם היינטיקן פרימאָרגן, ווען זי האָט געמאַכט אַ לעצטן פרווו אים צו ברענגען אויף איר חתונה; דער־מאָנענדיק זיך אין די שאַרפע ריידעלעך זיינע, איז זי אויך איבערצייגט געוואָרן, אַז ס'איז אַרויסגעוואָרפן דאָס וואַרטן אויף אים מיט דער חופּה. ער איז פאַרביסן און וועט נישט קומען.

— די חתונה וועט אָן מיר אויך קענען זיין, — האָט ער צו איר געזאָגט און צוגעלייגט אַ פּאָר שטעכווערטלעך, — וואָס דאַרפסטו מיך האָבן, אַז דו האָסט דער מאַמען...

און פון די ערשטע פּאָר ווערטער זיינע איז פענין באַלד קלאָר געוואָרן, אַז דער פאָטער איז איינגעשפּאַרט איר אָפּצוטאָן; ער איז נאָך אַלץ בייז און וויל נישט מוחל זיין דער טאָכטער, פאַר וואָס זי פלעגט זיך שטענדיק אַריינמישן אין די קריגערייען צווישן די עלטערן, ווען ער האָט נאָך גע־וווינט מיט דער פרוי. וואָלט זי דעמאָלט, פאַרשטייט זי איצט, נישט גע־מאַכט קיין אויסנאַם צווישן טאַטע־מאַמע און זיך איינגעשטעלט פאַרביידן גלייך, וואָלט ער צו איר קיין טענות נישט געהאַט. זי וואָלט אים נאָך ליבער און טייערער געוואָרן, וויסנדיק, אַז ער פאַרמאָגט אַ פאַרשטענדלעכע טאָכ־טער, אַ מיטפילנדיק קינד, וואָס האָט שכל, רחמנות צו האָבן אויף ביידן, אויף דער מאַמען און אויף דעם טאַטן. ער האָט מער, צו וואָס ער איז באַרעכטיקט, נישט פאַרלאַנגט. ער האָט בלויז פאַרלאַנגט דאָס, וואָס ער האָט אַ רעכט געהאַט צו דערוואַרטן פון אַ קינד — אַ ביסעלע דרך־ארץ און אַכטונג אויף פאַרן טאַטן. האָט זי אָבער יאָ געמאַכט אַן אויסנאַם אין די רייסערייען צווישן די עלטערן, און פלעגט שטענדיק זיך איינשטעלן נאָר פאַר דער מאַמען. די מאַמע איז ביי איר שטענדיק געווען די באַ־עוולהטע און ליידנדיקע, פונקט ווי איר וואָלט דערפון צוגעקומען אַ שטיק געזונט... זי האָט זיך נישט געקענט העלפן. די מוטער, אַ נידעריקע, אַ שוואַכע, מיט אַ פאַרעלטערטן אויסזען פון די שטענדיקע קריגערייען, אַ פּנים, מיטן טאַטן, פלעגט איר מאָדנע רירן, אַרויסרופן אַן אומבאַשרייבלעכן רחמנות צו זיך מיט די קרעכצעלעך און זיפצן, און זי פלעגט נישט קענען פאַרנעמען דער מאַמעס ליידן. ווער רעדט נאָך, אַז זי פלעגט אַ מאָל דער

מאַמען, נאָך אַ קריגעריי, זען ווײנען. דאַן פּלעגט זי אין גאַנצן צענומען ווערן פון רחמנות און זיך נעמען ביי איר בעטן:

— דאָנ׳ט קראַי מאַדהער, פּליז! (וויין נישט, מאַמע, איך בעט דיך).

היינט פאַרשטייט זי שוין, אַז צוליב דעם, וואָס זי פלעגט שטענדיק נאָר מיטפילן מיט דער מוטער פלעגט זיך דעריבער איר מוטער אויסווייזן, אַז דער פאָטער איז דער שולדיקער אין דער מאַמעס ליידן און צרות, און פלעגט וועגן אים אויך האָבן די זעלבע מיינונג, ווי די מוטער: אַז ער איז „נאָ גוד״, ער איז קיין לייט נישט. אַזוי האָט זי דאָס דעמאָלט פאַרשטאַנען. און צוליב די צווייערליי באַציאונגען צו די עלטערן — די טיפע ליבשאַפט צו דער מאַמען און די פיינטלעכע באַציאונג צום טאַטן, — איז ער אַזוי פאַרביטערט געוואָרן קעגן דער טאָכטער, אַז ווען ער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק אַוועק פון הויז, האָט ער זיך אַזש געשווירן איר אַמאָל עפּעס אָפּצו־טאָן פאַר די דערנידעריקונגען און באַליידיקונגען, וואָס ער איז פון איר אויסגעשטאַנען. ווען זי איז היינט געווען ביים טאַטן, האָט זי געוואָלט פועלן, ער זאָל אין דעם אַלעם פאַרגעסן:

— פאָרגעט אַבאַוט איט נאַו (פאַרגעס איצט וועגן דעם), — האָט זי צו אים אַפּעלירט. — דאָס האָט דאָך פּאַסירט אַזוי לאַנג צוריק. ווי לאַנג נאָך וועסטו דאָס מיר דערמאָנען.

פאַר אַ ווײלע האָט זיך פענין טאַקע געהאַט אויסגעוויזן, אַז דער פאָטער איז גרייט אין אַלעם צו פאַרגעסן. זי האָט באַמערקט, ווי ער איז פלוצים אַנטציקט געוואָרן, באַמערקנדיק די חנעוודיקע שיינקייט פון דער טאָכטער, דאָס כּלה־מיידל. דער צאַרטער קערפּער, מיט דעם איידעלן פּנימל האָט, אַ פּנים, אַרויסגערופן פרייד־געפילן אינעם פאָטערלעכן האַרצן. די אויגן האָבן אים נחתדיק געגומען פינקלען, ווי עס וואָלט אים אָפּגעגאַנגען דאָס שווערע געמיט. די שטימונג האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. קענטיק, אַז ער האָט זיך באַלד צוריק אין אַלעם דערמאָנט וואָרעם ער האָט ווידער גענומען טענהן:

—פריער האָסטו מיך נישט געקענט — האָט ער איר פאַרגעוואָרפן — דער עיקר איז נאָר געווען די מאַמע; און איצט האָסטו זיך פּלוצים דער־מאָנט, אַז דו האָסט אויך אַ טאַטן.

די פּאַר ווערטער פון דעם פּאָטער האָבן פּעניין אין גאַנצן צעטומלט.
זי האָט זיך געפונען אין גרויס פאַרלעגנהייט און געפרעגט:

— אָבער ווי וועט דאָס אויסזען פאַר מענטשן? און וועמען גייסטו אָפּטאָן?

דער פּאָטער איז אָבער געבליבן איינגעשפּאַרט. דער טאַכטערס רייד האָבן אים נישט גערירט. ער האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן.

— די חתונה וועט אָן מיר אויך קענען זיין — האָט ער זיך אַליין גע־האַלטן ביי זיין טענה — איך וועל קיינעם נישט אויספּעלן. איך בין דאָך „נאָ גוד", קיין לייט נישט — האָט ער דערמאָנט די מיינונג, וואָס זי האָט וועגן אים געהאַט — גענוג, אַז דו וועסט האָבן דער מאַמען...

און דערמאָנענדיק זיך איצט אין דעם אַלעם, איז פּעני זיכער געווען, אַז דאָס וואַרטן איז טאַקע אומזיסט, און איז גרייט געווען צו גיין צו דער חופּה אָן דעם פּאָטערס אונטערפירערכץ.

און אין דער צייט, וואָס פּעני האָט געוואַרט אויף דער חופּה־צערע־מאָניע, איז דער פּאָטער געזעסן אין זיין צימערל, אין אַ באָרדינג־הויז, ווו ער האַלט זיך אויף זינט ער האָט פאַרלוירן די היים, און געטראַכט, אַז ער האָט היינט געהאַנדלט מיט דער טאָכטער ווי אַן אמתער שטאָלצער טאַטע דאַרף האַנדלען.

עס איז אים, אמת, געווען שווער אויפן האַרצן. האָט דעם גאַנצן טאָג געהאַלטן אין איין רויכערן נערוועז סיגאַרעטן, האָט זיך געדאַרפט אָנ־שטרענגען נישט צו טראַכטן פון דער טאָכטערס חתונה און ס'איז אים אָנגעקומען שווער אָנצווענדן די געדאַנקען אויף אַנדערע זאַכן. קעגן זיין ווילן פלעגט זיך אים אַלע ווייַלע שטעלן פאַר די אויגן די שיינע טאָכטער, געזען סצענעס פון דער חתונה: דעם העל־באַלויכטענעם זאַל, די משפּחה, געסט, די טאַנצנדיקע פאַרלעך און דעם צוקונפטיקן איידעם, ווי די חתונה־פייערונג וואָלט זיך איבערגעטראָגן צו אים אין וווינונג... האָט ער טאַקע דעם גאַנצן טאָג געליטן. דאָך האָט ער זיך אויך געפילט גליקלעך. ער האָט געפילט, אַז אויב זי וואָלט אויסגעפירט, וואָלט ער דערנאָך זיך אַליין גע־שעמט פאַר דער האַנדלונג. ער האָט געפילט, אַז ער האָט אַנדערש נישט געקענט האַנדלען. איז ער דאָך אַ טאַטע, און אַ פּאָטער דאַרף וויסן ווי אויפ־צוהאַלטן דעם שטאָלץ, די ווירדע און זעלבסט־רעספּעקט פון אַ טאַטן. ער

האָט געפּילט, אַז ער קעמפט איצט פאַר עפּעס, וואָס איז הייליק ביי יעדן פאָטער פון קינדער.

מיט די דאָזיקע געדאַנקען האָט ער זיך אַרומגעטראָגן דעם גאַנצן טאָג, ביז אין אָוונט, ווען דער טאָכטערס חתונה איז שוין געווען אין פולן ברען. ער איז דעם גאַנצן טאָג טאַקע געווען זיכער מיט זיך און אויסגעהאַלטן, ביז ס'איז אים געקומען אויף די געדאַנקען די צייט פון דער טאָכטערס חופה־שעה און זיך פאַרלוירן.

גאַנץ אומדערוואַרט האָט זיך אים גענומען דאַכטן, אַז ער כאַפּט איבער די מאָס און אַז ער האַנדלט נישט ריכטיק. אַ פאָטער — האָט ער זיך אַליין ווי געשטראָפט, — טאָר נישט זיין אַזוי פאַרביסן צו אַ קינד. אַ פאָטער — איז ער אַלץ מער איבערצייגט געוואָרן — ווי גערעכט ער איז, טאָר ער זיך נישט אויף אַזאַ שטייגער אָפּרעכענען מיט אַ קינד. וואָרעם אַ קינד, האָט זיך אים אויסגעוויזן, איז שטענדיק גערעכט... אַ טאַטע — האָט אים אַלץ מער גענומען אַרן דאָס עקשנות זיינע — דאַרף אויך קענען מוחל זיין און פאַרגעבן. אַ טאַטן, האָט אים עמעצער ווי דערמאָנט אין זיינע פליכטן, האַלט מען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ קינדס גליק. „נעוועד מאַינד" עוולות — האָט דאָס געוויסן אים אַלץ מער גענומען פייניקן — און געראַטן נאָכצוגעבן. ער האָט דערביי געפּילט, ווי עפּעס אַ מעכטיקער כוח, וואָס ער קען נישט ביישטיין, ציט און שלעפּט אים מיט געוואַלד פונעם הויז אַרויס...

און איידער פעני איז אין דעם אָוונט געפירט געוואָרן צו דער חופה, האָט זיך אין דעם העל־באַלויכטענעם חתונה־זאַל, צווישן דעם יום־טובדיק־געשטימטן עולם, פּלוצים דורכגעטראָגן פון מויל צו מויל די פריילעכע נייעס:

— דער כלהס פאָטער איז אין חתונה־זאַל! דער כלהס פאָטער איז געקומען!

ער וויל זיך נישט אונטערגעבן

צען אַ זייגער אין דער פרי איז נאָך עדי געלעגן אין בעט. וואָלט נישט געווען אַזוי ליכטיק אין שלאָפצימער, און וואָלט די מאַמע נישט געשטערט, וואָלט ער צוריק איינגעדרימלט. ס׳האָט אויסגעזען ווי ער וויל אַלץ לענגער אַריינציען די נאַכט אין טאָג אַריין. ס׳איז אים געווען אַזוי ליב צו ליגן מיטן פאַרטראַכטן פּנים געווענדעט צו די פענצטער פון דער גאַס, אַנשטאָט זיך אָנצוטאָן און גיין אַרויסהעלפן דעם טאַטן אין דער קלינינג־סטאָר. די מאַמע האָט אים אָבער געיאָגט צו דער אַרבעט.

— עדי, שטיי אויף. דער טאַטע וואַרט אויף דיר.

עדי האָט זיך אָבער געמאַכט נישט הערנדיק די מאַמעס רייד. צווישן אים און די עלטערן גייט אָן אַ שטילער קאַמף. ער האָט נאָר וואָס גראַדואירט די הייסקול און דער פאָטער וויל אים אויסלערנען דאָס שניידער־פאַך. עדי וויל זיך אָבער נישט לערנען קיין מלאכה. דער קאָפּ ליגט אים נאָך אין די סקול־ביכער, אין לערנען. ער פילט זיך נאָך אַלץ ווי אַ הייסקול־באָי, און ווען ער קומט אין דעם פאָטערס קלינינג־ סטאָר און ער דערזעט די ניי־מאַשין, די פּרעס־מאַשין, מיט די אָנגעוואָרפענע אַלטע מלבושים אויף טיש און בענק, באַפאַלט אים אַן אימה פאַרן לעבן. האָט ער זיך פעסט צום בעט געקלאַמערט און געענטפערט דער מוטער:

— ליוו מי לאָן — לאָז מיך צו רו, יאָג מיך נישט, כ׳האָב צייט. אַז דו וועסט מיך יאָגן, וועל איך אין גאַנצן נישט גיין.

פאַר אַ ווײַלע האָט זיך די מאַמע דערשראָקן. זי ווייסט, אַז ער זוכט אַ געלעגנהייט, אַ זאַטשעפּקע אויף ברוגז צו ווערן, אַ תּירוץ נישט צו גיין אין דעם סטאָר אַריין. אַחוץ דעם פילט אים די מאַמע מיט. ער רופט אַרויס אַזאַ מיטלייד מיטן בלייכן, איינגעדאַרטן אויסזען.

— זאָג, עדי, — רעדט זי צו אים מיט אַ מוטערלעכער שטים, אַפּעלירנ־דיק צו זיין געוויסן — איז עס רעכט פון דיר צו לאָזן דעם קראַנקן טאַטן אַזוי שווער האָרעווען און דו זאָלסט האַלבע טעג ליגן אין בעט?

באַלד האָט אָבער די מאַמע חרטה אויף די רייד אירע. זי זעט ווי דעם באָיס אויגן זענען פלוצים פייכט געוואָרן און עס דאַכט זיך איר, אַז זי האָט אים מיט עפּעס ווי געטאָן. זי קען נישט צוזען ווי ער קאָרטשעט זיך אויפן געלעגער און קאָן נישט איינליגן אויף אַן אָרט. וויל זי דערי־בער ווייכער מאַכן דעם אײַנדרוק פון די פריערדיקע רייד און זאָגט ווידער:

— דו ווייסט דאָך, עדי, אַז איך מיין גאָרנישט. איך מיין דאָס בעסטע, איך וויל עס זאָל דיר גוט זיין. גלייב מיר, אַז עס טוט מיר ווי, וואָס איך דאַרף דיך יאָגן צו דער אַרבעט. דו ווייסט דאָך אָבער, אַז דער טאַטע מוז זיך איצט אַ ביסל שוינען. ער האָט אַ שוואַך האַרץ און טאָר שוין אַזוי שווער נישט אַרבעטן. וואָס קען איך מיר העלפן?

צו ערשט מאַכט זיך עדי נאָך אַלץ נישט הערן. ער שווייגט און רירט זיך נישט פון אָרט. ווי נאָר זי דערמאָנט אים אָבער וועגן דעם טאַטנס שוואַך האַרץ, דערשרעקט ער זיך. זאָגט ער שוין מיט אַ מילדערער שטימע:

— גוט, איך וועל צוגיין, אָבער יאָג מיך נישט. אַז מען יאָגט מיך, וויל איך ערשט נישט גיין.

און ער האַלט וואָרט, עדי. אַ ביסל שפּעטער איז ער שוין אָנגעטאָן און גרייט אַרויסצוגיין פון הויז. די מוטער פאַרהאַלט אים אָבער, אַז ער זאָל עפּעס עסן.

— עדי, ס'איז אַלץ גרייט. וועסט דאָך נישט גיין אַרבעטן, איידער דו וועסט עפּעס עסן.

— כ'וויל איצט נישט עסן, מאַמע — זאָגט ער — כ'האָב נישט קיין אַפּעטיט און עס ציט מיך צו גאָרנישט...

נאָר אַז ער זעט ווי שטאַרק די מאַמע ערגערט זיך דערפון, ווי פאַר עגמת־נפש זענען איר אַזש געקומען טרערן אין די אויגן, גיט ער נאָך און צווינגט זיך עפּעס צו עסן. פאַרן אַרויסגיין גיט ער אפילו דער מאַמען אַ קוש, ווי ער וואָלט מיט דעם קוש געוואָלט זיך אויסקויפן פאַר די ערגער־נישן וואָס ער האָט איר דעם פרימאָרגן פאַרשאַפט.

אַז דער זון איז שוין אין דרויסן, צעוויינט זיך פלוצים די מאַמע. זי

האָט געזען ווי ער איז געגאַנגען צו דער אַרבעט אַזוי אָן חשק און זי האָט באַדויערט דעם מזל זיינעם. זי ווייסט, אַז דער קאָפּ ליגט אים נאָך אין די סקול־ביכער, אין לערנען. ער האָט דאָך געזאָלט גיין אין קאַלעדזש, עדי, נאָכן גראַדואירן פונעם הייסקול. אַזוי האָבן די עלטערן געהאַט געפּלאַנעוועט. עדי איז אַ פעאיק קינד געווען, זיך געלערנט גוט, געווען פון די בעסטע שילער אין פּאַבליק־ און דערנאָך אין הייסקול; געקריגן אויסצייכענונגען פאַר זיינע פעאיקייטן און די עלטערן האָבן נישט אַנדערש געטראַכט ווי צו שיקן אים אין קאַלעדזש.

— עס וואָלט געווען דער גרעסטער פאַרברעכן ווען מען זאָל אים נישט לאָזן ווייטער גיין — האָבן די עלטערן וועגן אים גערעדט און געפילט עפּעס אַ הייליקן חוב אויף זיך, צו געבן דעם פעאיקן באַי זייערן אַ קאַלעדזש־בילדונג.

און עדי איז שוין זיכער געווען, אַז ער וועט גיין אין קאַלעדזש. ער פלעגט ריידן וועגן דעם טאָג און נאַכט; דאָס דערציילט די הייסקול־חברים; שוין געהאַט באַשטימט וואָס פאַר אַ קורס אויפצונעמען, געוואָלט לערנען אינזשענירינג. ער האָט געזען ווי טאַטע־מאַמע שטרענגען זיך אָן פאַר זיינעט וועגן. די מוטער קאַרגט פון דאָס נייטיקסטע, שפּאָרט יעדן סענט; און דער פאָטער אַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט, כדי צו פאַרדינען נאָך עטלעכע דאָלאַר פאַר דעם צוקונפטיקן קאַלעדזש־זון.

האָט אָבער געטראָפן אַ צופאַל: נאָך איידער עדי האָט באַוויזן צו פאַרענדיקן די הייסקול, איז דער פאָטער פּלוצים קראַנק געוואָרן, געקריגן אַ האַרץ־אַטאַק, זיך איבערגעאַרבעט אַ פּנים. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה מיט דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן, און דאָס געלט, וואָס ס׳איז געווען פאַרן זונס קאַלעדזש, איז אַוועק אויף צו היילן דעם טאַטן.

אַז דער פאָטער איז געזונט געוואָרן, איז שוין נישט געווען קיין געלט עדין צו שיקן אין קאַלעדזש. דערצו טאָר שוין נישט דער טאַטע אַזוי שווער אַרבעטן, מוז זיך שאַנעווען דאָס ביסל געזונט, און אַנשטאָט צו לאָזן דעם זון ווייטער לערנען, איז מען געצוווּנגען געוואָרן אים צו נעמען צו הילף אין סטאָר אַריין.

דעם פאָטער קומט אָבער אָן שווער אים איינצוברעכן אין דער מלאכה. ער וויל נישט לערנען דעם פאַך, ס׳ציט אים נאָר צו ביכער, צו סקולס.

ווען די עלטערן פלעגן די ערשטע צייט מיט אים ריידן וועגן לערנען זיך אַ מלאכה, פלעגן זיך אים שטעלן טרערן אין די אויגן. די מוטער פלעגט אים פּרובירן טרייסטן און איינגעמען מיט גוטע ריידעלעך:

— אַז עס וועט דיר באַשערט זיין גליק, עדי, וועט דיר אָן קאַלעדזש אויך גוט זיין.

ס׳איז אָבער אָנגעקומען שווער אים צו טרייסטן. ער אַליין זאָגט נישט צו וואָס ער וויל זיך יאָ נעמען. ער שוויגט אויף אַלעם און מען קען פון אים אַ וואָרט נישט אַרויסקריגן. ער טראַכט בכלל שוין נישט וועגן עפּעס אַ תכלית פאַר זיך, ס׳ציט אים צו קיין זאַך נישט און אַרבעטן אין דער קלינינג־סטאָר האָט ער פיינט ווי דעם טויט.

אויף דער גאַס איז עדין אָפּגעגאַנגען דאָס שווערע געמיט. ער האָט זיך דערפילט פרייער. אין הויז, צווישן די פיר ווענט מיט דער אָרעמער מאַמען, האָט דאָס לעבן אויסגעזען אַזוי אומדערטרעגלעך שווער, אַזש פאַר־צווייפלט צו ווערן. אויף דער גאַס אָבער, צווישן דעם קאָכיקן גאַסן־לעבן, איז די וועלט ווי גרעסער געוואָרן. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי די וועלט באַשטייט נישט בלויז פון אַ קלינינג־סטאָר מיט אַ פּרעס־מאַשין און אַלטע קליידער צו פאַריכטן, און ער האָט זיך ווידער דערפילט מונטערער, ווי אין די סקול־טעג מיט די ביכער אונטערן אָרעם. באַלד איז די קלינינג־סטאָר אים אין גאַנצן אַרויס פון געדאַנק. מיט עטלעכע מינוט שפּעטער איז אים אָבער אויפגעגאַנגען פאַר די אויגן עפּעס אַ באַקאַנט בילד, און ווען ער האָט אויפגעהויבן העכער דעם בליק און אַ קוק געטאָן, האָט ער, אַנשטאָט אין אַ קאַלעדזש, זיך געזען שטיין לעבן דעם פאָטערס סטאָר. ער איז בלייך געוואָרן און דערפילט ווי די וועלט איז צוריק קלענער געוואָרן, ווידער איז אים שווער געוואָרן אויפן האַרצן אַזש פאַרצווייפלט צו ווערן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז נישט געגאַנגען אַריין אין סטאָר.

אין סטאָר איז טונקל געווען. דער פאָטער איז געזעסן אין אַ ווינקל ביי אַ ניי־מאַשין און געצויגן פאָדעם אין אַ נאָדל. אינעם סטאָר האָט זיך גע־פילט אַ שטיקנדיקער גערוך פון אַלטע בגדים. נאָך צוגעוווינט צו דער לופטיקייט פון די סקול־צימערן, האָט זיך די שווערע לופט אים איינגעגעסן אינעם האַלדז און געוואָרגן. דער פאָטער האָט אים דערזען אַריינקומען און באַגריסט:

— האַלאָ, עדי!

עדי האָט נישט געענטפערט און געלאָזן די פרעס־מאַשין אין גאַנג.

דער פאָטער האָט זיך נישט באַליידיקט. ער האָט באַמערקט דאָס פאַרביטערטע, אָנגעצויגענע פּנים פונעם זון, די קרענקלעכע שטימונג מיט וועלכער ער איז געקומען צו דער אַרבעט, און ווי צו מאַכן אים פילן גוט, האָט ער ווידער געזאָגט:

— איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט שוין נישט קומען, עדי, כ׳וואָלט זיך שוין היינט באַגאַנגען אָן דיר.

עדי האָט צוערשט נישט געענטפערט. אַז ער האָט אָבער אַ בליק געטאָן צום געבויגענעם טאַטן, דעם מידן, מיט דעם קאָפּ גרויע האָר, האָט ער זיך פאַרענטפערט:

— כ׳האָב זיך פאַרשפּעטיקט...

דער פאָטער איז נישט אויסן געווען, אַז עדי זאָל זיך פאַר אים פאַר־ענטפערן. נישט דער זון, נאָר ער האָט זיך קעגן דעם באַי געפילט שולדיק. ער האָט געוווּסט, אַז צוליב זיין האַרץ־קראַנקייט איז צעשטערט געוואָרן דעם באָיס צוקונפט. דאָס איז אים שטענדיק געלעגן אויפן געוויסן און אים קיין רו נישט געגעבן. און ווען ער האָט איצט געזען שטיין דעם באַי אַזוי אָן חשק ביי דער פרעס־מאַשין און געזען ווי ער צווינגט זיך צו אַרבעטן, האָט ער צו אים געזאָגט:

— פילסט זיך היינט נישט גוט, עדי, כ׳זע דאָך, אַז ס׳איז עפּעס דער מער מיט דיר... גיי אַ היים, כ׳וועל היינט שוין אויסקומען אָן דיר.

עדין האָבן זיך אָפּגעלאָזן די הענט. פון דער אַרבעט איז אַ שווייס איבער גערונען איבערן פּנים. ער איז אַ ווײַלע געשטאַנען פאַרטראַכט, און פּלוצים האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן. דער פאָטער האָט דאָס באַמערקט, איז צוגעגאַנגען צו אים און אים דערלאַנגט דאָס רעקל אויף אַ היים צו גיין.

— נו, גיי אַהיים, עדי — האָט זיך דער פאָטער געבעטן — איך זע דאָך, אַז דו פילסט זיך נישט גוט. עפּעס איז מיט דיר דער מער... כ׳וועל אָן דיר אויך אויסקומען. די אַרבעט וועט מאָרגן אויך נישט אַנטלויפן.

עדי האָט זיך צעוויינט ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער הערט

ווידער דעם פּאָטער סאָפּען שווער מיטן האַרצן, און זיך פון אָרט נישט געוואָלט רירן.

דער פּאָטער האָט אויף אים אַרויפגעצויגן דאָס רעקל, און דעם וויינענדיקן באַי פון סטאַר אַרויסבאַגלייט. דערנאָך האָט ער זיך צוריק פאַרקליבן אין ווינקל ביי דער ניי־מאַשין און מיטן אַ טיפן זיפץ ווידער גענומען ציען פאָדעם אין א נאָדל.

צווישן טאַטע־מאַמע

נאָך דעם ווי לעווין האָט דעם גאַנצן זונטיקדיקן טאָג פאַרבראַכט מיט זיין אַכט־יאָריקן זון, האָט ער אים אין אָוונט צוריק אַהיימגעפירט צו דער מאַמען.

ווי יעדן זונטיק, ווען ער פאַרברענגט מיטן קינד, האָט לעווין אויך היינט אים פאַרשאַפט אַזוי פיל פרייד און פאַרגעניגן, אַז דער זון זאָל דאָס געדענקען די גאַנצע וואָך — ביז דעם קומענדיקן זונטיק, ווען ער וועט ווידער נאָך אים קומען.

די גאַנצע וואָך איז דער באַי מיט דער פרוי זיינער, פון וועלכער ער איז אַוועק מיט עטלעכע חדשים צוריק. זי פאַסט אויף אים אויף די גאַנצע וואָך, דערציט אים און האַלט אים אונטער איר איינפלוס. זונטיק איז אָבער זיין טאָג, אַ טאָג אין דער וואָך, ווען ער, לעווין, פאַרברענגט מיטן באַי און באַמיט זיך צו האָבן אויף דעם קינד אַן איינפלוס, אַז דער זון זאָל נישט בלויז ליב האָבן דער מאַמען, נאָר אויך דעם פאָטער. און פירנדיק איצט דעם באַי צוריק אַהיים צו דער מאַמען, האָט דער פאָטער געוואָלט וויסן:

— נו, בענעלע, האָסט דיך היינט גוט אַמוזירט?

בענעלע האָט נישט געענטפערט, און דער פאָטער האָט ווידער גע־פרעגט?

— האָסט מיך ליב, בענעלע?

בענעלע האָט נישט געוואָלט זאָגן אויב ער האָט דעם טאַטן ליב. ס׳איז געווען קענטיק, אַז ער קען נישט אַנטשיידן וואָס דעם פאָטער צו זאָגן. זיין שווייגן, זיין פרעמדקייט צום טאַטן, האָט לעווינען צערייצט. ער איז אָבער נישט בייז געווען אויפן קינד, נאָר אויף דער פרוי. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז פאַר דעם זונס פרעמדקייט צו אים איז פאַראַנטוואָרטלעך די מוטער,

וועלכע איבט אויס אַן איינפלוס אויף דעם קינד פיינט צו האָבן דעם טאַטן. האָט ער ווידער געפרעגט:

— ביסט בייז אויף מיר, בענעלע? זאָג מיר דעם אמת.

דאָס מאָל האָט ער שוין צו דעם קינד נישט גערעדט מיט יענער פאָטערלעכער וואָרעמקייט, מיט וועלכער ער רעדט געווײנלעך צו דעם יונגן זון. ער האָט איצט גערעדט מיט אַ שטרענגן טאָן, ווי דער זון וואָלט אים שולדיק געווען אַ חוב. בענעלע האָט טאַקע דעם פאָטערס פראַגן מער נישט געקאָנט איגנאָרירן, און ער האָט צו אים געשאָקלט מיטן בלאָנדן קעפּל, אַז יאָ. ער איז בייז אויף דעם פאָטער.

— פאַר וואָס? — האָט לעווין געפרעגט.

— ווייל דו ווילסט נאָך אַלץ נישט צוריק אַהיימקומען! — האָט בענעלע געענטפערט.

— דו ווייסט דאָך אָבער פאַר וואָס... — האָט לעווין מיט אַ שולדיקן טאָן זיך פאַרענטפערט פאַר דעם זון, פילנדיק, אַז דאָס קינד באַשולדיקט אים, דעם טאַטן, פאַר פאַרלאָזן דאָס הויז, די פאַמיליע, פאַראורזאַכנדיק דערמיט אַ צעריסנקייט אין דעם קינדס לעבן, אַ צעריסנקייט, וואָס האָט אים צעטיילט צווישן טאַטע־מאַמע, אַז איין טאָג אין דער וואָך זאָל ער פאַרברענגען מיט דעם טאַטן און די איבעריקע טעג מיט דער מאַמען.

— דו ווייסט דאָך, בענעלע, אַז ס'איז נישט מיין שולד... — האָט ער זיך אַלץ פאַר דעם קינד פאַרענטפערט.

— פאַפּאַ — האָט דער זון אים ווידער געזאָגט — דו ביסט דאָך שוין אַ סך מאָל געווען אַוועק פון דער היים, און ביסט צוריק אַהיים געקומען.

ער האָט די פאַר ווערטער אַרויסגערעדט מיט אַזאַ יתומדיק שטימעלע, וואָס האָט דעם פאָטער גערירט ביז טרערן! לעווין האָט זיך געשעמט צו קוקן דעם באַי אין די אויגן, ער האָט דעם קינד גערן געוואָלט ענטפערן:

— נו, גוט, בענעלע, ערגער זיך נישט, כ'וועל צוריק אַהיימקומען.

ער האָט געוווסט וואָס פאַר אַ פרייד ער וואָלט דערמיט פאַרשאַפט דעם באַי זיינעם, וועלכער וויל האָבן דעם טאַטן נישט בלויז אויף איין טאָג, נאָר אויף אַלע טעג פון דער וואָך. און דאָך האָט ער אים דאָס נישט געקענט צוזאָגן, אַזאַ האָפענונג אים נישט געקענט געבן. וואָרעם דאָס מאָל איז ביי לעווינען געווען אַ פעסטער באַשלוס אונטער קיין אומשטענדן מער

זיך נישט אומצוקערן צו דער פרוי. ער האָט טאַקע רחמנות אויף דעם קינד, ער האָט אָבער אויך רחמנות אויף זיך... ס'איז גענוג, אַז ער זאָל זיך בלויז דערמאָנען אין די צרות, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען, וואָס פאַר אַ תל ס'איז פון אים געוואָרן דורך די צען יאָר, וואָס ער האָט מיט איר חתונה געהאַט; ס'איז גענוג ער זאָל בלויז געבן אַ בליק אין שפּיגל און זען זיין געבויגן, פּריצייטיק פאַרעלטערטער אויסזען, דאָס בלייכע געראונצלטע פּנים און די אויסגעלאָשענע אויגן — אַ שאָטן פון דעם, וואָס ער איז אַ מאָל געווען — און ער זאָל זיך אָפּטרייסלען פון דעם געדאַנק פון צוריקגיין וווינען מיט דער פרוי און ווידער באַנייען דאָס צרהדיקע צוזאַמענלעבן זייערס. אַ פּאָר מאָל האָט ער דאָס טאַקע געטאָן, ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן, די פרוי איז אַ נערוועזע, מיט אַ שלעכטן כאַראַקטער, טוט אים אין טויט אַריין, ער האָט פון איר מער נישט געקענט אויסהאַלטן און האָט זי ענדלעך דאָך געמוזט פאַרלאָזן. האָט ער איצט מיט אַלע כוחות באַקעמפט אין זיך די רחמנות־געפילן צו דעם זון און האָט אים דערקלערט:

— דו ווייסט דאָך, בענעלע ווי איך האָב געליטן... ס'איז נישט מיין שולד...

אויף בענעלען האָבן, קענטיק, דעם טאַטנס רייד קיין איינדרוק נישט געמאַכט אַ ברוגזער האָט ער זיך פּלוצים דערווייטערט פונעם פּאָטער, וועלכער האָט אים צערטלעך געגלעט איבערן בלאָנדן קעפּל, און מיט אַ טראַציק שטימעלע האָט ער דעם פּאָטער געענטפערט:

— די מאַמע איז גערעכט. זי זאָגט, אַז דו ביסט אַ שלעכטער מענטש.

די פּאָר ווערטער פון דעם קינד האָבן לעווינען אָנגעצונדן. ער האָט אַזש געציטערט פון גרויס אויפרעגונג. ער איז אָבער נישט בייז געווען אויף דעם באַי. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס זענען נישט זיינע רייד, נאָר דער מאַמעס, וואָס ער רעדט נאָך. דאָס איז איר איינפלוס, וואָס זי איבט אויס אויף דעם קינד — פיינט צו האָבן דעם טאַטן. ער ווייסט, אַז ווען עס וואָלט זיך געווענדט אין איר, וואָלט ער דעם זון אפילו קיין איין מאָל אין וואָך אויך נישט געזען. זי קען זיך אָבער נישט העלפן, ער האַלט אויס דאָס קינד. זי פאַרגינט אים אָבער נישט דאָס פאַרגעניגן און זי טוט אַלץ וואָס זי קען אים צו פאַרמיאוסן אין דעם קינדס אויגן. אַליין קען זי אים מער נישט פּייניקן, טוט זי דאָס דורכן זון... און זי פירט אויס.. זי פאַרשאַפט אים

נאָך אַלץ ליידן, ערגערניש און ווי פריער, ווען ער האָט נאָך געוווינט מיט דער פרוי און זיך פון איר נישט געלאָזט טרעטן, האָט ער אויך איצט פאַר דעם באַי זיך פאַרטיידיקט

— גלייב איר נישט, בענעלע, זי זאָגט נישט דעם אמת. הער זיך נישט צו צו אירע רייד. נישט איך, נאָר זי איז אַ שלעכטע. די מאַמע איז אַן אויפגערעגטע. זי האָט מיך קראַנק געמאַכט.

אַ פּנים, אַז בענעלע איז דאָס מאָל פון דעם פּאָטערס רייד יאָ גערירט געוואָרן. ווארעם עס האָבן זיך אים פּלוצלינג באַוויזן טרערן אין די אויגן און ער האָט מיט מיטפילנדיקע בליקן געקוקט אויף דעם טאַטנס בלייכן אויסזען. ער האָט אָבער דעם פּאָטער געבעטן:

— פּאַפּאַ, רייד נישט אַזוי וועגן דער מאַמע... זי איז אַ גוטע. זי איז מיין מאַמע.

— נו, גוט, — האָט לעווין אים נאָכגעגעבן

ער האָט איינגעזען, אַז כאָטש דער זון פילט אים מיט, וועט ער פון דעסטוועגן נישט לאָזן אָנרירן דער מוטערס כבוד און ס'האָט דעריבער קיין זין נישט מיט אים וועגן דעם צו ריידן. ער האָט אים צוגעפירט צו דער מוטערס הויז, אים אַ קוש געטאָן און זיך מיט אים געזעגנט:

— נו, זיי געזונט, בענעלע, דעם קומענדיקן זונטיק וועל איך נאָך דיר ווידער קומען.

אין הויז האָט אויף בענעלען שוין געוואַרט די מאַמע. ער האָט גלייך דערקענט, אַז זי איז בייז און צעטראָגן, ווי אַלע מאָל, ווען ער קומט אַהיים פון דעם טאַטן.

ביים ערשטן בליק אויף אים, האָט זי גענומען פאַרברעכן די הענט:

— גיב נאָר אַ קוק ווי דו זעסט אויס! ווו האָט ער דיך דעם גאַנצן טאָג אַרומגעשלעפּט?

— ער האָט מיך נישט אַרומגעשלעפּט. — האָט בענעלע פּרובירט זיך איינשטעלן פאַרן פאָטער.

— וואָס דען האָט ער דיר געטאָן? ס'איז דאָך דיך נישט צו דערקענען! ער וועט דיך נאָך קראַנק מאַכן, דער טייערער מענטש!

— איך האָב געהאַט אַ גוד־טאַים... — האָט בענעלע זיך אַלץ אָנגענו־מען פאַרן פאָטער.

— ס׳האָט מיר אַ טעם זיינע גוד־טאַימס, וואָס ער גיט דיר. מיט דעם וויל ער דיך אָפּקויפן און זיך אויספּיינען.

וואָס מער זי האָט אויף דעם פאָטער זיינעם גערעדט און באַליידיקט אים, אַלץ מער האָט בענעלע אויף אים רחמנות געקריגן.

— פּאָפּאַ איז נישט קיין שלעכטער, — האָט ער זיך אָנגענומען פאַרן פאָטער.

— דאָס קען ער בלויז דיר איינרעדן. — האָט זי מיט טרערן צו דעם קינד געטענהט פילנדיק, אַז זי קאָן דעם מאַנס חוצפּה און דעם איינפלוס אויפן זון נישט אויסהאַלטן — זאָלסט אים נישט גלייבן, בענעלע, אַלץ וואָס ער זאָגט דיר איז פאַלש, מיט גוד־טאַימס און גוטע ריידעלעך וויל ער דיך אָפּקויפן, זיך אויספּיינען, זעסט דאָך, ווי ער האָט מיין לעבן צעבראָכן און דיך האָט ער ביי מיר איבערגעלאָזט. אַ געטרייער פאָטער טוט דאָס נישט.

בענעלע האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן דער מוטער. ער איז גערירט געווען פון אירע רייד. דאָך האָט ער זיך געבעטן:

— מאַ, רייד נישט אַזוי, ער איז מיין מיין פּאָפּאַ.

בענעלע האָט אויסגעפּירט. די מוטער האָט אים נאָכגעגעבן. זי האָט מער אויף דעם טאַטן זיינעם נישט גערעדט. ער האָט אָבער געזען, אַז זי וויינט. געזען ווי די מוטער ציטערט פון ערגערניש. ער האָט זי גענומען קושן, זיך געדריקט צו איר האַרץ מיט רחמנות און ליבע. אין דעם זעלבן מאָמענט האָט אים אויך אַ לייכט געטאָן פאַר די אויגן דאָס געבויגענע גראָע אויסזען פונעם פאָטער, און ער האָט מיט אַ מאָל דערפילט ווי ער געפינט זיך אין דער מיט, צווישן די ליידנדיקע עלטערן און ער ווייסט נישט אויף וועמען ער זאָל מער רחמנות האָבן — אויף דער מאַמען צי אויף דעם טאַטן...

ער פֿאַרפֿאַלגט זי נאָך אַלץ

ביז צו איר חתונה האָט לילי געבליט. דאָס יאָר, וואָס זי איז געווען אַ כלה־מיידל, איז זי יעדן טאָג שענער געוואָרן. דאָס דינע, שלאַנקע פֿיגורל פֿון מיטעלן וווּקס איז פֿולער, רייצנדיקער געוואָרן, און די אויגן — טונקעלע און גרויסע, האָבן חנעוודיק געשמייכלט צו יעדן איינעם, צו דער גאַנצער וועלט, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט טיילן מיט אַלעמען מיט איר גליק.

די לעצטע פּאָר וואָכן איז אָבער פֿון לילין געוואָרן אַ תל. זי איז אומ־רואיק, צעטראָגן, און ווען זי רעדט צו עמעצן פֿילט מען, אַז עס איז איר שווער אויפֿן האַרצן. מען ווייסט פֿון וואַנען עס נעמט זיך צו איר דאָס שווערע געמיט. ס׳איז נאָענט צו איר חתונה. נאָך אַ פּאָר וואָכן און עס וועט זיך אָנרוקן דער חופּה־טאָג. וואָס נעענטער עס קומט אָבער דער גליקלעכער טאָג, אַלץ אומרואיקער און נערוועזער ווערט זי. זי פֿאַרשטייט, אַז עס איז געקומען די צייט פֿון אויפֿהערן זיך אַרומשפּילן אין חתן־כלה. מען דאַרף אָנהייבן ווערן ערנסטער, מ׳דאַרף אָנהייבן טראַכטן וועגן תכלית־זאַכן, וועגן דעם פֿאַרהייראַטן לעבן, וואָס שטייט שוין פֿאַר דער טיר.

אַזוי לאַנג ווי ס׳איז נאָך געווען ווייט צום חופּה־טאָג אירן, האָט זי זיך נישט געוואָלט שווער מאַכן דאָס האַרץ מיט שפּעטערדיקע זאָרגן; זי האָט געטראַכט, אַז זי וועט האָבן צייט צו דאַגהן, ווען עס וועט האַלטן דערביי. זי איז געווען פֿאַרליבט אין לעאָנען, איר חתן, געגאַסן מיט אַ פֿול האַרץ פֿון איר ליבע צו אים, און מער ווי דאָס האָט זי דערווייל נישט פֿאַרלאַנגט.

נאָר אָט איז אַוועק די פֿאַרלאָבונגס־צייט, אַוועק ווי אַ שיינער חלום. עס האָט זיך אָנגערוקט דער חתונה־טאָג און — זי האָט זיך דערשראָקן. זי האָט זיך אַרומגעזען, אַז זיי גייען ביידע צו דער חופּה אָרעמע און נאַקעטע מענטשן. און זי דאַרף איצט האָבן אַ סך געלט. זי דאַרף אויף חתונה־

הוצאות, זי דאַרף אַ וווינונג, זי דאַרף האָבן מעבל, אַ באַלעבאַטישקייט, און זי האָט נישט די מינדסטע אַנונג פון וואַנען זיך צו שאַפן געלט פאַר די אַלע נייטיקע זאַכן. ווארעם זיי, זי און לעאָן, זענען אָן אָרעם פאַרל; די עלטערן, ביידנס, זענען אויך אָרעמע מענטשן.

גייט זי דעריבער שיער נישט פון זינען אַראָפּ, טראַכטנדיק פון וואַנען צו נעמען געלט אויף איינצואָרדענען אַ באַלעבאַטישקייט פאַר זייער צוזאַמענלעבן.

דערצו שרעקט איר דאָס האַרץ, אַז נאָך דער חתונה וועט נאָך ערגער זיין. ווארעם ער איז אַ קליינער פאַרדינער, לעאָן. ביי דעם פאַך, ווו ער איז באַשעפטיקט, איז מען סלעק ווי ביזי דורכן יאָר. אמת, ער איז טאַקע אַ שיינער, אַ רייצנדיקער באַי, ער קען ליבן און קען מאַכן מען זאָל אים ליבן, מאַכן אָבער אַ לעבן פאַר אַ פרוי, פאַר אַ פאַמיליע — דאָס, האָט זי מורא, וועט ער נישט אימשטאַנד זיין.

און ציטערנדיק פאַר איר צוקונפט מיט לעאָנען, קומט איר נישט ווילנדיק אויפן געדאַנק איר אַמאָליקער באַי־פרענד, סעם, אַ רייכער יונג, אַ רויטלעכער, אַ פולער, אַ געפּאַקטער, וועלכער האָט זיך צו איר אַ צייט לאַנג געהאַט געשדכנט און אומאויפהערלעך פאַרפאָלגט מיט זיין פייערדיקער ליבע צו איר.

וואָס האָט ער דאָס נישט אַריינגערעדט אין איר, סעם! זי וועט זיך ביי אים באָדן אין גאָלד, אין ווילטאָג, אין לוקסוס. די גאַנצע וועלט האָט ער איר צוגעזאָגט, אויב זי וועט נאָר איינשטימען זיך מיט אים צו פאַרבינדן.

לילי האָט אָבער דעם שידוך נישט געוואָלט. זי האָט אים נישט ליב געהאַט, דעם שווערוואָגיקן יונג מיטן רויטלעכן קאָפּ האָר. און זי פלעגט טענהן צו אירע עלטערן, וועלכע האָבן זי דווקא געוואָלט פאַרשלייערן מיט אים, אַז זי וויל זיך נישט פאַרקויפן; זי וואָלט דאָס נישט געטאָן,ווען ער וואָלט אַפילו צוויי מאָל אַזוי רייך געווען.

— כ׳בין אים מוחל די גליקן, מוחל! מוחל!

סעם האָט אָבער אַזוי גיך נישט אויפגעגעבן דעם קאַמף זי צו באַזיצן. ער איז איר נאָך לאַנג נאָכגעגאַנגען, פאַרפאָלגט זי; פּרובירט ווירקן אויף

איר מיט גוטן און מיט בייזן. געסטראַשעט זי מיט צרות, מיט אַ ביטער לעבן, אויב זי וועט אַנשטאָט אים הייראַטן לעאָנען.

— איצט ליבסטו אים כאָטש. ווי וועט אָבער זיין נאָך דער חתונה, ווען די ליבע וועט אַוועק, וואָס וועסטו דעמאָלט ביי אים האָבן? — האָט ער זי פּרובירט אָנשרעקן.

לילי האָט זיך אָבער נישט איבערגעשראָקן.

איצט אָבער, ווען זי האָט זיך געדאַרפט שטעלן אונטער דער חופה און אויף אייביק טיילן איר שיקזאַל מיט לעאָנען; ווען זי האָט אָנגעהויבן פאַרזוכן דעם ביטערן טעם פון דאגות און זאָרגן, ווי אַן אָנזאָג פון דעם, וואָס עס וועט קומען שפּעטער — איצט האָט זי זיך יאָ דערשראָקן. און דאַן איז איר נישט ווילנדיק געקומען אויפן געדאַנק איר אַמאָליקער רייכער „באָי־פרענד״, וועלכער איז נאָך אַלץ אין איר פאַרליבט.

און ווער ווייסט? ווען זי וואָלט נישט געהאַט אַזאַ פעסטן כאַראַקטער מיט אַזעלכע שטאַרקע געפילן, וואָלט זי אפשר אין דער סאַמע לעצטער מינוט איבערגעריסן מיט לעאָנען און זיך צוריק איבערגעבעטן מיט סעמען. איז זי אָבער יאָ אַזאַ סאָרט מיידל. מיט איר, האָט זי געפילט, וועט נישט טרעפן דאָס וואָס עס פאַסירט אַ מאָל מיט אַן אַנדערער. זי האָט געפילט, אַז איר האַרץ באַלאַנגט צו לעאָנען, און נישט געוואָלט עס אַוועקגעבן אַן אַנדערן.

האָט זי זיך צום סוף באַרואיקט, שלום געמאַכט מיט די אומשטענדן, זיך געטרייסט, אַז מ׳וועט לעבן, ווי מ׳וועט קענען און האָט באַשלאָסן צו פאַרבינדן איר שיקזאַל מיט לעאָנען.

און איצט, אַז זי האָט געמאַכט איר ענדגילטיקן אויסוואַל, ווען זי האָט פון די צוויי אויסגעקליבן לעאָנען האָט זי געמיינט, אַז דער רייכער באָי וועט איר ענדלעך שוין לאָזן צורו. וואָרעם ס׳איז דאָך שוין פאַרפאַלן. ער וועט זיך דאַרפן אָפּזוכן אַן אַנדער מיידל און פאַרגעסן אין איר.

ס׳איז אָבער נישט געווען אַזוי ווי זי האָט געמיינט. סעם האָט נאָך אַלץ נישט געוואָלט אָפּטרעטן. ער איז איר נאָך אַלץ נאָכגעגאַנגען און פאַרפאָלגט זי מיט זיין רייכקייט. דער אונטערשיד איז אָבער געווען אין דעם, וואָס פריער האָט ער עס געטאָן פון הייסער ליבשאַפט צו איר און

איצט האָט ער מיט זיינע טויזנטערס געזוכט פון איר נקמה צו נעמען און זי פייניקן.

די ערשטע נקמה זיינע האָט ער דערלעבט אין איר חופה־טאָג.

לילים חתונה איז נישט געווען אַזאַ ווי זי האָט זיך געוווּנטשן, ווי דאָס רוב מיידלעך, האָט זי געצויגן צו האָבן אַ פריילעכע, אַ גרויסאַרטיקע חתונה־צערעמאָניע — אַ חתונה, וואָס זאָל געפּראַוועט ווערן אין אַ גרויסן זאַל מיט מוזיק, טענץ און מיט אַ פיינעם מאַלצייט פאַר דעם איינגעלאַדענעם עולם. אַזאַ חתונה איז אָבער געווען פאַרבינדן מיט גרויסע קאָסטן. איז דעריבער איר הייראַט באַשטאַנען פון אַן איינפאַכער חופה־צערעמאָניע מיט דעם אָנטייל בלויז פון די נאָענטסטע אין דער משפחה; און דער מאַלצייט איז געווען געקאַרגט און אויסגערעכנט. ס׳האָט געפעלט פרייערלעכקייט אין דעם פריילעכן אָוונט, און ס׳איז איר מינוטנווייז געווען פריקרע אויפן האַרצן.

די דאָזיקע שטימונג האָט ווי צוגעשפּילט סעמען, איר אַמאָליקן רייכן ליבהאָבער. ווי אַ שפּין האָט ער זיך דאַן אַריינגעגנבעט אין די געדאַנקען אירע און זי גענומען פייניקן מיט זיין עשירות. אַזוי ווי ער וואָלט צו איר געזאָגט.

— ווען דו הייראַטסט אָבער מיט מיר, לילי, וואָלסט דו געהאַט אַ גרויסאַרטיקע חתונה, וואָס דיין האַרץ וואָלט געוווּנטשן.

אויך נעמט ער נקמה אין איר אָרעמער וווינונג, פון דריי קליינע צימערן, פון דעם מעבל, וואָס איז גענומען געוואָרן אויף אויסצאָלן; און פון דעם, אַז עס פעלן נאָך אַלץ די סאַמע נייטיקע זאַכן אין איר באַלע־באַטישקייט.

און ווען זי איז פאַרגאַנגען אין שוואַנגערן און לעאָן האָט פאַרדינט גראָד ווייניק, און אָפט גאָר אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט און עס האָט גע־פעלט אַ דאָלאַר אין הויז און זי פלעגט אַריינפאַלן אין אַ שטימונג פון פאַרצווייפלונג — דאַ איז סעם געקראָכן ווי אַ וואָרעם אין די געדאַנקען אירע. דער וואָרעם פלעגט זי דערמאָנען, אַז ס׳איז איר אייגענע שולד פאַר וואָס זי ליידט איצט. „ביסט געווען נאַריש" — פלעגט זי זיך אַליין שיטן זאַלץ אויף די וווּנדן, — „האָסט געקענט זיין אַ רייכע פרוי, ווען

דו וואָלסט נאָר געהאַט שכל און געוווּסט ווי אַזוי ריכטיק אויסצונוצן דאָס מזל, וואָס איז געלעגן אין דיינע הענט".

לילי מאַכט דורך פאַרשידענע צייטן אין איר פאַרהייראַטן לעבן, ערגערע און בעסערע. דאָס לעבן טיילט איר נישט צו בלויז צרות, נאָר פרייד אויך. ס'איז אָבער אַ מערקווירדיקע זאַך, וואָס פונקט דאַן ווען עס גייט איר גוט, ווען זי איז גליקלעך און צופרידן, קומט סעם איר נישט אויף די געדאַנקען; אין אַזאַ צייט לאָזט ער זי צו רו... ווי נאָר עס נעמט איר גיין שלעכט, ווי נאָר זי געפינט זיך אין עפּעס אַ שווערער פאַרלעגנהייט, איז ער דאָ!... ס'איז גענוג זי זאָל וועלן עפּעס קויפן פאַרן קינד און נישט האָבן מיט וואָס, אָדער ווען זי דאַרף צאָלן דירה־געלט, אָדער ווען עמעצער אין דער פאַמיליע ווערט קראַנק, מען דאַרף אַ דאָקטאָר, געלט אויף מעדיצין, און זי האָט נישט קיין סענט ביי דער נשמה — אין אַזעלכע מאָמענטן קומט איר אויפן געדאַנק דער אַמאָליקער רייכער ליבהאָבער אירער.

אויך איצט, מיט דרייסיק יאָר שפּעטער, ווען זי איז שוין באַלד אַן עלטערע פרוי, דורכגעגאַנגען שוין דאָס לעבן — די גוטע און די שלעכטע יאָרן — אַפילו איצט, ווען זי פאַרטראַכט זיך אַ מאָל וועגן איר פאַרגאַנגענעם לעבן, פאַרטיפט זיך וועגן אַלץ, וואָס עס האָט אַ מאָל מיט איר פּאַסירט, אַזוי שוועבט סעם גלייך אויף אין איר זכרון מיט זיין גרויס רייכטום, וואָס ער האָט איר אַ מאָל אָנגעבאָטן. ער דערלאָזט נאָך אַלץ נישט זי זאָל אים פאַרגעסן. עס דאַכט זיך איר, אַז ער וועט איר אַזוי נאָכגיין ביז דעם לעצטן טאָג פון איר לעבן.

ס׳איז קאַלט

אינעם אַרבעטער־צענטער האָט זיך שוין געקליבן אַן עולם צום מיטינג. די בענק האָבן אָנגעהויבן פאַרנומען צו ווערן. דער זאַל איז געווען העל באַלויכטן. אויף דער בינע האָט זיך שוין געזען אַרויפשטייגן דער נאָך אַלץ ענערגישער פאַרטיי־חבר, לייבקע, דער פאָרזיצער פונעם מיטינג. שוין געווען שפּעט אין אָוונט, די פאַרזאַמלונג וועט באַלד זיך אָנהייבן און שלמה ברעגמאַן, אַן אַלטער טוער אין דער באַוועגונג, איז נאָך געווען אין דער היים, נישט קאָנענדיק באַשליסן צי ער זאָל יאָ, אָדער נישט גיין צום מיטינג.

— חבר ברעגמאַן, איז אינעם בריוו צו אים געווען געשריבן — מיר האָבן היינט וויכטיקע פראַגן צו באַהאַנדלען. אייער אָנוועזנהייט איז נייטיק. ס׳וועט אויך זיין אַ רעדנער פון ניו־יאָרק. פאַרפעלט נישט צו קומען.

ביז נישט לאַנג צוריק, ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, פלעגט שלמהקע קיין מאָל נישט איבערטראַכטן וועגן יאָ, אָדער נישט גיין אויף אַ פאַרטיי־פאַרזאַמלונג. נישט געווען פאַר אים, אין יענע יאָרן, קיין אָפּהאַלט אַ שלעכט וועטער, שנייען, רעגנס, קראַנקייטן, אָדער אַנדערע מניעות. דער אַרבעטער־צענטער, די פאַרטיי, די פאַרזאַמלונגען, דאָס איז געווען אַ טייל פון זיין אויסלעבן זיך, דער אידעאַל זיינער אינעם קאַמף פאַר אַ בעסערער און שענערער וועלט, פאַר אַ פאַרברידערטער מענטשהייט. דאָס אַלץ איז אָבער אַוועק מיטן ווינט פון דער צייט. אַנשטאָט דאָס דערוואַרטע, דאָס גרויסע, די גליקלעכע צייט, איז אַ רישעות אויף דער וועלט איבער דעם מענטשנס פאַנטאַזיע. מלחמות, שלאַכטן, מענטש קעגן מענטש, פאָלק קעגן פאָלק. גאַז־קאַמערן, קאַלכאויוונס צו דערשטיקן מענטשן, צו פאַרברענען די אומגעבראַכטע אין מאַסן־קברים. און פון אַ דריטל פון זיין פאָלק איז געבליבן אַש און שטויב. שווער דאָס צו פאַר־

געסן, און שטענדיק קומט דאָס שלמהקען אויפֿן זכרון גראָד דאַן, ווען ער באַדאַרף גיין אויף אַ פּאַרטיי־מיטינג.

אָבער נישט גיין און בלייבן זיצן אין אַזאַ אָוונט אינעם הויז, דאָס קען ער ביי זיך אויך נישט פּועלן. וואָרעם, נאָך אַלס ייִנגל אין דער אַלטער היים, אין לאָדזש, האָט ער שוין געהערט צו דער פריַיהייט־באַוועגונג. קומענדיק אַהער אין דעם נייעם לאַנד און באַזעצנדיק זיך אין דער וועבער־שטאָט פּעטערסאָן, גלייך דעם ערשטן טאָג זיך אָנגעשלאָסן אין דער פּאַרטיי. העכער פערציק יאָר ווי ער האָט קיין איין מיטינג נישט דורכגעלאָזט. אַלע שטרייקן און קאַמפּן מיטגעמאַכט אַלט און גראָ געוואָרן אין דער באַוועגונג. דערפֿאַר, אַז ער בלייבט אין דער היים, יאָגט עס אים פֿון הויז אַרויס, קאָן זיך אין ערגעץ נישט קיין אָרט געפֿינען. קיין חשק צו גיין אויף די פּאַרטיי־מיטינגען האָט ער מער נישט; גייט ער נישט, ציט עס אים יאָ צו גיין, האָט ער דעריבער צום סוף קאַלט אַ זאָג געטאָן צו דער פרוי:

— וואָס אַן אמת, סערע, האָב איך נישט קיין חשק, כ׳וועל אָבער צוגיין.

אַרויסקומענדיק אין דרויסן האָט אויף אים אַ ווייע געטאָן אַ מילד ווינטל. אַוועק איז דער קאַלטער ווינטער מיט די קעלטן, שנייען און פראָסטיקע טעג. געוועזן שוין סוף פרילינג, דער אָוונט שוין זומערדיק, וואַרעם. צו שלמהקען איז אָבער די וואַרעמקייט נישט דערגאַנגען. די קאַלטע שטימונג, מיט וועלכער ער איז פֿונעם הויז אַרויס, איז אים נאָכגעגאַנגען דעם גאַנצן וועג. אין די גאַסן האָבן זיך געזען געציילטע מענטשן. מען זיצט אין די אָוונטן אין הויז, ווער ביים ראַדיאָ, טעלעוויזיע, אָדער ביי קאָרטן. אים, שלמהקען, יאָגט עס אָבער נאָך אַלץ צו די מיטינגען. שוין העכער פערציק יאָר אַזוי, און וואָס?... — האָט ער זיך געפרעגט, פאַר־בייגייענדיק די שטילע, העל־באַלויכטענע הייזער. דערבליקנדיק אויפֿן וועג אויך דאָ און דאָרט אַ הויכע געביידע פֿון אַ וועבער־שאָפּ, וואָס האָט איצט אין דער נאַכטיקער פֿינצטערניש געפּוסטעוועט מיט אַן אומהיימלעכער שטילקייט. פֿון די הינטערשטאָטישע געגנטן האָבן זיך אַרויסגעהויבן אַ רייע שפּיציקע בערג. צוזאַמענגעפּלאָנטענע, איין באַרג איבערן אַנדערן, ווי אַרעס־טאַנטן געשלאָסענע אין קייטן. דרייענדיק זיך אַזוי פֿון איין געסל אינעם אַנדערן, איז שלמהקע צום סוף אָנגעקומען צו דער געביידע פֿונעם אַרבע־טער־צענטער.

אַריינקומענדיק אינעם ערשטן צימער, האָט שלמהקע געטראָפן זיצן עטלעכע עלטערע „רעטאַיערטע" וועבער־אַרבעטער. די עלטער איז גע־לעגן אויף די געל־בלייכע, גערונצלטע פּנימער און די פּאַרוויאָנעטקייט האָט דערמאָנט אין די פּאַרוויאַנעטע בלעטער אין האַרבסט־צייט. ווער ס׳איז געזעסן ביים לאַנגן טיש מיט איינגעגראָבענע אויגן אין אַ צייטונג, אין אַ בוך, ווער עס האָט מיט וועמען גערעדט וועגן דער טרויעריקער וועלט־לאַגע, צוקרעכצנדיק אין די רייד. אויף אַ וואַנט איז געהאַנגען אַ טרויער־מעלדונג — ווידער געשטאָרבן אַ טוער, אַן אַלטער קעמפער, ווידער אַ לוויה. ווידער וועט דאָ מיט איינעם וויניקער זיין. און וואָס וויניקער דאָ, אַלץ מער מערן זיך „דאָרטן" די בערגלעך ערד. פון אַ דערבייאיק שפּיל־צימער האָט זיך געהערט דאָס געקלאַפּעריי פון „ביינדלעך", אַ טומל פון די שפּילער. עמעצער האָט בעתן שפּילן צוגעברומט אַ יום־כפּורדיק ניגונדל: ו־ב־כ־ן ת־ן פּ־ח־ד־ך — ס׳ניגונדל האָט דערמאָנט אין די פאַרכטיקע טעג, טעג פון פאַרגיין, פון חשבון־הנפש.

שלמהקען איז דאָ שווער געווען צו פאַרבלייבן אַן איבעריקע מינוט. אַזוי אומעטיק. נישטאָ שוין מיט וועמען אַ וואָרט אויסצוריידן, און פון דער וואַנט קוקט אַראָפּ דער טויט. און דערפילנדיק אויך דאָ די קאַלטקייט מיט וועלכער ער איז פון הויז אַרויס, איז ער, נאָכן באַגריסן זיך מיט אַלעמען, אַריין אינעם גרויסן זאַל אויף דער פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג.

די פאַרזאַמלונג האָט זיך נאָך נישט געהאַט אָנגעהויבן. שוין געווען שפּעט. די בענק זענען אָבער נאָך ווייט נישט געווען באַזעצט. מען האָט געוואַרט אויף נאָך מענטשן, מיט דער האָפענונג, אַז עס וועט נאָך ווער קומען. ס׳האָט זיך אָבער מער קיינער נישט געוויזן, און די ליידיק־געבלי־בענע בענקלעך האָבן דערמאָנט אין די פאַרשטאָרבענע טוערס פון דער באַוועגונג, וואָס פלעגן דאָ זיצן אויף די ערטער און נישטאָ ווער עס זאָל די דאָזיקע ערטער פאַרנעמען. ביי שלמהקעס אַריינקומען האָבן אַלע צו אים געהויבן די קעפּ, באַגריסנדיק זיך מיט אים. וואָרעם אַלע דאָ קענען אים און ער קען אַלעמען. מיט וועמען אין דער אַלטער היים געקעמפט, מיט וועמען פאַרשיקט געוואָרן, אין די טורמעס זיך געוואַלגערט, מיט וועמען צוזאַמען געקומען קיין אַמעריקע, און אין די פּעטערסאָנער וועבער־שעפּער געאַרבעט, שטרייקן געפירט. די פּאַרטיי, יוניאָנס, די אָרדן־

ברענטשעס געגרינדעט, קאָאָפּעראַטיוון געבויט. יונג געווען דעמאָלט. אין די בעסטע יאָרן. געזונט, פול געווען מיט פייער, מיט גלויבן און בטחון אין אַ מער גליקלעכע צייט. זענען אָבער די יונגע יאָרן מיטן ווינט פאַרפלויגן. איצט — גרוי, אַלט, נישט ביים געזונט, קראַנק, און די צייט האָט איבערן קאָפּ דערלאַנגט. אַנשטאָט בעסער — ערגער. ס׳רישעות אויף דער וועלט, און ס׳רישעות אינעם לאַנד פון דער רעוואָלוציע, איבער דער פאַנטאַזיע. דאָך קומט מען נאָך אַלץ צו די מיטינגען, ווי אין די ייִנגערע יאָרן. מען גיט נישט אויף, און מען וועט נישט אויפגעבן, ביז דער לעצטער מענטש פון אָט דעם עולם וועט דאָ מער נישט זיין. נו, אָט האָט דער מיטינג זיך ענדלעך אָנגעהויבן. נאָכן דערליידיקן אַ פּאָר רוטינע פּאַרטיי־ענינים, האָט זיך אויפגעשטעלט דער חבר לייבקע, דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג און פאָרגעשטעלט דעם רעדנער. דער חבר לייבקע איז אַן אַלטער באַוועגונגס־מענטש, וואָס נישט די בייזע ווינטן פון דער צייט, נישט די עלטער און ס׳שוואַכע געזונט, האָבן אים געבויגן אָפּצווויכן פון די פּאַרטיי־פּרינציפּן, ווי געפּריידיקט מיט פופציק יאָר צוריק. אַ סך האָבן נישט אויסגעהאַלטן די אַנטוישונגען, די ספקות, די ווונדן, אָבער נישט ער, לייבקע. געבליבן כמעט אַליין מיט ווייניק אַנהענגער. אָבער ער האַלט זיך נאָך אַלץ פעסט ווי אייזן אין די אַמאָליקע איבערצייגונגען. דער רעדנער איז געווען פונעם זעלבן חדר, וואָס ער. דער עולם האָט דאָס גלייך דערפילט אין די רייד זיינע, און מיט אַן אַפּאַטישער שטילשווייגעניש זיך איינגעהערט צו דעם וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן.

דאָס איז געווען אין אָנהייב. ביסלעכווייז האָט אָבער דעם רעדנערס אָראַטאָרישער כוח אַלעמען מיטגעריסן. און מיט פייערדיקע רייד זיינע אויפגעפּאָדערט די צוהערער, נישט אויפצוגעבן, נאָר פאַרקערט, אַז ערשט איצט, איצט — — — מיט יעדער מינוט גערעדט אַלץ היציקער, מיט אַלץ אַ מער ברויזנדיקער שטים, און מיט די רייד זיינע פון דאָס ניי אָנגעשטעקט דעם פאַרזאַמלטן עולם מיט דעם גייסט פון די אַמאָליקע קאַמפן, פאַרכישופנדיק אַלעמען זיך צו זען ווי אויף אַ פאַרזאַמלונג מיט פופציק יאָר צוריק.

געפּאַקט איז דאַן דער זאַל געווען מיט מענטשן־מאַסן. מען שטייט קאָפּ־אויף־קאָפּ, ענג, אַזש דערשטיקט צו ווערן, און די ליכטיקייט פון די

לאָמפּן בלענדט איבער די קעפּ פון דעם עולם. מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס און אָנגעשפּיצטע אויערן הערט מען זיך איין נישט צו פאַרהערן, חלילה, אַ וואָרט, און יעדעס וואָרט ווערט באַגלייט מיט אַן אויסברוך פון שטור־מישע אָוואַציעס. שלמהקע איז אויך מיטגעריסן געוואָרן און איינהערנדיק זיך צום רעדנער, וואָס האָט אויפגעפּאָדערט דעם עולם נישט אויפצוגעבן דעם אַלט־הייליקן קאַמף און ווייטער צו קעמפן פאַר אַ שענערע, פאַר אַ בעסערע וועלט, פאַר אַ פאַרברידערטער מענטשהייט, איז אים אין פלוג פאַרגעקומען, אַז ער הערט אָט די קעמפערישע שיינע רייד אויף אַ מיטינג מיט פופציק יאָר צוריק און פון גרויס באַגייסטערונג מיט דעם דעמאָלטיקן פייער מיטאַפּלאָדירט מיט דעם פאַרזאַמלטן עולם. מיט אַ מאָל האָבן זיך אים אָבער די הענט אַראָפּגעלאָזן, דערמאָנענדיק זיך ווידער אַ מאָל אין דעם וואָס ס׳טוט זיך אויף דער וועלט: ס׳רישעות און ס׳רישעות אינעם לאַנד פון דער רעוואָלוציע איבער דער פאַנטאַזיע. מלחמות, פאָלק קעגן פאָלק. מענטש קעגן מענטש, גאַז־קאַמערן, קאַלכאויוונס געבויט. מענטשן צו דערשטיקן, צו פאַרברענען די אומגעבראַכטע אין מאַסן־קברים באַ־גראָבן, און פון אַ דריטל פון זיין פאָלק איז אַש און שטויב געבליבן.

דערמאָנענדיק זיך אין דעם אַלעם, איז שלמהקע, פון דעם מאָמענט אָן, מער נישט מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם רעדנערס פלאַמיקע רייד, אויפ־פאָדערנדיק דעם עולם זיך נישט אונטערצוגעבן די אַלע דורכפאַלן און אַנטוישונגען פון דער צייט, נאָר מיט מער אַנטשלאָסנקייט און מיט אַ פעסטערן גלויבן צו קעמפן ווייטער — — — אַנטשטאָט דעם, ווידער אַ מאָל דערפילט אין זיך יענע קאַלטקייט מיט וועלכער ער איז צו דעם מיטינג געגאַנגען און געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד, אַז דער רעדנער זאָל ענדיקן, און ווען ער האָט געענדיקט, האָט ער זיך אויף גיך אַ הייב געטאָן פונעם אָרט און זיך גענומען אַרויסרוקן פונעם זאַל.

— וואָס איז די איילעניש, שלמהקע? — האָט מען געפּרווּוט אים פאַרהאַלטן, — וואַרט־זשע צו ביז איבער די פראַגן.

שלמהקע האָט זיך אָבער נישט געלאָזט פאַרהאַלטן און געזאָגט:

— כ׳מוז גיין, ס׳איז שפּעט, שוין באַלד צוועלף, און אַזוי קאַלט, קאַלט... — און אַ זאָג טוענדיק אַלעמען „אַ גוטע נאַכט!", איז ער אַרויס אין דרויסן און פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

קאַנקורענטן

שווין פון דערווייטנס האָט זיך געהערט דער פרומער טאַלוועישאָן־הימן, און אין דעם אָרעמען, ענגן נעגער־געסל, לעבן אַ טונקל־באַלויכטן שפּייז־קרעמל, פון וואַנען ס׳האָט זיך געטראָגן אַ שאַרפער בראָנפן־ריח, איז געשטאַנען די שוואַרצע סאַלווישאָן־גרופּע און אַרויסגעזונגען פון קליינע געבעט־ביכלעך. צוויי יונגע שעמעוודיקע מיידלעך מיט דינע פיסלעך, האָבן צוגעשפּילט אויף לייכטע פלייטלעך און אַ מיטעלער, פעסט געבויטער מאַן מיט אַ גלחישן פּנים, דער פּריידיקער, האָט זיך אַרויס־גערוקט צום אַרומיקן שוואַרצן עולם מיט אַ דרשה. ביים דרשנען האָבן זיך אים ביים מויל די ליפּן צעטיילט אין צווייען און דאָס בראָנז־קופּערנע פּנים, וואָס איז טונקל געווען אין איינעם מיטן אָוונט, איז באַלויכטן געוואָרן מיטן ווייסן אָפּשיין פון די שאַרפע ציין.

די פרומע געזאַנג־תפילות האָבן זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן נעגער־קוואַרטל און צונויפגעבראַכט אַ גרויסן עולם שוואַרצהויטיקע מענער און פרויען. דער נעגער־עולם האָט זיך איינגעהערט צו די סאַלווישאָן־לייט און צו דער זעלבער צייט אויך געוואָרפן הייסע בליקן צו די סאַלאָנען און השד־קרעמלעך פון געסל. פון די דערבייאיקע לאָמפּן־באַלויכטענע הייזלעך, האָבן זיך אין פענצטער געוויזן נייגעריקע שוואַרצע קעפּ, סילועטן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

אַ ביסל ווייטער אין דעם נעגער־קוואַרטל, האָט די נאַכט אַלץ געהילט מיט אַ געדיכטן חושך. שאָטנדיק האָבן זיך געזען די דיקלייביקע מויערן פון די זיידן־פאַבריקן; די האַלדזיקע, לאַנגע קוימענס האָבן זיך גע־שפּיצט צום נאַכט־הימל מיט טיפע סאַזשע־לעכער. פון דערבייאיקע בער־גיקע קוילן־סקלאַדן האָט דער ווינט אָפּט צעיאָגט אַ קוילן־שטויב אין געסל אַריין. פון נעגער־הייזלעך האָט זיך דעמאָלט גלייך דערהערט אַ

פאַרשטיקט הוסטן ווי פון קליינע קינדער אין שלאָף. אויף די רעלסן פון דער „איירי"־באַן, וואָס איז געלאָפן איבער אַ בריק און זיך געשלענגלט, איז אָפט דורכגעפליגן אַ לאַנגער צוג און איבערגעלאָזט אַ שטיקנדיקן סאַזשעדיקן רויך מיט רויטע פונקן. די פונקן האָבן אין פליען אויסגעברענט שטיקער חושך און באַלויכטן די טונקעלע נעגער־שטיבלעך. איבערן וועג איז געלעגן אַ בלאָטיקער שניי, שוין שוואַרץ ווי דער קוילן־שטויב, און ביי די ראָגן האָט זיך פון די סאַלאָנען און „שפּייז־קרעמלעך" געטראָגן אַ בראָנפן־ריח, וואָס דער ווינט האָט צעיאָגט איבערן גאַנצן נעגער־קוואַרטל.

ביי איין „שפּייז־קרעמל" אַזעלכן, מיט אַן איינציק טונקל־באַלויכטענעם פענצטער, וווּ עס זענען געלעגן פאַרעלטערטע שפּייז־אַרטיקלען, איז אויף דער שוועל געזעסן דער בעל־הבית מר. אָ'ניעל — אַ דיקלעכער מענטש מיט אַ שווערן קאָפּ אויף אַ קורצן האַלדז און מיט צוויי רויטע בערגלדיקע באַקן. די באַקן האָבן זיך אים אָפט אויפגעבלאָזן פון אַ שווערן אָטעם, און כדי צו מאַכן זיך גרינגער דאָס אָטעמען, האָט ער אַלע ווײַלע מיט די הענט אַ ביסל זיך אונטערגעהויבן דעם שווערן, שפּיציקן בויך. מר. אָ'ניעל האָט אַרויסגענומען אַ טאַשן־ביכל און זיך אַ וויש געטאָן דאָס פּנים, די ליפּן, וואָס האָבן זיך נאָך געקלעפּט פון אַן אָקאַרשט געגעסענעם פעטן מאַלצייט. דערביי האָט ער געהאַלטן אָנגעשטרענגט דאָס רעכטע אויג אין געסל אַריין און נאָכגעקוקט אַ באַפּעלצטן פּאָליציימאַן, וואָס איז דורכגעגאַנגען מיט אַ „קלאָב" אין האַנט. אַז דער פּאָליציימאַן האָט זיך שוין מער נישט געזען, האָט אָ'ניעל, מיט אַ געפיל פון איינעם, וואָס האָט זיך אומזיסט געשראָקן, אַוועקגענומען דעם פוס זיינעם, וואָס האָט געהאַלטן אַ ביסל צוגעשפּאַרט די טיר פון „קרעמל". פון אינעווייניק האָבן זיך דעמאָלט גענומען אַרויסוואַקלען עטלעכע שוואַרצע געשטאַלטן, וואָס האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. אָ'ניעל האָט זיי מיט אַ שווערער האַנט גיך אָפּגעשטופּט אינעם זייטיקן געסל אַריין. די שוואַרצע האָבן זיך פון אָ'ניעלס שטויסן נאָך מער צעוואַקלט און ס'האָט זיך געזען, ווי איינער און נאָך איינער פאַלן צו דער בלאָטיקער, קאַלטער ערד, און בלייבן ליגן קנוייליק מיט צעשפּרייטע פיס.

ביי אָט דעם דאָזיקן „קרעמל", אָ'ניעלס, איז דאָס איצט געשטאַנען די

פרומע סאָלווייִשאָן־גרופּע, אַרויסזאָגנדיק אַ הייליקן „סוירמאַן״, און אַרום איר — די שוואַרצע צוהערער. אָרעמע, דערשלאָגענע מענטשן פון אַ דערנידעריקט פאָלק, צוגעווויינט צו פאַרטאַכליעווען יעדן סענט אין טרינקען. אַז דער פּריידיקער האָט אָנגעהויבן דרשענען, האָט ער גלייך דערפילט, ווי אַ׳ניעלס רעכטע אויג שטעכט אים דורך מיט אַ שאַרפן שנאהדיקן בליק. יאָרן־לאַנג בלינד אויפן לינקן אויג, איז דאָס רעכטע אויג ביי אַ׳ניעלן שטענדיק גרעסער געוואָרן פון אָפטן אָנשטרענגען זיך. ער האָט תמיד געקוקט מיט אַ רויטן בליק. איצט האָט דאָס אויג אַ׳ניעלס געפלאַמט אויפן פּריידיקער מיט יעדער געקרענקטקייט פון אַ מענטשן, ביי וועמען מען איז געקומען אַוועקרויבן די פּרנסה. יעדן שבת אָוונט קומען זיי דאָ אַהער, די שוואַרצע סאָלווייִשאָן־לייט, צעשטעלן זיך ביי זיין קרעמל און זוכן מיט זייערע פרומע סוירמאַנס אָפּצוהאַלטן דעם שוואַרצן עולם פון טרינקען און צעשטערן אים די פאַרדינסטן אין דעם בעסטן אָוונט פון דער וואָך. אַ׳ניעלן האָט געהויבן פאַר כעס, בעת ער האָט געזען ווי דער פּריידיקער שפּאַנט פון איין אָרט צום אַנדערן און ווענדעט זיך יעדעס מאָל צו אַן אַנדערן פון זיינע טונקל־הויטיקע ברידער מיט אַ געבעט, זיי זאָלן אויפהערן צו פאַרטרינקען די פאַרהאָרעוועטע פאַרדינסטן פון דער וואָך און דאָס געלט בעסער האַלטן אויף שפּייז, קליידער, דירה־געלט אָדער אויף מעדיצין, ווען אַ קינד ווערט קראַנק. און אַ׳ניעל האָט נישט געקענט הערן ווי די שוואַרצע צוהערער שאָקלען צו מיט די קעפּ:

— דעם רייט, דעם רייט (פאַרדאַמט אמת).

אין מיטן פון דעם פּריידיקערס דרשה האָט זיך צוגעשלעפּט אַ נידעריק־געבויגענער נעגער מיט אַ צעריסן, פאַרבלוטיקט פּנים. פון די צעריסענע קליידער האָבן ביי אים אַרויסגעשטאַרטשעט די ביינער, און די קרומע פּלייצעס האָבן זיך ביי אים מאָדנע באַוועגט. דער קאָפּ מיט קורצע האָר, ווי מיט מאָכיק־גראָ באַוואַקסן, איז געווען איינגעהויקערט, און די אונטערשטע ליפּ האָט נאָכגעבאַמבלט, ווי אַ צעריסן שטיק פלייש. אויפן דאַרן בלייענעם פּנים האָט זיך געזען די גאַנצע טעמפּקייט פון כראָנישן שכרות.

אין געסל אַריין איז דער נידעריקער נעגער אָנגעקומען ווישנדיק זיך דאָס בלוט פונעם צעריסענעם פּנים און שפּייענדיק פלאַפּלענדיקע ווער־

טער אינעם ווינט אַריין. מיט אַ מאָל האָבן די אויערן ביי אים זיך אַ שפּיץ געטאָן פון הויכע רייד, וואָס ער האָט דערהערט; האָט ער אַ דערשראָקענעם ריס געטאָן העכער דעם קאָפּ און געזען זיך שטיין צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע שוואַרצע ביי דער סאָלווײשאָן־גרופּע, און אין דעם זעלבן מאָמענט גלייך דערהערט ווי עס קלינגט אים עפּעס אָפּ אין די אויערן: „לאָרד דזשיזוס אַור סייוויאָר".

די דאָזיקע ווערטער כאַפּט ער תמיד אויף, מעג ער זיין אין דער גרעסטער צעמישעניש. אַט די דאָזיקע ווערטער זאָגט דער נעגער שטענדיק ווען ער ווערט קראַנק, ווען מ'הונגערט ביי אים אין הויז, אָדער אין עפּעס אַן אַנדער צרה.

האָט דאָס אָנטרעפן דאָ איצט די סאָלווײשאָן־לייט אים דערוויַיל אָפּ־געהאַלטן פון אַריינגיין אין אַ'ניעלס קרעמל. און קוים איז ער נאָר שטיין געבליבן, דער נעגער, און זיך אָנגעהויבן איינהערן צום פּריידיקער, האָט זיך אים גלייך אויסגעוויזן, אַז דאָס רעדט אָט דער פּריידיקער אַממערסטן נאָר צו אים... אַז ער זאָל אויפהערן ליגן אין די בראָנפן־קרעמלעך און זיך נישט שלאָגן מיטן ווייב, וואָס פאַדערט ביי אים דאָס פאַרטרונקענע געלט. ער איז אַזוי זיכער געווען, דער נעגער, אַז דאָס רעדט דער פּריידיקער נאָר צו אים, אַז ער האָט זיך געשעמט צו קוקן יענעם אין די אויגן. אַ ביסל שפּעטער איז ער שוין געוואָרן דרייסטער און ווי די אַנדערע שוואַרצע, שוין אויך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו דעם פּריידיקערס רייד. און ווען דער „סוירמאַן" האָט זיך געענדיקט, איז דער נעגער געבליבן שטיין מיט אַ גוט געפיל צו די סאָלווײשאָן־לייט, וועלכע האָבן אים אָפּגעהאַלטן פון צו פאַרטרינקען דאָס געלט. דאָס דאָזיקע געפיל האָט אים געשטאַרקט קעגן דער בראָנפן־נאָגעניש און גובר געווען דעם הייסן דאָרשט אינעם לייב. דאָך האָט ער געפילט, אַז ער טאָר זיך נישט אָנטרויען צו בלייבן דאָ צו לאַנג מיט דעם געלט ביי זיך, און ער האָט אָנגעהויבן זיך יאָגן אַהיים.

ווי נאָר די טיר האָט זיך געעפנט און דער נעגער האָט דערפילט דעם דושנעם ריח פון דער שטוב, איז ער זיכער געווען, אַז ער איז ביי זיך אין דער היים... אַ צאַנקנדיק פלעמל אין אַ פאַררויכערט לעמפל האָט נאָך טונקעלער געמאַכט די שטוב, און ווען ער איז אַריין אינעווייניק, האָט ער זיך ביי דער שוועל אָנגעשטויסן אין עפּעס אַ שווערע זאַך, און ער איז

שיער אומגעפאַלן. דעמאָלט האָט ער אַ דערשראָקענער אַ קוק געטאָן און דערזען ליגן אויף דער ערד דאָס ווייב זיינס, מעגי, אַ פאַרווייטע, און לעבן איר צוויי פאַרשלאָפענע קינדער. פון ערגעץ אין הויז האָט זיך געהערט דאָס שווערע הוסטן פון אַ קראַנק נפשל. זיין ניכטערקייט האָט אין אים געשטאַרקט דאָס רחמנות־געפיל צום ווייב און קינדער. ער האָט גיך אַ צי געטאָן פון דער קעשענע דאָס נישט־פאַרטרונקענע געלט און עס אַ שליידער געטאָן אויפן טיש. דאָס ביסל זילבער־געלט האָט זיך צעקלונ־גען און צעקייקלט אויף דער ערד. און ווי נאָר דאָס ווייב האָט אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ און מיט די פאַרווייניטע אויגן דערבליקט דאָס געלט, האָט זי אַ גיכן שפּרונג געטאָן צום מאַן, מיטביידע הענט אים אַרומגעהאַלדזט און גערעדט אים אין פנים אַריין:

— טאָם, טייערער, האָסט נישט פאַרטרונקען דאָס געלט?

טאָם האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך געשעמט קוקן צום ווייב. ערשט שפּעטער האָט ער אויף איר אַ נישט־דרייסטן בליק געטאָן און ער האָט דערזען, אַז אַרום אירע אויגן זענען געבליבן בלאָע געשוואָלענע קלעפּ־צייכנס פון דעם ביטערן געשלעג מיט איר, בעת זי האָט זיך איינגעקלאַמערט אין זיין לייב און מיט געוואַלד אים נישט געוואָלט לאָזן גיין אין „קרעמל" אַריין, ווי זיין טבע איז יעדן שבת, ווען ער קומט אַהיים מיטן פאַרדינסט פון דער שווערער וואָך אַרבעט.

מיטן גאַנצן כוח האָט טאָם דעמאָלט זיך געריסן פון איר און מיט געביילטע פויסטן געזעצט אין איר לייב, זי זאָל אים אָפּלאָזן, און דערנאָך מיט אַ ווילדן זעץ זי אַ וואָרף געטאָן פון זיך. ווי אַ פלינקע קאַץ, איז זי אָבער גלייך צוריק געשטאַנען אויף די פיס און ווידער זיך פאַרוויקלט אַרום זיין האַלדז און מיט די פינגער־נעגל געריסן אים דאָס פלייש פון פנים, טאָמס אויגן האָבן זיך אין היציקן געשלעג אָלץ מער אָנגעגאָסן מיט רויטע פונקען, און ער האָט דערביי געפילט, אַז ער ווערט אַלץ שוואַ־כער, אַז די כוחות לאָזן אים אָפּ. דעם ווייבס שאַרפן ציין בייסן אים די הענט. דעמאָלט האָט ער אַ צי געטאָן די צוויי צעביסענע הענט אין דער גאַנצער הייך, אָנגענומען אין זיי וואָס מער כוחות און זיי אַ ווילדן יאָג געטאָן דעם ווייב גלייך אין די אויגן אַריין. ערשט דעמאָלט האָט זי זיך

ענדלעך אַ וואָקל געטאָן, נישט קענענדיק זיך לענגער האַלטן אויף די פיס, און זיך אויסציענדיק אויפן שוועל גענומען יאָמערן אין געסל אַריין.

אַז טאָם איז דערנאָך אַרויס אין געסל, איז אים געווען זייער הייס, געהאַלטן אין איין ווישן זיך דאָס בלוט פון פנים, און פון דעם ווייטיק אין די צעביסענע הענט, געשפּיגן בייזע, פלאַפּלענדיקע ווערטער אין ווינט אַריין. אָבער ווי נאָר ער האָט אין דרויסן דערפילט דעם שאַרפן בראָנפן־ריח, האָט ער גלייך פאַרגעסן אינעם געשלעג מיטן ווייב און זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון אָ׳ניעלס „קרעמל״. האָט ער זיך אָבער אָנגעטראָפן מיט דער סאָלווישאַן־גרופּע, וואָס האָט אים אָפּגעהאַלטן פון צו פאַרטרינ־קען דאָס געלט, און איצט איז ער צוריק אַהיימגעקומען. אָבער ווי נאָר ער איז אַריין אין שטוב און נאָך געפונען ליגן דאָס ווייב אַ פאַרווייניטע אויף דער ערד, איז אין אים דורך אַזאַ פּיינלעכע בושה, אַז ער האָט זיך געשעמט אויפצוהייבן דעם קאָפּ און קוקן איר אין די אויגן אַריין. מעגי, וואָס איז ווידער געווען איינגעקלאַמערט אין אים און דערביי זיך געווישט די טרערן, האָט אין ריידן געפּרוווט אים הייבן העכער דעם קאָפּ:

— טאָם, טייערער טאָם, מיר וועלן איצט קויפן שפּייז פאַר דעם געלט? און ברענגען די מעדיצין פאַר עדין?

די לאַשטשענדיקע צערטלעכקייט פונעם ווייב האָט אים ענדלעך באַ־ווירקט און אויך געשטילט אין זיין לייב דאָס ברוגזע בלוט, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געקרענקט פון נישט־טרינקען. ער האָט זיך פון דער בייזער שטימונג מיט אַ מאָל אַ שטאַרקן באַוועג געטאָן און אַ כאַפּ געטאָן דעם ווייבס קאָפּ צו דער ברוסט זיינער און ווי הילפלאָז, געקושט אירע צע־היצטע באַקן, שפּעטער האָט זי אים אַליין צוריק דערלאַנגט דאָס געלט:

— און דו, טאָם, וועסט איינקויפן שפּייז, און ברענגען די מעדיצין פאַר עדין!

מיט אַ גיכן שפּרונג איז טאָם ווידער געשטאַנען אויף די פיס, און די אויגן האָבן פון ס׳נייַ ביי אים אַ לייכט געטאָן מיט יענע בליקן, פון וועלכע דאָס ווייב, מעגי פאַרדעכטיקט אים תמיד, אַז ער וויל זיך אַוועקלאָזן צום „בראָנפן־קרעמל״. די אונטערשטע דיקע ליפּ האָט ווידער ביי אים גע־נומען ציטערן און מעגי האָט גלייך ביי אים צוריק אָפּגענומען דאָס געלט.

— כ׳וועל שוין אַליין גיין, טאָם, און דו בלייב אין שטוב!

טאַם האָט אַ ציטער געטאָן פון אַנטוישונג. ס׳האָט אים אַלץ געצויגן צוריקצוקריגן דאָס ביסל געלט, און נישט וויסנדיק ווי אַזוי, שטיין געבליבן מיט אַן אומבאַהאָלפענעם, טרויעריקן אויסזען ער האָט מיט קנאה געקוקט, ווי דאָס ווייב מאַכט זיך גרייט אַרויסצוגיין און ס׳האָט זיך אים געגומען אויסדאַכטן, אַז ער באַמערקט אויך דאַרשט־בליקן אינעם ווייבס אויגן, און ער האָט צו איר אַ הויכן געשריי געטאָן:

— האָסט מורא מיך צו שיקן נאָך דעם עסנוואַרג, מעגי? ווילסט אַליין פאַרטרינקען דאָס געלט?

— איך שווער דיר, גוטער טאַם, ס׳וועט אַ סענט נישט פעלן דערפון.

— איך גלייב דיר נישט! ס׳וועט דיך אַריינציִען!

מעגי האָט דערזען, ווי טאַמס הענט ציִען זיך ווידער צו איר מיט געי־ביילטע פויסטן, און זי האָט זיך גיך אָפגעטראָגן פון הויז.

*

אַ געפייניקטער פון נישט טרינקען, איז טאַם יענע נאַכט אָפּגעלעגן לאַנגע שעהן אין בעט, און מיט אַ לעכצנדיק מויל געשריגן אין דער פינצטערער שטוב אַריין. דאָס ווייב זיינס, מעגי, האָט געטאָן אַלץ, וואָס זי האָט געקענט, אַז ער זאָל אַנטשלאָפן ווערן. טאַם איז צום סוף געבליבן ליגן מיד, און אַז ער איז ענדלעך איינגעשלאָפן, האָט זיך אים גלייך געגומען מאָלן, אַז דער פאַרשטאָרבענער פאָטער זיינער קריכט ערגעץ פון דער נאַכט אַרויס, שוועבט צו צו זיין בעט, און אָנווייזנדיק אויף זיין אויסגעפּוצט גרוי בערדל, וואָרנט ער אים מיטן אַלטן, אויסגעהוילטן קול:

— אָ, נישט טרינקען, טאַם, אָ, נישט טרינקען!

טאַם גיט אַ ציטער. ער עפנט די אויגן און אין דעם ערשטן מאָמענט דאַכט זיך אים, אַז ער הערט עפּעס לעבן זיך אָפּשפרינגען אין דער פינצ־טערניש אַריין... בלייבט ער ווידער ליגן אָן שלאָף און ער טראַכט וועגן דעם פאָטער זיינעם, וואָס האָט אויך נישט געקענט שלאָפן אין די נעכט.

אַ קליין, גרינג יינגל איז טאַם דעמאָלט געווען. ער האָט געהאַט אַ לייכט קעפּל, פאַרוואַקסן מיט גלאַנציקע, געדיכטע נאָדל־האָר, שווער צו רייסן, און אַ גלאַט, שוואַרץ פּנימל. דער מוטער געדענקט ער לחלוטין נישט, נאָר אַז ער טראַכט לאַנג, דערמאָנט ער זיך, אַז מיט אַ סך יאָרן צוריק איז אין דעם ענגן שטיבל געווען אַ גרויסער טומל פון אַנגעלאָפענע שוואַרצע

שכנים. מען האָט אים, טאַמען, דעמאָלט צוגעפירט צו אַ בעט, פון וואַנען עס האָט זיך אַרויסגעזען אַ באַוועגלאָזער, שטייפער קאָפּ מיט פאַרמאַכטע אויגן, און עמעצער פון די מענטשן, פאַר וועמען ער האָט זיך שטאַרק געשראָקן, האָט אים אַ צי געטאָן פאַר דער האַנט און אָנגעוויזן אויפן שטייפן קאָפּ — דייך מאַמע!

דאָס איז אַלץ וואָס טאַם געדענקט וועגן זיין מוטער. דערפאַר אָבער געדענקט ער זייער גוט דעם פאָטער זיינעם — דאָס דאַרע מענטשל מיטן געבויגענעם גוף און מיטן קורצן גראָען בערדל, וואָס ער פלעגט במשך די לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט עס אויסצופן. דער פאָטער פלעגט זיך שטענ־דיק קלאָגן, אַז עפּעס טוט אים וויי, און ער האָט נישט געוווּסט וואָס. ביי נאַכט איז ער אָפט געלעגן און בעט און געשריגן אין דער פינצטערער שטוב אַריין און געהייסן טאַמען ער זאָל אים אויפזוכן אַ ביסל בראַנפן, וואָס ער פלעגט זיך תמיד אָנגרייטן אין אַזעלכע נעכט. צוטראָגנדיק אים דאָס פלעשל, פלעגט טאַמען אַליין אויך אַ צי טאָן צו דעם שאַרפן בראַנפן־ריח, און ער פלעגט אַ שטאַרקן זופּ טאָן דערפון. דער אַלטער האָט דאָס גלייך דערזען און איז אַרויס פון בעט, מיטן אויסגעברענטן, הוילן קול, צו אים געשריגן:

— נישט! אַ, טאַם, לאָז דאָס!

טאַם איז דעמאָלט געוואָרן אַ דערוואַקסענער בחור: געוואַקסן הויך מיט אַ חנעוודיקן רונדיקן קאָפּ און געהאַט אַ געזונט האַרץ מיט אַ פעסטן אָטעם. אַז דער פאָטער האָט אַ מאָל אין אַ ניכטערער שעה אויף אים אַ קוק געטאָן, פלעגט ער זיך שטאַרק צעווײנען און זאָגן, אַז אַ מאָל איז ער אויך געווען אַזוי שיין און הויך... טאַם איז שוין דעמאָלט געווען פאַרדונגען צו אַ ווייסן באַלעבאָס און געשלעפּט אַ גאַנצן טאָג מעבל אין די שטאָטישע הייזער און פון די פאַרדינסטן שוין געוווּסט אַליין זיך איינצושאַפן אַ ביסל בראַנפן. און דער פאָטער זיינער, וועמען ס'איז שוין אָנגעקומען שווער צו פאַרדינען אַ ביסל געלט, פלעגט זיך אָפט ביי אים בעטן:

— גיב אַ טרונק דעם טאַטן דיינעם, דעם אַלטן טאַטן!

אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען עטלעכע יאָר. ביז איין מאָל, אין אַ ווינטער־נאַכט, ווען דער אַלטער פאָטער איז געלעגן, ווי תמיד נאָכן טרינקען, פאַרשלאָפן אויף דער שוועל פון אַן אַלט הייזל, האָט אַ שטאַרקער פראָסט

דורכגעפרוירן אים דעם צעהיצטן קערפּער. יענע נאַכט האָט דער פאָטער זיינער שוין מער נישט אויפגעהערט צו שרייען און זיך געוואָרפן אין הויכן פיבער. ס׳איז געווען אַ זייער קאַלטע נאַכט די שויבן זענען געווען באַדעקט מיט שניי און דער ווינט האָט אָנגעיאָגט אַ בייזע קעלט אין שטוב אַריין. אַ פּאָר טעג און אַ פּאָר נעכט האָט זיך דער אַלטער אַזוי געמאַטערט. אין הויז זענען תמיד געווען שוואַרצע שכנים. דער אַלטער האָט מער צו קיינעם נישט גערעדט און שטום געקוקט צו אַלעמען אין דער שטוב. וואָס נענטער צום טויט, זענען די בליקן אים אַלץ ליכטיקער געוואָרן און די אויגן האָבן זיך נאָר געריסן צו בלייבן אָפן. איין מאָל האָט מען נאָך געבראַכט אַ דאָק־טאָר — אַ ווייסן מענטש מיט אַן ערנסט פּנים און אַ קאַלטן שטערן. עטלעכע מינוט האָט דער דאָקטאָר זיך נאָך אַרומגעפּאָרעט ביי דעם אַלטן. דערנאָך האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַ מאַך געטאָן מיט אַ האַנט צו טאַמען, וואָס האָט געציטערט פאַר שרעק. דער אַלטער איז שוין אין גאַנצן שטיל געווען, מער זיך נישט גערירט און עמעצער האָט אים אַ פאַרמאַך געטאָן די אויגן. אַז טאַם איז דעמאָלט אַ וויינענדיקער צוגעלאָפן צום בעט, האָט ער שוין מער נישט געקאָנט זען ווי אַביינערדיק, קאַלט פּנים, מיט געלע פלעקן אויף דער שוואַרצער, שטייפער הויט און אַ ביסל האָר אין די הענט, וואָס דער אַלטער האָט נאָך באַוויזן פאַרן שטאַרבן אויסצוצופּן פון קורצן, גראָען בערדל. טאַמען האָט דעמאָלט נישט געשראָקן אַזוי שטאַרק דער טויט זיינער, ווי די שרעק פאַר די אויסגעצופּטע האָר, וואָס ער האָט גע־טראָפן ביים טויטן פאָטער אין די הענט.

נאָכן פאָטערס טויט איז טאַמען געוואָרן זייער אומעטיק. גייענדיק אַהיים אין די שפּעטע נאַכט־שעהן פון טרינקען, האָט זיך אים תמיד געדאַכט, אַז דער אַלטער ליגט דאָרטן אויף דער שוועל פון אַ הייזל און שלאָפט. פאַרבייגייענדיק, האָט ער אַלע מאָל אַ דערשראָקענעם קוק געטאָן אויף יענעם אָרט, ווו דער פאָטער זיינער פלעגט ליגן און שלאָפן.

צוגעוווינט פון לאַנגע יאָרן אַהיים צו שלעפן זיך צוזאַמען מיטן פאָטער, האָט איצט אַ גרויסער עלנט אים געהאַלטן אין דער מורא צו בלייבן אַליין אין די שפּעטע נאַכט־שעהן. און כדי נישט צו מאַטערן זיך לאַנג מיטן פּיינלעכן אומעט, פלעגט אים רייצן אַ שטאַרקערער חשק צו טרינקען, און נאָכן טרינקען זיך מאָלן דאָס שכנישע מיידל, מעגי, מיט די פּריצייטיק־

צעוואַקסענע ברעמען, ווי צוויי קינדערישע קעפּלעך. אין אַזאַ צייט פלעגט אים שטאַרק ציען צו איר גלאַטיק, וואַרעם פּנימל מיט די לאַכעדיקע אויגן, און ער האָט זי אַרומגעזוכט אין געסל. מעגי פלעגט שוין וויסן די שעה, ווען טאָם זוכט זי צום שטאַרקסטן אַרום און זי האָט אים אָפּגעוואַרט אויפן וועג. ביידע זענען דעמאָלט אַוועק אין אַ פאַרלאָזן שטח, צווישן די קוילן־סקלאַדן, און ביים אַהיימגיין איז מעגי געווען שטאַרק צעטראָגן און געצויגן טאָמען ער זאָל זי נאָך קושן אין מויל.

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, גייענדיק איין מאָל מיט איר צווישן די קוילן־סקלאַדן, האָט טאָם באַמערקט ווי מעגיס בויך איז געוואָרן זייער האַרט, און איין מאָל אין אַזאַ אָוונט האָט טאָמען אַרומגעזוכט דער שכן זיינער, מעגיס פאָטער, און ביים געפינען אים, געוויזן געביילטע פויסטן אין פּנים אַריין:

— ווען חתונה האָבן מיט מעגין?

די ערשטע עטלעכע רגעס איז טאָם געוואָרן צעמישט און מורא געהאַט אַרויסצולאָזן פונעם מויל דאָס וואָרט „יאָ". באַלד אָבער האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון דער מורא און גענומען לאַכן מיט אַ פריידיק מויל צום שכן:

— אַי'ל בי דעמד איף אַי דאָנ'ט (איך וועל זיין אַ פאַרדאַמטער, אויב איך האָב מיט איר נישט חתונה).

איז מעגי געוואָרן טאָמס ווייב; געפירט די באַלעבאַטישקייט אין דער זעלבער שטוב, ווו טאָמס פאָטער איז געשטאָרבן, און ס'איז זיי שוין גע־גאַנגען ווי ביי ס'רוב מענטשן אויף דער וועלט: אין הויז האָט זיך באַלד געוויזן אַ קינד, נאָך איינס, און טאָם פלעגט יעדן פרימאָרגן זיך אַוועק־לאָזן אין שטאָט אַריין צו שלעפּן דאָרטן אַ גאַנצן טאָג מעבל. פון טראָגן תמיד שווערע מעבל־שטיקער אויף די דאַרע רוקנס, איז ער גיך געוואָרן אויסגעבויגן און ער האָט אָנגעהויבן פריער גראָען. דערצו פעלט אים ס'רוב אין דער וואָך אויס געלט אויף צו שטאַרקן זיך מיט אַ טרונק־בראָנפן, און געפייניקט פון די טרינק־נאָגענישן, וועלכע שטאַרקן זיך ביי אים מיט די יאָרן, קומט די אַרבעט אים אָן אַ סך שווערער. אָבער ווי שלעכט ס'איז אים, טאָמען, אָן אַ טרונק ביי טאָג, איז אים נאָך ערגער אין די נעכט. אין בעסטן שלאָף הייבט אים אָפּט אָן צו נאָגן דער בייזער דאָרשט, און ער

שרייט צום ווייב, זי זאָל אים אויפזוכן אַ ביסל בראָנפן. די איצטיקע נאַכט איז נאָך געווען ערגער, ווייל די סאָלווישאָן־לייט האָבן אים אין אָוונט אָפּגעהאַלטן פון טרינקען.

דאָס זעלבע האָט זיך אויך איבערגעחזרט אין דער מאָרגנדיקער, זונטיק־נאַכט, ביז ס'האָט אינעם מאָנטיקדיקן באַגינען זיך דערהערט דאָס ערשטע גרילצקיע פייפעריי פון די זיידן־פאַבריקן. אויף דער באַן־בריק איז שוין אָפּטער דורכגעפלויגן אַ לאַנגער צוג און צעשאָקלט די דערבייאיקע הייזלעך. דער שטיקנדיקער קוילן־מיסט האָט זיך געהויבן מיטן ווינט און אָנגעיאָגט אַ שטויב אין די ענגע, נאָך פאַרשלאָפענע שטיבלעך אַריין. טאַמען האָט דערפון גענומען רייסן אין האַלדז, אין נאָז, און ער האָט אַלץ געהויבן דעם קאָפּ צו הוסטן. די פאַרשלאָפענע קינדער האָבן זיך געוואָרפן אויף די געלעגערס, געהויבן די בייכלעך און נאָך אָנגעשטרענגטער געאָטעמט.

מעגי האָט נישט געקענט מער איינליגן אויפן געלעגער. דאָס האַרץ האָט איר ווי געטאָן אויף טאַמען און זי האָט זיך געריסן אַרויסצוגיין פון בעט און אים איינעמען. דאָס קליינע, קראַנקע נפשל איז אָבער געלעגן צוגעקלעפּט צו איר, און מעגי, וואָס האָט געוואָלט, אַז דאָס קינד זאָל וואָס לענגער שלאָפן, האָט דעריבער מורא געהאַט זיך צו רירן פון אָרט און איז געבליבן ליגן אין בעט. עס האָט אָבער מיט געוואָלד זי אויך אַרויסגע־צויגן איינצונעמען דעם געפּייניקטן מאַן, און עטלעכע מאָל האָט זי זיך געפּרוווט אַוועקרייסן פונעם קינד. דאָס נפשל האָט אָבער מיט די הענטלעך זי גלייך גענומען אַרומזוכן, און מעגי האָט זיך צוריק איבערגעגעבן צו דעם, אַ קוש טוענדיק עס אין הייסן קעפּל. אין דער זעלבער צייט איז אָבער דאָס ציען זיך צום מאַן אין איר נישט שוואַכער געוואָרן, און מעגי האָט נישט געוווסט, ווי אַזוי זיך צו העלפן. געזיגט האָט אָבער איצט אין מעגין די מוטער, נישט דאָס ווייב. און אַז זי איז שפּעטער אַריין אין קיך, איז טאַם שוין דאָרט נישט געווען. אין שטוב איז אַלץ געווען צעשטערט און צעוואָרפן. זי האָט געזוכט אין אַלע ווינקעלעך. אויפן טיש איז געשטאַנען דאָס עסן נישט גערירט. מעגי איז גיך צו צום פענצטער און נאָך באַוויזן צו זען טאַמען אַרויסגיין פון הויז. דערנאָך האָט זי אים געזען פאַרבייגיין פּאַר אַ'ניעלס קרעמל, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע שוואַרצע מענטשן, וואָס האָבן זיך געשלעפּט אין שטאָט אַריין צו דער אַרבעט.

אין אַזאַ טאָג קומט טאַמען אָן די אַרבעט זייער שווער. די אויגן זענען בײַ אים פאַרטונקלט, פון אַן איינגעהאַלטענעם געוויין, און עפּעס טוט אים וויי, און ער ווייסט נישט וואָס. זיינע הענט פוילן זיך צו רירן. די פיס ציטערן אין גאַנג, בייגן זיך לייכט צו דער ערד, און דאָס שטיק מעבל, וואָס ליגט אויף זיין פּלאַכן רוקן, הייבט זיך דעמאָלט העכער און פאַלט שיער נישט אַריבער איבער זיין קאָפּ. ער גיט זיך פלינק אַ שטעל צוריק אויף די פיס און פאַרבייגט שטאַרקער די הענט אויף דעם. ביים קריכן אויף די הויכע טרעפּ דריקט אים אָבער דאָס שטיק מעבל אַזוי שטאַרק אויפן רוקן, אַז עס דאַכט זיך אים נאָר אויס, אַז ער האַלט ביים פאַלן.

וואָס נעענטער עס ווערט אָבער צום שבתדיקן טאָג, אַלץ לייכטער גייט שוין טאַמען די אַרבעט. און שבת נאָך האַלבן טאָג, טראָגט אים צו דער ווייסער בעל הבית דאָס פאַרדינטע געלט פון דער וואָך. טאַם דאַנקט זייער האַרציק דעם ווייסן בעל הבית און אויפן וועג אַהיים שטרענגט ער זיך אָן הייבן דעם קאָפּ און אויסגלייכן די געבויגענע פּלייצעס. אָבער דער מידער רוקן, ווי דאָס שווערע מעבל וואָלט נאָך אויף אים געלעגן, הויקערט אים צוריק איין, און עס טוט אים דערנאָך שטאַרק וויי פון יעדן פּרוּוו אויסצוגלייכן זיך. טאַמען אַרט אָבער איצט נישט דער ווייטיק. מיט פרייד טאַפּט ער אַלע ווילע דאָס געלט אין דער קעשענע און שמייכלט אַ גליק־לעכער דעם גאַנצן וועג.

אָוונט־צייט, ווען טאַם קומט אַהיים, איז אין געסל שוין גוט טונקל. אויפן שוועל פון זיין „קרעמל" זיצט שוין דער דיקלעכער אַ'ניעל. דאָס בערגלדיקע פּנים איז אים שבתדיק ראַזירט און גלאַנצט פון ריינקייט, ווי געוואַשן פלייש. ביים אָנטרעפן אַהיימקומען טאַמען, הייבט ער צו אים שמייכלענדיק דאָס איינציקע אָפענע אויג און ציט צו אים אויס גוט־ברו־דעריש אַ האַנט:

— העללאָו, אָלד פעללאָו, טאַם!

טאַם ווייזט צוריק אַ גוט פּנים, אויף וועלכן עס גליקלעכט זיך אַ ברייטער שמייכל:

— האו איז די באָס (וואָס מאַכט דער בעל־הבית).

טאַם עפנט ברייט די טיר פון „קרעמל" און גייט אַריין מיט אַ זיכערן גאַנג.

*

דרויסן, איבערן וועג, לעבן אָ׳ניעלס „קרעמל״, האָט זיך שוין אין דער צייט ווידער באַוויזן די שוואַרצע סאַלוויישאָן־גרופע. דאָס מאָל איז די גרופע געווען פאַרגרעסערט מיט צוויי פרויען און נאָך אַ יונג מיידל. דאָס יונגע מיידל, מיט אַ פאָרכטיק פנימל, איז געשטאַנען לעבן פריידיקער מיט אַ פלייטל אין מויל און ביים בלאָזן געפילט אויף זיך די בליקן פונעם שוואַרצן עולם, וואָס האָט זיך אַלץ מער אָנגעהויבן אַרומקלייבן. דער פריידיקער האָט באַמערקט די בליקן אויף דעם מיידל און בשעת זינגען די תפילה, געזוכט צו הייבן די אויגן פון די שוואַרצע צוהערער צום הימל. נאָכן אָפזינגען די תפילות האָט זיך דער זעלבער פריידיקער נענטער אַרויסגערוקט צום שוואַרצן עולם, און ביים אָנהייבן דרשענען, דאָס מאָל נאָך שטאַרקער געפילט אויף זיך אָ׳ניעלס גרויסע אויג.ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט מיט יענע בליקן פון מענטשן, קאָנקורענטן — בליקן מיט אַ גרינלעכן אומהיימלעכן גלאַץ. די שוואַרצע טרינקערס, דערהערנדיק דאָס זינגען און דעם פריידיקערס הויך קול, האָבן זיך גיך אַרויסגעשאַרט פונעם „קרעמל״ און געשטעלט זיך איינהערן צו דער סאַלוויישאָן־גרופע. אָ׳ניעל האָט געביסן די ליפן און געטראַכט פון דעם היזק, וואָס ער האָט ווידער אין דעם בעסטן אָוונט פון דער וואָך. אינעווייניק, ביי אים אין „קרעמל״, איז איצט געווען פוסט. ס׳האָט זיך נישט געזען קיינער אַריינגיין אָדער אַרויסגיין, און קוקנדיק אויפן פריידיקער, איז פאַר גרויס אויפרעגונג, דאָס ר׳עכטע, איינציקע אויג, ביי אים אַלץ גרעסער געוואָרן.

די גאַנצע צייט, וואָס עס איז אָנגעגאַנגען דער סוירמאַן, האָבן די שוואַרצע צוהערער זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס; האָבן צוגעוויגט די געבויגענע גופים און אַלע רגע יצר־הרעדיק אַ קוק געטאָן צום „קרעמל״. דער פריידיקער האָט דאָס באַמערקט און איבערגעשריגן מיט זיין דרשענען זייערע ווילדע טרינק־פאַרלאַנגען; ער האָט באַמערקט, ווי אַלע ווילע וויל זיך אַן אַנדער שוואַרצער אַוועקרייסן פון דער סאַלוויישאָן־גרופע, און מיט אַ הויך קול האָט ער זיי געוואָרפן די ווערטער אין די פנימער:

— און אין די הייזער איז ביי אייך אַ גאַנצע וואָך קיין שפייז נישטאָ! און קיין דירה־געלט האָט איר נישט צו צאָלן! און מיט די פרויען, די מאַמעס פון אייערע קינדער, שלאָגט איר זיך!

— דעם ראַיט, דעם ראַיט! — האָבן די שוואַרצע צוהערער גערירט צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

נאָך דעם סוירמאַן האָבן זיך צום פּריידיקער צוגעצויגן אַ סך הענט. טאַם האָט זיך דורכגעשטופּט דורכן גאַנצן עולם און געבעטן דעם פּריידיקער אָפּטער צו קומען. און נאָך דעם, אַז די סאַלוויישאַן־גרופּע איז שוין מער נישט געווען אין געסל, איז טאַם, אַ גליקלעכער, וואָס דאָס געלט איז ווידער געבליבן ביי אים, גיך אַוועק אַהיים. און קלעטערנדיק אין טונקעלן קאָרידאָר אויף די טרעפּ, פּאַרויס געפּילט, ווי מעגי האַלדזט אים:

— טאַם, גוטער טאַם, האָסט נישט פאַרטרונקען דאָס געלט?

*

אין דער זעלבער נאַכט, ווען דאָס געסל איז שוין אין גאַנצן ליידיק געווען, האָט זיך אַ׳ניעל געהויבן פון דער שוועל און איז אַריין אינעווייניק, אין „קרעמל״. דער פלינקער דזשאָן האָט אים באַגעגנט מיט אַן אַראָפּגעגלאָזטן קאָפּ. ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט מיט ברוגזע בליקן, און פון דעם בייזן אויסזען אויף די פּנימער האָבן זיך די נעזער געוויזן לענגער. ווען דזשאָן איז אַרויס פון „קרעמל״, האָט אַ׳ניעל גענומען צונויפרעכענען דאָס לייזונג פון דעם אָוונט, און פון דער שוואַכער איינגאַמע, קרענקלעך אַ הייב געטאָן דעם שווערן בויך זיינעם העכער און נערוועז געצויגן דעם שאַרפן רויך פון דעם דיקן ציגאַר. נאָר מיט אַ מאָל האָט דאָס בייזלעכע פּנים ביי אים אַ לויכט געטאָן מיט אַ שמייכל און עס איז געווען צו זען, אַז אַ גליקלעכער געדאַנק, אַן איינפאַל, איז אים דעמאָלט דורכגעגאַנגען דורכן מוח. דער איינפאַל האָט אים באַהערשט מיט אַזאַ פרייד, אַז ער איז עטלעכע מינוט נאָך געבליבן שטיין אין „קרעמל״ און צופרידן זיך געריבן די הענט. אַרום אים איז געווען שטיל. אין דער שטומער נאַכט האָבן זיך געזען אַנטקעגן די שפּיציקע קוימענס פון די זיידן־פאַבריקן, די נעגער־הייזלעך הינטער דער באַן־בריק און די שטויביקע קוילן־סקלאַדן. אַ׳ניעל האָט פאַרשלאָסן דאָס „קרעמל״ און אויפן וועג אַהיים נישט אויפגעהערט טראַכטן פון דעם גליקלעכן איינפאַל, אין וועלכן ער האָט געזען די איינציקע רעטונג פון זיין „קרעמל״.

*

גלייך דעם אַנדערן שבת איז אַ׳ניעל געקומען מיט זיין געהילף דורכ־

פּירן דעם פּלאַן זיינעם. אַ׳ניעל האָט זיך, ווי תּמיד, געזעצט אויף דער שוועל פון „קרעמל״, מיטן אויג צום געסל, און דער פלינקער דזשאַן איז אינעווייניק, אין אַ פאַרבאָרגן ווינקעלע, פאַרנומען געווען מיטן אַריינגיסן אַ שאַרף־רייצנדיקע פליסיקייט אין דיקן בראָנפן־פלעשל. אַ׳ניעל האָט אַלע ווײַלע צו אים אַריינגערעדט:

— מאַך עס שאַרפער, דזשאַן, פאַרשטייסט?

— ווי האַלטסטו, דזשאַן, האָסט עס געמאַכט גענוג שטאַרק?

דזשאַן איז אַרויס פון ווינקל מיט פולע פלעשער בראָנפן, זיי צוגעבויגן צו אַ׳ניעלס נאָז, און ביידע האָבן אַ ווײַלע זיך „איינגעהערט״ צום שאַרפן ריח. און, ווי תּמיד, ביים דערפילן דעם שטאַרקן בראָנפן־געשמאַק, איז אַ׳ניעל מיט אַ מאָל שטאַרק הונגעריק געוואָרן און ס׳איז אים געוואָרן צו לאַנג צו וואַרטן אויפן געשמאַקן העם־מאַלצייט, וואָס גרייט זיך שוין פאַר אים אין דעם דערבייאיקן רעסטאָראַן. אַ׳ניעל האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף דער מיטאָג־שעה, און ביים אַרויסגיין פונעם „קרעמל״ אַ זאָג געטאָן צו דזשאַנען, מיט אַ פאַרשנדיקן בליק:

— גיב נאָר אַכטונג אין קראָם, ווען די שוואַרצע טייוולאָנים וועלן אין גיכן אַנהייבן גיין אַהיים!

דזשאַן האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און נישט געקוקט אויפן בעל הבית. אַ׳ניעלן איז אָבער דאָס נישט קוקן פון דזשאַנען געוואָרן פאַרדעכטיק. און ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם געפיל, וואָס ער האָט תּמיד, אַז דזשאַן באַגנבעט אים. זיכערע באַווייזן אויף דעם האָט אַ׳ניעל ביז היינט נישט געהאַט. נאָר דאָס איז אים גאָרנישט נייטיק געווען צו האָבן. ער האָט סיי ווי געוווסט, אַז דזשאַן, זיין נאָענטסטער מענטש, ווייסט אַלע זיינע קרומע וועגן מיט די נעגער־טרינקערס, און ער מוז דעריבער זיין פּונקט אַזוי קרום ווי ער אַליין. אַ׳ניעל פלעגט דעריבער שטענדיק ביים אַוועקגיין וואַרפן אַ פאַרשנדיקן בליק אויף דזשאַנען און אים וואָרענען?

— האַלט אָן אויג אויף אַלץ, דזשאַן, פאַרשטייסט מיך?

אויך איצט האָט דזשאַן פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט ער אים, און ער האָט נישט געקוקט דעם בעל־הבית אין די אויגן.

אַחוץ דעם, איז אַ׳ניעל אויך איצט געווען געשטימט בייזלעך, מחמת אָט די אַלע פלעשער בראָנפן, וואָס ער האָט אויף היינט אָנגעגרייט, וועלן

אויסגעטרונקען ווערן פון די שוואַרצע טײַוולאָנים אומזיסט. אַזוי איז געווען אויסגערעכנט זיין פּלאַן: בחינם וועט ער זיי אַלעמען היינט אָונט אָנטרינ־קען, און דערנאָך, אין די אַנדערע שבתדיקע אָונטן זען, וואָס די שוואַרצע קלייבן בעסער אויס: שטיין און זיך איינהערן צו די סאַלוויישאָן־אַרמי־לייט, אָדער פאַרברענגען, ווי תמיד, און טרינקען ביי אים אין „קרעמל". מיט אָט די געדאַנקען איז אַ'ניעל דערוויל אָנגעקומען צום דערבייאיקן רעסטאָראַן, און אינעווייניק זיך געזעצט ביי זיין שטענדיקן טישל.

און גלייך ווי אַ'ניעל איז צוריק אָנגעקומען צום „קרעמל" און זיך געזעצט אויף דער שוועל, האָט זיך גענומען הערן דאָס גרילצנדיקע פייפעריי פון די זייד־פאַבריקן — די מיטאָג־שעה. דאָס מאָל האָט זיך דאָס פייפעריי געהערט לענגער, ווייל די אַרבעט פון דער וואָך איז געווען געענדיקט. דאָס געסל איז פול געוואָרן מיט בלייך־פּנימדיקע פאַבריק־אַרבעטער, וואָס האָבן זיך צעשאָטן אויף אַלע וועגן, ווי פליגן פון אַ געפאַנגענשאַפט, און ווען די ווייסע פאַבריק־מענטשן האָבן זיך מער נישט געזען, האָבן אָנגעהויבן צוריק אַהיים קומען פון דער שטאָט די שוואַרצע איינוווינער פונעם געסל. די גלאַנציקע בראָנז־פּנימער האָבן זיך גערויטלט פון דער קעלט און די שוואַרצע פרויען און יונגע מיידלעך האָבן געהאַלטן די הענט, צעריבענע פון וואַשן אַ גאַנצן טאָג וועש, טיף פאַרשטעקט אין אַלטע, אויסגעטראָגענע מאַנטלען. טאָם האָט זיך געזען אַהיימקומען מיט דעם פריילעכן נעגערישן שמייכל אויפן פּנים, און אַזוי האָבן זיך אויך געזען אַהיימקומען אַלע אַנדערע שוואַרצע באַוווינער, ביז ס'האָט גענומען טונקלען דער אָונט — דער גוטער שבתדיקער אָונט אין נעגערישן געסל, ווען ביי אַלע נעגערס איז דאָ געלט. די שפּייז־קרעמלעך זענען דעמאָלט פול מיט שוואַרצע פרויען און פון די סאַלאָנען הערט זיך אַרויס געזאַנג, פרייד, וואָס פאַרזינגט די שטויביקע גראָקייט פון די שווערע דורכגעלעבטע טעג אין דער וואָך; טעג, וואָס זענען פינצטער, ווי די הייזלעך הינטער דער באַן־בריק, און ביטער, ווי דער קוילן־שטויב פון די סקלאַדן.

אַ'ניעל זיצט איצט אויף דער שוועל און באַטראַכט יעדן איינעם. ס'אַרט אים שוין נישט, וואָס די אַלע פלעשער בראָנפן, וואָס ער האָט אָנגע־גרייט אויפן היינטיקן אָונט, וועלן אים גאָרנישט אַריינברענגען, און ווי נאָר די סאַלוויישאָן־לייט האָבן זיך ווידער באַוויזן לעבן זיין „קרעמל" אַפּצו־

האַלטן זייער „סוירמאַן", האָט ער זיך גלייך אַ הייב געטאָן, אַ רוף געטאָן צו זיך אַ נעגער־טרינקער און יענעם שטיל אַ זאָג געטאָן אין אויער:

— פרי דרינקס טודעי, באָיס, פרי טו אָלל (היינט וועט דאָס טרינקען זיין פאַר אַלעמען פריי, חברה!).

צוערשט האָט דער נעגער געקוקט אויף אַ'ניעלן מיט אומצוטרוילעכע אויגן. נאָר דערזעענדיק זיין ערנסט פּנים, האָט ער מיט אַ כיכידיק קול געענטפערט:

— גוד באָי, באָס! כי־כי־כי, פאַר נאָטינג!

די סאַלוויישאָן־לייט זענען אויף דעם היינטיקן אָוונט געקומען מיט מער מענטשן, מיט נאָך אַ פּאָר יונגע מיידלעך, דריי אויסגעפּרוווטע נעגער־בחורים, עטלעכע ברייט־צעוואָקסענע פרויען מיט ווייכע פּנימער, ווי מאַ־מעס, וואָס האָבן אַ סך קינדער און אַ פּאָר אַלטע נעגערס, וואָס האָבן זיך אין זינגען צוגעשפּילט אויף לייכטע פלייטלעך און געבלאָזן שטאַרקער די מיילער. בחורים און פרויען האָבן אַלע ווילע מיט אַ לויב־וואָרט געהויבן פּאַרכטיק די אויגן צום הימל, און די אַלטע נעגערס האָבן צוגעמורמלט מיט די ליפּן. נאָכן אָפּזינגען די תפילות האָט זיך אַרויסגערוקט דער פּריידיקער און מיט אַ הויך קול אָנגעהויבן ריידן צום נעגער־עולם מיט אַלץ מער טענות און שטראָף־רייד אויף זייער שיכור און זינדיק לעבן.

צו ערשט האָט אויסגעזען ווי די שוואַרצע צוהערער שטייען געדולדיק אַרום די סאַלוויישאָן־לייט און הערן זיך איין, וואָרעם די פּנימער זענען ביי אַלעמען געווען ערנסט פאַרטראַכט און די אויגן האָבן זיך געזען מיט פּאַרטיפטע בליקן. עפּעס, ווייזט אויס, האָט זיך אַלץ מער אָנגעהויבן אין איינעם און אַ צווייטן וועקן אַ ריינער געפיל צו דעם נבזהדיקן, תמיד שיכורן לעבן. דערשלאָגענע, מיט אויסגעצערטע גופים, פאַרטעמפּט פון שטענדיקן טרינקען, האָט מען איצט אַ ביסל באַווירקטע צוגעשאָקלט מיט די קעפּ צו דעם פּריידיקערס דרשה, און איינהערנדיק זיך, איז אַלץ מער געקומען אויפן געדאַנק דאָס פאַרדאָרבענע לעבן. אַ קליינטשיקער אַלטער נעגער האָט אַלע מאָל געהויבן די אויגן צום יונגוואַרג מיט אַ קוק, וואָס ווייס אַלץ... אַ הויכער נעגער־יונג, מיט אַ קרומען פוס, צודעכענדיק אין דער קעלט, האָט זיך גענומען שרעקן, אַז ער וועט אין גיכן שטאַרבן. אַ דיקלעכע נעגערקע מיט אַ צוגעפּאַרבטער רויטקייט אויפן שוואַרצן פּנים

האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ביים דערמאָנען זיך די צעלאָזענע אָרגיע־נעכט אירע. אַנדערע שוואַרצע זענען געשטאַנען אין האַלב־צעריסענע קליידער, מיט אָפענע לעכער, פאַרן ווינט. און אין דער שטיל זיך אַליין געמוסרט.

טאַם איז געשטאַנען אין גאַנצן פאַרטאָן אין איינהערן זיך און געהאַלטן די גאַנצע צייט געבויגן דעם קאָפּ צום פריידיקער. מיט אַ מאָל, האָט זיך צווישן שוואַרצן עולם דערהערט אַ שטיל גערודער, עפּעס אַ סודען זיך, און דער גאַנצער עולם האָט זיך גלייך דערוווּסט, אַז דאָס טרינקען ביי אָ׳ניעלן אין „קרעמל״ איז איצט אין גאַנצן פריי. אַ טייל פון שוואַרצן עולם איז אין זעלבן מאָמענט געוואָרן אומגעדולדיקער אין איינהערן זיך צום פריידיקער און זיך אָנגעהויבן אַוועקשאַרן. דער פריידיקער האָט דאָס באַמערקט און ער האָט גענומען שטאַרקער מוסרן די צוהערער, געסטראַשעט יעדן מיט גיהנום, און דערביי באַמערקט, ווי אָ׳ניעל קוקט מיט אַ נצון־שמייכעלע בעת די נעגער שאַרן זיך אַלץ מער אַוועק פון די סאַלוויישאָן־לייט און לאָזן זיך צוריק אַריין צו אים אין „קרעמל״.

מיט יעדער מינוט איז דער עולם געוואָרן אַלץ קלענער ביי דער סאַלוויישאָן־גרופּע, און פולער אין אָ׳ניעלס „קרעמל״. פון אינעווייניק האָט זיך שוין צוריק אַרויסגעהערט אַ נעגערישער טומל, און דעם שאַרפן בראָנפן־ריח האָט דער ווינט אויפגעכאַפּט און צעטראָגן צו די איבעריקע שוואַרצע, וואָס זענען נאָך געשטאַנען ביי דער סאַלוויישאָן־גרופּע און זיך צוגעהערט צום סוירמאָן. דער ווינט האָט מיטן אָנברענגען דעם בראָנפן־ריח ווי דערמאָנט : פרי דרינקס טודעי, באָיס !״.

דעמאָלט איז ווידער געוועזן צו זען, ווי איינער און נאָך איינער רוקן זיך אָפּ פון דער סאַלוויישאָן־גרופּע, ווו עס איז שוין באַלד אין גאַנצן ליידיק געוועזן פון מענטשן. טאַם האָט זיך אויך גענומען אומרואיק באַוועגן מיטן הויקערדיקן גוף און אַוועקגענומען דעם קאָפּ פונעם פריידיקער. די אויערן זענען ביי אים געוואָרן שטייפער, און זיינע אויגן זענען געוואָרן טונקעלער מיט יעדן נאָגנדיקן שלעפּ, וואָס האָט מיט אַ רעגנדיקן כוח אים געריסן פון אָרט. און ווי דער מוח וואָלט אים מיט אַ מאָל אין גאַנצן פאַרטשאַדעט געוואָרן, האָט זיך אים אַוועק געטאָן פון זכרון אַלץ, פון וואָס ער האָט דאָ נישט לאַנג צוריק אָנגעהויבן טראַכטן און ער האָט געפילט

בלויז ווי דאָס היציקע בלוט לויפט אים אין פּנים אַריין מיט אַזאַ דורשטיקער רעגונג, וואָס צערייסט אין גאַנצן דאָס אָנגעשטרענגטע מיען זיך זיינס צו האַלטן וואָס לענגער ניכטער. צום סוף האָט אַזאַ ווילדער ריס אים אַ שלעפּ געטאָן פון אָרט, אַז ער האָט זיך באַלד געזען אַוועקהויקערן פון די סאַלוויי־שאַן־לייט, און מיטן צעמישטן אויסזען זיך אַריינגעשלייכט אין אָ׳ניעלס בראָנפן־קרעמל.

אָ׳ניעל האָט אַלע מאָל אַ בליק געטאָן אינעווייניק אין „קרעמל" אַריין און געזען אינעם שאַרפן רויך דאָס וויגן זיך פון די שוואַרצע טרינקערס. ס׳האָט זיך אַרויסגעהערט אַ צעלאָזענער געלעכטער און אַ כיכען, וואָס איז פּאַרטויבט געוואָרן אינעם זינגען פון די סאַלווישאַן־לייט. די סאַלוויישאַן־לייט האָבן אומעטיק געקוקט אינעם לײדיקן געסל אַריין און אָפּגענייגט די בליקן ביים באַמערקן אָ׳ניעלס בערגלדיק פּנים מיטן נצחון־שמייכעלע אין גרויסן אויג.

*

— גוד באַי, גוד באַי — האָבן די נעגער־טרינקערס צוריק זיך אַרויס־געוואַקלט פון „קרעמל" און געשאָקלט צעמישטע קעפּ אָ׳ניעלן אין פּנים אַריין.

טאָם איז אַרויס מיט צעשפּרייטע טריט און וויגנדיק זיך אין גאַנג, געלאַכט און געוואָרפן מיט די הענט:

— גוד באַי, באָס, פאַר נאַטינג, כי־כי־כי!

אָ׳ניעל האָט איצט מיט געביילטע פויסטן אַרויסגעשטופּט די נעגער־טרינקערס פון „קרעמל" אין דעם בלאָטיקן געסל אַריין. פון דעם פריער־דיקן שמייכעלע איז איצט געוואָרן אַ צאַרנדיק־בלאָע גרימאַסע. ווי נאָר די סאַלוויישאַן־לייט האָבן געענדיקט זייער סוירמאָן, האָט אָ׳ניעל גענומען גיך אויסליידיקן דאָס „קרעמל" פון די שוואַרצע טרינקערס און אַרויסגעשטופּט יעדן איינעם מיט פעסטע שטויסן. און די שוואַרצע, צעמישט פון טרינקען, האָבן, פאַלנדיק, זיך אָנגעשטויסן אין דערבייאיקע ווענט און זיי זענען קוים געבליבן שטיין אויף די פיס. אַנדערע טרינקערס זענען אַרויסגעפאַלן פון „קרעמל" און אין געסל זיך אויסגעצויגן אין בלאָטיקן שניי אַריין. טאָם האָט זיך געזען ליגן מיט צעשפּרייטע פיס אין דער בלאָטע, און די אויגן האָבן ביי אים געציטערט פון אַ שווינדלדיקער פינצטערניש. ער האָט גע־

שאַרט פון זיך דעם נאַסן שניי און געצויגן די הענט אין דער הייך זיך אָנ־צוכאַפּן אין עפּעס און זיך קענען אויפהייבן.

לאַנג איז טאַם געלעגן אין דער בלאָטע און געשלאָפן, ביז די נאַסע קעלט האָט אים גענומען פרירן און שטייפן. ער האָט זיך געגעבן אַ דער־שראָקענעם שטעל־אויף אויף די פיס און ביים אויפשטעלן זיך, אַלץ נישט געקענט אויפהאַלטן די אויגן, און ער איז צוגעפאַלן מיטן פּנים צו אַ וואַנט. דערנאָך שוין געטאַפּט יעדעס הייזל ביז ער איז אָנגעקומען צו אַ נידעריק הייזל, הינטער דער באַן־בריק, און זיך אַריינגעשאַרט אין פינצ־טערן קאָרידאָר. אין קאָרידאָר האָט אָבער טאַם מער נישט אויסגעהאַלטן דאָס ביסל געשטאַרקטע ניכטערקייט און ער איז אַ פאַל געטאָן מיטן קאָפּ אויף די טרעפּ. פון שווערן פאַל האָט זיך צע׳רעש׳ט די נאַכט־שטילקייט, און באַלד האָט זיך פון אַן אויבערשטן עטאַזש דערהערט אַ טיר עפענען און איילנדיקע פּרויען־טריט האָבן זיך אין לויפן צעשאָטן אויף די טרעפּ, ביז אין דעם פינצטערן קאָרידאָר האָט אַ שאָטן געטאָן אַ שוואַרצע פּרויען־געשטאַלט. מיט דעם צעמישטן מוח האָט טאַם געהערט דעם ווייבס קללות, און ער האָט געמיינט, אַז דאָס רעדט ער... ער האָט געריסן דעם קאָפּ צו זען דאָס ווייב, געהויבן די צעמישטע אויגן און בלויז געפילט, ווי ער ווערט אַלץ מער געשלעפּט פאַרויס. עטלעכע מינוט האָט נאָך טאַם געפילט, ווי עמעצער ציט פון אים אַראָפּ די קאַלטע קליידער, די נאַסע שיך, און דעקט אים איבער ביז איבערן קאָפּ. שפּעט ביינאַכט האָט זיך אָבער טאַם אויפגע־כאַפּט פון שלאָף מיט אַ שמערצלעכן געשריי צום ווייב:

— מעגי, אַ ביסל בראָנפן, כ׳שטאַרב!

אין שרייען האָט זיך טאַם אַ צעהיצטער געוואָרפן אין בעט, צונויפגע־קנוילט די פיס ביזן בויך, געמיינט, אַז ער ווערט פאַרברענט פאַר דאָרשט און פאַר ווייטיק זיך אויסגעצופּט די קורצע גראָע האָר פון קאָפּ.

פון דעם זעלבן בעט איז אַרויס דאָס ווייב זיינס און אַריין אין קיך. טאַמס ווייב, וואָס איז געוווינט געוועזן צו האָבן אַזעלכע נעכט פון איר מאַן, האָט תמיד געהאַט באַהאַלטן אַ ביסל בראָנפן פאַר אַזאַ צייט. און זי האָט דאָס איצט אויפגעזוכט. טאַם האָט אָבער מער ווי עטלעכע זופּ נישט געגעבן. דערנאָך איז ער רואיקער געוואָרן און איז גלייך צוריק אַריינגעפאַלן אין אַ פעסטן שלאָף, אָבער אויף צו מאָרגנס, אַז טאַם האָט זיך נישט געוועקט

פון שלאָף, און מעגי איז צוגעקומען צו זיין בעט און אויף אים אַ קוק געטאָן, איז זי שיער געפאַלן אין חלשות. טאָמס פּנים איז געווען רויט, געברענט פון היץ און אַ הייסער שווייס איז גערונען איבער זיין לייב. ער האָט געהוסט מיט אַ טרוקענעם, הייזעריקן הוסט און זיך געכאַפּט יעדעס מאָל ביים הוסטן צום האַרץ. מעגי האָט צו אים גערעדט, געוויינט, ער זאָל עפענען די אויגן און עפּעס צו איר ריידן. טאָם האָט געהערט זיין ווייבס וויינען, און ער האָט באַוועגט דאָס מויל עפּעס צו זאָגן. אָבער דער קייכנדיקער הוסט האָט ביים ריידן אים דערשטיקט די ווערטער, וואָס זענען שוין געבליבן ליגן אויף דער צונג מיט אַ האַרטער שווערקייט.

אין דעם זעלבן פרימאָרגן נאָך איז מעגי, ציטערנדיק און פול מיט שרעק, געלאָפן ברענגען אַ דאָקטאָר. שפּעטער האָט זיך טאָקע אין שטוב באַוויזן אַ מיטלוווקסיקער מענטש מיט אַ קאַלט פּנים און אַ קורץ בערדל. ביים באַמערקן טאָמען, האָט דער דאָקטאָר צוערשט אַ גוטן קוק געטאָן און געשאָקלט מיטן קאָפּ... באַלד האָט ער זיך צוגעבויגן צום קראַנקן מיט דער דאָקטאָרישער טרובע און בעת מעשה איינגעהאַלטן דאָס אָטעמען זיינס פון דער נאָז. דאָס אָפּהאַלטן זיך פון אָטעמען האָט דעם דאָקטאָר אויסגעקרימט דאָס פּנים מיט אַ זויערע מינע, ווי פאַרן אויסברעכן עסן און ער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אויפן זעלבן אָרט מיט אַ געפיל נישט צו טרעטן ווייטער אין דער שטוב. אין דער טונקלקייט האָט דער דאָקטאָר אויך באַמערקט ביי אַ וואַנט צוויי שוואַרצע קינדער קוקנדיק אויף אים מיט צעשראָקענע אויגן, און ער האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַ טרוקן קול צו דער נעגער־פרוי, אַז זי זאָל נישט האַלטן די קינדער ביי דער פייכטער וואַנט. דערנאָך, אַלץ שטייענדיק געיאָגט אין שרייבן מיט דער בליישטיפט אין דאָקטאָרישן רעצעפּט־ביכל, און נישט קוקנדיק דער שוואַרצער בעל־הביתטע אין פּנים, איר דערלאַנגט דעם רעצעפּט און מיט קוים געהערטע ווערטער, ווי ער וואָלט זיי אַרויסגעזאָגט דורך דער נאָז, דערקלערט:

— אַלע שעה געבן אַן עס־לעפל מעדיצין און נישט אַרויסלאָזן פון בעט.

טאָמס ווייב האָט שוין מער נישט גערוט. אָן אַ סענט געלט שוין אין הויז, האָט זי אַרומגעזוכט ווי נאָר עפּעס אַ טאַש אין קלייד, און נישט געפינענדיק אין ערגעץ קיין געלט, איז זי מיט דער רעצעפּט אין האַנט, וויינענדיק, געלאָפן צו די אָרעמע נעגער־שכנים אין זעלבן הויז, ביי וועלכע עס

איז אויך נישט געבליבן נאָך דעם שבתדיקן טאָג מער קיין געלט. די שכנים האָבן בלויז געשאָקלט מיט די קעפּ, און מעגי איז צוריק אַריין אין שטוב. זי איז געלאָפן פון איין ווינקל צום צווייטן, און אויפגעקליבן יעדע זאַך, וואָס איז איר נאָר אין די הענט געקומען: געשיר, אַ קלייד און אפילו דאָס לעצטע ביסל שפּייז פון הויז, און מיט דער רעצעפּט אין האַנט איז זי גיך אַרויסגעלאָפן פון שטוב. מיט אַ שעה שפּעטער איז זי מיט דער מעדיצין צוריק אַריינגעפלויגן אין שטוב אַריין.

ביים געבן טאָמען צו טרינקען די מעדיצין, האָט מעגי געשמייכלט אים אין די אויגן אַריין, און זי האָט דערפילט וואַרעמע טרערן זיך אָנ־גליטשן אין איר האַלדז. זי האָט דערביי געבויגן זייטיק דעם קאָפּ, זיך אויסגעווישט די אויגן, וואָס זענען פון אָפטן רייבן אַלץ רויטער געוואָרן, און זי האָט פריידיק געלאַכט טאָמען אין פּנים אַריין; געלאַכט מיט יענער גליקלעכער פרייד פון אַ דערשלאָגענער פרוי, ווען עס שטאַרקט זיך צוריק די האָפענונג, אַז דער קראַנקער מאַן וועט געזונט ווערן און זי וועט נישט איבערבלייבן אַליין מיט די קליינע קינדער.

אויפן דריטן טאָג איז טאָמען דער הוסט געוואָרן אַ סך לייכטער. מעגי האָט אַלע ווײַלע צוגעלייגט אַ האַנט צו זיין שטערן, און פילנדיק, אַז די היץ איז שוין ביי אים אַוועק, האָט זי אים געלאָזן אַ פּאָר מאָל אין טאָג אַרויסקריכן פון בעט. מיט צוויי טעג שפּעטער האָט זיך שוין טאָם גע־זעצט ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט דורך די פאַרשנייטע שויבן אין געסל אַראָפּ. ער האָט ווידער געזען די הויכע קוימענס פון די זייד־פאַבריקן, די באַן־בריק, און ער האָט לאַנג נאָכגעקוקט די צוגן, וואָס האָבן זיך דורכגע־יאָגט פאַרביי דעם געסל. אַז אַ צוג פלעגט פאַרבייפאָרן, האָט ער טיפער געקוקט אין געסל אַריין, און ביים ווידער דערבליקן דאָס „בראָנפן־קרעמל״ ביים ראָג, מיט דעם דיקלעכן אַ׳ניעלן זיצן, ווי תמיד, אויף דער שוועל, האָבן ביי אים די אויגן געגומען ציטערן און צוריק רויט ווערן. אַ גרויסער פּחד פלעגט דערביי טאָמען באַפאַלן און ער פלעגט אָפּנייגן די אויגן פון קוקן דאָרטן צו יענעם ראָג, און בעסער קוקן אויף די דערבייאיקע שווערע פאַבריק־געביידעס, פון וואַנען עס האָט זיך אַרויסגעהערט אַ נאָכאַנאַנדיקער מאָנאָטאָנער טומל פון די וועב־מאַשינען. דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפן. ביי טאָמען האָבן די אויגן געצויגן צו קוקן גראָד אויף יענער זייט געסל, ווו

עס איז געווען צו זען אַ׳ניעלס „קרעמל״. טאָם האָט אַלע רגע אַ צי געטאָן מיט דער נאָז צו דערפילן דעם ריח. מעגי האָט גלייך באַמערקט, ווי זיין אויסזען בייט זיך ווידער מיט אַ רעגנדיקער רויטקייט, און זי האָט אים אָוועקגעריסן פון פענצטער.

— טאָם, — האָט זיך מעגי ביי אים געבעטן — נישט מער גיין דאָרטן אין „קרעמל״.

טאָם האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

צו מאָרגנס איז אָבער געווען דאָס זעלבע. ביים זעצן זיך צום פענצ־טער, האָט טאָמען נאָר געצויגן צו קוקן אין יענער זייט געסל, ווו ס׳האָט זיך געפונען אַ׳ניעלס „קרעמל״, און ביסלעכווייז איז ער צוריק געוווינט געוואָרן צו קוקן דאָרטן רואיקער. אַז עס איז אָבער געקומען דער שבת־דיקער אָוונט, איז טאָמען געוואָרן שטאַרק אומעטיק. אַ גאַנצע וואָך איז ער קראַנק געווען, אַ גאַנצע וואָך נישט געאַרבעט, האָט איצט אין דעם נעגער־שטיבל געפעלט די פריילעכקייט פון אַנדערע שבתדיקע אָוונטן, ווען ער קומט אַהיים מיט די פאַרדינסטן פון דער וואָך. דעם גאַנצן טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען אַ פאַרזאָרגטער און נערוועז זיך אויסגעצופּט די גראָע האָר פון קאָפּ, ביז וואַנען ס׳איז געוואָרן גוט טונקל און פון געסל האָט זיך ווידער אַ מאָל געהערט דאָס הייליקע זינגען פון דער סאַלווײשאָן־גרופּע. טאָם איז צו צום פענצטער און געזען, אַז די גרופּע איז דאָס מאָל נאָך אַ גרעסערע, און ער האָט זיך איינגעהערט צום זינגען, צום שפּילן פון די שוואַרצע מיידלעך אויף די פליטן און צום ריידן פון דעם פּריידיקער. דעם פּריידי־קערס דרשה האָט זיך געהערט הויך, און דער אַרומשטייענדיקער שוואַרצער עולם האָט פרום צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. טאָמען האָט אויך גענומען ציען אַראָפּצוגיין אין געסל, צושטעלן זיך לעבן די סאַלווײשאָן־לייט און איינהערן זיך צו דעם פּריידיקערס גוטע רייד. מעגי האָט באַמערקט, ווי טאָם קלייבט זיך אַרויסצוגיין פון הויז, און זי האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— וווהין, טאָם?

— כ׳וויל זיך איינהערן — האָט טאָם געוויזן צו די סאַלווײשאָן־לייט, מעגי האָט אים דורכגעדרונגען מיט שאַרפן בליקן, וויסנדיק אָבער, אַז ער האָט נישט קיין געלט, האָט זי אים געלאָזן גיין. אין דעם זעלבן מאָמענט האָט איר אָבער אַ שרעק געטאָן אַ שלעכט פאָרגעפיל, און זי האָט שוין

חרטה געהאַט פאַר וואָס זי האָט אים פון הויז אַרויסגעלאָזן. מיט אַ ציטער־דיק האַרץ איז זי צו צו דער טיר און נאָכגעקוקט ווי טאַמס אויסגעמאָגערטער גוף שלעפּט זיך קוים פון די טרעפּן אַראָפּ. מיט דער זעלבער אומרואיקייט איז זי דערנאָך צו צום פענצטער און אים נאָכגעקוקט ביז ער האָט זיך צוגעשטעלט צו די סאַלוויישאָן־לייט.

*

טאַמען האָט זיך איצט אויסגעוויזן, אַז ער איז נאָך קיין מאָל אַזוי נישט גערירט געוואָרן פון דעם פּריידיקערס דרשה, ווי אין דעם היינטיקן אָוונט. אַ גאַנצע וואָך האָט ער נישט געטרונקען און אויסגעאיידלט פון דער קראַנ־קייט, איז ער אין דער ניכטערער שטימונג אַזוי באַהערשט געוואָרן ביים צוהערן זיך צו דעם פּריידיקערס רייד, אַז ער האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

טאָם שטייט זייער געדולדיק ביי די סאַלוויישאָן־לייט, שאָקלט פרום דעם געהויקערטן גוף און איז פאַרטיפט אין אַלץ, וואָס דער פּריידיקער האָט אים צו זאָגן. אָבער ווי פאַרטיפט ער איז אין דעם פּריידיקערס דרשה, פילט ער דאָך פון דער וויטנס טונקלען אַהער די סאַלאָנען מיט אַ פאַרפירע־רישן רייץ און פון אָ׳ניעלס „קרעמל״ הערט זיך אַרויס דער שאַרפער בראָנפן־ריח, וואָס ער אָטעמט אַריין דורך דער נאָז. דעמאָלט נעמט ער ווידער ציטערן מיט יענעם ציטער, וואָס מאַכט אים שווערער דאָס איינ־הערן זיך צו די סאַלוויישאָן־לייט, און ער דערקענט גלייך אינעם איצטיקן בראָנפן־ריח פון אָ׳ניעלס „קרעמל״ דעם זעלבן געשמאַק, ברענענדיקן בראָנפן־טעם, וואָס ער האָט דאָרטן געטרונקען די לעצטע וואָך.

און דעמאָלט העלפט שוין קיין זאַך נישט. אין מוח איז שוין ווידער דאָ אַ סך בייז בלוט, וואָס יאָגט די פיס צו רירן זיך פון שטיין, און ער זעט ווי די פנימער פון דעם אַרומשטייענדיקן עולם ווערן, ווי ביי אים, אַלץ רויטער, און די בליקן ציען זיך נאָר צו קוקן צו אָ׳ניעלס „קרעמל״. עטלעכע נידע־ריקע נעגערס מיט דאַרע באַקן נעמען זיך הויקערן, שלייכן איינציקווייז אַוועק פון די סאַלוויישאָן־לייט און ווערן פאַרשוווּנדן אין אָ׳ניעלס „קרעמל״. די אַנדערע, וואָס האַלטן זיך לענגער, ווערן אויך אומגעדולדיקער און באַוועגן די פיס צו גיין. דער פּריידיקער באַמערקט דאָס גלייך און ער נעמט ריידן אויף אַ נאָך העכערן קול צו די פאַרבליבענע צוהערער. אָ׳ניעל טוט

אָפּט אַ הוסט אַריין אין דעם פּריידיקערס רייד און דאָס פּנים, ביים הוסטן, ווערט ביי אים דערביי ברייטער, ווי צעצויגן טייג, און ער שמייכלט צופרידן ביים זען, ווי די שוואַרצע שאַרן זיך אַלץ מער אַוועק און גייען צו אים אין „קרעמל״ אַריין.

ביי דער סאַלווייזשאָן־גרופּע זענען שוין אין דער צייט פאַרבליבן ווייניק צוהערער, און צווישן איינצלנע איז געווען לייכטער צו זען, ווי טאַם שטייט אַן אומרואיקער, ציט כסדר מיט דער נאָז דעם בראַנפן־ריח און קוקט נאָך מיט צעטומלטע בליקן די אַנדערע שוואַרצע ברידער, וואָס האַלטן זיך אין ציען צו אַ׳ניעלן אין „קרעמל״ אַריין.

אַ שטיקל צייט האָט נאָך טאַם אָנגעשטרענגט דעם מוח איינצוהערן זיך צום פּריידיקער. אָבער דערפילנדיק יעדעס מאָל לעבן זיך עמעצן זיך אַוועקשאַרן, זענען די אויערן ביי אים אַלץ שוואַכער געוואָרן, און ער האָט שוין נישט געהערט וואָס מען רעדט צו אים. ער האָט זיך שוין מער גאָר־נישט איינגעהערט צו די סאַלווייזשאָן־לייט, נאָר געהאַלטן די הענט אין די ליידיקע קעשענעס, און נישט געפינענדיק דאָרטן קיין געלט, האָט ער מיט פאַרצווייפלטע בליקן געקוקט צו אַ׳ניעלס „קרעמל״. אַלע רגע האָט זיך טאַם געכאַפּט זוכן אין די ליידיקע קעשענעס געלט, ביז ס׳האָט זיך אים דער־מאָנט דאָס אומזיסטע טרינקען לעצטן שבת אָוונט אין אַ׳ניעלס „קרעמל״, און עס האָט זיך אים געגומען דאַכטן, אַז ער הערט אויך איצט צווישן די עטלעכע שוואַרצע אַ סודען זיך:

— פרי דרינקס טו־דעי, באָיס!

טאַמען האָבן שוין די פיס געשלעפּט מיטן גאַנצן כוח פון די סאַל־ווייזשאָן־לייט. ביים אַוועקשאַרן זיך האָט ער געהאַלטן אָפן דאָס מויל און גערעדט צו זיך צעטומלטע ווערטער, וואָס ער אַליין האָט נישט געהערט. ס׳איז געווען אַזאַ פּלאַפּלען, וואָס קומט אָפּט שוין נאָכן טרינקען, און ביי טאַמען איז טאַקע אויסגעקומען, אַז ער איז שוין נאָכן טרינקען, נאָר עס ציט אים צו נאָך. באַלד איז ער שוין געשטאַנען ביים „קרעמל״ און דער־פילט אַ׳ניעלס גרויס אויג קוקט אויף אים. אַ׳ניעל איז צופרידן געווען פון טאַמס אויסזען און ער האָט אים נאָכגעקוקט, ווי ער שאַרט זיך אין „קרעמל״ אַריין, און מישט זיך אויס מיט די איבעריקע שוואַרצע טרינקער. אינעווייניק, אין „קרעמל״ איז איצט פול געווען מיט דעם נעגער־עולם.

דער שאַרפער בראָנפן־ריח האָט געריסן אין נאָז, און דער שוואַרצער, געדיכטער רויך, געפּאַנגען אין דער ענגשאַפט, האָט פאַרדעקט דאָס ביסל שפּייז, וואָס איז געלעגן אין עטלעכע ערטער, און פון לאַנגן ליגן שוין געפּוילט. טאָם האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַן אַלטן נעגער מיט אַ גראָ־מאָכיק בערדל, וואָס האָט שוין געטרונקען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אַ הויכער, ביינערדיקער בחור מיט פאַרשוואַרצע, פאַרבלאָטיקטע הענט פון גראָבן אַ גאַנצן טאָג ערד, איז געשטאַנען מיט פאַרמאַכטע אויגן, געהאַלטן דאָס גלעזל בראָנפן ביים מויל און נישט געטרונקען. צוויי פעט־לייביקע פרויען אין ענגע קליידער, דורך וועלכע עס האָבן אַרויסגעשפּאַרט קיילעכדיקע שווערע בריסטן, ווי קעפּ, האָבן אין טרינקען געלאַכט מיט ברייטע מיילער, און פון דעם געלעכטער האָבן ביי אַ פּאָר נעגער־בחורים אויפגעצאַפּלט ווייסע־גלוסטיק־צוציענדיקע בליקן אין די אויגן. אַ יונג שוואַרץ מיידל, מיט נאָך אַ קינדעריש פּנימל האָט זיך געהאַלטן צוגעטוליעט צו אַ געזונטן נעגער־בחור און אין טרינקען געטראַכט, ווי דער בחור וועט איר באַלד נעמען צו די קוילן־סקלאַדן... און זי האָט שעלמיש געקוקט אים אין די אויגן אַריין.

דער פלינקער דזשאָן האָט געגאָסן אין גלעזל נאָכן צווייטן, בשעת מעשה געקוקט די נעגערס אין די הענט אַריין מיט גיריקע, פלינקע בליקן. דערנאָך אַרויסגעשטויסן די וואַקלענדיקע נעגערס, וואָס האָבן זיך שוין מער נישט געקענט האַלטן אויף די פיס, פון „קרעמל" אַרויס, ווו אַ׳ניעל האָט זיי ביי דער טיר אַ כאַפּ געטאָן אין די הענט אַריין, און מיט פעסטע שטויסן זיי אַריינגעשטופּט אין דעם זייטיקן פינצטערן געסל אַריין. נאָכן אויסטרינקען אַ צוויי גלעזלעך בראָנפן, האָט טאָם אויפגעהערט ציטערן. דאָס בלייכע, מאָגערע פּנים איז ביי אים צוריק רויט געוואָרן און ער האָט אָנגעהויבן לאַכן צו די איבעריקע טרינקער מיט אַ פריידיק קול, וואַקלענדיק זיך אויף אַלע זייטן. באַלד אָבער האָט ער דערפילט, ווי דער פלינקער דזשאָן שטרעקט אויס אַ האַנט אים אין די אויגן אַריין:

— באַצאָל!

טאָם האָט, ווי אין דעם לעצטן שבת אָונטיקן אומזיסטן טרינקען, מיט דעם זעלבן געלעכטערל אים אַריינגעלאַכט אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט אַריין:

— גוד באַי, פּאַר נאַטינג, כי־כי־כי!

— באַצאַל, דו שוואַרצער הונט! — האָט דזשאָן אים שוין געוויזן אַ געביילטע פויסט אין פּנים.

ביים דערבליקן דזשאָנס האַרטע פויסט, האָט טאָם אַ ציטער געטאָן. דער גוטער שמייכל אויף זיין פּנים איז בלייך געוואָרן. ער האָט נערוועז און צעטומלט אָנגעהויבן זוכן געלט. אַרויסציענדיק דערביי די קעשענעס פון די הויזן. ער האָט געהאַלטן די אַרויסגעצויגענע קעשענעס אין די פינגער און מיט הילפלאָזע בליקן שטום געקוקט צו דזשאָנען, מורמלענדיק:

— ג־ע־מ־יי־נ־ט...

איידער טאָם האָט נאָך באַוויזן אַרויסצורײדן עטלעכע ווערטער, האָט ער דערפילט אַ שווערן זעץ פאַלן אויפן קאָפּ. און פון קלאַפּ האָט ער זיך אַ צעטומלטן וואַקל געטאָן. אין דער זעלבער רגע האָבן אים צוויי הענט אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַלדז און פון שטיקעניש איז אים אַרויס פון מויל אַ רויטע צונג. אַרום האַלדז איז אים געוואָרן ענגער און די ענגשאַפט האָט דערשטיקט די אויסגעשרייען זיינע. די אַרויסגעצויגענע טאַשן פון די הויזן זענען אים צוריק אַרויסגעפאַלן פון די הענט, וואָס האָבן נאָך געציטערט פון קלאַפּ אויפן קאָפּ. דזשאָן האָט אים געהאַלטן פאַרן האַלדז און געשריגן:

— באַצאַל, דו שוואַרצער טייוול!

טאָם האָט אַ צעמישטער געמאַכט מיט די הענט און מיט די אויגן, געזוכט עמעצן, וואָס זאָל זיך פאַר אים אָננעמען. די שוואַרצע טרינקער, וואָס האָבן געמיינט, אַז טאָם איז שוין דערשטיקט, האָבן געשריגן מיט דערשראָקענע קולות און נישט געקענט זען, ווי ביי טאָמען שטעקט אַרויס די צונג. פון טומל האָט זיך אין „קרעמל" אַריינגעיאָגט דער דיקלעכער אָ׳ניעל. צו ערשט האָט ער אַ בליק געטאָן מיטן גרויסן צעהיצטן אויג אויף טאָמען, און באַלד אים אַ כאַפּ געטאָן מיטביידע הענט ביי די פּלייצעס, און טאָם האָט דערפילט אַ פרישן זעץ אין די אויגן, וואָס האָט אים אין דער מינוט בלינד געמאַכט. און גלייך האָט אים עפּעס אַ אימפּעטיקן שליי־דער געטאָן, אַז ער איז מיט איין פּלי שוין געווען אין דרויסן, און ער איז געפאַלן אין דער שנייאיקער בלאָטע אַריין. אַ פּאָר מינוט איז טאָם געלעגן נישט וויסנדיק, וואָס מיט אים טוט זיך. דערנאָך האָט ער צונויפגענומען אַלע כוחות אויפצוהייבן זיך, און ער איז גלייך צוריקגעפאַלן אויפן זעלביקן

אַרט. אַ פעטע רויטקייט איז ביי אים אַרויסגערונען פון די אויגן און ער האָט נישט געקענט זען, וואָס אין געסל טוט זיך. ער האָט אַלץ אָנגעשטרענגטער געטאַפּט די מאַסע ערד אַרום זיך און זיך געוואָלט אַ שטעל טאָן אויף די פיס. אָבער די פעטע רויטקייט איז ביי אים גערונען פון עטלעכע ערטער און באַגאָסן זיין פנים. דעמאָלט האָט ער זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ און גענומען יאָמערן מיט שרעקלעכע קולות אין געסל אַריין. אויף טאָמס קולות איז אַ׳ניעל אַרויס פון „קרעמל״, אַ נעם געטאָן טאָמען ביים קאָפּ, געשלעפּט אים איבערן וועג אַריבער און צום סוף אים אַ שליידער געטאָן אין אַ זייטיק געסל אַריין. טאָם איז געבליבן ליגן לעבן אַן אָפּגעלאָזענעם, פינצטערן קוילן־סקלאַד, און די פעטע רויטקייט, וואָס איז ביי אים נאָך אַלץ גערונען פון פנים, איז באַפלעקט געוואָרן מיט אַ שוואַרצן קוילן־שטויב.

באַלד איז אויף טאָמס יאָמערן אָנגעלאָפן דער באַפּעלצטער פּאָליציימאַן, און מיטן רונדיקן שטיק האָלץ אַ שטורך געטאָן טאָמס קנויליקן גוף און מיט אַ בייז קול צו אים געשריגן:

— הייב זיך אויף, שוואַרצער טייוול, שיכור!

דער פּאָליציימאַן האָט מיט אַ שלעפּ אים געפּרווּט אַ הייב טאָן, אָבער טאָם איז גלייך צוריקגעפאַלן. בייז פון אומזיסטן שלעפּ האָט דערנאָך דער פּאָליציימאַן טאָמען אַזאַ כוחדיקן שלעפּ געגעבן, אַז טאָם איז גלייך געשטאַנען אויף די פיס. פון דער אָנשטרענגונג איז דעם פּאָליציימאַנס פנים רויט געוואָרן פון כעס, און שלעפּנדיק טאָמען צום ראָג אָפּצורופן דעם פּאָליציי־וואָגן, בייז גערעדט:

— וועסט באַלד פוילן אין טורמע, שוואַרצער שיכור!

מיט עטלעכע מינוט שפּעטער האָט זיך אין געסל דערהערט אַ קלינגען און דאָס פלינקע אָניאָגן זיך פונעם פּאָליציי־וואָגן. פון וואָגן זענען אַרויס עטלעכע פּאָליציי־לייט, אַ נעם געטאָן טאָמען פאַר די פלייצעס און אים אַ הייב געטאָן אין וואָגן אַריין. אַ׳ניעלס „קרעמל״ איז געווען פאַרמאַכט, און אַ טונקעלער דערשראָקענער נעגער־עולם איז אָנגעלאָפן אַרום דעם פּאָליציי־וואָגן און מיט רחמנותדיקע אויגן אַריינגעקוקט צו טאָמען אין וואָגן אַריין. שוואַרצע קעפּ האָבן זיך געוויזן אין די פענצטער פון די געבויגענע הייזלעך. פון אַ נידעריק הייזל אַרויס, הינטער דער באַן־בריק, איז מיט אַ שרייענדיק

מויל אָנגעלאָפן אין געסל אַריין מעגי, טאָמס ווייב, און זי האָט נאָך באַוויזן אַ קוק צו טאָן צו טאָמען אין וואָגן אַריין און זען אים ליגן אַ צונויפגעקנוילטן לעבן די פיס פון די פּאָליציי־לייט. און ווען דער וואָגן איז שוין לאַנג געווען אָפּגעפאָרן מיט טאָמען, איז נאָך אַלץ מעגי געשטאַנען אַ לאַנגע צייט אין געסל און מיט אויפגעהויבענע הענט נאָכגעשריגן:

— טאָם, טאָם, גוטער טאָם!

גלות־קינדער

פֿאַרטאָג, נאָך איידער סאָלאָמאָן איז אויפֿגעשטאַנען פֿון זיין שלאָף, האָט זיך פֿון דעם שכנישן נעגערישן געסל שוין אָנגעהויבן דערהערן דער פֿרימאָרגנדיקער טומל פֿון די שוואַרצע איינוווינער. אין דעם נעגער־געסל איז טאָג געוואָרן, און די דערבייאיקע הויכע קוימענס פֿון די זיידן־פֿאַבריקן האָבן געטומלט מיט אַ פֿייפֿערייַ און גערופֿן צו דער אַרבעט. דער אַלטער סאָלאָמאָן האָט אויף דער גיך אָפּגעדאַוונט, עפּעס טועם געווען און איז דערנאָך, ווי יעדן פֿרימאָרגן, אַוועק אינעם געסל עפּענען זיין גראָסערי סטאָרקע.

דאָס נעגערישע געסל איז שוין פֿול געווען מיט מענטשן. אַ ווייסער פֿאַבריק־עולם האָט אָנגעשטראָמט פֿון דער שטאָט אין די אייזערנע הויכע טויערן פֿון די זיידן־פֿאַבריקן האָבן אַלעמען פֿאַרשלונגען, ווי נאָר מען האָט זיך דאָרטן געוויזן. דער נעגער־עולם האָט זיך געאײַלט אין שטאָט אַריין, אָפּצופּראַצעווען דאָרטן דעם טאָג זייערן. דער אַלטער סאָלאָמאָן האָט אויפֿן וועג זיך באַגעגנט מיט די באַקאַנטע נעגער־שכנים פֿון געסל און זיי האָבן אים באַגריסט מיט גרויס דרך־ארץ און מיט יענער ליבשאַפֿט, וואָס זיי האָבן צו זיין לאַנגער, שיינער באָרד און אויך פֿאַר דער טבע זיי אַמאָל אַרויסצוהעלפֿן אין אַ נויט־פֿאַל.

אויך דער אַלטער סאָלאָמאָן האָט איצט באַגריסט די שוואַרצע שכנים אויף דעם זעלבן ברידערלעכן אופֿן. פֿון אַלע קריסטלעכע געגנטן אין דער שטאָט, וווּ ס'איז אים שוין אויסגעקומען צו האָבן זיין גראָסערי סטאָרקע, האָט ער גראָד אין דעם דאָזיקן געסל געפֿונען פֿאַר זיך אַ מקום מנוחה, אַ זיכערן פּלאַץ. אָט אין דעם געסל טשעפּעט אים קיינער נישט פֿאַר זיין יידישקייט און קיינער לאַכט דאָ נישט אָפּ פֿון זיין לאַנגער באָרד, וואָס ער איז צוליב איר אַ סך צרות אויסגעשטאַנען אין די אַנדערע קריסטלעכע

געגנטן. ערשט דאָ אין דער דאָזיקער געגנט האָט ער אָנגעהויבן פרייער אָפּצועטעמען, דער אַלטער סאַלאָמאָן. די שוואַרצע איינוווינער האָבן אים גערן פאַר זיין ערלעכקייט, וואָס ער שעמט זיך מיט זיי נישט און זיי באַ־ציען זיך צו אים אויך מיט גרויס דרך־ארץ פאַר זיין פרומער באָרד, פאַר וועלכער זיי האָבן עפּעס שטאַרק מורא.

האָט דער אַלטער סאַלאָמאָן זיך גרינג איינגעלעבט מיט די שוואַרצע איינוווינער און ער פילט זיך אָפּט מיט זיי ווי צווישן אייגענע מענטשן, באַלד ווי צווישן אייגענעם פאָלק, און ווי עפּעס אַ קרובהשאַפט וואָלט צווישן זיי געווען. כמעט אַלע נעגערס דאָ קאָנען אים שוין, דעם אַלטן סאַלאָמאָנען, און ווייסן, אַז אויב ס'פעלט ביי איינעם פון זיין אַמאָל אויס געלט אויף אַ ברויט, צי אַ ביסל מילך פאַר אַ קינד, קען מען דאָס ביי קיין אַנדערן מענטש אין געסל נישט קריגן געבאָרגט, ווי נאָר ביי דעם סאַלאָמאָנען.

כמעט יעדן טאָג, אַז עס שלייכט זיך אַריין צו אים אין דער גראָסערי סטאָרקע עפּעס אַן אָרעמער נעגער אין צעריסענע קליידער און ער שטעלט זיך אַוועק מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ פאַר סאַלאָמאָנס אויגן, פאַרשטייט ער שוין, וואָס ער האָט צו טאָן. נעמט ער דאַן אויף דער גיך עפּעס אַ ברויטל, אַ ביסל מילך און דערלאַנגט דאָס דעם שוואַרצן. דער נעגער הערט אים דעמאָלט נישט אויף צו דאַנקען, וויל אים קושן די הענט און גייט פון אים אַרויס מיט טרערן אין די אויגן. און מיט אַ צייט שפּעטער, אַז ער געפינט ענדלעך עפּעס אַן אַרבעט, לויפט ער גלייך אַריין צו סאַלאָ־מאָנען אין דער סטאָרקע מיט די ערשטע פאַרדינסטן זיינע און באַצאָלט אים.

און אויך ער, סאַלאָמאָן, קאָן כמעט אַלע איינוווינער פון געסל. ער ווייסט, וועלכער נעגער ס'האָט אַרבעט, ווער ס'שלאָגט זיך מיטן ווייב און ווער ס'האָט ליב אַ סך צו טרינקען, און ער מוסרט אָפּט מאָל אַזאַ איינעם שטאַרק אויס:

— דזשימי — וויזט ער יענעם אָן ביים מויל, ווען ער טרעפט אַ שיכורן נעגער לעבן זיין גראָסערי־סטאָרקע און רעדט צו אים אויף זיין האַלב־יידיש און האַלב־ענגלישן לשון:

— נישטאָ! יו העוו אַ וואַיף, האָסטו!

און ווי שיכור דער נעגער־יונג איז אין אַזאַ מאָמענט, קוים הייבט ער

נאָר אויף די אויגן און דערזעט סאַלאָמאָנען און באַמערקט זיין לאַנגע באָרד, אַזוי נעמט ער זיך גלייך שווערן, אַז ער וועט מער נישט טרינקען. „נאָ מאָר" — זאָגט ער, און דער צעמישטער קאָפּ פאַלט אים פאַר שלאָף באַלד צוריק אַראָפּ און ציט אים אין גאַנצן מיט, ביז וואַנען ער ציט זיך ענדלעך אויס אויף דער ערד, לעבן זיין גראָבערי סטאָרקע.

דער אַלטער סאַלאָמאָן איז אָבער כמעט דער איינציקער פון די ווייסע בעלי־בתים אין געסל, וועלכער לעבט בשלום מיט די שוואַרצע איינוווינער און קומט מיט זיי אַדורך אויף אַ פרידלעכן אופן. די אַנדערע קריסטלעכע בעלי־בתים, וואָס האָבן דאָ קראָמען, געשעפטן און ביר־סאַלאָנען און נאָך אַנדערע „מסחרים", וואָס מען טאָר דאָס נישט אויסזאָגן... לעבן תמיד אין שרעק, אַז די שוואַרץ־הויטיקע נעגערס זאָלן נאָר נישט בײַ זיי עפּעס אַ גנבֿע טאָן. און ווי איז דעמאָלט צו אַזאַ נעגער־יונג אויב מען כאַפּט אים בײַ דער האַנט. דער ווייסער בעל־הבית האַלט דעמאָלט דעם שוואַרצן פעסט בײַם האַלדז און פון דער שטיקעניש שפּאַרט זיך בײַ יענעם אַרויס אַ רויטע צונג פון מויל און ער קען נישט ריידן אָדער שרייען. ענדלעך לויפט אויך אָן אַ פּאָליציימאַן און ער נעמט ערשט דעמאָלט דעם נעגער־יונג אין זיינע הענט אַריין...

אָבער דער אַלטער סאַלאָמאָן ווייסט כמעט נישט פון אָט די אַלע זאַכן. בײַ אים אין דער גראָסערי סטאָרקע איז תמיד רואיק און שטיל. נישט ער היט זיך פאַר די שוואַרצע נעגערס און נישט זיי זענען אויסן אים שלעכטס צו טאָן. און אויב אין אַ נעגערישן קאָפּ כאַפּט זיך יאָ אַמאָל אַריין עפּעס אַ זינדיקער געדאַנק, איז גענוג, אַז ער זאָל נאָר איין קוק טאָן אויף סאַלאָמאָנס פרום פנים, אַז ער זאָל נאָר דערזען זיין לאַנגע באָרד און ער שאָקלט זיך באַלד אָפּ פון די פאַרפירערישע זינדיקע געדאַנקען. עפּעס דאַכט זיך דעמאָלט אַזאַ נעגער, אַז אויב ער זאָל זיך אָנהייבן מיט אָט דעם פרומען יידן איז גלייך ווי ער הייבט זיך אָן מיט גאָט אַליין, און פאַר דעם האָט ער שטאַרק מורא...

און אויך דזשימי, דער אָרעמסטער נעגער מיט דעם ערגסטן מזל אין געסל, אַ מענטש אַ דינער מיט אַן אויסגעמאָגערטן קאָפּ און אַ קרומען, הינקנדיקן פוס און ער האָט דעריבער זעלטן אַ טאָג אַרבעט און דאָס ווייב מיט

די קינדער הונגערן און קרענקן ביי אים דאָס גאַנצע לעבן — אַפילו אָט דער דזשימי, וואָס זוכט נאָר אַ געלעגנהייט צו קענען ביי עמעצן עפּעס אַ כאַפּ טאָן פון אַ סטאַרקע, אויך ער היט זיך אויס מיט אַלע כוחות פון אָנצורירן עפּעס ביי סאַלאָמאָנען אין דער גראָסערי טאַרקע. דזשימי ווייסט אַז ביי דעם אַלטן סאַלאָמאָנען באַדאַרף מען נישט גנבענען און פילט דעריבער, אַז ער וואָלט אַזאַ זאַך קיין מאָל נישט געקענט מוחל זיין. ווי הונגעריק ער זאָל נישט זיין און מען נייטיקט זיך ביים אים אין הויז אין אַ שטיקל ברויט, וואַרט ער פון דעסטוועגן אָפּ אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט און דאַן גייט ער אַריין צו סאַלאָמאָנען אין דער סטאַרקע. ער קומט אַריין אַ געבויגענער, מיט אַראָפּגעלאָזענע הענט און רעדט גאָר נישט... נאָר סאַלאָמאָן ווייסט שוין וואָס ער וויל... קלייבט ער גיך צונויף אַ ביסל גראָסערי פּראָדוקטן, אַ ביסל מילך און דערלאַנג דאָס אים. דזשימי, דער נעגער, טוט אַ זשעדנעם כאַפּ דאָס פּעקל שפּייז־פּראָדוקטן און אויפן טונקעלן פּנים באַווייזט זיך אים אַ רויטער פלאַם און ער לויכט אין גאַנצן פאַר פרייד. וויל אַ קוש טאָן סאַלאָמאָנס האַנט און דעם גאַנצן וועג אויף אַ היים האַלט ער אים אין איין דאַנקען.

דער אַלטער סאַלאָמאָן ווערט אין אַזאַ מאָמענט שטאַרק גערירט און ער האָט גרויס רחמנות אויף דזשימין. וואָרעם מיט אָט דעם נעגער איז תמיד פול דאָס גאַנצע געסל: אַלע מאָל כאַפּט אים אַן אַנדערער ווייסער בעל־הבית ביי עפּעס אַ גנבהלע און ער איז שוין אין גאַנצן צעשלאָגן און צע־הרגעט פון קלעפּ און מעסער־שטעך. דער איירישער פּעטריק, אַ בעל־הבית פון אַ ביר־סאַלאָן האָט אַנומלטן אים שיער דערוואָרגן, און דער דיקלעכער מאַרטין, פון דער פליש־קראָם, האָט אים אַ מאָל דערלאַנגט אַזאַ זעץ אינעם לינקן אויג, אַז ער איז נאָך ביז היינט כמעט בלינד אויף דעם אויג און פון דעמאָלט אָן האַלט אים אין איין רינען טרערן פון דעם דאָזיקן אויג. אויך דער איטאַליענער־יונג טאָני, דער שוסטער פון געסל, האָט אים שוין אַ פּאָר מאָל געשטאָכן אין בויך מיט אַ טאַשן־מעסערל און ער האָט איין מאָל געמוזט אָפּליגן גאַנצע צוויי וואָכן אין אַ שפּיטאָל. און דערפאַר, יעדעס מאָל ווען דער צעשלאָגענער דזשימי מיטן צעהרגעטן בלינדן אויג, באַווייזט זיך ביי סאַלאָמאָנען אין סטאַרקע, נעמט אים אַזוי דריקן ביים האַרצן, אַזאַ טיף רחמנות־געפיל נעמט אים אַדורך, אַז ער פילט דעמאָלט אַליין נישט, ווי ער

פּאַקט אָן אַלץ מער שפּייז־פּראָדוקטן אין דעם פּעקל און דערלאַנגט דאָס אים אין גאַנצן אָן איבערגעוועלטיקטער פון צער און פּיין אויף דזשימין.

באַגריסט זיך אויך איצט סאַלאָמאָן מיט די נעגערישע שכנים אויף זיין תמידיקן אופן. באַלד אָבער ווערט דאָס געסל אַלץ ליידיקער פון נעגע־רישע מענער, וואָס איילן צו זייער האַרעוואַניע אין שטאָט אַריין. אין די דערבייאיקע יידן־פּאַבריקן אַרבעט מען שוין און די וועב־מאַשינען קלאַפּן מיט זייער מאָנאָטאָנעם טומל, מיט זייער שטאָל־און־אייזן־גרילצעריי, וואָס וואַרפט אָן עפּעס אַ מאָדנע אימה און עס דאַכט זיך דעריבער, ווי דאָס געסל לעבט אַ גאַנצן טאָג אין פּחד און אין שרעק פאַר דעם דאָזיקן מורא־דיקן וועבערישן טומל. דער ווייסער עולם איז שוין פון לאַנג ביי דער אַר־בעט און די הויכע קוימענס פון די פּאַבריקן פּייפן מער נישט... ווי זיי וואָלטן שוין זאַט געוועזן מיט דעם מענטשלעכן רויב און האָבן פאַר גרויס צופרידנקייט אויפגעהערט צו רויכערן די געדיכטע וואָלקנס סאַזשעדיקן רויך.

און ווי נאָר סאַלאָמאָן נעמט אין דעם פרימאָרגן עפענען זיין גראָסעריי סטאָרקע, אַזוי הייבן זיך גלייך אָן קלייבן ביי אים די שוואַרצע בעל־הביתטעס, מאַנכע מיט די קינדער אויף די הענט. אויך די שוואַרצע פרויען וויסן פון זיין מענטשלעכער באַציאונג און אַז ער האָט נישט פיינט דאָס נעגערישע פאָלק. האַלטן זיי דעריבער אים ווי אַן אייגענעם מענטשן, פאַר וועמען מען באַדאַרף זיך מיט גאָר נישט שעמען, און פון וועמען מען באַדאַרף גאָר נישט באַהאַלטן. און ווי נאָר עס קלייבן זיך אין דעם פרימאָרגן צונויף עטלעכע אַזעלכע נעגערישע בעל־הביתטעס ביי אים אין דער סטאָרקע, אַזוי נעמען זיי דערציילן צווישן זיך אַלע סודות, אַלעליידן און פריידן פון זייער אָרעם לעבן. באַזונדערס רעדט אין דעם איצטיקן פרימאָרגן גאָר אַ סך די הויכע עדנאַ, אַ דיקלעכע נעגערטע אין גאַנצן אַ שוואַרצע, נאָר מיט שטאַרק געפּאַרבטע רויטע ליפּן און צוויי לייביקע בריסטן, וואָס הענגען איר שווער אַראָפּ פון לייב און באַוועגן זיך ווי צוויי וואַגשאָלן. און כדי נישט צו פילן אַזוי שטאַרק די שווערקייט פון די בריסטן, האַלט זי זיי א־ונטער מיט די הענט, ווי זי וואָלט געטראָגן צוויי קינדער. עדנאַן איז קענטיק דעם פרימאָרגן זייער גוט אויפן געמיט און זי דערציילט פאַר די

פרויען וועגן יעדן איינעם פון די פריילעכע געסט, וואָס זענען די לעצטע נאַכט געווען ביי איר צו גאַסט און ווי אַזוי ס׳איז דערנאָך געקומען צו אַזאַ מין „אָרגיע פּאַרטי״, וואָס זי האָט צום ערשטן מאָל אין איר לעבן אַדורכ־געלעבט און איצט ווייסט זי שוין וואָס עס הייסט לעבן אויף דער וועלט. זי לאַכט דערביי אַ סך, די שוואַרצע עדנאַ, און ווען זי רעדט, דאַכט זיך, ווי זי וואָלט עפּעס הנאהדיק געביסן מיט אירע שאַרפע ציין און מאָלט עפּעס אין איר מויל. די געפּאַרבטע רויטע ליפּן ווערן דאַן ביי איר אָנגע־לאָפן מיט אַ יצר־הרעדיקן רייץ און די שאַרפע רויטקייט בלענדט אויפן שוואַרצן פּנים, ווי אַ פלאַם פון דער בין־השמשותדיקער זון, וואָס לעשט זיך אויף דעם אָוונטיקן הימל. די אַנדערע שוואַרצע בעל־הביתטעס הערן זיך איין צו אירע רייד מיט גרויס אינטערעס און פילן דערביי צו איר אַ טיפע שנאה. אַ שנאה, מחמת זי איז מיט איר פריילעכקייט און צוגעלאָזנקייט דער ליבלינג ביי אַלע נעגערישע מענער פון געסל און אַלע ריידן זיי וועגן איר מיט גרויס באַוווּנדערונג און די אייגענע ווייבער פילן זיך דעמאָלט שטאַרק געפאַלן ביי זיך... אָבער אָפן אַרויסווייזן די דאָזיקע שנאה צו עדנאַן וואָגט פון דעסטוועגן קיינער נישט, וואָרעם ווי פיינט זיי האָבן זי, ווייסן זיי, אַז זי איז אַ גוטע און פאַרמאָגט די פיינע נעגערישע טבע פון טיילן זיך מיט אַ נויטבאַדערפטיקן מיט דעם לעצטן ביסן ברויט. הערן זיי זיך שוויגנדיקע איין צו אירע רייד און באַזונדערס ווען זי דערציילט מיט גרויס הנאה די אינטימע איינצלהייטן פון דער „אָרגיע־נאַכט״, און ווען זי וויל פאַר זיי אויך איבערגעבן עפּעס אַ מין באַקאַנטן, טשיקאַווּעדיקן „וויץ״, קוקט זי צו ערשט אויף דעם אַלטן סאַלאָמאָנען, אויב ער וועט דאָס נאָר נישט דערהערן, זי ווייסט שוין, עדנאַ, אַז סאַלאָמאָן האָט שטאַרק פיינט די דאָזיקע „וויצן״, אַזעלכע „רייד״ בכלל, און זי היט זיך דעריבער אויס פאַר אים מיט אַזעלכע מעשיות...

דער אַלטער סאַלאָמאָן הערט זיך זעלטן צו צו זייערע רייד. דורך דער צייט, וואָס ער לעבט דאָ אין דעם קוואַרטאַל, איז ער דערגאַנגען, אַז ס׳איז אַ טבע ביי זיי אַ סך צו ריידן און לאַכן. זיי מיינען דערמיט גאָרנישט. אָבער אַ דאַנק דעם אייביקן יידישן גלות־אומעט, דאָס שווערע לעבן פון דעם פרומען ייד, מיט די שטענדיקע צרות און ליידן פון דעם אייגענעם יידישן פאָלק, שטייט אים נישט דער קאָפּ צו זייערע מעשיות. וואָס איז דאָס פאַר

אַ שמחה אויף זייערע קעפּ, חידושט זיך אַפּט מאָל דער אַלטער סאָלאָמאָן, האָבן זיי דען שוין גאָר נישט מער וועגן וואָס צו דאגהן ?...

און אויך איצט האָט סאָלאָמאָן כמעט גאָר נישט געהערט עדנאַס פרייליכע רייד און געלעכטערל. אויף זיין פאַמעלעכן און געלאַסענעם אופן האָט ער זיך געטאָן די אַרבעט זיינע און די שוואַרצע בעל־הביתטעס דערלאַנגט די געקויפטע פּראָדוקטן. דערלאַנגענדיק יעדעס מאָל אַ צווייטער פרוי אַ פּעקל גראָסערי־זאַכן, האָט ער מיט אַ מאָל באַמערקט, ווי איינע, אַ דינע נעגערקע, נאָך גאָר אַ יונגע, די שוואַרצע דזשעניטאַ, אַן אויסגעצערט באַשעפעניש מיט אַ בלייך פּנים און צווי דאַרע באַקן, דורך וועלכע די ביינער האָבן אַרויסגעשטאַרטשעט ווי ביי אַ מת, און אָנגעטאָן אין אַלטע צעריסענע קליידער, פון וועלכע ס׳האָט זיך געהערט עפּעס אַ מין מאַכיקער ריח — ווי אַט די שוואַרצע וויל עפּעס ביי אים אַ נעם טאָן אַ גראָסערי־אַרטיקל און קוקט זיך בשעת מעשה אַרום, אויב סאָלאָמאָן זעט דאָס נאָר נישט. סאָלאָמאָן האָט דאָס אָבער געזען און ער איז דערפון אין גאַנצן בלייך געוואָרן. צו ערשט האָט ער דאָס פשוט נישט געגלייבט, נישט געוואָלט גלייבן, אַז די שוואַרצע דזשעניטאַ טוט אַט דאָס, וואָס עס ווייזט זיך אים אויס... וואָרעם דער אַלטער סאָלאָמאָן האָט אַלץ געלעבט דאָ אין געסל מיט אַ געפיל, אַז וויל זיי באַציען זיך צו אים מיט אַזאַ דרך־ארץ, וועלן זיי זיך דעריבער באַמיען צו זיין לגבי אים וואָס ערלעכער. די גרויע, לאַנגע באָרד האָט אים אַזש אָנגעהויבן ציטערן פון דעם געפיל, אַז ער האָט אין זיי געהאַט אַ טעות און ער האָט דעריבער ווי געוואָלט אַ שפרונג טאָן צו דער נעגערקע און איר אַ קלאַפּ טאָן איבער די הענט... אין דעם זעלבן מאָמענט האָט ער זיך אָבער דערמאָנט, אַז אָט די נעגערקע ליידט עפּעס פון אַ מין חלשות־קראַנקייט. וואָרעם פון דעם טאָג אָן וואָס דער מאַן איז איר אָפּגעשטאָרבן, דערמאָנט זיך סאָלאָמאָן, טאָר מען זיך מיט איר נישט פאַרטשעפּען. ביי יעדע קלייניקייט פאַלט זי גיך אַריין אין חלשות און ער האָט דעריבער מורא געהאַט, אַז זי קען פאַר בושה אויך איצט אַ חלש־טאָן ביי אים אין דער גראָסערי סטאָרקע.

בפרט האָט סאָלאָמאָן איר נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין בושה אין די אויגן פון אַלע אַנדערע פרויען. און דערצו איז אים נישט ווילנדיק געקומען אויפן זכרון דער פאַרשטאָרבענער מאַן אירער, וועלכער פלעגט, איידער

ער איז אָפּגעשטאָרבן, אויך קומען צו אים אין דער גראָסערי סטאָרקע. אַ געזונטער, הויכער נעגער־יונג איז ער געווען, אַ זייער לאַנגן האַלדז, ווי ביי אַ יונגן הירש און דאָס געזונטע בלוט האָט זיך אים תמיד געריטלט אויפן טונקעלן פּנים מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל. געשטאָרבן איז ער ערשט דאָס לעצטע יאָר. נאָך דעם ווי ער האָט, ווי ס׳רוב נעגערס, וועלכע ווערן נאָר באַנוצט צו די שווערסטע אַרבעט, באַקומען עפּעס אַ דזשאַב אָפּצושיטן קוילן אין די קעלערס פון די שטאָטישע הייזער און פאַבריקן. אַ גאַנצן ווינטער האָט ער אַזוי געהאַלטן אין איין אַרומפירן וועגענער קוילן און צום זומער האָט ער מיט אַ מאָל אָנגעהויבן שפּייען מיט „שוואַרץ" בלוט און גאַנצע נעכט האָט ער געהאַלטן אין איין וויינען, ווי אַ קליין קינד. אַזוי האָבן דאָס דערציילט ביי אים אין דער סטאָרקע די שכנים זיינע. און נאָך האָבן זיי דערציילט, אַז ווען ער איז שוין געלעגן אַ טויטער און עמעצער האָט אים אַ פאַרמאַך געטאָן די אויגן, איז דאָס ווייב מיט צעפּאַטלטע, ווילדע האָר צו אים צוגעלאָפן מיט די צוויי קינדער אויף די הענט און גענומען שרייען:

— נעם זיי מיט דיר! מיט דיר זאָלסטו זיי נעמען! און אויך מיך! און אויך מיך!

און אין דעם זעלבן מאָמענט איז זי אַריינגעפאַלן אין אַזאַ חלשות, אַז מען האָט זי דערנאָך קוים אָפּגעמינטערט.

האָט איצט סאַלאָמאָן זיך געשראָקן מיט איר צו פאַרטשעפּען און נישט געוווסט וואָס צו טאָן. די נעגערקע האָט דערווייל געהאַלטן אין איין קוקן אויף אים, געהיט יעדן קער זיינעם און האָט אַלץ געוואַרט אויף דער גוטער געלעגנהייט עפּעס ביי אים אַ נעם צו טאָן. וואָס לענגער זי האָט אָבער געוואַרט, אַלץ צעטומלטער איז זי געוואָרן, אַלץ מער האָט איר אַליין גענומען פּייניקן דאָס געוויסן צו באַגנבענען דעם אַלטן ייד און פון דער צעמישעניש איז איר דערווייל שוין געווען שווער צו באַשליסן וואָס צו טאָן. סאַלאָמאָן האָט דעמאָלט אויף איר אַ קוק געטאָן מיט זיינע פרומע, טונקעלע אויגן און ס׳האָט זיך אים גענומען דאַכטן, אַז זי האָט עפּעס אַ ציטער געטאָן פאַר זיין גרויער, לאַנגער באָרד. דער אַלטער סאַלאָמאָן האָט איצטער דערפילט, אַז ער באַדאַרף זי מער גאָר נישט היטן און אַז זי וועט ביי אים גאָר נישט נעמען.

שפּעטער אַ ביסל האָט אין דער גראָסערי סטאָרקע גענומען ווערן אַלץ ליידיקער און רואיקער. וואָרעם ווי נאָר עדנאַ, די דיקע נעגערקע, איז אַרויס, אַזוי זענען זיך אויך באַלד די אַנדערע שוואַרצע בעל־הביתטעס צעגאַנגען... און אויך נאָך דעם ווי אַלע זענען זיך שוין געהאַט צעגאַנגען און אין דער סטאָרקע איז ביי אים ווידער שטיל געווען, האָט זיך אים נאָך אַלץ געטומלט אין קאָפּ עדנאַס רייד מיטן קליגענדיקן געלעכטערל.

דער אַלטער סאַלאָמאָן איז אַרויס אין דרויסן אַן אָטעם צו טאָן די פרישע לופט פון דעם זומערדיקן טאָג. דאָס נעגערישע געסל איז אָבער אין מיטן אַן אַרבעטס־טאָג כמעט פּוסט געווען. פון די ויידן־פאַבריקן האָט זיך אַלץ געהערט דער מאָנאָטאָנער טומל פון די וועב־מאַשינען און דאָס געלע ליכט פון די עלעקטרישע לעמפּלעך האָט אַרויסגעלויכטן דורך די פענצטער און געטונקלט די ליכטיקייט פון דער וואַרעמער זון. אויף דער אירי־באַן־בריק האָט זיך אַדורכגעיאָגט מיט גוואַלדיקן אימפּעט אַ לאַנגער שנעל־צוג און אַ סאָזשעדיקער געדיכטער רויך מיט רויטע פונקען האָט אַ ווילע פינצטער געמאַכט די געגנט. פון די דערבייאיקע קוילן־סקלאַדן און פון די גרויסע צאָל ביר־סאַלאָנען אין דעם געסל, האָבן זיך געהערט מאָדנע שאַרפע ריחות פון קוילן־שטויב און פון ברענענדיקע בראָנפן־געטראַנקען. ס׳צאַרטע, מילדע ווינטל איז פול געווען מיט ברעקלעך קוילן און דעם אַלטן סאַלאָמאָנען איז פלוצים עפּעס אַריינגעפלויגן אין רעכטן אויג און ער האָט אַ לאַנגע צייט געריבן דאָס אויג פון דעם שטיקל קוילן־שטאָף, איידער ער האָט ווידער אַ מאָל געקענט אָנהייבן צו זען.

ער האָט דעריבער נישט געקענט בלייבן אין דרויסן, צוליב דעם גע־דיכטן קוילן־שטויב מיט די שאַרפע בראָנפן־ריחות, און פילן די שיינקייט פון גאָטס ליכטיקן זומערדיקן טאָג. ער האָט אַ בייג געטאָן דעם קאָפּ זיינעם, אַ פּיר געטאָן מיט אַ האַנט איבער דער לאַנגער באָרד און מיט דעם אייביקן יידישן גלותדיקן אומעט־געפיל געבויגן די פּלייצעס און זיך געקליבן צוריק אַריינצוגיין אין דער סטאָרקע. אין דעם זעלבן מאָמענט האָט ער אָבער מיט אַ מאָל דערהערט הויכע געוואַלד־קולות און דאָס ווילדע לויפן פון אַ מחנה מענטשן. סאַלאָמאָן האָט אַ קוק געטאָן און האָט אין גאַנצן גענומען ציטערן פאַר גרויל און אימה.

פון אַ זייטיק גאַסן־ווינקל, פון פּעטריקס ביר־סאַלאָן, איז אַרויסגע־

לאָפן דער מאָגערער דזשימי מיטן קרומען הינקענדיקן פוס אַ צעשלאָגע־נער. ער איז מיט אַלע כוחות געלאָפן איבערן וועג. נאָך אים מיט אַ שטיק אייזן אין אַ האַנט, האָט זיך נאָכגעיאָגט פּעטריק, דער בעל־הבית פונעם ביר־סאַלאָן מיט נאָך אַ מחנה מענטשן. פּעטריק האָט געהאַלטן אין איין שרייען, אַז מען זאָל כאַפּן דזשימין און געהאַלטן אין איין וואַרפן אים דאָס שטיק אייזן איבערן קאָפּ. אויף פּעטריקס קולות איז אויך אָנגעלאָפן טאָני, דער שוסטער־יונג מיט דעם דיקלעכן מאַרטינען, און אַלע האָבן זיך מיט שטעקנס און מעסערס גענומען יאָגן נאָך דעם הינקנדיקן דזשימי. אַן איבערגעשראָקענער אויף טויט האָט דזשימי געהאַלטן אין איין לויפן, און וואָס ווילדער די מחנה ווייסע מענטשן האָבן זיך געיאָגט נאָך אים, אַלץ פלינקער איז ער געשפּרונגען. ער האָט אין לויפן זיך כמעט געהויבן אין דער לופט. פאַר גרויס שרעק זענען אים די אויגן צעטומלט געווען מיט טויט־אַנגסטן אויב זיי זאָלן אים כאַפּן. ס'האָט זיך דעריבער געדאַכט, אַז ער איז נישט געלאָפן, דזשימי, אַז די פיס זיינע האָבן קוים די ערד אָנגע־רירט, און ער איז געפלויגן מיט צעשפּרייטע הענט ווי אַ פויגל, און איז אַלע מאָל געווען ווייטער פון דער חברה.

דער אַלטער סאַלאָמאָן האָט געהאַלטן אין איין ציטערן און נישט גע־גלייבט די אויגן אויף דער פלינקייט פון דעם דאָזיקן דזשימי. ווי אַזוי האָט ער מיט זיין הינקנדיקן, קרומען פוס, געקענט אַזוי שפּרינגען. קענטיק, אַז גאָט פון רחמנות, דער אל רחום וחנון, האָט זיך דערבאַרעמט אויף דעם אָרעמען נפש און אין דער נויט־סכנה, אין דער געפאַר צו פאַרלירן זיין לעבן, אים געגעבן איבערמענטשלעכע כוחות. דזשימי האָט אַלץ געהאַלטן אין פליען, זיך געטראָגן אין דער לופט, און וואָס שווערער ס'איז די חברה געווען צו כאַפּן אים, אַלץ מיט מער אַנטשלאָסנקייט האָבן זיי זיך געיאָגט אים נישט אַרויסצולאָזן אַ לעבעדיקן פון זייערע הענט. סאַלאָמאָן איז אין גאַנצן בלייך געווען, די לאַנגע באָרד איז אים ווי ווייס געוואָרן און קלאָר איז אים געוואָרן, אַז זיי וועלן אים דאָך סוף כל סוף כאַפּן. און פון דעם געדאַנק האָט זיך אים אַ שטעל געטאָן אַ שרעקלעך בילד פאַר די אויגן, וואָס ער האָט מער ווי איין מאָל אין זיין לעבן שוין געזען דאָ — ביי די נעגערס, און אין דער אַלטער היים, אין די פּאָגראָם־צייטן — מיט יידן, מיט אים אַליין. און אויף אַ מאָמענט האָט זיך אים טאָקע אויסגעדאַכט, אַז

דזשימי, איז גאָר ער, סאַלאָמאָן אַליין. וואָרעם אויף דעם זעלבן ווילדן אופן האָבן אין יענע פּאָגראָם־צייטן אויך זיך געיאָגט נאָך זיין לעבן אַ מחנה ווילדע פּאָגראָמשטשיקעס, מיט שטעקנס און מעסערס אין די הענט און ער איז דעמאָלט מיט אַלע זיינע כוחות געלאָפן איבערן שטעטלדיקן וועג. און וואָס גרעסער די שרעק איז אין אים געוואַקסן, אַלץ מער כוחות האָט זיך צו אים גענומען אין לויפן, ביז אַ באַקאַנטער קריסט, אַ שכן, האָט אים אַריינגעלאָזן צו זיך אין הויז אַריין און אים אויסבאַהאַלטן פון די פּאָגראָמשטשיקעס.

פאַרטראַכט אין דער דאָזיקער מחשבה, האָט דער אַלטער סאַלאָמאָן פּלוצים דערפילט ווי דזשימי, דער הינקנדיקער נעגער־יונג איז מיט אַ מאָל אַריינגעפלויגן צו אים אין דער סטאָרקע און אין אַ רגע איז נישט געווען כּער אים אָנצוזען. סאַלאָמאָן האָט אָבער געוווּסט, אַז ער ליגט ערגעץ ביי אים אויסבאַהאַלטן און ווען די מחנה איז אָנגעלאָפן און געמומען אַרומזוכן דעם נעגער־יונג און געפרעגט ביי סאַלאָמאָנען צי ער האָט אים אפשר געזען, האָט דער אַלטער געצויגן מיט די פּלייצעס, אַז ער ווייסט נישט און אַז ער האָט אים נישט געזען. פּעטריק מיט די ווייסע חברה, מיט די שטעקנס און מעסערס אין די הענט, האָבן זיך אָבער נישט געקענט באַרואיקן, און פאַר גרויס צאָרן און כעס נאָך אַ לאַנגע צייט אים אַרומגעזוכט אין געסל, ביז זיי זענען אומצופרידענע און אומבאַפרידיקטע זיך דערוויַל צעגאַנגען מיט גאָר נישט.

*

ערשט שפּעט ביינאַכט, אַז דאָס געסל איז שוין אין גאַנצן רואיק און שטיל געווען און די ווייסע בעלי־בתים זענען זיך שוין געהאַט צעגאַנגען אין זייערע היימען, איז דער הינקנדיקער דזשימי ענדלעך אַרויס פון זיין באַהעלטעניש און זיך געשטעלט פאַר סאַלאָמאָנס אויגן מיט אַן אַראָפּגעַ־לאָזענעם קאָפּ און גאָרנישט גערעדט. סאַלאָמאָן האָט פאַרשטאַנען, אַז דער נעגער־יונג מוז זיין שטאַרק הונגעריק, וואָרעם ער האָט געהאַלטן אין איין סמאָטשקען די פאַרשמאַכטע ליפּן און עפּעס אויך געהאַלטן אין איין שלינ־גען, כאָטש ער האָט גאָר נישט געהאַט אין מויל. האָט ער אים אַ דערלאַנג געטאָן עפּעס פון דער גראָסערי סטאָרקע. דערביי האָט דער אַלטער סאַלאָ־

מאָן אויך דערלאַנגט דעם נעגער־יונג אַ פּאָרציע מוסר, פאַר וואָס ער פאַר־טשעפּעט זיך מיט דער חברה, אויב דאָס לעבן איז אים ליב און טייער.

און דזשימי, דער הינקנדיקער נעגער מיטן קרומען פיס האָט מיט גרויס הנאה געשלונגען דאָס עסן, אויסגעהערט סאַלאָמאָנס מוסר־רייד און זיך געשעמט אים צו קוקן אין די אויגן אַריין. די גאַנצע צייט געהאַלטן אַראָפּ־געלאָזן דעם קאָפּ און ווי אַן אומבאַהאָלפן קינד נישט געוווּסט ווי אַזוי זיך פאַר אים צו פאַרענטפערן. שפּעטער אָבער, ווען ער איז שוין אין גאַנצן זאַט געווען, דזשימי, אין גאַנצן צוריק אַ רואיקער און ער האָט, ווי אַלע מאָל, פאַר אַ טובה געוואָלט קושן סאַלאָמאָנען די הענט, ערשט דעמאָלט האָט ער אויך געקריגן אַ ביסל מער מוט און זיך גענומען פאַרענטפערן פאַר סאַלאָמאָנען, אַז ער איז מיט גאָרנישט שולדיק געווען היינט. דאָס האָט איינער פון פּעטריקס אייגענער חברה ביי אים צעבראָכן די פענצטער און זיי האָבן געוואָלט דערפאַר אומזיסט אים דערהרגענען. וואָרעם פאַר יעדער זאַך, וואָס עס טרעפט דאָ אין געסל האַלטן זיי אים שולדיק... און פאַר יעדן איינעמס חטא, מוז ער ליידן... און אַז ער איז קיין מאָל נישט זיכער מיט זיין לעבן. דער אַלטער סאַלאָמאָן האָט זיך איינגעהערט צו די אומעטיקע גלותדיקע רייד פון דעם הינקנדיקן נעגער־יונג. ער איז דערביי אַליין אויך אַריינגעפאַלן אין שווערע מחשבות און זיך שטאַרק פאַרטראַכט...

אַ שוואַרצע מאַמע אין אַ נעגערישן געסל

די שוואַרצע בעטי, אַ נעגערקע, אַ מאַמע פון אַן איינציק קינד, אַ יונג טעכטערל, איז דעם הײַנטיקן פרימאָרגן אויפגעשטאַנען פון שלאָף אין אַ זייער צערודערטער שטימונג. אַ גאַנצע נאַכט איז איר נישט אַרויס פון זכרון, אַז הײַנט וועט ביי איר זיין דער בעל הבית, מיסטער פלאַם, מאָנען דירה־געלט. און פונקט ווי זי האָט אים די לעצטע צוויי חדשים נישט געהאַט צו געבן קיין געלט, אַזוי האָט זי אים אויך הײַנט נישט צו געבן פאַר די פינצטערע ווענט, וווּ זי וווינט.

אָבער הײַנט, איז בעטי זיכער געווען, אויב זי זאָל אים הײַנט נישט געבן קיין דירה־געלט, וועט ער הייסן, אַז מען זאָל זי פון דער וווינונג אַרויסשטעלן. די דאָזיקע וואָרענונג האָט ער איר געגעבן דאָס לעצטע מאָל, ווען ער איז געווען ביי איר נאָך געלט, און זי האָט אים נישט געהאַט צו געבן.

— פּעי יור רענט אָר — באַצאָל דירה־געלט — האָט דער בעל־הבית געקלאַפּט מיט זיין שטעקן, אויף וועלכן ער האַלט זיך אָנגעשפּאַרט ווי אויף אַ דריטן פוס.

איז דעריבער די נעגערקע הײַנט אויפגעשטאַנען פון שלאָף מיט אַ שווער געמיט, און פאַר אומרואיקייט זיך אין הויז קיין אָרט נישט געפינען. זי האָט פיינט דעם בעל הבית שולדיק צו בלייבן געלט, נאָר זי קאָן זיך נישט העלפן. זי איז טאַקע אַן אָרעמע, אָבער אַן ערלעכע. און זי וואָלט אים גערן געוואָלט באַצאָלן דעם חוב, נאָר זי האָט נישט. פון איר שווערע אַרבעט אין די הייזער, פאַרדינט זי קוים אויף אַ שטיקל ברויט, און אויף אַ קליידל פאַר דעם יונגן טעכטערל, און פאַרמאָגן פאַרמאָגט זי גאָר נישט אויף דער וועלט, חוץ אַ ביסל אַלט הויזווירטשאַפט, דאָס האַלב־נאַקעטע און באָרוועסע טעכטערל, וואָס האַלט אין וואַקסן, און אַ שווער געמיט.

און פון דעסטוועגן וואָלט זיך איר אַזוי שלעכט נישט געלעבט ווען דער מאַן וואָלט מיט איר געוווינט און אַרויסגעהאָלפן אין דער פרנסה. וווינט ער אָבער נישט מיט איר. שוין דאָס צווייטע יאָר זינט ער איז אַנט־לאָפן מיט דער שכנישער נעגערקע, די פריילעכע עלזשאַ.

דאָס איז געווען דאָס גרעסטע אומגליק אין איר לעבן. און פון דעמאָלט אָן האָלט זי אין איין שעלטן די שכנטע מיט די ביטערסטע נעגערישע קללות. שעלטן שעלט זי אָבער בלויז די פריילעכע עלזשאַ, נישט דעם מאַן. דעם מאַן, דעם ריזיקן דזשעקין האָט זי נאָך אַלץ ליב... און חוץ דעם איז זי זיכער, אַז ס׳איז נישט דעם מאַנס שולד, וואָס ער איז פון איר אַוועק. עלזשאַ, די שכנטע, איז זייער אַ פריילעכע נעגערקע, אַ שיינע. און נאָר עס ציט זי צו פאַרברענגען אין מענערישער געזעלשאַפט; און זי האָט זיך נאָר ליב צו ווייזן דאָרטן מיט די געפּאַרבטע, פולע באַקן, מיט די פייערדיק־רויטע ליפּן און מיט די צוויי לייביקע בריסטן, וואָס באַוועגן זיך האַלב־נאַקעטע פון הינטער דער דינער בלוזע אַרויף און אַראָפּ מיט יעדן גאַנג פון איר פולן קערפּער. און זי, עלזשאַ, פּיעשטשעט זיך מיט די צוויי האַלב־נאַקעטע בריסטן פאַר אַלע מענער, ווי אַ מאַמע מיט צוויי געראָטענע שיינע קינדערלעך. און ווי נאָר דער ריזיקער דזשעקי האָט זיך אָנגעטראָפן מיט אָט דער פריילעכער עלזשאַן, האָט ער זיך אין איר שטאַרק פאַרליבט, ביז וואַנען ביידע זענען ענדלעך ערגעץ אַנטלאָפן, און זי, ווייסט אַפילו נישט ווו ער געפינט זיך איצטער, צי ער לעבט נאָך אויף דער וועלט.

אמת טאַקע, אַז נישט אַזוי לייכט איז דאָן אָנגעקומען עלזשאַן אַוועקצו־נעמען ביי איר דעם מאַן. בעטי האָט דאָן אָנגעווענדט אַלע פּרויען־מיטלען, אַז דער הויכער דזשעקי, דער מאַן, זאָל פון איר נישט אַנטלויפן. זי האָט לאַנג געאַרבעט אויף זיך, צו פאַרפּוצן אַ ביסל דאָס מאָגערע לייב, אַז זי זאָל אויסזען אַ ביסל דיקלעכער, וואָגיקער. געפּאַרבט זיך די באַקן, די ליפּן רויט ווי פייער, און אויך די צוויי דינע, פלאַכע בריסטן געמאַכט אויסזען, אַז זיי זאָלן זיך בולטער וואַרפן אין די אויגן. פלעגט ביי יעדער געלעגנהייט זיך ווייזן מיט אַ פאַרשייט שמייכעלע, ווי ביי עלזשאַן, די שכנטע, און פאַר דעם מאַן אין די אויגן זיך נאָר געוואָלט ווייזן אין דעם ליכט פון אַ פריי־לעכער פרוי, ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן. נאָך אַלע באַמיאונגען און אַר־בעטן אויף זיך, איז זי אַלץ געבליבן די מאָגערע נעגערקע מיטן חושכדיקן

אויסזען אויפן טונקל־בלייענעם פנים, אויף וועלכן ס׳האָט געפינצטערט אַ שווערער אומעט פון הינטער דעם פאַרשייטן שמייכעלע. ביי יענער איז דאָס געווען מיט גרויס חן, און ביי איר נישט.

האָט זי דעריבער נישט אויסגעפירט און דער מאַן איז פון איר אַוועק מיט דער שכנטע. איבערגעלאָזט זי אַן אָרעמע פרוי מיט אַ קינד, אַ יונג טעכטערל. און אַט, ווייל דאָס טעכטערל, אַ שיין און געראָטן מיידעלע, איז געווען אַלץ וואָס זי פאַרמאָגט, האָט זי איר אַוועקגעגעבן איר גאַנץ לעבן, יעדע פרייע מינוט אין טאָג. און אַ באַזונדערן מין רחמנות האָט זי געפילט צו דעם קינד, ווייל דאָס טעכטערל האָט זיך בלויז געקאָנט טוליען צו דער מאַמעס וואַרעמען האַרץ און נישט אין די שטאַרקע אָרעמס פון אַ פאָטער. דער פאָטער האָט זי בלויז אויף דער וועלט געבראַכט און איז דערנאָך אַנטלאָפן... און נישט איין מאָל האָט אין יענער צייט די שוואַרצע בעטי זיך די אויגן געווישט, בשעת דאָס קינד איז געלעגן אויף איר האַרצן און געגעסן אירע בריסטן; און ווי שטאַרק זי האָט נאָך אַלץ ליב געהאַט דעם מאַן, האָט זי פון דעסטוועגן מער ווי איין קללה אים געגעבן, מיט דער האָפענונג, אַז די קללה זאָל אים טרעפן, ווו נאָר ער געפינט זיך.

— לעט הים דאַי — זאָל ער שטאַרבן — האָט זיך אָפט מאָל אַרויס־געריסן אַ קללה פון איר האַרצן, כאָטש זי פלעגט זיך פון דעם אַליין דער־שרעקן, ווייל ס׳האָט זיך איר אַלץ געדאַכט, אַז כאָטש דער מאַן לעבט מיט יענער, איז ער פון דעסטוועגן איר מאַן, נישט יענערס. זי איז כמעט ווי זיכער געווען, אַז נאָך דעם ווי ער וועט מיט יענער פאַרטיק ווערן, וועט ער צוריק צו איר אַהיימקומען.

ער איז אָבער צוריק אַ היים נישט געקומען. און די מאַמע איז נישט בלויז אַ מאַמע געווען, נאָר זי האָט אויך געמוזט ווערן אַ פאָטער צו דעם קינד, געמוזט אָנהייבן צו אַרבעטן שווער, כדי אויסהאַלטן דאָס קינד און זיך. האָט טאָקע בעטי גאַנצע טעג געוואַשן וועש אָדער גערייניקט צימערן, אָבער פון איר גאַנצער אַרבעט בלייבט איר קוים אויף אַ שטיקל ברויט און אויף אַ קליידל פאַר דעם טעכטערל, וואָס האַלט אין וואַקסן. אויף דירה־געלט פעלט תמיד אויס.

איז צרות ווען מיסטער פלאַם קומט מאָנען דירה־געלט און זי האָט אים נישט צו געבן. אויך היינט באַדאַרף ער צו איר קומען און זי האָט

אים נישט צו געבן קיין געלט. אַ גאַנצן פרימאָרגן האָלט זי אין איין טראַכטן פון וואַנען צו באָרגן אַ ביסל געלט. בעטי ווייסט אָבער נישט ווער עס קאָן איר העלפן. וואָרעם די קרובים זענען אין דער זעלבער לאַגע, וואָס זי.

דאָס טעכטערל איז שוין דאָס פערצנטע יאָר אַלט, אָבער קיין געלט פאַרדינט זי נאָך נישט. די מאַמעס האַרץ דערלאָזט נישט, אַז דאָס טעכטערל זאָל זיך שוין פאַרנעמען מיט וואַשן וועש, אָדער רייניקן צימערן. זי האָט נאָך גענוג צייט צו דעם... זי וויל נאָך דווקא דאָס קינד האַלטן אין דער שול, צוגלייך מיט אַלע מיידלעך... און חוץ דעם איז זי בכלל נאָך אַ זייער אומ־דערפאַרן קינד און זי פאַרשטייט נאָך כמעט גאַר נישט, וואָס די אַנדערע שוואַרצע מיידלעך אין אירע יאָרן פאַרשטיין שוין... אָבער אויך דאָס האָט צו טאָן מיט דער מאַמעס האַרץ. עפּעס גייט עס איר אין לעבן אויסצוהיטן דאָס טעכטערל פון דעם בייזן שיקזאַל, וואָס עס האָבן שוין מאַנכע אַנדערע נעגערישע מיידלעך אין אירע יאָרן... דערפאַר, ווי ביטער און ענג עס ווערט אָפט מאָל דער מאַמען דאָס לעבן און פאַר גרויס פאַרצווייפלונג טראַכט זי וועגן אַזעלכעס וואָס זי וואָלט אַלס מאַמע נישט באַדאַרפט טראַכטן — אין אַזאַ מאָמענט איז גענוג בלויז פאַר דער מאַמען איין בליק צו טאָן אויף דער טאָכטער און צו זען דעם מיידלס פנימל, די אומרואיקע שעמעוודיקייט אין די אויגן, און די צוויי יונגע בריסטן, וואָס ווערן אין די נעכט אַלץ רונדער און האַרטער, און זי האַלט זיך עפּעס אין איין שעמען, וואָס זיי הענגען אויף איר לייב, ביים סאַמע האַרצן, און אַזוי פיל פרעמדע מענטשן קוקן אויף זיי... — אין אַזאַ מאָמענט פאַרגעסט דאַן די מאַמע אין אַלע אירע צרות און ליידן, און זי האַלט דעמאָלט, פאַר פרייד און גליק, אין איין קושן און האַלדזן דאָס טעכטערל. די מאַמע איז דעמאָלט גרייט צו טאָן די שווערסטע אַרבעט אויף דער וועלט פאַר דעם מיידל, כדי צו קאָנען איר האַלטן אין דער שול, אָדער אינעם הויז, און אויך אויף ווייטער זי אויסהיטן פון דעם ביטערן שיקזאַל, וואָס עס האָבן אין געסל מאַנכע אַנדערע שוואַרצע מיידלעך אין אירע יאָרן...

דערווייל איז אָבער דער נעגערקע שלעכט. און באַלד באַדאַרף צו איר קומען מיסטער פלאָם נאָך געלט. זי האָט אים פיינט, און זי האָט פיינט צו בלייבן אים שולדיק געלט. זי האָט אָבער נישט די מינדסטע אַנונג פון

וואַנען דאָס צו שאַפן. די דאַזיקע זאָרג האָט זי דעם היינטיקן פרימאָרגן אַריינגעבראַכט אין גרויס פאַרצווייפלונג. און אַזוי שווער איז איר געוואָרן אויפן האַרצן, אַז זי האָט זיך געהאַלטן אין איין ווישן די טרערן פון די אויגן. און געזען האָט זי פאַר זיך היינט בלויז איין איינציקן אויסוועג, ווי אַזוי זיך צו העלפן, אַז זי זאָל מיטן טעכטערל נישט אַרויסגעשטעלט ווערן אין גאַס. אַ נישט גוטער אויסוועג איז דאָס... אָבער קיין אַנדערער איז אַ פּנים נישט באַשערט פאַר אַן אָרעמער נעגערקע, וואָס פאַרדינט קוים אויף אַ שטיקל ברויט און אויף אַ קליידל פאַרן טעכטערל, וואָס האַלט אין וואַקסן.

און ווי נאָר בעטי האָט זיך דערמאָנט אין דעם דאָזיקן אויסוועג, דורך וועלכן זי קאָן געהאָלפן ווערן, האָט זי זיך צוריק אויסגעווישט די טרערן און גענומען רייבן די אויגן, ביז וואַנען זי האָט דערפילט, אַז זיי זענען שוין טרוקן, טרוקן ווי אַ ביין. דערנאָך איז זי צו צום שפּיגל צו זען מיט וואָס פאַר אַ פּנים זי וועט זיך ווייזן פאַרן בעל הבית, ווען ער וועט קומען מאָנען דעם חוב. און כּדי אים געפעלן צו ווערן, האָט זי זיך גענומען שטאַרק פּוצן און זיך געשאַפן אַן אויסזען ווי ביי אַ צעלאָזענער פרוי. זיך אַ פאַרב געטאָן די צוויי איינגעפאַלענע באַקן. די ליפּן אויף רויט, ווי פייער. זיך פאַרקעמט אויף אַ קאָקעטישן אופן די פעך־שוואַרצע, געקרייזלטע האָר און באַזונדערס געמאַכט אויסזען די צווי מאָגערע, פלאַכע בריסטן פולער און העכער, אַז זיי זאָלן זיך וואַרפן אין די אויגן. זי האָט דאָס געטאָן, ווייל אויך דער מאַן איז קיין מאָל נישט צופרידן געווען פון אירע צוויי פלאַכע בריסטן, און בעטי איז זיכער, אַז דער בעל הבית האָט אין דעם פּרט דעם זעלבן געשמאַק... דערנאָך האָט זי גענומען צופּאַסן אויפן געפאַרבטן פּנים עפּעס אַ מין צעלאָזן שמייכעלע, וואָס זאָל קאָנען רייצן און ציען צו איר. און אויך דאָס איז איר געלונגען, כאָטש זי האָט יעדעס מאָל, ביים פּרוּוון אַ שמייכל צו טאָן געפילט, ווי עס נעמט איר קלעמען אונטערן האַרצן אויף צו וויינען. אויך דעם פריערדיקן חודש, ווען דער בעל הבית איז געקומען מאָנען געלט, האָט זי זיך אויף דעם דאָזיקן אופן געוואָלט העלפן. ס'איז אָבער נישט געגאַנגען, ס'האָט אים דעמאָלט עפּעס נישט געצויגן צו איר. זי האָט אָבער אַלץ נישט געוואָלט אויפגעבן די האָפענונג און איז אַריין צו זיך אין שלאָפצימער. ס'האָט געהייסן, אַז זי גייט אים פון דאָרט ברענגען

געלט. זי איז אָבער אין שלאָפצימער פאַרבליבן אַ לאַנגע צייט און ער איז נישט אַריינגעקומען; אומזיסט האָט זי דאָרט געוואַרט אויף אים... ערשט שפּעטער, אַז זי איז צוריק אַרויסגעקומען פון צימער אַן אַנטוישטע פונעם דורכפאַל, איז איר מיט אַ מאָל קלאָר געוואָרן, פאַר וואָס ער איז נישט אַריינגעקומען: אַנשטאָט ער זאָל קוקן אויף איר, האָט ער גאָר געהאַלטן אין איין קוקן אויף איר יונג טעכטערל, עוואַטשקע, וואָס זי האָט אין יענעם טאָג, פאַר גרויס צערודערונג געהאַט פאַרגעסן אַרויסצושיקן פונעם הויז.

האָט דעריבער די נעגערקע דעם הייניטיקן פרימאָרגן נישט פאַרגעסן אַרויסצושיקן עוואַטשקען פון הויז, זי זאָל אים נישט זיין אין די אויגן. און אַז די טאָכטער איז מער נישט געווען אין הויז און זי איז פאַרבליבן אַליין מיט זיך און זיך דערזען, פון אַ בליק אין שפּיגל, אין דער גאַנצער פאַרפּוצונג, אָנגעטאָן אין דינעם קליידל, וואָס האָט איר געגעבן דעם אויסזען פון אַ שיינע, שלאַנקע דאַמע, אַ שיינקייט, איז איר פון דאָס ניי באַפאַלן אַן אומעטיק געפיל און דאָס קלעמעניש אונטערן האַרצן האָט ווידער גענומען נאָגן אויף צו ווייען. און שווער איז איר דאָס מאָל געוואָרן אויפן האַרצן, ווייל בעטי האָט זיך מיט אַ מאָל דערזען אַלס אַ גאַנץ שיינע נעגערקע און ס'האָט איר וויי געטאָן פון דעם געדאַנק, אַז זי וועט זיך באַדאַרפן אָפּגעבן דעם, וועמען זי האָט אין דער אמתן פיינט.

*

אַ לאַנגע צייט האָט זי אין יענעם פרימאָרגן געוואַרט אויפן בעל הבית, אָבער ער האָט זיך נישט געוויזן. די נעגערקע האָט אָבער פאַרשטאַנען די סיבה פאַר וואָס ער איז נאָך דערווייל נישטאָ. ס'איז געווען איבער דעם קאַלטן רעגן אין דרויסן. אַן אָסיענדיק רעגנדל האָט מיט אַ קרענקלעכער פייכטקייט גענעצט דאָס נעגערישע געסל, די וועגן און די הילצערנע הייזלעך דאָס רעגנדל האָט געקאַפּעט אונטער אַן אומהיימלעכער טונקלעניש און אין די דערבייאיקע וועב־פאַבריקן האָבן זיך געצונדן די עלעקטרישע לעמפּלעך, ווי ביי נאַכט. אויף אַלעם איז געלעגן די קאַלטע רעגן־טראָפּנס, די קרענקלעכע פייכטקייט, וואָס דער ווינט האָט געיאָגט אין פנים אַריין, אונטער די קליידער, צום וואַרעמען לייב. דאָס געסל איז דעריבער פּוסט געווען. דער עלטערער עולם איז פאַרבליבן אין די הילצערנע הייזלעך, וואָס זענען ווי האַלב געזונקען געווען אין דער ערד; און דאָס יונגוואַרג האָט זיך

פאַרקליבן אין די „שפּייז־קרעמלעך״, ביר־סאַלאָנען און אין די קלובן, ווו ס׳איז מיט אַ מאָל נאַכט געוואָרן אין מיטן העלן טאָג... אָבער געזען האָט זיך זעלטן אַ מענטש אין דער גאַס, אונטער דעם רעגן. אַ פּאָר מאָל איז בעטי צוגעגאַנגען צום פענצטער זען, צי דער בעל־הבית קומט שוין אָן. אָבער ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט געוויזן. ערשט אַרום מיטאָג־צייט, אַז דער רעגן האָט אויף אַ ווײַלע אויפגעהערט, האָבן זיך דערהערט שווערע טריט. און באַלד דערנאָך האָט זיך טאַקע דערהערט, ווי ער קלאַפּט אין דער טיר.

— ער גייט!... — איז איר ביטער געוואָרן אויפן האַרצן און דאָס בראַנדז־קופּערנע פּנים איז איר בלייך געוואָרן פאַר גרויס שרעק.

און ווי נאָר דאָס געשטאַלט זײַנס האָט זיך אַ שטעל געטאָן אין שטוב, און זי האָט אויף אים דעם ערשטן בליק געטאָן און דערזען דעם רונדיקן בויך, וואָס איז כמעט אַראָפּגעהאַנגען ביז צו די צוויי קורצע און דיקע פיס — אַזוי האָט זיך אין איר האַרצן צוריק אויפגעוועקט אַ מין נמאסדיק געפיל צו אים און דאָס קלעמעניש אונטערן האַרצן האָט ווידער גענומען דריקן צום וויינען. אָבער ווי צעטומלט זי איז געווען, האָט זי אויך נישט פאַרגעסן אין דער שווערער לאַגע אירער: אַז דער מאַן וווינט נישט מיט איר, און פון דער אָרעמער פּרנסה האָט זי קוים אויף אַ שטיקל ברויט און אויף אַ קליידל פאַרן יונגן טעכטערל, וואָס האַלט אין וואַקסן. האָט זי דעריבער דעם בעל הבית אויפגענומען מיט אַ ליבלעך שמייכעלע אויפן פּנים... מיסטער פלאַם האָט אויף איר באַגריסונג צוריק אָפּגעענטפערט מיט אַ לייכטן קאָפּ־שאָקל, און די נעגערקע האָט דערביי דערפילט ווי די צוויי גרויסע בליקן פון זײַנע מענערישע אויגן האָבן אַדורכגעבערנט איר דין קליידל און זענען געבליבן ליגן אויף איר נאַקעטן לייב. ער האָט געהאַלטן אין איין קוקן אויף איר טונקל פּנימל, אויף די רויטע ליפּן און אויף אירע צוויי פולע ברוסטן אונטער דער בלוזע; און וואָס לענגער ער האָט אויף איר געקוקט, אַלץ יצר־הרעדיקער איז אים געוואָרן דאָס דיקלעכע אויסזען און פאַר גרויס צעטומלעניש האָט ער קוים געקאָנט אַרויסריידן די עטלעכע ווערטער, וואָס ער האָט צו איר אַ זאָג געטאָן, שטייענדיק בשעת מעשה אָנגעלענט אויף זײַן דיקן שטעקן, ווי אויף אַ דריטן פוס.

— וועל, האַו אַבאַוט יור רענט? (וואָס איז מכוח דירה־געלט?).

די שוואַרצע בעטי איז פון זײַן צעטומלטן אויסזען זיכער געווען, אַז

זי האַלט ביים געהאַלפּן ווערן און זי האָט מיט אַ שטיפעריש געלעכטערל אים געענטפערט:

— י־ע־ס, ס־ע־ר!...

דערנאָך האָט זי צו אים אַ מער דייטלעכן בליק געטאָן, אַן אָנצוהערע־ניש געגעבן... און איז אַרייַן צו זיך אין שלאָפצימער מיט אַן אויסרייד, אַז זי גייט אים פון דאָרטן ברענגען געלט צו באַצאָלן זיין חוב. זי איז אָבער פון דאָרטן אַזוי גיך נישט אַרויסגעקומען. ווי דאָס לעצטע מאָל, האָט זי אויך איצטער געוואַרט אין איר צימער, ער זאָל אַריינקומען. אָבער ער איז צו איר נישט אַריינגעגאַנגען. די נעגערקע האָט אָבער נאָך אַלץ נישט געוואָלט אויפגעבן די האָפענונג אויף אים. ס'איז איר שווער געווען צו גלייבן, אַז אַפילו אָט דאָס היינטיקע רייצנדיקע אויסזען אירס, זאָל נישט האָבן געווירקט, אַז ס'זאָל אים אַ גלוסט טאָן צו איר. און ווען דאָס איז איר קלאָר געוואָרן — האָט זי זיך אַזוי פאַרלוירן, אַז זי איז אַריינגעפאַלן אין גרויס פאַרצווייפלונג. פאַר גרויס יאוש און געפאַלנקייט, זענען איר אַזש טרערן געקומען אין די אויגן. אַ צעבראָכענע, אַן אַנטוישטע, מיט אַן אַראָפּ־געלאָזענעם קאָפּ צוריק אַרויס פון צימער. ווען זי איז צוריק אַריין אין דעם קיך־צימערל, איז איר ערשט קלאָר געוואָרן פאַר וואָס דער בעל הבית איז צו איר נישט אַריינגעקומען. זי האָט דערזען, אַז ווי אין דעם פריערדיקן פאַל, זוכט ער אויך דאָס מאָל עוואַטשקאָן, דאָס יונגע טעכטערל, נישט דער מאַמען... ער האָט געהאַלטן אין איין קוקן און זוכן איר אין הויז, און ער האָט אַ פּנים זיך שטאַרק געחידושט פאַר וואָס יעדעס מאָל ווען ער קומט דאָ צו גיין, איז דאָס מיידל נישט אין הויז.

דער שוואַרצער בעטין איז אַ שווידער אַדורך איבערן לייב. ס'האָט איר ווידער אַ קלעם געטאָן אונטערן האַרצן צום וויינען און ס'איז איר שווער געווען צו קומען צו זיך. דער יונגער טאָכטער, עוואַטשקאָן זוכט ער! — איז איר קלאָר געוואָרן, און די מאַמע האָט זיך אַ בייג געטאָן אין דרייען פאַר גרויס ווייטיק, נישט וויסנדיק וואָס עס טוט זיך מיט איר. חוץ דעם האָט זי זיך אויך דערמאָנט ווי פיינט דאָס מיידל האָט אים. די טאָכטער קאָן אים נישט פאַרטראָגן. ווי נאָר ער שטעלט זיך אין הויז אַריין נעמט ער פון איר די אויגן נישט אַראָפּ. זי ווערט דעמאָלט מאָדנע איבערגעשראָקן און דאָס מיידלשע הערצעלע, און די צוויי קליינע, רונדיקע בריסטלעך ציטערן

איר ביים האַרצן, די גאַנצע צייט, וואָס ער קוקט אויף איר. און ווי נאָר ער פֿאַרלאָזט דאָס הויז, לויפֿט זי גלייך צו צו דער מאַמען און פֿרעגט זי מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ:

— וואַיי דאַוז הי לוק סאָ מאַטש עט מי? (וואָס קוקט ער אַזוי פֿיל אויף מיר?).

ביים דערמאָנען זיך אין דעם, איז בעטי גליקלעך געווען, וואָס דאָס טעכטערל געפֿינט זיך כּמעט איצטער נישט אין הויז. אָבער מיסטער פֿלאָם, דערזעענדיק, אַז דאָס מיידעלע איז נישטאָ אין הויז, איז געוואָרן אַלץ אומגעדולדיקער און גענומען מאָנען:

— וועל? — נו?

די נעגערקע האָט זיך פֿאַרלוירן. דער בייזער טאָן אין זיינע רייד האָבן זי צעטומלט, פֿאַר גרויס אויפֿרעגונג האָט זי אַרויסגעשטאַמלט:

— ס־אָ־ר־ר־י, ס־ע־ר — נישט היינט...

און צערודערט זי איז געווען, בעטנדיק, אַז ער זאָל נאָך אָפּוואַרטן מיטן חוב — האָט אויך באַמערקט, אַז ער זוכט נאָך אַלץ דאָס טעכטערל, און ער האָט זיך ענדלעך איבערצייגט, אַז דאָס מיידל איז טאַקע נישטאָ אין הויז, אַז די מאַמע האָט זי מסתמא אויסבאַהאַלטן, איז אים דאָס דיקלעכע אויסזען באַדעקט געוואָרן מיט אַ פֿייערדיקן פֿלאַם אויפֿן פּנים. ער איז געוואָרן אויסער זיך, און איר דערמאָנט, אַז זי קומט אים שוין פֿאַר אַ פּאָר חדשים דירה־געלט, אַז ער וועט לענגער נישט וואַרטן. ער וועט הייסן, מ׳זאָל זי אויף דער גאַס אַרויסשטעלן. זאָל זי זיך שאַפֿן געלט. דירה־געלט מוז מען צאָלן! ווי אַלע מאָל, האָט ער דערביי געטופּעט מיטן דיקן שטעקן, אויף וועלכן ער האַלט זיך אָנגעשפּאַרט ווי אויף אַ דריטן פֿוס.

די מאַמע האָט זיך נאָך אַלץ געמאַכט נישט פֿאַרשטיין, וואָס ער איז אויסן... נישט געוואָלט גלייבן, אַז אַנשטאָט זי, די שוואַרצע בעטי, זאָל דאָס באַדאַרפֿן טאָן פֿאַר איר דאָס טעכטערל... די דאָזיקע געדאַנקען, אין קלעם פֿון דער שווערער לאַגע אַלס אַ פֿרוי, האָבן זי פּשוט ווילד געמאַכט. אַלס מאַמע וויל זי באַשיצן דאָס קינד מיט איר אייגן לייב און קאָן דאָס נישט טאָן...

אַ לאַנגע צייט האָט נאָך בעטי זיך געבראָכן דעם נעגערישן מוח, ביז וואַנען זי האָט ענדלעך איינגעזען, אַז ס׳איז נישט געבליבן קיין אַנדער

אויסוועג, ווי נאָר אים נאָכצוגעבן. דער מאַן וווינט נישט מיט איר, און די שוואַרצע קרובים זענען אַלע אָרעמע מענטשן. וווינען אין פינצטערע שטי־בער. פון איר אייגענער פרנסה האָט זי קוים אויף אַ שטיקל ברויט, און אויף אַ קליידל פאַר דעם יונגן טעכטערל, וואָס האַלט אין וואַקסן. האָט זי דעריבער איינגעזען, אַז זי האָט נישט קיין אַנדערן אויסוועג, ווי נאָר נאָכ־צוקומען זיין פאַרלאַנג... אויב נישט, וועט ער זי דאָס מאָל אַרויסשטעלן אין דער גאַס. פאַר גרויס צערודערונג האָט זי אַפילו שוין אין געדאַנק באַ־צייטנס געזען ווי מען טראָגט אַרויס דאָס ביסל אָרעמע ווירטשאַפט, און ווי אַזוי די שכנים קלייבן זיך אַרום איר באַלעבאַטישקייט און שאָקלען מיט גרויס רחמנות מיט די קעפּ, אויף דעם אַרויסגעשטעלטן מעבל. פאַר גרויס צערודערונג האָט די מוטער נישט געפילט, ווי זי נעמט שטאַמלען צום בעל הבית:

— טומאָורא... — מאָרגן וועט זי זיין אין הויז עוואַטשקאַ...

און נאָך איידער זי האָט געענדיקט ריידן, האָט זי דערהערט ווי מיסטער פלאַם געזעגנט זיך מיט איר אויף אַ זייער פריינטלעכן אופן, און זאָגט צו צו קומען מאָרגן...

*

ביי נאַכט האָט זיך באַנייט דאָס נעכטיקע רעגנדל, און צו מאָרגנס איז דאָס געסל נאָך קעלטער און פינצטערער געוועז. אויף אַלעם איז געלעגן אַ נאַסער, קראַנקער חושך.

אונטער אַן אומהיימלעכער טונקלקייט האָט געהאַלטן אין איין קאַפּען מיט גראָע, קאַלטע רעגן־טראָפּנס, וואָס האָבן זיך איינגעגעסן אין די ביינער, אינעם לייב. די וועב־פאַבריקן האָבן געאַרבעט אונטער דעם ליכט פון די עלעקטרישע לעמפּלעך, ווי ביי נאַכט, און אויף דער „איריע״־באַן־בריק האָבן אימהדיק געפלאַמט די רויטע סיגנאַל־לעמפּלעך, וואָס האָבן געוויזן אויף אַ לאַנגן רעלסיקן וועג און אויף הויפנס שטויביקע קוילן־סקלאַדן, וואָס האָבן מיט דער באַרגיקער הויכקייט דערגרייכט אַזש ביז צו די דערבייאיקע הייזלעך, און די שוואַרצע פרויען האָבן דעריבער שטענדיק געמוזט האַלטן די פענצטער פאַרמאַכט, סיי ווינטער און סיי אין די זומער־דיקע וואַרעמע טעג.

און ווי פינצטער ס׳איז געווען אין דרויסן אַזוי פינצטער איז אויך

געוועזן בעטיס האַרץ, ווען זי איז אין אַט דעם אומהיימלעכן פרימאָרגן אויפ־געשטאַנען פון שלאָף, און די ערשטע זאַך וועגן וואָס זי האָט זיך דערמאָנט, איז געווען וועגן דעם צוזאָג, וואָס זי האָט געגעבן דעם בעל הבית אויף היינט... אמת, אַז זי האָט נאָך נעכטן חרטה געהאַט אויף איר צוזאָג, און זי האָט דאָס טאַקע אויפן אָרט אים געוואָלט זאָגן, ער איז אָבער מער אין הויז נישט געווען, און ער מיינט מסתמא, אַז זי וועט זיך טאַקע האַלטן ביי דעם, וואָס זי האָט אים צוגעזאָגט אויף היינט... אין דער צעטומלטער מינוט, אין וועלכער זי איז נעכטן געווען, איז שוין קלאָר, אַז זי וועט קיין וואָרט נישט האַלטן. און נאָך איצטער חידושט זי זיך, ווי אַזוי זי האָט געקאָנט אַזאַ מין צוזאָג פון איר מויל אַרויסברענגען...

און דערפאַר, ווי נאָר זי האָט אין דעם פרימאָרגן געעפנט די אויגן איז איר ערשטע זאָרג געווען, ווי אַזוי זיך צו שאַפן אַ ביסל געלט צו קאָנען באַצאָלן דעם חוב, וואָס זי קומט אים. קיין מאָל אין איר לעבן האָט זי אַזוי שטאַרק זיך נישט געווונטשן צו פאַרמאָגן אַ ביסל געלט ווי אין דעם היינטיקן טאָג...

ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אויב גאָט וואָלט איר היינט געהאָלפן, וואָלט קיין מאָל מער נישט געלויערט אויף דעם טעכטערלס לעבן דער בייזער שיקזאַל, וואָס עס האָבן אין דעם נעגערישן געסל מאַנכע אַנדערע שוואַרצע מיידלעך אין אירע יאָרן...

און טראַכטנדיק וועגן דעם, האָט זי דערווייל אַ קוק געטאָן אין דער טאָכטערס שלאָפצימער. עוואַטשקע, איז נאָך געשלאָפן און די מאַמע האָט זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן ווי שיין די טאָכטער איז אויך אין שלאָף. ווי דאָס יונגע קערפּערל ווערט אַלץ שלאַנקער, ווי זי איז צעוואָרעמט פון דעם מיידלשן שלאָף, וואָס רויטלט זיך אויף איר טונקל פנימל, און אויף די צוויי רונדיקע בריסטלעך, וואָס ווערן אַלץ גרעסער און הענגען אויף איר לייב מיט צייטיקער שווערקייט. די מוטער האָט ממש נישט געקאָנט פון איר די אויגן אָפּרייסן, און זי האָט זיך פאַר וואָס מקריב צו זיין.

און בעטי האָט אַלץ מער גענומען טראַכטן וואָס זי קאָן היינט אַלץ טאָן כדי זיך צו שאַפן געלט. דאָס ערשטע האָט זי זיך דערמאָנט אין יענעם מין אויסוועג, מיט וועלכן עס באַנוצן זיך אַ סך אָרעמע פרויען אין דעם געסל, ווען זיי נייטיקן זיך אין געלט... און אויב, האָט זי אַלץ געטראַכט, זי זעט

נישט געהאָלפֿן ווערן אויף דעם אופֿן, וועט זי דערנאָך זען וואָס זי האָט ווידער צו טאָן. זי האָט מער נישט געוואָלט פֿאַרלירן קיין צייט און האָט זיך גענומען אַ ביסל צופּוצן. זי האָט זיך אַ פֿאַרב געטאָן אויף שטאַרק רויט די צוויי מאָגערע, טונקעלע באַקן, די ליפּן, געמאַכט אויסזען פֿולער, דיק־לעכער, די צוויי פֿלאַכע בריסטן, אונטער דער דינער בלוזע, ווי זי האָט דאָס נעכטן געטאָן און האָט זיך דערנאָך געזעצט ביים פֿענצטער, צו דער גאַס, און גענומען קוקן די פֿאַרבייגייער אין די אויגן אַריין... מיט האָפֿע־נונגען אויף עפּעס אַ נס. אַז דאָס מאָל וועט גאָט אויף איר רחמנות האָבן און זי וועט געהאָלפֿן ווערן; עמעצער, וואָס האָט געגרן אַ שוואַרצע פֿרוי, וועט זי דערזען... זי וועט קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן דעם דאָזיקן חסד, זי וועט אייביק דאַנקען גאָט פֿאַר דעם ביסל רחמנות. וואָרעם ס׳איז נישט פֿאַר זיך, וואָס זי טוט, אויף וואָס זי בעט איצטער ביי גאָט, נאָר פֿאַר דעם טעכטערל טוט זי דאָס, וועמען זי וויל אויסהיטן פֿון דעם בייזן שיקזאַל, וואָס עס האָבן אין געסל מאַנכע אַנדערע מיידלעך אין אירע יאָרן...

אַ לאַנגע צייט איז בעטי געזעסן ביים פֿענצטער און נישט אויפֿגע־געהערט צו שמייכלען די פֿאַרבייגייער אין די אויגן אַריין. ס׳האָט זיך אָבער קיינער נישט געוויזן. וואָרעם אין דרויסן האָט נאָך אַלץ גערעגנט, און אין דער געגנט האָט מען איצט געזען ווייניק מענטשן. און אויב ס׳איז יאָ געווען צו זען איינעם דורכגיין פֿאַרביי אירע פֿענצטער, האָט זיך יענער, צוליב דעם רעגן אַזוי געאיילט, אַז ער האָט זי כמעט נישט באַמערקט. די שוואַרצע בעטי האָט זיך אָבער נישט געוואָלט רירן פֿון איר אָרט. זי האָט זיך ווי צוגעקלעפּט צום פֿענצטער און מיט זשעדנע בליקן אַלץ געהאַלטן אין איין קוקן, אַז מען זאָל זי זען, אויב ס׳וועט זיך עמעצער, ווי עס טרעפֿט אַ מאָל, דאָך וויזן, אַפֿילו אין אַזאַ רעגנדיקן טאָג...

ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפֿן. ווי אויף להכעיס האָט זיך קיינער נישט געוויזן. און דערווייל איז געוואָרן שפּעט. דאָס טעכטערל איז אויפֿגעשטאַ־נען פֿון שלאָף. איצטער האָט זי קיין ברירה נישט געהאַט און געמוזט אַוועקגיין פֿונעם פֿענצטער און וואַרטן אויף אַ בעסערער געלעגנהייט... און ווי נאָר דאָס מיידל האָט זיך באַוויזן פֿאַר דער מאַמען, איז זי אַזוי אַנטציקט געוואָרן פֿון דער טאָכטערס שיינקייט, אַז זי האָט געכאַפּט אויסקושן יעדעס גליד פֿון איר קערפּערל. זי האָט געקושט דעם פּעך־שוואַרצן געקרייזלטן

קאָפּ האָר, דאָס טונקעלע פּנימל און די צוויי רונדיקע בריסלעך, וואָס ווערן אַלץ גרעסער. און זי האַלט זיי פאַרשטעלט פאַר דער מאַמעס אויגן, פּילב־דיק אַז זי האָט נאָך קיין מאָל אַזוי שטאַרק די טאָכטער נישט געקושט ווי איצטער. זי האָט זיך פון דעם מיידל גאָר נישט געקאָנט אָפּרייסן. און בשעת די טאָכטער איז אַזוי געלעגן אין דער מאַמעס אָרעמס, האָט דערווייל די מוטער, אַז די טאָכטער זאָל נישט באַמערקן, גיך זיך אויסגעווישט אַ פּאָר טרערן פון די אויגן. דער מוטערס פּנים איז דערביי שטאַרק בלאַס געווען און זי האָט געהאַלטן אין איין שעפּטשען צו דער טאָכטער מיט זאָרג און ליבשאַפט:

— עוואַטשקאַ, טשיילד! — קינד מיינס, עוואַטשקאַ!

און עוואַטשקאַ, דאָס טעכטערל, איז שטאַרק גערירט געוואָרן פון דער מוטערס צערטלעכקייטן. זי ווייסט, עוואַטשקאַ, אַז זי איז ביי דער מוטער אַלץ אין דער וועלט. דאָך האָט זי נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַר וואָס האָט די מוטער גראָד היינט איר אַרויסגעוויזן מער צערטלעכקייט ווי אַלע מאָל. די מאַמע האָט זיך ממש אין איר אַנגעקלעפּט, און לאָזט זי נישט אָפּ. און וויפל עוואַטשקאַ האָט דאָס געוואָלט פאַרשטיין, האָט זיך איר דאָס נישט איינגעגעבן. אָבער ביסלעכוויז האָט זי דאָך מיט איר מיידלשן אינסטינקט באַקומען אַ מאָדנעם פאַרגעפיל, און זי האָט זיך אין דעם סאַמע צערט־לעכסטן מאָמענט אָפּגעריסן פון דער מוטער:

—ענאָף — גענוג, מאַ!

די מוטער האָט גלייך דערפילט דער טאָכטערס אומרואיקע שטימונג און האָט זי ענדלעך אָפּגעלאָזן. די אויגן זענען איר נאָך אַלץ פול געווען מיט טרערן און זי האָט באַדאַרפט אָנווענדן אַלע כוחות כדי נישט אויס־צוברעכן אין אַ ביטער געוויין. זי האָט זיך קוים געקאָנט באַהערשן פון דער דריקעניש אונטערן האַרצן.

זי איז איצט געווען אין גאַנצן צעבראָכן. וואָרעם זי האָט ענדלעך איינגעזען, אַז דער גרויסער נס, אויף וועלכן זי האָט געהאָפט, איז נישט געקומען. די דאָזיקע אַנטוישונג האָט אַזוי אונטערגעגראָבן איר מוט, אַז זי האָט מיט אַ מאָל אין גאַנצן פאַרלוירן דעם גלויבן אין זיך, צו קאָנען זיך העלפן. זי האָט איינגעזען, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין אויסוועג ווי צו

האַלטן דעם צוזאָג, וואָס זי האָט געגעבן מיסטער פלאַמען, ווען ער איז נעכטן געווען ביי איר נאָך דירה־געלט.

און ווען די מאַמע האָט ענדלעך שלום געמאַכט מיט דעם געדאַנק, איבערצוגעבן אויך איר טעכטערל אין די זינדיקע נעגל פון דעם בייזן מזל, כדי זיך אַרויסהעלפן אין דער נויט — ערשט דעמאָלט האָט זי זיך אָנגע־שטויסן אויף דער שווערער אויפגאַבע. ערשט איצט האָט זי דערפילט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אַ מאַמען. און ווי אַזוי אָנצוהייבן צו געבן צו פאַרשטיין איר יונג טעכטערל דאָס, וואָס עס פאַרשטייען שוין אין דעם געסל אַ סך אַנדערע מיידלעך אין אירע יאָרן... ביז היינט איז דער מאַמען געגאַנגען אין לעבן, אַז די טאָכטער זאָל זיך נישט באַקענען מיט דעם, וואָס איז פאַר מאַנכע אַנדערע מיידלעך מער קיין סוד נישט. און איצטער איז זי אַליין געצוווּנגען מיט איר צו רידן וועגן דעם... און וויפל זי האָט זיך נישט געפּייניקט און געמאַטערט, האָט זי אַלץ נישט געוווּסט אויף וואָס פאַר אַן אופן צו געבן דער יונגער טאָכטער די ערשטע אָנצוהערענישן... זי האָט זיך געפינען אין אַ שרעקלעכן קלעם, און וויפל מאָל זי האָט פּרוּ־בירט, האָט זי אַלץ נישט געקאָנט אַרויסברענגען פון איר מויל אַ וואָרט וועגן דעם. האָט זי זיך אַזוי לאַנג געראַנגלט אין דער קלעמעניש, ביז וואַנען זי איז אַזש מיד געוואָרן פון דער גרויסער אָנשטרענגונג. ענדלעך האָט זי מיט אַ האַלב־פאַרחלשט קול, נישט פילנדיק אַליין וואָס זי רעדט, גענומען אַריינציען דאָס יונגע טעכטערל אין אַ שמועס:

— וואַטשקאַ! — האָט די מוטער געפּלאַפּלט צו דער טאָכטער און דערביי געפילט ווי דאָס האַרץ שטאַרבט אָפּ אין איר פון יעדן וואָרט וואָס זי רעדט אַרויס — מיסטער פלאַם, אונדזער בעל הבית וועט דאָ באַלד זיין.

אָבער ווי נאָר דאָס יונגע מיידל האָט דערהערט דערמאָנען דעם נאָמען פונעם בעל הבית, האָט זי אַזאַ אינסטינקטיוון ציטער געטאָן מיט איר קערפּערל, אַז דאָס דינע פּנימל איז אַזש פאַרפלאַמט געוואָרן פאַר גרויס שרעק, און די צוויי רונדיקע בריסטלעך האָבן אומרואיקע, דערשראָ־קענע, זיך גענומען באַוועגן הינטער דער דינער בלוזע. דאַן האָט זי אַ זאָג געטאָן צו דער מוטער מיט פאַראַכטונג:

— אַי העיט הים! (איך האָס אים!).

פון דער טאָכטערס רייד, מיט וועלכע זי האָט גערעדט וועגן דעם בעל

הבית, איז די מוטער שטיין געבליבן אין גרויס פֿאַרלעגנהייט. ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז די טאָכטער הייבט אָן עפּעס פֿאַרשטיין, וואָס זי איז אויסן... און אַז זי באַגרייפֿט שוין ענדלעך, אַז זי, עוואַטשקאַ, איז אויך געבוירן געוואָרן מיטן זעלבן מזל, ווי די אַנדערע מיידלעך אין דעם געסל, נאָר מיסטער פֿלאַמען האָסט זי אַלץ איינס מוראדיק שטאַרק. עפּעס אַ מין גיפֿטיקע שטעכעניש איז געלעגן אין איר פֿאַראַכטונג צו דעם בעל הבית, אַז די מוטער האָט זיך אַזש דערשראָקן, אַז ס׳זאָל נאָר פֿון דעם קיין אומגליק נישט אַרויסקומען סיי פֿאַר דער טאָכטער און סיי פֿאַר דעם מיסטער פֿלאַמען. זי האָט זיך אָבער באַלד צוריק באַרויִקט און באַרעכנט, אַז ווי באַלד דער אָנהייב איז שוין געמאַכט געוואָרן. מוז זי אָנגיין מיט דעם איבעריקן. זי האָט דעריבער ווידער אַ זאָג געטאָן צו דער טאָכטער מיט אַ טאָן וואָס האָט ביי דעם מיידל אַרויסגערופֿן גרויס רחמנות צו דער מאַמען:

— מיר זענען אים שולדיק געלט, עוואַטשקאַ, אַ פּאָר חדשים דירה־געלט קומט אים.

און עוואַטשקאַ, דאָס טעכטערל, איז פֿון דער מוטערס רייד אַלץ מער צעטומלט געוואָרן. די מיידלשע דינע פּלייצעס האָבן געהאַלטן אין איין ציטערן, און דאָס טונקעלע פּנימל איז אַלץ בלאַסער געוואָרן. זי האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און פֿון עפּעס אַ מין מורא נישט געקוקט דער מוטער אין די אויגן אַריין. אויך בעטי האָט נישט געהאַט קיין מוט צו קוקן אויף דער טאָכטער. זי האָט אָבער געפֿילט, אַז ווי באַלד דאָס איז שוין אַוועק אַזוי ווייט, טאָר זי דאָס מער נישט אָפּלאָזן, און זי האָט פֿון דאָס ניי גענומען שטאַמלען:

— און ער וויל אונדז אַרויסשטעלן אויף דער גאַס, עוואַטשקאַ.

און וואָס לענגער די מאַמע האָט גערעדט אַלץ גרינגער איז איר דערנאָך אָנגעקומען אַרויסצוברענגען די ווייטערדיקע רייד. און סיי ווי האָט זי איצטער געפֿילט, אַז ס׳איז שוין אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך: זי קאָן שוין מער נישט צוריקכאַפּן די רייד, אויב זי זאָל אפֿילו וועלן. די טאָכטער האָט זיך שוין אין אַלעם אָנגעשטויסן. און כדי אין גאַנצן אָפּצופּטרן דעם אומאָנגענעמען שמועס, איז זי מיט אַ מאָל אַרויפֿגעפֿאַלן אויף דעם מיידלס האַלדז און מיט מוטערלעכע קושן גערעדט דעם טעכטערל אין אויער אַריין:

— זאָלסט אים פאָלגן... עוואַטשקאַ... ס׳וועט דיר גוט זיין... און מיר אויך !...

די מוטער האָט נאָך עפּעס געוואָלט אַ זאָג טאָן, אָבער אין דעם זעלבן מאָמענט האָט איר עפּעס גענומען שטיקן אין האַלדז. ציטערנדיק ווי אַ בלאַט און אויפשוידערנדיק פון דעם געדאַנק, וואָס זי האָט אָקאָרשט אָפּ־געטאָן. אין דעם מאָמענט האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז נישט מיסטער פּלאָם וועט רואינירן דעם מיידלס לעבן, נאָר זי, די מאַמע, האָט דאָס געטאָן פריער נאָך פאַר אים; און ער וועט זי שוין טרעפן אַ רואינירטע, אַ געפאַ־לענע. די דאָזיקע געדאַנקען האָט זי כמעט ווילד געמאַכט ביז צו משוגעת. מיט אַ מאָל, גאָר אומדערוואַרט, האָט זי גענומען אויף אַלעם חרטה האָבן און גענומען טראַכטן ווי אַזוי צוריק אַרויסצוראַטעווען דאָס טעכטערל פון דעם זומפּ, ווו זי וויל זי אַריינוואַרפן.

און ווי פאַרצווייפלט זי איז געווען, האָט זי זיך דווקא געוואָלט איינ־ריידן, אַז ס׳איז נאָך אַלץ נישט צו שפּעט צו ראַטעווען דאָס מיידל פון דעם בייזן מזל, וואָס לויערט אויף איר מיידלשן לייב. אַז אין לעצטן מאָמענט וועט דאָך געשען אַ נס אין דער גרויסער נויט. און טראַכטנדיק וועגן אַ נס, האָט זי דעם נס ווירקלעך דערזען... ס׳איז געווען דער דרויסנדיקער קאַלטער רעגן. ס׳האָט געהאַלטן אין איין גיסן. דאָס געסל איז שוין באַלד צעווייקט געווען, און די הילצערנע הייזלעך, די „אירי״־באַן־בריק און די הויכע מויערן פון די וועב־פאַבריקן, האָבן זיך קוים אַרויסגעזען פון אונטער דעם נאַסן חושך. ס׳איז געווען שטאָק־פינצטער און קיין לעבעדיק נפש האָט זיך צוליב דעם רעגן אין דער געגנט נישט באַוויזן.

דער דאָזיקער רעגן איז איצט געווען דער נס. ס׳האָט זיך איר אויס־געוויזן, אַז גאָט האָט זיך ענדלעך דערבאַרעמט אויף איר און אויף דעם יונגן מיידל. וואָרעם אין אַזאַ רעגן, האָט זי געגלייבט, וועט דאָך דער בעל הבית נישט קומען מאַנען זיין חוב... ער וועט עס אָפּלייגן אויף אַן אַנדערן טאָג. און דערווייל — האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז קוים וועט איר נאָר געלונ־גען דעם היינטיקן טאָג אויסצוהיטן דאָס טעכטערל פון דעם אומגליק, וועט זי שוין דערנאָך זיין אַ געראַטעוועטע אויף שטענדיק.

אָבער איידער נאָך די מוטער האָט באַוויזן זיך צו באַרואיקן, האָט זי מיט אַ מאָל דערהערט ווי עפּעס אַ מאַשין איז אָנגעפאָרן פאַר איר הויז. צו

ערשט האָט זיך איר נישט געוואָלט גלייבן, אַז דאָס זאָל טאַקע זיין מיסטער פלאָם, אָבער זי האָט אים דערקענט לויט זיינע שווערע טריט. ער איז גיך אַריין אין טונקעלן קאָרידאָר, ווו ס׳איז שטענדיק פינצטער, און זי האָט באַלד דערהערט ווי ער קלאַפּט אין דער טיר.

און ביי ביידן, ביי דער מאַמען און ביים טעכטערל, האָבן גענומען ציטערן די הערצער, ווי נאָר דאָס שווערלייביקע געשטאַלט האָט זיך באַוויזן אין שטוב. דאָס מיידל איז שטאַרק רויט געוואָרן, און דער מוטער איז פינצטער געוואָרן אין מוח. מיסטער פלאָם איז היינט געווען אַ שמייכלדיקער. און ווי צעטומלט די מוטער איז נישט געווען, האָט זי דאָך באַמערקט, אַז ער האָט ביים אַריינקומען קודם־כל אַ קוק געטאָן איבער דער שטוב, אויב דאָס טעכטערל איז פאַראַן אין הויז. ער האָט היינט, אין דעם נאַסן וועטער, אויסגעזען שווערער ווי תמיד און ער איז שטיין געבליבן אין שטוב אָנגעשפּאַרט אויף זיין דיקן שטעקן, ווי אויף אַ דריטן פוס. דער דיקלעכער בויך איז אים אַרונטערגעהאַנגען ביז צו די צוויי קורצע פיס און ער האָט געהאַלטן אין איין שמייכלען צו דעם מיידל. און ווען ער האָט באַמערקט, אַז די מוטער האָט זיך ענדלעך איינגעבעטן ביי דער טאָכטער, אַז זי זאָל אַריינגיין אין איר צימער און דאָרט זיך גענומען עפּעס סודלען מיט דעם מיידל — האָט זיך מיסטער פלאָם פּאַמעלעך גענומען צושאַרן צו דער טיר. און ווי נאָר די מוטער איז צוריק אַרויס אָן דער טאָכטער, האָט ער זיך גלייך אַריינגעגנבעט אין צימערל און אַ פאַרמאַך געטאָן די טיר.

אָבער ווי נאָר מיסטער פלאָם האָט פאַרשלאָסן די טיר, האָט ער פּלוצים דערהערט אַ מוראדיקן קוויטש פון דעם מיידלס מאַמען. זי האָט צו אים אַריינגעשריגן מיט מוראדיקע קולות, זי האָט געקלאַפּט אין דער טיר און געוואָלדעוועט:

— מוירדער געט אוט! (אַרויס, מערדער איינער!).

אירע ווילדע קולות האָבן שטאַרק איבערגעשראָקן מיסטער פלאָמען, און ער האָט מורא געקריגן צו שטעלן אַ טריט נענטער צום מיידל. די געוואָלדן זענען פאַר אים געווען אַן איבעראַשונג; דערויף האָט ער זיך נישט געריכט. ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַר וואָס די מוטער האָט אין דער לעצטער מינוט חרטה געקריגן. פון אירע געוואָלדן איז ער שטיין געבליבן אין גרויס שרעק און נישט געזען, נישט דאָס מיידל און נישט די

טיר אויף צוריק אַרויסצוגיין. ער איז געשטאַנען אַ צעטראָגענער און געצי־טערט ווי אַ בלאַט. וואָרעם ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז פון די קולות, וועלן באַלד אָנלויפן די שכנים פון דער געגנט. ער האָט מיט אַ מאָל דער־פילט די גרויסע געפאַר אין וועלכער ער געפינט זיך, אַז זיין לעבן געפינט זיך אין סכנה. די שרעק פאַר זיין לעבן האָט אים אַ וועק געטאָן פון דער צערודערונג, און ער האָט גענומען זוכן די טיר. ער איז אַרויס פון דעם מיידלס צימערל אונטער אַ האָגל פון געוואַלדן און ווי אַ דערשראָקענער פויגל אַ פלי געטאָן אין געסל אַריין. און מערקווירדיק, ווי שווער ס׳איז אים פריער אָנגעקומען צו מאַכן עטלעכע טריט, האָט ער איצט מיט אַ מאָדנער שנעלקייט, איידער נאָך מ׳האָט דערזען, אַ שפרונג אַריין געטאָן אין דער מאַשין און גענומען פאָרן מיט דער גרעסטער שנעלקייט...

פון זעלבן מחבר :

1) די איבערגעבליבענע, איינאַקטיקע דראַמעס — פאַרלאַג פעטערסאָנער־ציקאָ, 1952

2) THE SURVIVORS, Sci-Art Publishers, Cambridge Mass. — 1960

3) כּאָוועק ליבקע — פאַרלאַג „אַליין", ניו־יאָרק 1960

4) ליכט און שאָטנס, דערציילונגען — פאַרלאַג „מאסף ישראל", תל־אביב, 1967